ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# דברי תורה

והוא

# קיצור שלחן ערוך

אידיש

**63**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ד לפ"ק

# ספר דברי תורה

## והוא

# קיצור שלחן ערוך

בלשון עברי טייטש מסודר על שבתות השנים. להורות לאחינו בני ישראל את דרך ה' ואת המעשה אשר יעשון כל ימיהם. והכל הוא על פי שלחן ערוך והפוסקים וספרי מוסר הקדושים:

אין דעם ספר האבין מיר געשריבען אויף עברי טייטש אלע נייטיגע דינים אונ גוטע מדות וואס יעדער יוד דארף וויסען. פון דער גמרא אונ פון שלחן ערוך אין הייליגע ספרים. וויא אזוי דער מענטש זאל זיך פיהרען דיא גאנצע צייט פון זיין לעבין. אונ אלעץ מיט א גרינג לשון כדי יעדער זאל קענען פארשטיין:

מיר האבין עס פאר צייכענט לויט דיא סדרות פון א גאנץ יאהר. מען זאל דא לערנען אלע שבת אונ אין דער וואכין ווען מען האט צייט. אין יעדערין יום טוב דיא דינים וואס קערין צו איהם. אין מען זאל האלטין אזוי וויא דא שטייט. וועט מען האבין פיהל גוטס אין עולם הבא אמן:

חברו הרב בעל המחבר ספר מסגרת השלחן. וספר לקוטי שושנים. ולקוטי יקרים. ולקוטים נפלאות.. וספר ישועות חיים. וספר דרכי חיים:

# הקדמה

(א) כל דברי ספר זה מדוקדק על פי שלחן ערוך ופוסקים . וכפי כחן של פשוטי עם ונשים להבין ולקיים. ונכתב בלשון צח וקל שיבינו היטב. ושלא יטעו בהלשון מחמת הקיצור. וכל דין שבו אם היה נכתב בלשון וסיגנון אחר היה יכול להיות בו ריעותא וטעות על פי שלחן ערוך ואחרונים :

(ב) ומי שבקי היטב בשלחן ערוך ופוסקים למעשה יראה גודל העמקות שיש בלשון ספר זה על פי דבריהם ז"ל. גם יש חילוק במקום שנכתב שלא יעשה כן . ובין מקום שנכתב שאסור לעשות כן :

(ג) לפעמים השמטתי איזה דינים בספר זה מחמת פשיטותם . ובלא"ה מקיימין אותם בכל פרטיהם . ולפעמים מחמת שאין איסור כל כך בדין זה . או מחמת שקשה מאוד לקיימו ואף אם יהיה נכתב לא יקיימו ומוטב שיהיו שוגגין כו' אך על פי רוב כתבתי עצות לקיים בנקל על פי שלחן ערוך ופוסקים :

(ד) גם כתבתי באופן שלא יהיה הרבה חילוקים בהדין כדי שיוכלו הפשוטי עם ונשים להבינו כפי כחן ולקיים אותו . כמבואר בפרש"י ז"ל בפרשת יתרו בפסוק כה תאמר לבית יעקב :

## הקדמת המביא לבית הדפוס. זה הספר קיצור שלחן ערוך על ע״ט

עם ה׳. אשר יראת ה׳ נוגע בלבבם, לשמור תורתו ומצותיו, לקיימם כדין ולפרוש א״ע מכל דבר איסור. ורצונם ללמוד שידעו הדין, ומתוך הספרים הכתובים בלשון הקדש קשה להם להבין, ומבקשים ספרים כאלו. שנעתקו הד נים מלשון הקודש על עברי טייטש, ובעד זה רבו בעולם העתקות על ע״ט, הן מס׳ מוסר, והן מספרי דינים, וכבר כתב הרב הגאון המפורסם וכו׳ ר׳ שלמה גאנצפריד נ״י בראש דבריו בקיצור שלחן ערוך שלו דפוס ווארשא מן שנת תרל״ד שאסור להעתיק קיצור שלחן ערוך על עברי טייטש ולהדפיסו כי אם יהיה לו שני הסכמות על הספר. והאמת אתו כי המדפיסים לא שמו על לבם לחקור ולדרוש אם ההעתקה יצאה מיד מוסמך בהוראות, ואין רצוני לדבר בארוכה, ולהראות המקומות שטעו בהעתקתם, ואתם בני ישראל המבקשים לשמוע דבר ה׳, אליכם אשים דברי, שמרו עצמיכם ובני ביתכם מללמוד בהם. רק אם ההעתקה יצאה מאת מוסמך בהוראות כברכה הזאת אשר אני מביא אליכם כעת, והוא ספר דברי תורה ע״ט שהוא קיצור ש״ע שחיבר הרב החריף וכו׳ מוהר״ר חיים ישעיה הכהן נ״י בעל המחבר כמה ספרים כמבואר בהשער:

ולמען זכות את הרבים היבר ספר זה על פי שלחן ערוך ופוסקים, הביטו וראו הסכמות הגאונים המפורסמים שנתנו עדיהם עליו, וכבר כתב עליו הרב הגאון המפורסם וכו׳ האבד״ק קאליש וק״ק פיעטרקוב בהסכמתו על ספר ישועות חיים שחיבר הרב הנ״ל וזה לשונו ידעתי את האיש ואת שיחו כי הוא מופלג בתורה ובקי בדינים ובודאי לא יצא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן עכ״ל, גם הרב הגאון המפורסם ר׳ שלמה גאנצפריד נ״י בעל המחבר ספר קיצור שלחן ערוך כתב במכתבי העיתים בלשונו, וביחוד אמטי אפריון לכב ד הרב הגדול וכו׳ בעל המחבר ספר מסגרת השלחן אשר על ידו נתעוררתי בכמה דברים נחוצים. ותשואת חן חן לידידי האוהבים ותהי משכורתם שלימה מאת ה׳, כל זה כתב בשנת תרמ״ד, והרב המחבר ר׳ חיים ישעיה הכהן חיבר ספר זה בלשון צח ונקי וסדרם בסדר נכון למען יהיה בנקל למצוא הדין בלא טורח, ואני המביא לביה״ד לא למען הרבות בצע הדפסתיו, כי בעז״ה איסקלאד שלי הוא מפורסם בכל רחבי ארץ בגדלו, מכל מיני ספרים, שו״ת. ופוסקים, טורים, רמב״ם, ש״ס בבלי, אלפסין, משניות, כל מיני סדורים, חומשים, עשרים וארבעה, ספרי מוסר, ושאר מיני ספרים יספיקו להוציא מהם ברכת ה׳ בכל הנעשה. ולא הדפסתיו רק בשגם אל לבי נגע יראת ה׳ וראיתי כי רבים נכשלו כנ״ל, וזכות הרבים יעמוד לנו ולמי שיביא הברכה אל ביתו:

ישעיה הנביא זאגט. כה אמר ה׳ אזוי האט גאט געזאגט. שמרו משפט היט זיך אפ אין דינים. ועשו צדקה. טוהט וואס איז רעכט אין גאטס אויגען. כי קרובה ישועתי לבא. ווען איהר וועט דאס היטין. זאגט גאט צו אז זיין הילף איז נאהענט צו העלפין יעדערין. עס איז דא פיל מענטשין וואס ווילין מיטן גאנצין הארץ לערנען: זייא וואלין וויסען דעם דין. פון די ספרים וואס זענען געשריבען אויף לשון קודש פאר שטייען זייא ניט. האט מען פון זייערט וועגין מעתיק געוועזין אויף עברי דייטש. וועד זענען אבער די מעתיקים. ווייסען זייא ניט. הרב הגאון ר׳ שלמה גאנצפריד בעל המחבר ספר קיצור שלחן ערוך האט שוין לאנג געשריבען אז מען טאר ניט דריקען קיין קיצור שלחן ערוך עברי טייטש צייטין עס איז דא אויף זייא הסכמות פון רבנים:

עם ה׳. איהר ליבע פאלק ישראל. וואס די תורה באליבט בייא אייך אין הארצין: איך גיב יעצט ארויס דעם ספר קיצור ש״ע אויף ע״ט איהם האט מחבר געוועזין הרב החריף ובקי. ר׳ חיים ישעיה הכהן נ״י. בעל המחבר ספר מסגרת השלחן. וספר לקוטי שושנים. ולקוטי יקרים ולקוטים נפלאים. וספר ישועות חיים. וספר דרכי חיים: ער האט געזעהן וויא אסאך מענטשין זענען נכשל געווארין אין דינים. האט ער מחבר געוועזן

יעס

# הקדמת המביא לבית הדפוס

דעם דאזיגען ספר קיצור שולחן ערוך. אין ער האט גוט מסדר געוועזן. מיא זאל קענן געהן אפ זוכען דעם דין. אויף איהם מעג מען זיך סומך זיין ער איז א מורה הוראה. לייענט דיא הסכמות פון דיא גאונים וואס זייא שרייבן אויף איהם. אין איהם מעגט איהר לערנען. גאט זאל אייך שטארקן דיא הערצער צוא היטן דיא דינים. וועלן מיר געהט אין געבען געהאלפן ווערין מיט אלדים גוטן:

# מפתח

אין דעם מפתח שטייען פאר צייכענט דיא סימנים פון אלע דינים וואס געפינען זיך אין דעם ספר. כדי אז דער וואס וועט וועלין אפ זוכען איין דין זאל ער פריער זעהן אין דעם מפתח. וועט ער שוין פאר שטיין אין וועלכין סימן דער דין געפינט זיך:

סימן

א. דינים פון אויפשטיין אין דער פריא. אונ וואשין זיך. אונ אן טוען:

ב. דינים אויף וועלכין ארט מען טאר נישט רעדין קיין היילגע ווערטער:

ג. דינים פון ציצית:

ד. דינים פון תפילין:

ה. דינים פון מזוזה:

ו. דינים פון ברכות. אונ פון ברוך הוא וברוך שמו. אונ פון אמן:

ז. דינים פון פאר דעם דאווינען.

ח. דינים פון שול. אונ פון בית המדרש:

ט. דינים פון פאריגט דאווינען:

י. דינים פון ברוך שאמר ביז קריאת שמע:

יא. דינים פון נאך זאגין אמן אדער קדושה בשעת מען האלט פון יוצר א״ר ביז שמונה עשרה:

יב. דינים פון קריאת שמע:

יג. דינים פון שמונה עשרה:

יד. דינים פון משיב הרוח ומוריד הגשם. טל ומטר. יעלה ויבא. עננו:

טו. דינים פון דער הויכע שמונה עשרה. אונ פון קדושה:

סימן

טז. דינים פון תחנון. אונ אשרי ובא לציון:

יז. דינים פון לייענען אין ספר תורה.

יח. דינים פון תורה לערנען. אונ פון היילגע ספרים:

יט. גוטע מדות וויא אזוי א יוד דארף זיך פיהרען:

כ. דינים אז מען טאר נישט רעדין קיין רכילות אדער שלעכטץ אויף א יוד. אונ מען טאר נישט זיך נוקם זיין:

כא. וויא אזוי מען זאל זיך אפ היטען דאס געזונד. אונ וועלכע זאכין מען טאר נישט טוען ווייל זייא זענען א סכנה:

כב. דינים פון צדקה געבין:

כג. דינים פון חלה געמען:

כד. דינים פון פלייש זאלצין:

כה. דינים פון טובלין כלים:

כו. דינים פון ווערינדיגע זאכין:

כז. דינים פון וואשין צום עסין:

כח. דינים פון ברכת המוציא. אונ פון עסין:

כט. דינים פון מים אחרונים. אונ פון בענטשין:

ל. דינים פון בענטשין מיט מזומן:

דינים

סימן

לא. דינים פון ברכות.

לב. דינים פון איטליכע ברכה וואס מען דארף צו מאכן איבער יעדער עסן וואַרק אודער משקה. על פי סדר אלף בית:

לג. דינים פון ברכה אחרונה. און בורא נפשות:

לד. נאך דינים פון ברכות:

לה. דינים פון ברכות אויף אגוטע ריח. און אויף בליטצען און דונערן:

לו. דינים פון מאכלים און משקים וואס מען מאר נישט עסן און טרינקען. און פון מילעכדיקס און פליישיגס:

לז. דינים פון האנדלין:

לח. דינים אז מען טאר נישט כיצער זיין דעם אנדערן און נארין איהם מיט רייד:

לט. דינים פון פראצענט נעמין:

מ. דינים פון נדרים און שבועות:

מא. דינים פון תפלת הדרך. און נאך זאכין וואס מען דארף גיווארינט צו זיין אויף דעם וועג:

מב. דינים פון מנחה דאווינען:

מג. דינים פון מעריב דאווינען:

מד. דינים וויא אזוי מען זאל זיך נוהג זיין בנאכט אידער מען לייגט זי:

מה. דינים פון לערנען דיא קינדער גוטע מעשים:

מו. דינים פון ערב שבת.

מז. דינים אויף אוואסער אופן מען מעג געבין א גוי פאר שבת צו טוהין א מלאכה און אלע וואס האבין עסקים מיט גוים וויא אזויא זייא זאלין זיך פיהרען שבת:

מח. דינים פון לעכט צינדען פראטיג פארנאכט:

מט. דינים פון קידוש און דיא סעודות פון שבת:

נ. וויא אזוי מען דארף גיווארינט צו זיין מען זאל היטען שבת:

נא. דינים פון עפענען דעם אייבען. און פון צוריק שטעלין שבת דאס עסין אדער טייא אין אויבען אריין אדער אויף דעם קיימען ארויף אדער אין אייוועלע אריין:

נב. דינים פון דיא זאכין וואס מען דארף גיווארינט צו זיין שבת אין דעם עסין און טרינקען:

נג. דינים פון דיא זאכין וואס מען דארף גיווארינט צוא זיין שבת אין דיא מלבושים אדער אין גרעט:

נד. דינים פון פיהל זאכין וואס מען טאר נישט טוען אום שבת:

נה. דינים וואס מען דארף שבת גיווארינט צו זיין ווען מען איז זיך טובל און ווען מען וואשט זיך:

נו. דינים וואס מען דארף שבת גיווארינט צו זיין בייא בהמות און עופות און אנדערע לעבעדיקע זאכין:

נז. דינים פון דיא זאכין וואס מען טאר נישט נעמין אין דער האנד אריין אום שבת:

נח. דינים וואס מען דארף שבת גיווארינט צו זיין בשעת דעם גיין. און בשעת דעם רעדין.

נט. דינים אז מען טאר נישט פאר קויפען אדער פאר דינגען אום שבת. און וויא אזוי מען מעג בארגין איין עסין וואַרק אודער משקה. און נאך דינים פון א זעלבע זאכין:

ס. דינים פון א שלאפין. אדער דער וואס איז עפיס נישט גיזונד. און פון א קימפעטארין:

סא. דינים פון דעם ארט וואס מען טאר נישט טראגין:

סב. דינים פון עירובי חצירות

סג. דינים וויא ווייט מען מעג גיין אום שבת. און פון עירובי תחומין. און פון דעם וואס איז שבת אויף דעם וואכער:

סד. דינים פון מוצאי שבת. און פון הבדלה:

סה. דינים פון ראש חודש. און פון קידוש לבנה:

סו. דינים פון יום טוב

סז. דינים פון דיא זאכין וואס מען טאר

נישט

סימן

נישט געמין אין דער האנד אריין אום יום טוב :
סח. דינים פון עירוב תבשילין :
סט. דינים וויא אזוי מען זאל ערליך האלטין יום טוב :
ע. דינים פון כהנים דוכענין :
עא. דינים פון חול המועד :
עב. דינים פון חודש ניסן. און פון מעהל וועגין דיא מצות פון פסח :
עג. דינים פון דעם וואסער וואס מען קנעט דער מיט דיא מצות :
עד. דינים פון קנעטין און באקין די מצות:
עה. דינים פון בודק חמץ זיין. און פון חמץ פאר קויפען :
עו. דינים פון כשרין דיא כלים אויף פסח:
עז. דינים פון ערב פסח :
עח. דינים פון דיא זאכין וואס מען דארף אן גרייטען צום סדר :
עט. דינים פון סדר :
פ. דינים פון ציילען ספירה. און וועלכע זאכין מען טאר נישט טוען אין דיא טעג פון ספירה :
פא. דינים פון תעניתים. און דיא זאכין וואס מען טאר נישט טוען פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב :
פב. דינים פון ערב תשעה באב :
פג. דינים פון תשעה באב :
פד. דינים פון ראש השנה :
פה. דינים פון ערב יום כיפור :
פו. דינים פון יום כיפור :
פז. דינים פון סוכה :
פח. דינים פון אתרוג בענטשין :
פט. דינים פון הושענא רבא. שמיני עצרת. שמחת תורה :
צ. דינים פון חנוכה :
צא. דינים פון פורים :
צב. דינים פון ערליך האלטין פאטער און מוטער :
צג. דינים פון ערליך האלטין א רבי. אדער א תלמיד חכם. אדער אין אלטין מאן. אדער א כהן :
צד. דינים פון מאן און ווייב :

סימן

צה. דינים פון תענית וואס חתן וכלה פאסטין דעם טאג פון דער חופה
צו. דינים אז מען טאר נישט טראכטי קיין הרהור עבירה. און מען מוז זיך היטען פון הוצאת זרע לבטלה :
צז. דינים אז מען טאר נישט זיין אליין מיט א פרעמדע אשה :
צח. דינים אז מען דארף זיך צו דער ווייטערין פון א פרעמדע אשה :
צט. דינים וויא אזוי דער מאן דארף זיך אפ צו היטען פון ווייב ווען זיא איז א נדה :
ק. דינים אז מען דארף זיך אפ שיידען פון ווייב באהנט פון איהר וסת. און דיא דינים פון דיא בדיקות פון דער א״ה און דיא ריינע טעג :
קא. דינים פון איין נדה. און פון לבישת לבנים וספירת נקיים :
קב. דינים פון איין כלה :
קג. דינים ווען צו גיין טבילה :
קד. דינים פון דיא זאכין וואס טארין נישט קלעבין אויף דעם גוף בשעת דער טבילה :
קה. דינים פון דעם קעמין און אנדערע זאכין וואס מען דארף טוען פאר דער טבילה :
קו. דינים פון דער טבילה :
קז. דינים פון מילה :
קח. דינים פון פדיון הבן :
קט. דינים פון בכור בהמה טהורה :
קי. דינים פון דיא זאכין וואס מען דארף גיוו רינט זיין ביא בהמות וחיות ועופות :
קיא. דינים פון שעטנז :
קיב. דינים אז מען טאר נישט גלייבען אין זאכין וואס זעהין אוים וויא כישוף :
קיג. דינים פון געלט אנטליהען :
קיד. דינים אז מען טאר נישט גנבענען אדער גזלנען און מען טאר נישט קויפען קיין גנבה :

סימן
קטו. דינים אז מען טאר נישט יענעם א שאדין טוען אין גוף אדער אין געלט:
קטז. דינים אז מען דינגט א מענטש צוא ארבייטען דארף מען איהם צו בצאלין אין דער צייט:
קיז. דינים פון א שלאפין. אונ פון ביקור חולים. אונ פון תשובה טוען:
קיח. דינים פון א גוסס ח"ו. אונ פון קריעה שניידין. אונ פון וואסער אויס גיסען:
קיט. דינים פון איין אונן:
קכ. דינים אז איין כהן טאר נישט זיך מטמא זיין צו א מת. אונ צו וועלכין קרוב ער זאל זיך יוא מטמא זיין:
קכא. דינים פון דער לויה. אונ פון דעם ערשטין עסין וואס דער אבל עסט נאך דער לויה:
סימן
קכב. דינים נאך וועמין מען דארף זיצען שבעה. אונ פון דעם קרוב וואס ווערט הערשט גיוואר אין א צייט ארום:
קכג. דינים וואס דער אבל טאר נישט טוען אין דער שבעה:
קכד. דינים פון מנחם אבל זיין. אונ פון באוויינען ביא דעם אבל:
קכה. דינים פון שלשים. אונ פון צוועלף חדשים נאך פאטער אונ מוטער. אונ קדיש זאגין:
קכו. דינים פון אבילות אום שבת אדער יום טוב:
קכז. דינים פון דער יאהר צייט:

בעזה"י

# הקדמה

(א) דער אייבערשטער האט אונז גיגעבין דיא הייליגע תורה. אונ האט אונז גיבאטען זייני מצות. מיר זאלען זייא מקיים זיין. ווערט אונז גוט זיין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט: (ב) אונ האט אונז גיהייסען לערנען דיא תורה. חומש אונ גמרא מיט שלחן ערוך. דיא גמרא מיט דעם שלחן ערוך זאגין פשט אויף דעם חומש. למשל אין דעם חומש שטייט אז מען טאר נישט עסין קיין טרפות. דאצו דארף קען ניט דער רב פסקנין פון חומש אליין וועלכעס עס איז טרפה אונ וועלכעס עס איז כשר. אדער עס טרעפט זיך איין שאלה פון מילעכדיקס מיט פליישיגס קען ער ניט פסקנען דיא שאלה פון חומש אליין: (ג) דער טעם פון דעם איז. אז גאט ברוך הוא האט אזוי גיהייסען. אז אין דער הייליגער תורה אין חומש שטייען אלע מצות בכלל. אונ דיא הייליגע גמרא איז איין פירוש אויף יעדערע מצוה. וויא אזוי זיא מקיים צו זיין. אז וויא אונזערע הייליגע חכמים האבין בקבלה: (ד) אונ אזוי איז ווידער דער שלחן ערוך א פירוש אויף דער גמרא. יעדער זאך וויא אזוי צוא טוהען אקראט וויא דער דין איז: (ה) ממילא אזוי וויא דער רב קען ניט פסקנען קיין שאלה פון חומש אונ פון דער גמרא אליין. מיידען ער לערענט דעם שלחן ערוך אויך. אזוי דיא אלע מצות וואס יעדער מענש טוהט פאר זיך אונ פרעגט ניט אויף זייא קיין שאלה. קען ער בודאי ניט מקיים זיין זייא. מיידען ער לערענט דעם שלחן ערוך אויך: (ו) אפילו דער וואס קען לערנין אונ לערינט ניט קיין שלחן ערוך. איז דא א סך מצות וואס ער איז ניט מקיים וויא עס גיהער צוא זיין. אונ אויך א סך עבירות וואס ער טוהט אונ ווייסט גאר ניט אז דאס איז איין עבירה. ממילא ווערט ער גישטראפט פאר וואס ער האט ניט גילערינט. איין ראיה דער צוא לאז ער לערנין שלחן ערוך ווערט ער זעהען אז אונזערע רייד זענין אמת בעזה"י:

(ז) אונ דער וואס קען ניט לערנין אין דעם גרויסען שלחן ערוך מיט דיא פוסקים וויא עס גיהער צו זיין. זאל ער לערנין בספר קיצור שלחן ערוך אונ אויך בספר מסגרת השלחן

# הקדמה

וספר לקוטי שושנים עטליכע מאל. וועט ער אויך וויסען זיך אפ צו היטען פון די עבירות און מקיים צו זיין די מצות וויא עס געהער צו זיין: (ח) און די מענטשען וואס קענין דארט אויך ניט לערנין. זאלין לערנין דא אין דעם ספר דברי תורה אויף עברי טייטש. וועלין זייא אויך וויסען וויא אזו מקיים צו זיין יעדערע מצוה. און אפ היטען זיך פון די עבירות: (ט) מיר האבין אין דעם ספר געשריבען יעדער זאך אזו וויא דער דין איז על פי גמרא ושלחן ערוך ופוסקים בעזה"י:

(י) מיר האבין געשריבען דאס ספר מיט אגרינג לשון. און אויך ניט צו פיהל הילוקים אין יעדער זאך. נאר וועדליג דעם כח פון די מענטשען וואס לערנין אין דעם ספר. זייא זאלין קענין פאר שטיין און מקיים זיין אלדינג וואס מען דארף תמיד נייטיג צו וויסען: (יא) און אז מען וועט גראד דארפען צו וויסען א דין וועלכעס ער שטייט ניט אין דעם ספר. זאל מען פרעגין דעם וואס לערינט שלחן ערוך. אדער דעם וואס לערנט בספר מסגרת השלחן. דען דארטין שטייען מעהר דינים און טעמים. וועדליג דעם פאר שטאנד פון די מענטשען וואס לערנין דארט: (יב) מיר האבין ניט געשריבען אין דעם ספר קיין חומרות וועלכע אז מען איז זייא ניט מקיים איז מען אויך יוצא. נאר די זאך וואס מיר האבין געשריבען אז מען טאר ניט דאס טוהען. איז א גרויסע עבירה אז מען טוהט די זאך. דאריבער מוז מען לערנין וואלגע יעדערין דין עטליכע מאל. און זעהען מקיים צו זיין וויא ווייט מיגליך איז: (יג) דער היילינגער מלאך אליהו הנביא ז"ל שרייבט אין זיין ספר. אז דער מענטש וואס זאגט איך וועל זיין איין ערליכער יוד נאר די איינע מצוה וויל איך ניט מקיים זיין. איז איין גרויסע עבירה אזו צו זאגין ח"ו. און עס קומען אויף דעם מענטש שלעכטע גזירות ח"ו. נאר א יוד דארף זיך פערנעמין ער זאל זיין איין ערליכער יוד און ניט טוהען קיין שום עבירה. און מקיים צו זיין אלע מצ"ת וויא ווייט מיגליך איז. וועט עס גאט ברוך הוא העלפין אז ער וועט קענין אלין מקיים זיין: (יד) אויך דארף יעדער מענטש אכטונג געבין בייא זיך אין דער היים. אז דאס ווייב מיט די קינדער זאלין ניט זינדיגען. נאר טוהען גוטע מעשים וויא ווייט מיגליך איז: (טו) אויך אז מען זעהט חעלכען יוד טוהען א זאך וואס מען טאר ניט. דארף מען עס זאגין מיט א ווייך לשון. אז מען טאר ניט דאס טוהען. אויב עס איז נאר צו קלערין אז יענער וועט פאלגען (זעה איין בסימן י"ט סעיף מ"ב ביז סעיף מ"ח):

(טז) אויך זאל מען זיך ניט קיין ראיה ברענגין פון קיינעם. צו זאגין אז יענער טוהט אזו מעג איך אויך אזו טוהען. נאר מען דארף צו טוהען אזו וויא עס שטייט אין דער היילינגער תורה און אין שלחן ערוך און אזו וויא מיר שרייבען אין דעם ספר: (יז) דען יעדער מענטש האט אין זיך גוטע מדות און שלעכטע. דער ערליכער יוד האלט זיך זיינע גוטע מדות און לערינט זיך אפ פון אנדערין יענעמס גוטע מדות. אבער דער שלעכטער טוהט פאר קערט ח"ו. (יח) די ווייבער דארפען לערנין אין דעם ספר די דינים פון די מצות וואס זייא זענין אויך מחויב. היינו הלכות ברכות און הלכות שבת ויום טוב. און נאך אזו אגלייכען. ווער שטועסט הלכות נדה מוזען זייא בודאי לערנין עטליכע מאל און מקיים זיין. מיר האבין אין דעם ספר גוט געשריבען די זאכען על פי דין און אויך מיט אגרינג לשון בעזהי"ת: (יט) עס איז דא אזעלכע מצות וואס זענין א סגולה צו פרנסה און צו עשירות. און אזעלכע מצות וואס זענין א סגולה לאנג צו לעבין. און אזעלכע מצות וואס זענין א סגולה צו האבין גוטע קינדער. אויך איז דא עביר ת וואס דורך זייא איז ח"ו פאר קערט. מיר האבין געשריבען אין דעם ספר בייא די מצות דאס גוטס. און בייא די עבירות דאס שלעכטס: (כ) דער מענטש וואס דארף געהאלפען צו ווערין אין וועלכע זאך. זאל ער מקיים זיין ערינצט די מצוה וואס איז א סגולה צו דעם. און זאל זיך שטארק אפ היטען פון די עבירות וואס מאכען קאליע די זאך. וועט ער געהאלפען ווערין מיט אלעם גוטס:

## (בראשית) סימן א. דִינִים פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין אִין דֶער פְרִיא. אוּנ וַואשֶׁען זִיךְ אוּנ אָן טוּעֶן. עֶר הַאלְט צְוַואנְצִיג סְעִיפִים:

א יֶעדֶער יוּד דַארְף תָּמִיד מוֹרָא הָאבִּין פַאר גָאט בָּרוּךְ הוּא. כְּדֵי מֶען זָאל קֵיין מָאל נִיט זִינְדִיגֶען:

ב וֶוער שְׁמוּעֶסְט וֶוען עֶס מְרֶעכְט זִיךְ צוּ טוּהֶען אֵיין עֲבֵירָה ח"ו. אִיז מֶען מְחוּיָב צוּ בַּארֶעכִינֶען זִיךְ אַז גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט בֶּעשַׁאפֶען אַלֶע וֶועלְטִין אוּנ עֶר זֶעהְט אַלְדִינְג. וָואס מֶען טוּהְט אוּנ בַּאצָאלְט שְׁלֶעכְטְס דֶעם וָואס זִינְדִיגְט קֶעגִין אִיהְם. אוּנ פִיל גוּטְס צוּ דֶעם וָואס אִיז מְקַיֵּים זַיינֶע מִצְוֹת:

ג תֵּיכֶף וֶוען מֶען כַאפְּט זִיךְ אוֹיף אִין דֶער פְרִיא פוּן שְׁלָאף. זָאל מֶען זָאגִין דִיא וֶוערְטֶער מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה. רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ. דֶער טַייטְשׁ פוּן דֶעם אִיז. אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבִּיגֶער גָאט וָואס דוּא הָאסְט מִיר צוּרִיק גִיגֶעבִּין דִיא נְשָׁמָה מִיט דֶער בַּארִימְהֶערְצִיקַייט. עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנ גוּט אִין דִיר צוּ גְלוֹיבֶּען:

ד דֶער נָאךְ זָאל מֶען זִיךְ תֵּיכֶף וַואשֶׁען. דֶען מֶען טָאר נִיט אָן רִירֶען דָאס מוֹיל אָדֶער דִיא נָאז אָדֶער דִיא אוֹיגֶען אָדֶער דִיא אוֹיעֶרן פַאר דֶעם וַואשֶׁען. אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט גֵיין קֵיין פִיהֶר אֵיילֶען אוּם גִיוַואשֶׁען. אוֹיךְ זָאל מֶען נִיט אָן רִירֶען דִיא מַלְבּוּשִׁים פַאר דֶעם וַואשֶׁען. אִיבֶּער דֶעם זָאל מֶען אָן גְרֵייטֶען וַואסֶער לֶעבִּין בֶּעט כְּדֵי אַז וֶוען מֶען חַאפְּט זִיךְ אוֹיף זָאל מֶען זִיךְ בַּאלְד וַואשֶׁען:

ה מֶען טָאר נִיט אָן רִירֶען קֵיין שׁוּם מַאכָל אָדֶער מַשְׁקֶה פַאר דֶעם וַואשֶׁען. בַּארִיבֶּער דַארְפֶען דִיא וַוייבֶּער גִיוָוארִינְט צוּ זַיין תֵּיכֶף אִין דֶער פְרִיא צוּ וַואשֶׁען זִיךְ אוּנ דִיא קִינְדֶער. כְּדֵי זֵייא זָאלִין נִיט אָן רִירֶען אִין קֵיין שׁוּם עֶסִין וַוארְק פַאר דֶעם וַואשֶׁען:

ו דָאס וַואשֶׁען אִין דֶער פְרִיא דַארְף אַזוֹ צוּ זַיין. מֶען נֶעמְט דִיא כְּלִי מִיט דֶער רֶעכְטֶע הַאנְד אוּנ מֶען גִיבְּט זִיא אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד אַרַיין. אוּנ מִיט דֶער לִינְקֶער הַאנְד בַּאגִיסְט עֶר דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד. דֶער נָאךְ בַּאגִיסְט עֶר מִיט דֶער רֶעכְטֶע הַאנְד דִיא לִינְקֶע. דֶער נָאךְ צוּרִיק. אַזוֹי זָאל מֶען טוּהֶען דְרַייא מָאל. עֶס זָאל יֶעדֶערֶע הַאנְד דְרַייא מָאל אָפּ גִיגָאסֶען וֶוערִין:

ז מֶען זָאל זִיךְ וַואשֶׁען יֶעדֶער מָאל דִיא גַאנְצֶע הַאנְד בִּיז דֶעם אַרְבִּיל. אַז מֶען הָאט וֶוינִיג וַואסֶער אִיז גֶינוּג בִּיז אִיבֶּער דִיא פִינְגֶער:

ח מֶען טָאר זִיךְ נִיט וַואשֶׁען אוֹיף דֶער עֶרְד. נָאר אִין אַ כְּלִי אַרַיין. אוּנ דָאס וַואסֶער וָואס מֶען הָאט זִיךְ גִיוַואשִׁין דֶער מִיט. טָאר מֶען נִיט בֶּענוּצֶען צוּ קֵיין שׁוּם זַאךְ:

ט אוֹיךְ דַארְף מֶען גִיוָוארִינְט צוּ זַיין. צוּ גִיסֶען דָאס וַואסֶער אוֹיף אַיין אָרְט וָואס מֶענְטְשֶׁן טְרֶעטִין נִיט דַארוֹיף. דֶען אוֹיף דֶעם וַואסֶער רוּהְט אַ רוּחַ רָעָה ר"ל:

י וֶוען מֶען טוּהְט אָן דִיא שִׁיךְ אָדֶער שְׁטִיוֶועל. זָאל מֶען פְרִיעֶר אָן טוּהֶען דֶעם רֶעכְטֶען. דֶער נָאךְ דֶעם לִינְקֶען. אַז זֵייא זֶענִין מִיט בֶּענְדְלִיךְ זָאל עֶר פְרִיעֶר צוּ בִּינְדֶען דֶעם לִינְקֶען דֶער נָאךְ דֶעם רֶעכְטִין:

יא אוֹיס טוּהֶען זָאל מֶען פְרִיעֶר דֶעם לִינְקֶען שׁוּךְ דֶער נָאךְ דֶעם רֶעכְטִין. דִיא אֵייגִינֶע דִינִים זֶענִין אוֹיךְ בַּייא זָאקִין אָדֶער אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער:

יב דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן מֶענְטְשׁ. אִין דֶער פְרִיא צוּ דַארְפִין אַרוֹיס גֵיין אָדֶער מַשְׁתִּין זַיין. דַארִיבֶּער זָאל עֶר נִיט מַאכֶען דִיא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ רֵיינִיגֶען. דֶער נָאךְ זָאל עֶר זִיךְ אִיבֶּער נַיים וַואשֶׁען אוּנ אוֹיס שְׁוֶוענְקִין דָאס מוֹיל אוּנ זָאגִין עַל נְטִילַת יָדַיִם. אֲשֶׁר יָצַר. אֱלֹהַי נְשָׁמָה. בִּרְכַּת הַתּוֹרָה:

יג אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין בֵּית הַכִּסֵּא. דַארְף מֶען גִיוָוארֶענְט צוּ זַיין גוּט זִיךְ מְקַנֵּחַ צוּ זַיין. דֶּעַן אַז נִיט טָאר מֶען נִיט דֶער נָאךְ זָאגִין קֵיין שׁוּם הֵיילִיג ווָארְט:

יד עס איז אגרויסע מצוה אויף צו שטיין פארטאג לערנען אדער תהלים זאגען. יעדער יוד
ווייא ווייט ער קען. עס איז גלייכער צו זאגען אביסעל תהלים אדער מעמדות וואלגע
מיט כונה איידער צו זאגען אסך אן כונה:

טו דער וואס הייבט זיך אויף פארטאג (אדער דער וואס שלאפט ניט אגאנצע נאכט) אונ
ער האט זיך גיוואשען. זאל ער זיך איבער גיים וואשען ווען עס ווערט טאג. אזוויא
וויא מיר האבין גישריבען בסעיף ו. נאר ניט זאגען נאך אמאל דיא ברכה על נטילת ידים:

טז דעסט גלייכען אז מען שלאפט ביי טאג אהאלבע שעה אדער מעהר. דארף מען
זיך אויך צו וואשען דרייא מאל אן א ברכה:

יז נאך דיא זאכען דארף מען זיך וואשען דיא הענד. אז מען שטייט אויף פון שלאף.
אדער ווען עס ווערט טאג אפילו מען איז אויף פון פריער. אדער ווען מען קומט פון בית
הכסא. אדער פון באד. פון בית עלמין. אדער פון איין לויה. אדער פון איין שטוב וואס
ליגט איין מת. והמשמש מטתו. אדער מען שנייט זיך אפ דיא נעגיל. אדער מען שערט
זיך אפ דיא האר. אדער מען טוהט זיך אויס דיא שטיוועל אדער דיא שיך מיט דער האנד.
וועלכעס מען טוהט פון דיא זאכען דארף מען זיך וואשען דיא הענד:

יח אז מען קראצט זיך אין קאפ אדער מען רירט אן אכנה אדער מען רירט אן דאס לייב
א יף אצוגידעקט ארט אדער אין איין אנדערע זאך וואס איז ניט ריין. זאל מען זיך אויך
וואשען אז מען האט שטיין לעבין זיך וואסער. אונ אז ניט זאל מען גוט אפ ווישען דיא האנד
וואס האט אן גירירט:

יט מען דארף גיווארינט צוא זיין אין דעם. בשעת מען לערינט אדער מען זאגט
הייליגע ווערטער:

כ בסימן י"ב ובסימן כ"ז וועלין מיר שרייבען אז צום דאווינען אדער אין מיטען עסין טוו
מען זיך וואשען מיט וואסער נאך דיא זאכען:

## דיני נקיון המקום לדבר שבקדושה

## סימן ב. דינים אויף וועלכין ארט מען טאר ניט זאגין קיין הייליגע ווערטער. ער האלט דרייא אונ צוואנציג סעיפים:

א דאס ארט וואו מען דאווינט אדער מען לערינט אדער מען זאגט וועלכע הייליגע ווערטער
מוז זיין ריין פון צואה אונ פון שתנה:

ב אז עס איז דא אויף דעם ארט צואה פון אמענטש. טאר מען ניט זאגין קיין הייליג
ווארט. סיידען מען דער ווייטערט זיך דער פון פיהר איילין:

ג אז דיא צואה האט אריח דארף מען זיך צו דער ווייטערין פיהר איילען פון דעם ארט
וואס מען פיהלט שוין ניט קיין ריח:

ד זעקס פוסטען פון א מיטעל מענטש ווערט גירעכענט איין איל. מען קען מעסטין מיט
דיא טריט. דען דיא לענג פון פוס מיט דעם שוך פון איין מיטעל מענטש ווערט
גירעכענט אהאלב איל:

ה דאס שטועסט אלעס אז ער איז מיט דעם פנים פאר דרייט פון דער צואה. אבער אז
דיא צואה איז פאר דעם פנים אדער פארינט אין דער זייט. טאר מען ניט זאגין קיין
הייליגע ווערטער וויא ווייט עס איז אויב מען קען נאר דער זעהען דיא צואה מיט דעם אויג:

ו אפילו עס איז אצונד ביי נאכט דארף מען זיך צו דער ווייטערין וויא ווייט מען וואלט
זיא גיקענט זעהען ביי טאג:

ז פון שתנה דארף מען זיך צו דער ווייטערין אזוי וויא פון צואה. נאר צו שתנה איז דא
איין

איין עצה. אז מען גיסט אקוויטירעל וואסער מיט אמאל אויף דער שתנה מעג מען דארט
זאגן הייליגע ווערטער. אז מען גיסט אבער ביסלעך ווייס פועלט ניט:

ח אז מען האט צוויא מאל משתין געווען. דארף מען אריין גיסן צוויא קוויטירלעך
וואסער. אז דרייא מאל. איז דרייא קוויטירלעך וואסער:

ט דער שיעור פון קוויטירעל וואס מיר שרייבן איז וויפיל עס קען אריין אין דער שאהל
פון צוויא הינערנע אייער:

י אז מען האט משתין געוועזן אויף דער ערד און עס איז איין געזאפט געווארין נאר עס איז
נאך אביסעל נאס. דארף מען אויך צו גיסן וואסער:

יא אזוי אויך א מלבוש וואס מען האט משתין געווען דארויף. דארף מען אויך צו גיסן
דארויף אביסעל וואסער אז מען וויל דארט זאגן הייליגע ווערטער:

יב שבת טאר מען ניט גיסן קיין וואסער אויף דעם מלבוש. נאר מען זאל עס צודעקן
מיט עפיס. אדער מען זאל עס אוועק הענגן אין איין אנדערע שטוב אריין:

יג צואה פון אקאץ אדער פון עופות וואס מען רופט ענגעלישע האן אדער אינדיק האט
דעם אייגענעם דין ווי צואה פון א מענטש:

יד צואה פון בהמות חיות עופות אז זיא האט ניט קיין ריח דארף מען זיך ניט צו דער
ווייטערין דער פון. אז זיא האט אבער יא א ריח. דעמט גלייכן א הינער שטייג
אדער אנדערע פארשטונקענע זאכין דארף מען זיך צו דער ווייטערין פון זייא:

טו אז מען דעקט צו דיא צואה אדער שתנה מיט עפיס מעגין דארט זאגין הייליגע
ווערטער אויב מען פיהלט ניט קיין ריח:

טז דעמט גלייכן אז דיא צואה איז ניט אין דעם אייגענעם שטיבעל וואס מען זאגט
הייליגע ווערטער מעג מען אויך אויב מען זעהט זיא ניט און מען פילט ניט קיין ריח:

יז א קינד וואס איז שוין אלט א פערטיל יאהר דארפין זיך צו דער ווייטערין פון זיין צואה
און שתנה אזוי ווי פון אגרויסין מענטש:

יח עס איז שכיח אז דיא קישעליך פון דיא וויגלעך אדער דאס בעט געוואנט איז איין
גיזעכט מיט ממשות פון צואה דארפין געווארינט צו זיין ניט צוא זאגין דארט קיין
הייליגע ווערטער ביידין מען דעקט זייא צו מיט עפיס אדער מען דער ווייטערט זיך פון
זייא כיער איילין באופן וויא מיר האבין געשריבין אין אן הייב סימן זעה איין דארט:

יט אפילו דיא צואה איז שוין פאר טריקענט פועלט אויך ניט. נור מען מוז טוען אזוי
וויא מיר שרייבין:

כ אויף דעם ארט וואס מען טאר ניט רעדין קיין הייליג ווארט טאר מען דארט ניט אין
זינען האבין קיין שום הייליג ווארט:

כא אין באד טארין אויך ניט רעדין אדער אין זינען האבין קיין שום הייליג ווארט
כב אויף דיא אלע אומריינע ערטער טאר מען ניט גידענקין דעם אייבערשטינס נאמין אפילו
אויף דייטש אדער אויף אנדערע לשונות:

כג אויך טארין ניט דארט געבין קיין שלום איינער דעם אנדערין:

## (נה) סימן ג. דינים פון ציצית. ער האלט דרייסיג סעיפים:

א דיא מצוה פון ציצית איז זייער גרוים. דיא תורה הענגט אן אן דער מצוה אלע מצות
אזוי וויא עס שטייט אין פסוק „וראיתם אותו" אז איהר וועט זעהין דיא ציצית וזכרתם
את כל מצות ה'" וועט איהר גידענקין אלע מצות פון השי"ת מקיים צו זיין:

ב איבער דעם דארף מען געווארינט צו זיין צו גיין אגאנצען טאג אין אטלית קטן אום וואל
און גוטע ציצית וואס מאכט זייא איין ערליכער יוד:

ג דֶען מֶען דַארְף צוּ זָאגִין בְּשַׁעַת מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפִּינֶען אוּן צוּ דְרֵייעֶן דִיא צִיצִית אַז מֶען טוּהְט דָאס לְשֵׁם צִיצִית:

ד דִיא צִיצִית זָאלִין נִיט זַיין הוֹיךְ אָן גִימַאכְט אִין דֶער כַּנְפָה. הַיְינוּ עֶס טָאהְר נִיט הַאלְטִין מֶער וִויא דִיא בְּרֵייט פוּן דְרַייא פִינְגֶער פוּן דֶעם לֶעכִיל וָואס דִיא צִיצָה הֶענְגְט בִּיז דֶעם עֶק פוּן דֶער כַּנְפָה. סַייא הוּנְטֶען סַייא אִין דֶער זַייט טָאר נִיט זַיין מֶעהְר:

ה אַז דָאס לֶעכִיל וָואס דִיא צִיצָה אִיז אַרַיין גִיצִיגִין אִיז הֶעכֶער וִויא דִיא בְּרֵייט פוּן דְרַייא פִינְגֶער דָאמְּשְׁי מֶען צִיהְט אַיין דִיא כַּנְפָה מִיט דֶער צִיצָה עֶס זָאל נִיט זַיין אַזוֹי פִיהְל אִיז דָאךְ פָּסוּל:

ו אוֹיךְ מוּז מֶען גִיוָואָרִינְט זַיין דִיא צִיצָה זָאל נִיט זַיין אָן גִימַאכְט צוּ נִידְרִיק אִין דֶער כַּנְפָה. הַיְינוּ דָאס לֶעכִיל וָואס דִיא צִיצָה הֶענְגְט מוּז זַיין וַוייט פוּן דֶער זוֹים אַזוֹי פִיהְל וִויא עֶס הַאלְט כִּין מִיטֶעלְכְטִין גְלִיד פוּן גְרָאבִּין פִינְגֶער בִּיז סוֹף דֶעם פִינְגֶער. סַייא הוּנְטֶען סַייא אִין דֶער זַייט טָאר נִיט זַיין וִוינְצִיקֶער:

ז דָאס אַלְטִין רֶעכְנְט מֶען מִיט דִיא פִינְגֶער פוּן אַמִיטֶעל מֶענְטְשׁ:

ח דִיא מְרֶעלְבֶּעלִיךְ וָואס הֶענְגִין אִין דֶער כַּנְפָה פוּן טַלִּית מוּז מֶען אָפּ שְׁנַיידֶען אֵיידֶער מֶען הֶענְגְט אָן דִיא צִיצָה:

ט בַּייא דֶעם אַלֶעמִין אִיז נִיטָא קֵיין חִילוּק צְווִישִׁין אַ טַלִּית אָדֶער אַטַלִּית קָטָן אָדֶער אַלֵייבְּצִידֶעקִיל אִין וֶועלְכִין מֶען מַאכְט אָן צִיצִית טָאר אַלְטִין נִיט זַיין דָאס לֶעכִיל נִידְרִיקֶער אוּן נִיט הֶעכֶער פוּן דֶעם וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען:

י דָאס אָן מַאכִין פוּן צִיצִית זָאל אַזוֹי זַיין. מֶען צִיהְט אַרַיין פִיהְר פֶעדִים אִין לֶעכִיל. מִמֵילָא אַז זַייא וֶוערִין אַיין גִילֵייגְט וֶוענֶען זַייא אַכְט; דֶער נָאךְ מַאכְט מֶען אַיין קְנִיפּ הַיְינוּ אֵייגֶעם אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין. דֶער נָאךְ דְרֵייט מֶען אַרוּם מִיט דֶעם שַׁמָּשׁ זִיבֶּען מָאל דֶער נָאךְ אַגוּטֶען קְנִיפּ:

יא דֶער נָאךְ דְרֵייט מֶען אַרוּם אַכְט מָאל. דֶער נָאךְ אַגוּטֶען קְנִיפּ. דֶער נָאךְ דְרֵייט מֶען אַרוּם עֶלִיף מָאל. דֶער נָאךְ אַגוּטֶען קְנִיפּ. דֶער נָאךְ דְרֵייט מֶען אַרוּם דְרַייצֶעהְן מָאל. דֶער נָאךְ אַגוּטֶען קְנִיפּ:

יב בְּשַׁעַת דֶעם אָן מַאכִין זָאל מֶען אִין זִינֶען הָאבִּין אַז מֶען מַאכְט אָן לְשֵׁם מִצְוַת צִיצִית:

יג דִיא צִיצִית דַארְפִין צוּ זַיין אַזוֹי לַאנְג אַז נָאךְ דֶעם אָן מַאכִין זָאל הַאלְטִין דִיא צִיצָה פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין קְנוּפּ בִּיז סוֹף דֶער צִיצָה דִיא בְּרֵייט פוּן צְוֶועלִיף גְרָאבֶּע פִינְגֶער פוּן אַ מִיטֶעל מֶענְטְשׁ. דָאס הֵייסְט אַהַאלְבּ אֵייל אָבֶּער אַז אֲפִילוּ אֵיין פָאדִים וֶועט נִיט זַיין אַזוֹי לַאנְג פוּן עֶרְשְׁטִין קְנִיפּ אָן טָארִין נִיט אָן מַאכִין:

יד אֵיידֶער מֶען טוּהְט אָן דֶעם טַלִּית אָדֶער דֶעם טַלִּית קָטָן דַארְף מֶען בּוֹדֵק צוּ זַיין דִיא צִיצִית אוֹיבּ זַייא זֶענֶען כָּשֵׁר. אֲפִילוּ דָאס וָואס אִיז אַרַיין גִיצוֹיגִין אִין לֶעכִיל דַארְף מֶען אוֹיךְ בּוֹדֵק צוּ זַיין:

טו אוֹיךְ דַארְף מֶען צוּ צוּ שֵׁיידֶען דִיא פֶעדִים פוּן דִיא צִיצִית זַייא זָאלִין נִיט זַיין פַאר פְּלָאנְטֶערְט אֵיינֶער אִין דֶעם אַנְדֶערִין:

טז אַז מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט אִין שׁוּהְל אַרַיין אוּנ אוֹיבּ מֶען וֶועט בּוֹדֵק זַיין דִיא צִיצִית וֶועט דֶער וַוייל דָאס צִיבּוּר פוּן אִיהְם אַוֶועק דַאוִוינֶען בְּדַארְף עֶר דֶענְטָאלְט נִיט בּוֹדֵק זַיין אוּנ נִיט צוּ שֵׁיידֶען:

יז בְּשַׁעַת מֶען הַאלְט דֶעם טַלִּית אִיבֶּער דֶעם קָאפּ אֵיידֶער מֶען הִילְט זִיךְ אַיין אִין אִיהְם זָאל מֶען מַאכִין שְׁטֵייעֶנְדִיקִי הַיְיט דִיא בְּרָכָה בא״י אמ״ה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהִתְעַטֵּף בַּצִּיצִית:

יח דֶער נָאךְ זָאל מֶען זִיךְ אַרוּם הִילֶען דֶעם קָאפּ מִיט דֶעם פָּנִים בִּיז נִידְרִיגֶער פוּן מוֹיל

מעז

מען בדארף צו זיין ארום געהילט מיט דעם טלית פארינט און הינטען ביז נאהענט
פון האלבען גוף :

יט אבער דיא מענטשין וואס דעקין זיך נור צו מיט דעם טלית דעם קאפ און ארום
האלדז אליין דארף מען זייא צו זאגין זייא זאלין אזוי ניט טוען נור אזוי וויא מיר שרייבין :

כ אויך זאלין דענטמאלט זיין צוויא ציצית פארינט און צווייא ציצית אהינטער געווארפין.
דעם עק טלית וואס איז פארינט בייא דער רעכטע האנד זאל מען לייגען אויף דעם
לינקען אקסיל בשעת דעם איין הילען :

כא מען בדארף אין זינען האבין בשעת דעם איין הילען אז גאט ברוך הוא האט
אונז געהייסען איין הילען אין ציצית כדי מיר זאלין גידענקין אלע זיינע מצות מקיים צו זיין :

כב ער זאל שטייען איין געהילט אזוי לאנג וויא מען קען אפ גיין פיער איילין און זאל דער
וייל זאגין דיא פסוקים מה יקר :

כג דער נאך מעג ער שוין גיין אין טלית וויא אזוי ער וויל. נור דיא ציצית זאלין זיך
ניט נאך שלעפין אויף דער ערד ווען דאס איז ניט קיין כבוד פאר זייא. ער מעג זייא
איין שטעקין אין גארטעל :

כד אז בשעת מען האט אן גימאכט דיא ציצה איז זיא גיוועזן לאנג אזוי וויא מיר האבין
גישריבין בסעיף י״ג נור דער נאך רייסט זיך אפ איין פאדים און עס בלייט זיבען
פעדים איז אויך כשר. אז דער זיבעטער פאדים רייסט זיך אויך אפ זאל מען פרעגין אשאלה :

כה אז עס רייסט זיך איבער א פאדים אויף דעם ארט וויא דיא ציצה איז אריין גיצויגין
אין דער כנפה איז דיא ציצה שוין פסול :

כו אז עס איז פסול גיווארין א ציצה פון טלית דארף מען איהם באלד אויס צו טוען
אז דאס איז אום שבת זאל מען פרעגין אשאלה :

כז אז עס איז פסול גיווארין א ציצה פון טלית קטן און ער איז צווישין מענטשין און שעמט
זיך אויס צו טוען בדארף ער אויף דעם ארט ניט אויס צו טוען דעם טלית קטן. נור
ער זאל גלייך אהיים גיין און אויס טוען :

כח ווען אז מען גייט אין אמלבוש וואס האט פיער עקין און עס איז דרינען ניט אן גימאכט
כשר׳ע ציצית איז איין גרויסע עבירה :

כט דאריבער דיא מענטשין וואס גייען פון הינטען איין שפאלט אין דער קאפאטע דארף
מען צו מאכין הינטען דאס אין עק גוט קאליטשעק כדי דיא קאפאטע זאל ניט זיין
חייב בציצית :

ל דער וואס איז גיווארינט אין דער מצוה פון ציצית האט איין גרויסין שכר אויף דער
וועלט און אויף יענע וועלט :

## (לד) סימן ד דינים פון תפילין. ער האלט זעקס און דרייסיג סעיפים

א דיא מצוה פון תפילין איז זייער גרויס. דאריבער דארף מען די תפילין צו קויפען
בייא אסופר וואס איז איין ערליכער ירא שמים עס קאסט טייער :

ב אויך זאל מען אכטונג געבין דיא בתים מיט דיא רצועות זאלין זיין תמיד שווארץ.
אז עס גייט אפ פון דיא רצועות דאס שווארצקייט טוט מען זייא געבין צו אסופר איבער
פייעס אפ צו שווארצין. אז ניט זענען זייא פסול :

ג אז דיא תפילין זענען עפעס קאליע גיווארין אדער דיא רצועות האבין זיך איבער גירסין
דארף מען צו פרעגין אשאלה אויב זייא זענען כשר :

ד דער וואס איז גיווארינט אין דער מצוה פון תפילין און רעדט ניט אין זייא קיין דברים
בטלים לעבט לאנג און האט עולם הבא :

באנאכט

ה בנאכט טאר מען ניט לייגען קיין תפילין. דאריבער אז איינער הייבט זיך אויף פארטאג טאר ער ניט לייגען קיין תפילין צאמען עס איז שוין אביסעל לעכטיג ער זאל דער קענען דעם מענטש וואס ער קען נור אביסעל ווען ער וועט אצונד שטיין ווייט פון איהם פיר איילין:

ו תפילין של יד דארף מען צו לייגען אויף דער לינקער האנד העכער פון עלינבויגין. וויא דאס פלייש איז הויך. אונ ניט נאהענט פון עלינבויגין. נור מען זאל זיא ניט לייגין אין דיא אייבערשטע העלפט ביין וואס איז לעבין אקסיל:

ז אויך דארפין דיא תפילין זיין גינייגט צום גוף צו. באופן אז ער וועט אראפ לאזין גלייך דיא האנד זאל דיא תפילין זיין קייגען דארין:

ח דער וואס איז גלינקט זאל פרעגין א שאלה אויף וועלכער האנד ער זאל לייגין תפילין:

ט דיא תפילין של ראש דארף מען צו לייגען אויף דעם קאפ אויף דעם ארט פון דיא האר. דער עק פון דיא תפילין וואס לעבין דעם שטערין מוז אויך ליגען אויף דעם ארט וויא עס וואקסט דאר. ער טאר ניט זיין נידריקער פון דעם ארט וואס דיא האר הייבין אן ארויס צו וואקסין:

י דער וואס האט לאנגע האר חולכים זייא גרייכען אראפ אויף דעם שטערין דארף ער אכטונג צו געבין אז דער עק פון דיא תפילין זאל ניט ליגען אויף דיא האר וואס ועגען אויף דעם שטערין. נור ער זאל זיך אויס לאזין וויא דיא האר הייבין אן ארויס צוא וואקסין. אז דיא תפילין ליגט אבער נידריקער איז אזוי גוט גלייך מען לייגט גאר ניט קיין תפילין:

יא אויך זאל מען דיא תפילין ניט לייגען גאנץ הויך אויף דעם קאפ. נור אזוי וויא מיר האבין גישריבען:

יב דער קשר דארף צו ליגען אין יענער זייט קאפ אביסעל הויך קייגען דעם פנים:

יג דיא תפילין דארפין צו ליגען פונקט אין מיטען קאפ ניט אין דער זייט. דער קשר דארף אויך צו ליגען אין דער מיט קאפ ניט אין דער זייט:

יד אויך דארף מען אכטונג צו געבין דיא תפילין זאל זיך גוט האלטין אויף דעם קאפ. מען דארף אין דעם אליין שטארק גיווארינט צו זיין:

טו מען זאל לייגען דיא תפילין שטייענדיקע הייט. פריער לייגט מען תפילין של יד. אונ נאך דעם וויא מען לייגט ארויף דיא תפילין אויף דער האנד איידער מען ציהט צו זאל מען מאכין דיא ברכה בא"י אמ"ה אשר קדשנו במצותיו וצונו להניח תפילין. דער נאך ציהט מען צו דיא רצועה אונ מען מאכט דיא זיבען כריכות:

טז דער נאך לייגט מען באלד של ראש. אונ איידער מען מאכט גלייך דיא תפילין אויף דעם קאפ זאגט מען שטילער הייט דיא ברכה בא"י אמ"ה אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות תפילין:

יז דער נאך מאכט מען גלייך דיא תפילין זיא זאל ליגען גוט אזוי וויא מיר האבין פריער גישריבין דער נאך זאל מען זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד:

יח דער נאך זאל ער מאכין מיט דער רצועה של יד דרייא כריכות אויף דעם מיטעלסטין פינגער איינס אין מיטעלסטין גליד פון פינגער אונ צווייא אין הינטערשטין גליד:

יט מען בדארף גיווארינט צו זיין אז דער קשר פון של יד זאל זיך קיינמאל ניט אוועק רוקען פון בית:

כ נאך דעם וויא מען לייגט של יד איידער מען לייגט דעם של ראש טאר מען ניט אויס רעדין. מען טאר אפילו ניט ווינקען מיט דיא אויגין אדער מיט דיא פינגער:

כא אפילו מען הערט קדיש אדער קדושה טאר מען אויך ניט אויס רעדין צו ענטפערין אמן אדער קדושה נור מען זאל אין זינען האבין וואס מען דארף צו ענטפערין:

כב דיא מענטשין וואס לייגין תפילין דר"ת טארין אויך ניט אויס רעדען צווישין של יד

צווישען

צווישען של ראש נור צוא ענטפערין אמן אדער קדושה מעג מען בייא תפלין.
דרבינו תם:

כג מען דארף אין זינען האבין בשעת מען לייגט דיא תפלין אז גאט ברוך הוא האט אונז גיהייסען לייגען תפלין וואס אין דיא פרשיות שטייט גישריבען אז ער איז איין גאט אין אלע וועלטין אונ ער האט אונז אויס גיצויגין פון מצרים מיר זאלין איהם דינען. אונ ער האט אונז גיהייסען לייגין של יד קייגען איבער דעם הארץ אונ של ראש קייגען מוח כדי מיר זאלין גידענקין דיא נסים וואס ער האט מיט אונז גיטוען וואס זייא ווייזין אז ער איז איין גאט אונ ער האט כח צו טוען אין אלע וועלטין וואס ער וויל. אונ מיר זאלין משעבד זיין צו איהם דיא נשמה וואס איז אין מוח אונ אלע תאות וואס מיר האבין אין הארץ זאלין אלע זיין משועבד צו דינען איהם. אונ דורך דעם וועט מען גידענקען אין גאט ברוך הוא אונ מען וועט ניט זיך נאך געבין דיא הנאות פון דער וועלט:

כד כל זמן מען גייט אין דיא תפלין טאר מען ניט לאכין אדער שטיפען. אויך טאר מען ניט טוען אדער רעדין אין דיא זאכין פון דער וועלט אזוי לאנג מען זאל דורך דעם פאר געסין פון יראת שמים:

כה דאס גלייכסטע איז מען זאל תמיד גידענקין אין דיא תפלין כל זמן מען גייט אין זייא הוץ בשעת דער שמונה עשרה אונ בשעת דעם לערנען שאט ניט אז מען פאר געסט דענקמאלט פון זייא:

כו אויך זאל מען ניט עסין אונ ניט שלאפין אין דיא תפלין:

כז בשעת ווען ער גייט אין דיא תפלין אונ דאווינט ניט דארף ער אלע מאל אן צו רירען דיא תפלין כדי ער זאל ניט פאר געסין אונ לאכין אדער שטיפען אין זייא:

כח עס איז גלייך בשעת דעם דאווינען אויך אן צו רירען אלע מאל אין זייא כדי ער זאל גאר ניט פאר געסין פון זייא:

כט בשעת ער זאגט וקשרתם לאות על ידך זאל ער אן רירען דעם של יד. בשעת ער זאגט והיו לטוטפות בין עיניך זאל ער אן רירען דעם של ראש:

ל מען זאל ניט אויס טוען דיא תפלין ביז סוף ובא לציון. אויך זאל מען זייא ניט אויס טוען ביז מען שטעלט אריין דיא ספר תורה אין ארון קודש. דער וואס טוהט זייא אויס איידער מען שטעלט אריין דיא ספר תורה זאל ער ניט אויס טוען פאר דער ספר תורה נור אין דער זייט:

לא דענקמאלט ווען עס איז אויף דעם ארט א ברית מילה זאל מען ניט אויס טוען דיא תפלין ביז נאך דעם מל זיין:

לב ראש חודש טוהט מען אויס דיא תפלין פאר מוסף:

לג מען טוהט אויס דיא תפלין שטייענדיקע הייט. פריער נעמט מען אראפ דיא כריכות פון פינגער. דער נאך טוהט מען אויס דעם של ראש מיט דער לינקער האנד. דער נאך דעם של יד:

לד עס איז גלייך צו קושען דיא תפלין בשעת מען לייגט זייא אונ בשעת מען טוהט זייא אויס:

לה מען דארף גיווארינט צו זיין אז בשעת מען גייט אין דיא תפלין זאל מען זיין ריין. מען זאל ניט דארפין קיין נקיות צו האבין:

לו א יונגעל הייבט אן צו לייגין תפלין עטליכע חדשים פאר דרייצעהן יאר:

## (וירא) סימן ה. דינים פון מזוזה. דער האלט צוואנציג סעיפים:

א מען איז מחויב אן צו מאכען א מזוזה אין יעדער טיר. אפילו מען גייט ניט יעצונד דורך איהר. נאר דורך איין אנדערע טיר:

דאס

ב דאָס אָרט פון דער מזוזה איז אין דער העכסטער זייט פון דער טיר וואו מען קומט אַריין. אין אייבערשטין דריטעל פון בייא שטידעל:

ג אַז דאָס בייא שטידעל איז הויך. דאַרף מען אַכטונג צו געבין. דיא מזוזה זאָל ניט זיין אָן גישלאָגען פיל העכער פון דיא אַקסלען פון מענטש:

ד אויך דאַרף מען אַכטונג געבין. דיא מזוזה זאָל חאָטש זיין ווייט איין פויסט פון דעם וואָס ליגט אויף דיא בייא שטידלען:

ה עס איז אָבער גלייכער. דער סופר זאָל אָן שלאָגין דיא מזוזה. דען עס איז דאָ נאָך דינים אין דעם אָן שלאָגין:

ו איידער מען שלאָגט אָן דיא מזוזה דאַרף מען זאָגען דיא ברכה. בא"י אמ"ה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לִקְבּוֹעַ מְזוּזָה. אַז מען שלאָגט אָן עטליכע מזוזות זאָל מען אויך ניט מעהר מאַכען וויא איין ברכה:

ז אַז מען נעמט אַראָפּ דיא מזוזה בודק צו זיין. זאָל מען ניט מאַכען דיא ברכה ווען מען שלאָגט זיא צוריק אָן:

ח אַז מען האָט ניט אָן גישלאָגין דיא מזוזה נאָר אויף גיהאָנגען. איז מען ניט יוצא. איבער דעם דאַרף מען אָן שלאָגין דיא זאַך וואָס דיא מזוזה איז אין איהר איין גיהילט מיט אַ נאָגיל פון הינטען אונ אַ נאָגיל פון אויבען:

ט אויף דעם אָרט וואָס מען האָט מורא מען זאָל ניט דיא מזוזה אַוועק גנבנן. זאָל מען אַביסעל איין האַקין אין בייא שטידעל אונ אַריין זעצין דיא מזוזה. נאָר מען זאָל ניט אויס האַקין טיף וויא אַ פויסט. אונ דער נאָך ווען מען שלאָגט מיט עפּעס צו פון אויבען דאַרף מען צו דער קענין אַז דאָ זיצט אַ מזוזה:

י אַז עס איז ניט מעגליך זיא אָן צו שלאָגין פאַרינט. זאָל מען זיא אָן שלאָגין אָן אַ ברכה אינטער דער טיר אין פלאַטש פון בייא שטידעל. נאָר ניט אין דער וואַנד. אויך טוז מען גיוואָרענט זיין זיא אָן צו שלאָגין אין אָן הייב בייא שטידעל נאָהענט וואו מען גייט דורך אונטער דיא זאווענצי. דען אַז זיא איז אָן גישלאָגין אַפויסט ווייט אַריין צו דער פאַרינמדיגער זייט בייא שטידעל איז זיא פסול:

יא דיא טויערין פון דיא הייזער אָדער פון הויף דאַרפין אויך האָבין מזוזות. האַלטין קאַמערן. שפּאַכלערס. דאַרפין אויך צו האָבין מזוזות:

יב דיא שטוב אָדער דיא קאַמער וואָס האַלט ניט פיהר איילין דיא ברייט אונ פיהר איילין דיא לענג. אָדער עס איז ניט דאָ אין זייא קיין טירען. זאָל מען ניט מאַכען קיין ברכה בשעת מען שלאָגט אָן דיא מזוזה:

יג אין דיא גיוועלבין זאָל מען אָן שלאָגין מזוזות אָן אַ ברכה:

יד אויף דעם אָרט וואָס איז נוט ריין איז גלייך מען זאָל אַרויס זעהען דעם שם וואָס איז אויף דער מזוזה. נאָר מען דאַרף אַרויף לייגען אַ שטיקעל גלאָז אויף דעם שם מען זאָל ניט אָפּ מעקין דעם שם ביכלעך ווייס מיט דער האַנד וואָס מען לייגט אַרויף. ווען מען גייט אַרויס אונ אַריין:

טו אויף דעם אָרט וואָס קען ניט זיין אַזוי ריין דורך קינדער. זאָל דיא מזוזה זיין צו גידעקט מיט דעם שם:

טז מען דאַרף זעהען וויא ווייט מיגליך איז. עס זאָל זיין ריין אַרום דער מזוזה. ווער שמועקט מען זאָל דאָרט ניט אַנידער שטעלין קיין שום כלי וואָס מען וואַשט זיך אין איר אפילו דיא מזוזה איז צו גידעקט:

יז מען דאַרף דיא מזוזה בודק זיין צווייא מאָל אין זיבען יאָהר:

יח אַז מען נעמט אַראָפּ דיא מזוזה בודק צו זיין אָדער בשעת מען ווייסט דיא שטוב
דארף

דארף מען געווארנט זיין. תיכף זיא צוריק אן צו שלאגין. דען עס איז אגרויסע עבירה צו זיין אן א מזוזה:

יט מען דארף שטארק געווארנט צו זיין אין דער מצוה פון מזוזה. דען ווען מען גייט אריין אונ ארויס דער מאנט מען זיך דורך דער מזוזה אז דער אייבערשטער איז דאָ אין אלע וועלטין אונ עס בלייבט ניט דעם מענטש נור וואס מען דינט דאָס ברוך הוא אונ מען איז מקיים זיינע מצות:

כ דער וואס איז געווארנט אין דער מצוה פון מזוזה וועט ער אונ זיינע קינדער לאנג לעבין:

# סימן ו. דינים פון ברכות אונ פון ברוך הוא וברוך שמו אונ פון אמן. ער האלט זיבעצין סעיפים:

א בשעת מען מאכט א ברכה זאל מען אין זינען האבין דיא טייטש פון דער ברכה. אז מען האט אין זינען דיא טייטש כאכט מען דיא ברכה וויא עס קער צו זיין:

ב דען דער עיקר האט מען אונז געהייסען מאכין דיא ברכות מיר זאלין מיט יעדערע ברכה לויבען דעם אייבערשטין. טייל ברכות זענען צו לויבען איהם וואס ער האט בשאפין דיא זאכען. טייל ברכות זענען צו לויבין איהם וואס ער העלפט אונז מיט דיא זאכין. טייל ברכות זענען צו לויבען איהם וואס ער האט אונז געבאטין זיינע מצות וואס מיר ווען דורך זיא בלייבין ביא דעם רעכטין גוטין. בדארפין מיר איהם צו לויבין אויף יעדערע מצוה מיט איר ברכה:

ג איבער דעם מוז מען שטארק געווארנט זיין בשעת מען מאכט א ברכה אין זינען צו האבין דיא טייטש. דער וואס פאר שטייט ניט דיא טייטש זאל פרעגין דעם וואס פאר שטייט:

ד אז מען האט גימאכט דיא ברכה אונ מען האט ניט אין זינען גיהאט דיא טייטש טאר מען איצונדערט ניט מאכען נאך אמאל דיא ברכה. דען מען טאר ניט מאכין צוויי מאל דורך אנאנד איין ברכה:

ה מען דארף געווארנט צו זיין בשעה מען דאווינט אדער מען זאגט וועלכע ברכה צוא זאגין וואלגע דיא ווערטער אונ נישט גיך. דען מען איז מחויב צו זאגין יעדער ווארט שארף ארויס מיט דיא נקודות. אונ ניט איין שלינגען קיין שום אות:

ו יעדער ווארט וואס לאזט זיך אות מיט אזא אות וויא דאס אנדערע ווארט הייבט זיך אן. היינו ביא קריאת שמע בכל לבבך על לבבכם. ביא דער המוציא. לחם מן. אונ נאך אזוי שטייגער דארף מען עטוואס צו ווארטין צווישין איין ווארט צווישין אנדערין. מען זאל ניט איין שלינגען איין אות פון זייא:

ז עס איז נאך דא דקדוקים פון דיא ווערטער וואס מען דארף געווארנט צו זיין. דער כלל איז מען זאל תמיד זאגין וואלגע דיא ווערטער אזוי וויא זייא שטייען מיט דיא נקודות מען זאל גאר ניט איין שלינגען:

ח מען טאר ניט גידענקין דעם אייבערשטינס נאמען אומזונסט. דאס איז אגרויסע עבירה. אפילו אויף דייטש אדער אויף אנאנדער לשון טאר מען אויך ניט גידענקין אומזיסט דאס ווארט וואס מען רופט דעם אייבערשטין מיט דעם לשון:

ט אויך זאל מען ניט שרייבין דעם אייבערשטינס נאמען אין א בריף טאמער וועט דער בריף דער נאך זיך ארום וואלגערין אויף דעם מיסט דאס ברענגט ר"ל צו אריכקייט זאס מען גידענקט זיין ליבען נאמען אומזיסט אדער מען שרייבט איהם וויא עס קען ח"ו קומען צו איין בזיון:

י אויך אז מען זעהט צו ריסענע בלעטער פון ספרים וואלגערין זיך ארום איז אגרויסע מצוה צו בהאלטין זייא:

יא אויך דאַרף מֶען גיוואָרנט צו זַיין נִיט צו שֶׁעלְטִין קיין שום יוד אָדֶער זִיךְ אַלֵיין מִיט דֶעם אייבּערשְׁטִינְס נאָמֶען . וַוייל מֶענְטשִׁין זאָגין איין מָאל אויף אֵיינֶעם . גָאט זָאל אִיהְם שְׁטְרָאפִין" זֵייא ווייסִין נִיט אַז דָאס אִיז אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה :

יב אֲפִילוּ גְלַאט שֶׁעלְטִין אַ יוד אָדֶער זִיךְ אַלֵיין אֲפִילוּ נִיט מִיט דֶעם אייבּערשְׁטִינְס נָאמִין טָאר מֶען אויךְ נִיט :

יג מֶען טָאר נִיט מַאכִין אַ בְּרָכָה דָא וואוּ מֶען דאַרְף נִיט :

יד אַז אֵיינֶער הֶערְט דֶעם אַנְדֶערִין מַאכִין אַ בְּרָכָה . בְּשַׁעַת עֶר הֶערְט אִיהְם זָאגִין בא"י זָאל עֶר עֶנְטְפֶערִין בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ . בְּשַׁעַת יֶענֶער לָאזְט אוים דיא בְּרָכָה דַארְף עֶר עֶנְטְפֶערִין אָמֵן :

טו דָאס וָואָרְט אָמֵן דַארְף מֶען שַׁארְף אַרוֹיס צוּ זָאגִין . הַיְינוּ דיא אַלֶף מִיט אַ קָמֵץ . אוּנ נִיט אַיין שְׁלִינְגֶען דִיא נוּן :

טז אויךְ דַארְף מֶען פּוּנְקְט צוּ זָאגִין אָמֵן וֶוען יֶענֶער הָאט אוים גִילָאזְט דיא בְּרָכָה נִיט פְרִיעֶר אוּנ נִיט שְׁפֶּעטֶער . מֶען דַארְף גִיוָּוארְנְט צוּ זַיין אִין דֶעם אַלִימֶען דֶען דיא מִצְוָה פוּן אָמֵן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס :

יז אַז הֶער וָואס הֶערְט דיא בְּרָכָה הַאלְט אויף דֶעם אָרְט וָואס עֶר טָאר נִיט אוים רֶעדִין זָאל עֶר נִיט עֶנְטְפֶערִין קיין ב"ה וב"ש . בְּסִימָן י"א וֶועלִין מִיר שְׁרַייבִּין דיא דִינִים פוּן עֶנְטְפֶערִין אָמֵן אויף דֶעם אָרְט וָואס מֶען טָאר נִיט אוים רֶעדִין :

## (חיי) סִימָן ז . דִינִים פוּן פַאר דֶעם דַאוִוינֶען עֶר הַאלְט פִיהְר סְעִיפִים :

א מֶען טָאר נִיט טוּעֶן קיין מְלָאכָה אוּנ נִיט עֶסִין אָדֶער טְרִינְקֶען פַאר דֶעם דַאוִוינֶען נוּר וַואסֶער טֵייא קַאוֶועֶ מֶעג מֶען טְרִינְקֶען פַארִין דַאוִוינֶען :

ב מֶען דַארְף צוּ זֶעהְן זִיךְ רַיין צוּ מַאכִין פַאר דֶעם דַאוִוינֶען . אַז מֶען פִילְט עֶפֶּעס אַז מֶען דַארְף צוּ הָאבִּין נְקִיוּת אָדֶער מַשְׁתִּין זַיין טָארִין נִיט דַאוִוינֶען צַאמֶען מֶען מַאכְט זִיךְ רַיין דֶערְפוּן :

ג מֶען דַארְף זִיךְ צְווֵא וַואשִׁין דיא גַאנְצֶע הֶענְט מִיט וַואסֶער פַארִין דַאוִוינֶען אֲפִילוּ מֶען הָאט נִיט גִיהַאט קיין נְקִיוּת :

ד מֶען דַארְף זִיךְ צוּ שְׁפַּארְקִין וִויא וַוייט מֶעגְלֶעךְ עֶס אִיז מֶען זָאל דַאוִוינֶען בְּצִיבּוּר דֶען דֶעמָאלְט וֶוערְט גֶעכֶער דָאס דַאוִוינֶען אָן גִינוּמֶען פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ . אויךְ אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה צוּ הָאבִּין גְרִינְג פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח אַז מֶען דַאוִוינְט תָּמִיד בְּצִיבּוּר בְּכַוָּנָה :

## דיני בהכ"נ ובית המדרש

## סִימָן ח. דִינִים פוּן שׁוּל אוּנ פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ . עֶר הַאלְט צֶעהְן סְעִיפִים :

א אוּנְזֶערֶע שׁוּלֶען אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען שְׁטַארְק הֵיילִיג . מִיר דַארְפִין מוֹרָא הָאבִּין פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס זַיין שְׁכִינָה רוּהְט אִין זֵייא . אִיבֶּער דֶעם טָארִין דָארְט נִיט שְׁמוּסֶען קיין שׁוּם זַאךְ חוּץ לֶערְנֶען אָדֶער דַאוִוינֶען אָדֶער זָאגִין שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת :

ב אֲפִילוּ אויף דיא עֶרְטֶער וָואס מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צוּ רֵיידִין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מֶעגִין נוּר דיא וָואס לֶערְנֶען דָארְט תָּמִיד זֵייא זָאלִין נִיט דַארְפִין אַלֶע מָאל צוּ בַּאלְבִיטְשֶׁען פוּן לֶערְנֶען אַרוֹיס גֵיין רֶעדִין אוּנ אויךְ נוּר דיא זַאכִין וָואס זֵייא מוּזֶען רֶעדִין אָבֶּער אִין שׁוּל טָארִין בְּוַדַּאי נִיט רֶעדִין אֲפִילוּ פוּן פַּרְנָסָה וֶועגִין אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכִין וָואס מֶען דַארְף :

ג מֶען טָאר נִיט עֶסִין אָדֶער טְרִינְקֶען אָדֶער שְׁלָאפִין דָארְט :

דיא

ד דִיא נַאכְט פוּן יוֹם כִּיפּוּר וָואס מֶען זָאגְט דָארְט תְּהִלִים אָדֶער שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת מֶעג מֶען דָארְט שְׁלָאפֶען וַוייט פוּן אָרוֹן קוֹדֶשׁ :

ה דֶעסְט גְלַייבֶען דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס לֶערְנֶען דָארְט שְׁטֶענְדִיג מֶעגִין דָארְט עֶסִין אָדֶער שְׁלָאפֶען זַייא זָאלִין נִיט דַארְפִין צוּ בַּאלְמִיטְשֶׁען פוּן לֶערְנֶען אַלֶע מָאל אַהֵיים צוּ גֵיין :

ו מֶען דַארְף גִיוָואָרִינְט צוּ זַיין צוּ דַאוִוינֶען אִין שׁוּל אָדֶער אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט נִיט קֵיין מִנְיָן . אוֹיךְ זָאל מֶען קוּמֶען פְרִיא דָארְט אַרֵיין . מֶען הָאט פַאר דֶעם אַגְרוֹיסֶען שָׂכָר :

ז מֶען דַארְף זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּ דַאוִוינֶען אוֹיף אֵיין אָרְט . נָאר נִיט נֶעבִּין אַ רָשָׁע :

ח עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ לוֹיפֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַרֵיין אָדֶער אִין שׁוּל אַרֵיין . דֶעסְט גְלַייכִין צוּ יֶעדֶערֶע מִצְוָה אִיז אַ מִצְוָה צוּ לוֹיפֶען אֲפִילוּ אוּם שַׁבָּת :

ט אִין שׁוּל אָדֶער אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ זֶעלְבְּסְט טָארִין נִיט לוֹיפֶען . נוּר מֶען זָאל גֵיין מִיט מוֹרָא פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ :

י אַז מֶען גֵייט אַהֵיים פוּן דַאוִוינֶען טָאר מֶען נִיט לוֹיפֶען אָדֶער מַאכֶען גְרוֹיסֶע שְׁפַּרֵייזִין . עֶס זָאל נִיט אוֹיס זֶעהִין גְלַייךְ עֶר ווִיל אַנְטְלוֹיפִין :

# סִימָן ט. דִינִים פוּן פָארִינְט דַאוִוינֶען . עֶר הַאלְט צֶעהְן סְעִיפִים :

א אַז אֵיינֶער שְׁלָאפְט נִיט אַגַאנְצֶע נַאכְט זָאגְט עֶר וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג אַלֶע בְּרָכוֹת חוּץ דִיא צְווייא בְּרָכוֹת עַל נְטִילַת יָדַיִם אוּנ אֱלֹהַי נְשָׁמָה :

ב אַז עֶר אִיז גִישְׁלָאפִין בַּנַאכְט אֲפִילוּ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה זָאל עֶר דִיא בְּרָכָה אֱלֹהַי נְשָׁמָה אוֹיךְ זָאגִין . אַז עֶר הָאט נְקִיּוֹת זָאל עֶר דִיא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם אוֹיךְ זָאגִין :

ג דֶער וָואס שְׁלָאפְט נִיט אַגַאנְצֶע נַאכְט זָאל הֶערְשְׁט זָאגִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג :

ד אָבֶּער דֶער וָואס שְׁלָאפְט בַּנַאכְט אוּנ הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף פַארְטָאג טָאר נִיט לֶערְנֶען אָדֶער תְּהִלִים זָאגִין בִּיז עֶר זָאגְט פְרִיעֶר בִּרְכַּת הַתּוֹרָה אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאךְ נִיט קֵיין טָאג :

ה דֶער וָואס שְׁלָאפְט בַּנַאכְט אוּנ הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף פַארְטָאג מֶעג זָאגִין פַארְטָאג אַלֶע בְּרָכוֹת פוּן פָארִינְט . חוּץ דִיא בְּרָכָה הַנּוֹתֵן לַשֶּׂכְוִי בִינָה זָאל עֶר נִיט זָאגִין בִּיז עֶס וֶוערְט טָאג :

ו בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט אִין דֶער פְרִיא נָאךְ לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם דֶעם פָּסוּק שְׁמַע יִשְׂרָאֵל זָאל מֶען אִין זִינֶען הָאבִּין מֶען זָאל נִיט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם פַאר קְרִיאַת שְׁמַע :

ז אַז מֶען הָאט מוֹרָא אַז אֵיידֶער מֶען וֶועט זָאגִין קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִיא בְּרָכוֹת וֶועט פַאר בַּייא גֵיין דֶער זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע וָואס מִיר וֶועלִין שְׁרַייבִּין בְּסִימָן י"ב זָאל מֶען זָאגִין דִיא גַאנְצֶע קְרִיאַת שְׁמַע בִּיז אֱמֶת אוּנ מֶען זָאל אִין זִינֶען הָאבִּין צוּ זַיין יוֹצֵא צוּ זַיין מִיט דֶער קְרִיאַת שְׁמַע אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין טָאג :

ח דִיא קָרְבָּנוֹת זָאל מֶען נִיט זָאגִין נוּר וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין טָאג . אוֹיךְ זָאל מֶען זַייא זָאגִין שְׁטֵייעֶנְדִיג :

ט דֶער וָואס ווייסְט נִיט דִיא טַייטְשׁ פוּן אֵיזֶהוּ מְקוֹמָן בִּיז וִיבָרַיְיתָא בֵּינֵיהֶם דַארְף עֶר צוּ פְרֶעגִין דֶעם וָואס ווייסְט דֶעם פְּשַׁט דֶער פוּן . וֶוען מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָואָרִינְט צוּ זַיין אִין זִינֶען צוּ הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט דָאס :

י בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט הוֹדוּ דַארְף מֶען אַבִּיסֶעל צוּ וַוארְטִין נָאךְ דֶעם וָוארְט אֱלִילִים . אֵיידֶער מֶען זָאגְט דִיא וֶוערְטֶער וַה' שָׁמַיִם עָשָׂה :

# סִימָן י. דִינִים פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז קְרִיאַת שְׁמַע . עֶר הַאלְט צְוֶועלִיף סְעִיפִים :

א פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה טָאר מֶען נִיט אוֹיס רֶעדִין אֲפִילוּ אוֹיף לְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ.

אזוי

אַזוֹי אִיז תָּמִיד אֵיין כְּלַל וֶוען מֶען טָאר נִיט אוֹיס רֶעדִין טָאר מֶען אוֹיךְ לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ אוֹיךְ נִיט אוֹיס רֶעדִין :

ב אַז מֶען הֶערְט אַבְּרָכָה פוּן אֵיינֶעם מֶעג מֶען זָאגִין אָמֵן כָּל זְמַן מֶען הַאלְט פַאר יוֹצֵר אוֹר. אוֹיךְ אַז מֶען הֶערְט דָאס צִיבּוּר זָאגִין קְרִיאַת שְׁמַע זָאגְט מֶען אוֹיךְ דֶעם עֶרְשְׁטִין פָּסוּק שְׁמַע יִשְׂרָאֵל בִּיז אֶחָד :

ג אַז מֶען הֶערְט קַדִישׁ אָדֶער קְדוּשָׁה אָדֶער בָּרְכוּ מֶעג מֶען בְּוַודַאי נָאךְ זָאגִין. אַז עֶס אִיז מִיגְלֶעךְ עֶר זָאל זָאגִין צְווִישִׁין אֵיין פָּסוּק צְווִישִׁין אַנְדֶערִין אִיז גְלַייכֶער :

ד בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ טָאר מֶען נִיט זָאגִין פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אָן. הַיְינוּ זִינְט מֶען זָאגְט בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר :

ה בָּרוּךְ שֶׁאָמַר זָאגְט מֶען שְׁטֵייעֶנְדִיג. מִזְמוֹר לְתוֹדָה. וַיְבָרֶךְ דָוִד. אָז יָשִׁיר. יִשְׁתַּבַּח זָאגְט מֶען אַלְץ שְׁטֵייעֶנְדִיג :

ו שַׁבָּת. יוֹם טוֹב. עֶרֶב פֶּסַח. חוֹל הַמוֹעֵד פוּן פֶּסַח. עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר. זָאגְט מֶען נִיט קֵיין מִזְמוֹר לְתוֹדָה :

ז מֶען זָאל דַאוְוינֶען וָואלְגֶע. אוֹיךְ זָאל מֶען אִין זִינֶען הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ. בִּפְרַט בַּייא דֶעם פָּסוּק פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ מוּז מֶען בְּוַודַאי אִין זִינֶען הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ. דֶען אַז נִיט מוּז מֶען דֶעם פָּסוּק נָאךְ אַמָאל זָאגִין מִיט כַּוָונָה :

ח מֶען טָאר נִיט זָאגִין קֵיין קַדִישׁ אָדֶער בָּרְכוּ אָדֶער קְדוּשָׁה צַאמֶען עֶס אִיז דָא צֶעהֶן יוּדֶען וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַלְט מֶעהְר וִויא דְרַייצֶעהְן יָאר :

ט מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָואָרִינְט צוּ זַיין צוּ הֶערִין דֶעם קַדִישׁ אוּנ עֶנְטְפֶערִין מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה. בִּפְרַט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא. דֶען דֶער וָואס עֶנְטְפֶערְט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מִיט כַּוָונָה אוּנ הוֹיךְ אִיז עֶר מִיט דֶעם מְבַטֵל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת :

י מֶען זָאגְט אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָא יִתְבָּרַךְ. אוּנ פוּן נָאךְ יִתְבָּרַךְ אָן זָאל מֶען אוֹיס הֶערִין דֶעם גַאנְצִין קַדִישׁ אוּנ עֶנְטְפֶערִין אָמֵן :

יא דֶער חַזָן זָאגְט חֲצִי קַדִישׁ אוּנ בָּרְכוּ. עֶנְטְפֶערְט דָאס צִיבּוּר בָּרוּךְ ה׳ הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד. דֶער נָאךְ זָאגְט דֶער חַזָן בָּרוּךְ ה׳ הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד. עֶנְטְפֶערְט דָאס צִיבּוּר אָמֵן. אָבֶּער דֶער חַזָן זָאל נִיט זָאגִין קֵיין אָמֵן :

יב דֶער חַזָן דַארְף זַיין אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד. אַז דָאס צִיבּוּר וִויל נִיט טָאר עֶר נִיט דַאוְוינֶען פַאְרִין עָמוּד :

## (תּוֹלְדוֹת) סִימָן יא. דִינִים פוּן נָאךְ זָאגִין אָמֵן אָדֶער קְדוּשָׁה בִּשְׁעַת מֶען הַאלְט פוּן יוֹצֵר אוֹר בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה. עֶר הַאלְט עֶלִיף סְעִיפִים :

א אַז עֶר הָאט שׁוֹין אָן גִיהוֹיבִּין דִיא בְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ יוֹצֵר אוֹר טָאר עֶר נִיט עֶנְטְפֶערִין קֵיין אָמֵן נָאךְ אַ בְּרָכָה וָואס עֶר הֶערְט פוּן אֵיינֶעם. חוּץ אַז עֶר הֶערְט אוֹיס לָאזִין דִיא בְּרָכָה הָאֵל הַקָדוֹשׁ אוּנ דִיא בְּרָכָה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָה אוּנ דִיא בְּרָכָה וָואס מֶען מַאכְט בִּשְׁעַת מֶען אִיז עוֹלֶה תּוֹרָה. נָאךְ דִיא בְּרָכוֹת זָאל עֶר יוֹא עֶנְטְפֶערִין אָמֵן אַז עֶר הַאלְט פַאר גָאַל יִשְׂרָאֵל :

ב אַז עֶר הֶערְט זָאגִין קַדִישׁ זָאל עֶר עֶנְטְפֶערִין אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָא יִתְבָּרַךְ. אוּנ נָאךְ דִיא וֶוערְטֶער דַאֲמִירָן בְּעָלְמָא וְאִמְרוּ אָמֵן זָאל עֶר זָאגִין אָמֵן. דִי רֶעשְׁט אָמֵן פוּן קַדִישׁ זָאל עֶר נִיט זָאגִין וֶוען עֶר הַאלְט נָאךְ יוֹצֵר אוֹר :

ג אַז עֶר הֶערְט קְדוּשָׁה זָאל עֶר נִיט מֶעהְר זָאגִין מִיט דֶעם צִיבּוּר נוּר דִיא וֶוערְטֶער „קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ ה׳ צְבָאוֹת מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ". אוּנ דִיא וֶוערְטֶער „בָּרוּךְ כְּבוֹד ה׳ מִמְקוֹמוֹ". דִי רֶעשְׁט זָאל עֶר נִיט זָאגִין וֶוען עֶר הַאלְט נָאךְ יוֹצֵר אוֹר :

ד אַז ער הערט ברכו פֿיא פון דעם חזן פֿיא פון דעם וואס איז עולה תורה זאל ער ענטפֿערין ברוך ה' המבורך לעולם ועד:

ה אַז ער הערט דעם חזן זאגין מודים זאל ער זיך אויך בוקען און זאל זאגין די ווערטער „מודים אנחנו לך". און ניט מער. ברוך הוא וברוך שמו זאל ער ניט נאך זאגין:

ו דעסט גלייכין אַז מען האלט אין מיטען אַנאנדערע לאנגע ברכה דהיינו אין מיטען אשר יצר אדער אין מיטען וועלכע ברכה פון בענטשין האט אויך די אייגינע דינים וואס מיר האבין געשריבין:

ז אַז ער האט אוים געלאזט יוצר המאורות אדער בעמו ישראל באהבה און הערט אַנאנדערין אויך אוים לאזין נאך איהם די אייגינע ברכה מעג ער ענטפערין אמן אויף יענעמס ברכה:

ח דאס שמועסט אַלץ אַז מען האלט פאר גאל ישראל. אָבער אַז מען האלט שוין ביי דער ברכה גאל ישראל וועלין מיר שרייבין די דינים בסימן י"ג סעיף ה" וסעיף ו":

ט אַז ער ענטפערט די זאכין וואס מען מעג און ער האלט דענמאלט אין מיטען אַ פסוק פון קריאת שמע דארף ער דער נאך איבער ניים אָן הייבין דעם פסוק:

י אין מיטען דעם פסוק שמע ישראל טאר מען גאר ניט ענטפערין קיין שום אמן אדער קדושה. אין מיטען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד טאר מען אויך גאר ניט ענטפערין:

יא דעסט גלייכין צווישין ה" אלקיכם צווישין אמת טאר מען אויך גאר ניט ענטפערין נור מען זאל זאגין תיכף דאס ווארט אמת. אויב מען קען זאל מען זאגין דאס ווארט ויציב אויך. דער נאך זאל מען ענטפערין וואס מיר האבין פריער געשריבין:

## סימן יב. דינים פון קריאת שמע. ער האט צוויי און צוואנציג סעיפים:

א די צייט פון דער קריאת שמע פון דער פריא איז ניט מער וויא ביז אַ פערטיל טאג. אַז ער האט זיא ניט געזאגט אין דעם ערשטין פערטיל טאג האט ער אַגרויסע עבירה:

ב דאס פערטיל טאג ווערט גירעכינט לויט וויא דער טאג איז גרויס. למשל ווינטער אין די קלענצטע טעג הייבט אָן אין דעם לאנד צו טאגין האלב זיבען און עס ווערט נאכט האלב פינף (היינו מען זעהט שוין דריא שטערין) ממילא האלט דער טאג צעהן שעה איז אַפערטיל טאג צוויא שעה מיט אַ האלבע. ממילא איז דענמאלט די צייט פון קריאת שמע ביז זייגער ניין:

ג דאס איז נור ווען די קלענצטע טעג זענען. אָבער ווען עס הייבט פריער אָן צוא טאגין לאזט זיך פריער אוים די צייט פון קריאת שמע. למשל זומער די ווערמסטע טעג הייבט אָן אין דעם לאנד צו טאגין האלב צוויא און עס ווערט נאכט זייגער ניין איז אַ פערטיל טאג פינף שעה ווינציקער אַ האלב פערטיל שעה קומט אוים די צייט פון קריאת שמע ביז נאך אַ פערטיל אויף זיבען. דארף מען געווארינט צו זיין אין די טעג צו זאגין די קריאת שמע אַ פערטיל אויף זיבען. אַזויא איז אַלע טעג דער רעכינונג וועדליג די טעג אַזוי וויא מיר שרייבין:

ד אפילו מיר שרייבין אַז דאס פערטיל טאג פון דער צייט פון קריאת שמע רעכינט מען זינט עס הייבט אָן צו טאגען. אָבער זאגין די קריאת שמע טאר מען ניט צאטען עס איז אַביסעל לעכטיג ער זאל דער קענען דעם מענטש וואס ער קען נור אַביסעל ווען ער זאל צינדערט שטיין ווייט פון איהם פיהר איילין:

ה אַז איינער האט מורא מאמער איידער ער וועט זאגין די קריאת שמע פון דאוונען וועט דער ווייל זיין נאך דער צייט פון קריאת שמע זאל ער תיכף אין דער פריא נאך ברכות התורה זאגין די גאנצע קריאת שמע ביז אמת און זאל אין זינען האבין יוצא צו

זיין

זיין מיט דער קריאת שמע. אז מען איז ניט געווארנט אין דעם האט מען אגרויסע עבירה:

ו מען מעג זאגן קריאת שמע סייא שטייענדיג סייא זיצענדיג:

ז דער וואס זיצט פאר קריאת שמע טאר ניט זיך אויף שטעלין צו קריאת שמע. נור זאל זאגין קריאת שמע אויך זיצענדיג:

ח ליגענדיג טאר מען ניט זאגין קריאת שמע נור צאטען מען ליגט אויף דער זייט:

ט בשעת מען זאגט דעם פסוק שמע ישראל דארף מען שטארק געווארנט צו זיין אין זינען צו האבין די טייטש:

י בשעת מען זאגט דאס ווארט אחד אונ אביסעל דער נאך איידער מען הייבט אן ברוך שם זאל מען אין זינען האבין אז דער אייבערשטער איז איין גאט אין די זיבען הימלען אונ אויף דער ערד אונ אויף די פיהר זאטין פון דער וועלט. אונ ער געוועלטיגט איבער אלדינג:

יא טייל מענטשין האבין א טעות אז בשעת זייא זאגין דעם פסוק שמע ישראל ציהען זייא דאס ווארט אחד גלייך זייא זאגין אחאדע. טייל זאגין אחאד. מען דארף אבער געווארנט צו זיין נור צו זאגין אזוי וויא עס שטייט אחד. נור מען זאל די ח' שארף ארוים זאגין אונ די ד' גוט זאגין עס זאל ניט אויס זעהן גלייך מען זאגט ח"ו א ריש:

יב דעם פסוק שמע ישראל זאגט מען הויך. ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד זאגט מען שטילער הייט. יום כיפור זאגט מען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אויך הויך:

יג מען דארף שטארק געווארנט צו זיין בייא ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אויך אין זינען צו האבין די טייטש:

יד בשעת מען זאגט קריאת שמע דארף מען געווארנט צו זיין יעדער ווארט שארף ארוים צו זאגין. אונ ניט איין שלינגען קיין שום אות אונ קיין שום נקודה. נור אזוי וויא עס שטייט אין סידור. אזוי וויא מיר האבין געשריבין בסימן ו' סעיף ה' ו' ז' אז מען דארף תמיד געווארנט צו זיין אין דעם בפרט בייא קריאת שמע. אויך זאל מען אין זינען האבין די טייטש בשעת מען זאגט:

טו בשעת מען האלט והביאנו פאר קריאת שמע זאל מען נעמען די ציצית אונ האלטין זייא אין דער לינקער האנט צווישין דעם קלענסטין פינגער צווישין דעם אנדערין קייגען הארץ:

טז בשעת מען האלט שוין ויאמר האלטין זייא צו מיט דער רעכטע האנט אויך אונ מען קוקט אויף זייא. בשעת מען גידענקט דאס ווארט ציצית קושט מען זייא:

יז בשעת מען זאגט די ווערטער וראיתם אותו לייגט מען זייא אויף די אויגין אונ מען קוקט אויף זייא אונ מען קושט זייא. בשעת מען האלט ונחמדים לעד קושט מען די ציצית אונ מען לאזט זייא אפ:

יח בייא קריאת שמע נאך אני ה' אלהיכם זאגט מען באלד דאס ווארט אמת. דער חזן זאגט דאר זיך אויך אזוי. דער נאך זאגט ער נאך אמאל די דרייא ווערטער „ה' אלהיכם אמת. הויכע הייט. יעדער מענטש דארף אוים צו הערין פון חזן די דרייא ווערטער.

יט דער וואס דאווינט ניט מיט קיין מנין זאל זאגין פאר קריאת שמע אל מלך נאמן:

כ בשעת דאס ציבור זאגט שמע ישראל בדארף יעדער יוד צו זאגין דעם פסוק שמע ישראל מיט זייא אפילו ער דאווינט ניט מיט זייא בנאנט:

כא פאר יעדערין דאווינען מוז מען זיך וואשין די הענט אין גאנצין אונ מען זאל געווארנט זיין מען זאל ניט אן רירען פון אן הייב דאווינען אן אין די ערטער פון גוף וואס זענען צו גידעקט מיט מלבושים. אויך זאל מען ניט זיך קראטצין אין קאפ אויך זאל מען ניט אן רירען אין דער צואה פון אויער אדער פון דער נאז. אדער אין אנאנדערע זאך וואס איז ניט ריין:

כב אז מען רירט אן אונ מען האלט פאר שמונה עשרה דארף מען זיך איבער נים צו וואשין מיט וואסער די גאנצע האנד וואס האט אן גירירט. אז מען האלט שוין

אין

אין מיטן דער שמונה עשרה זאל מען זיך גוט אפ ווישן אן עפעס די הענד :

## (ויצא) סימן יג. דינים פון שמונה עשרה. ער האלט אכט און צוואנציג סעיפים:

א די שמונה עשרה דארף מען צו דאווענען אײדער עס לאזט זיך אויס דאס ערשטע דריטעל פון טאג. אז מען האט נאך דענמאלט ניט גידאווינט מעג מען דאווענען ביז דעם האלבין טאג. נור מען האט ניט אזא שכר וויא דער וואס דאווינט פאר דעם דריטיל טאג :

ב ווייבער זענען כחויב צו דאווענען שחרית אין דער פריא און מנחה פארין נאכט.

ג בשעת מען האלט פאר שמונה עשרה תהלות לאל עליון זאל מען אפ טוען דאס שפייעהמין מיט אלע זאכין עס זאל איהם ניט מבלבל זיין אין מיטען דער שמונה עשרה :

ד פאר שמונה עשרה זאל מען גיין אהינטער דרייא טריט און צוריק גיין גלייך מען גייט צו א מלך :

ה באלד נאך גאל ישראל זאל ער שוין אן הייבין די שמונה עשרה. ער טאר ניט נאך גאל ישראל ענטפערין קיין קדושה וברכו און קיין אמן :

ו אויך זאל ער ניט ווארמין ביא שירה חדשה צו ענטפערין אמן נאך גאל ישראל פון חזן. נור ער זאל אויס לאזין גאל ישראל גלייך מיט דעם חזן אדער אביסעל פריער און זאל באלד אן הייבין די שמונה עשרה. ביא מעריב זאל מען יוא ענטפערין אמן נאך גאל ישראל :

ז דעם פסוק כי שם ה׳ אקרא זאל מען ניט זאגין פאר דער שמונה עשרה פון שחרית און פון מעריב :

ח בשעת דער שמונה עשרה זאל מען ניט אין זינען האבין קיין אנדערע זאכין נור די טייטש פון די ווערטער. דער וואס קען ניט די טייטש זאל לערנען די טייטש אין די סדורים וואס זענען גידרוקט מיט טייטש :

ט בשעת דער שמונה עשרה דארף מען צו שטיין ביידע פיס בנאנט. די אויגין זאל מען צו האלטין. אז מען דאווינט אין א סידור זאל מען ניט ארויס קוקען ערגיץ אנדערשט נור אין סידור :

י יעדערווארט דארף מען שארף ארויס צו זאגין און אין זינען האבין די טייטש דער פון. דאריבער זאל מען זיך ניט באלמיטשען דעם קאפ מיט אנדערע זאכין פאר דעם דאווינען. כדי עס זאל ניט מבלבל זיין די מחשבה בשעת דעם דאווינען :

יא די שמונה עשרה זאל מען דאווינען שטילער הייט. אז מען קען ניט כיוין זיין שטילער הייט מעג מען זאגין אביסעל העכער בשעת מען דאווינט ניט בציבור :

יב בשעת דער שמונה עשרה טאר מען ניט זיך אן לענען אין קיין שום זאך. אז ער איז שלאף און קען ניט שטיין מעג ער דאווינען וויא אזוי ער קען :

יג מען זאל ניט געגעצין בשעת דער שמונה עשרה. אז מען איז גינייט דער צו זאל מען בשעת דעם געגעצין ארויף לייגין די האנד אויף דעם מויל מען זאל ניט אן זעהן דאס געגעצין :

יד אויך טאר מען ניט שפייען אין מיטען שמונה עשרה אז מען דארף גייטיג זאל מען אריין שפייען אין א פארטשיילע אדער אין דער לינקער זייט אהינטער :

טו מען דארף זיך צו בוקען פיהר מאל אין דער שמונה עשרה. בשעת מען הייבט אן ברוך אתה פון אן הייב. און בשעת דעם ברוך אתה פון מגן אברהם. און ביא מודים. און ביא דעם ברוך אתה פון הטוב שמך ולך נאה להודות :

טז ווען ער זאגט דאס ווארט ברוך זאל ער איין ביינען די קניען און ווען ער זאגט דאס

דָאס וָואָרט אַתָּה זָאל עֶר זִיךְ גוּט בּוּקְן. אוּנ אֵיידֶער עֶר זָאגְט דֶעם שֵׁם זָאל עֶר זִיךְ וָואלְגֶע אוֹיף שְׁטֶעלִין:

יז אַזוֹי אוֹיךְ בַּייא מוֹדִים זָאל עֶר אַיין בֵּייגִין דִיא קְנֶיעֶן אוּנ גוּט בּוּקְן זִיךְ אוּנ אֵיידֶער עֶר זָאגְט דֶעם שֵׁם זָאל עֶר זִיךְ וָואלְגֶע אוֹיף שְׁטֶעלִין:

יח בַּייא אַנְדֶערֶע בְּרָכוֹת טָאר מֶען זִיךְ נִיט בּוּקְן נוּר בַּייא דִיא כֵּיהֶר עֶרְטֶער וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבִּין:

יט נָאךְ הַמְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בַּשָּׁלוֹם זָאל מֶען זָאגִין דֶעם פָּסוּק יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי. (חוּץ וָואס מֶען זָאגְט אִיהם אֵיידֶער מֶען גֵייט אוֹיס שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה) דֶער נָאךְ זָאל מֶען זָאגִין אֱלֹהַי נְצוֹר:

כ וֶוען מֶען הַאלְט עוֹשֶׂה שָׁלוֹם זָאל מֶען זִיךְ בּוּקְן. אוּנ אַיינְגִיבּוֹיגְנֶע הַייט זָאל מֶען אוֹיס גֵיין דְרַייא טְרִיט אַהִינְטֶער אַזוֹי וִויא אַ קְנֶעכְט וָואס גֵייט אַוֶועק פוּן הַאר:

כא דִיא טְרִיט זָאלִין זַיין דֶער עֶק פוּן דֶעם פוּס בַּייא דֶעם אָן הֵייבּ פוּן דֶעם פוּס. מֶען זָאל נִיט מַאכִין קֵיין קְלֶענֶערֶע טְרִיט אוּנ אוֹיךְ נִיט קֵיין גְרוֹיסֶע. אוֹיךְ נִיט מֶער וִויא דְרַייא טְרִיט. מֶען זָאל אָן הֵייבִּין אוֹיס צוּ גֵיין מִיט דֶעם לִינְקְן פוּס:

כב וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיגַאנְגִין דִיא דְרַייא טְרִיט זָאל מֶען אַיין גִיבּוֹיגֶענֶע הַייט בֵּייגֶען דֶעם קָאפּ צוּ דֶער לִינְקֶער זַייט אוּנ זָאגִין עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו. דֶער נָאךְ זָאל מֶען בֵּייגֶען דֶעם קָאפּ צוּ דֶער רֶעכְטֶע זַייט אוּנ זָאגִין הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ. דֶער נָאךְ זָאל מֶען זִיךְ בּוּקְן גְלַייךְ פָארִינְט אוּנ זָאגִין וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל וְאִמְרוּ אָמֵן. יְהִי רָצוֹן כו׳:

כג אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ עֶס לָאזְן זִיךְ אוֹיס דִיא דְרַייא טְרִיט זָאל מֶען בְּלַייבִּין שְׁטֵיין בִּיז דֶער חַזָן וֶועט הַאלְטֶען קְדוּשָׁה. אַז עֶס אִיז דָארְט עֶנְג צוּ שְׁטֵיין אָדֶער וֶוען מֶען זָאגְט יוֹצֵר מֶעג מֶען צוּרִיק גֵיין בְּשַׁעַת דֶער חַזָן הֵייבְּט אָן דִיא הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה:

כד אוֹיךְ זָאל עֶר נִיט אִיבֶּער דְרֵייעֶן דָאס פָּנִים צוּ מַעֲרָב בִּיז דֶער חַזָן גֵייט אוֹיס דִיא שְׁטִילֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה:

כה דֶער וָואס דַאוֶוינְט נִיט מִיט קֵיין מִנְיָן דַארְף אַזוֹי לַאנְג צוּ שְׁטֵיין וואוּ דִיא דְרַייא טְרִיט לָאזְן זִיךְ אוֹיס גְלַייךְ עֶר וָואלְט גִידַאוֶוינְט מִיט מִנְיָן. אַז עֶס אִיז עֶנְג אִיז גִינוּג אַז עֶר שְׁטֵייט דָארְט אַזוֹי לַאנְג וִויא מֶען קֶען אָפּ גֵיין כֵּיהֶר אֵיילִין:

כו בְּשַׁעַת דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאל מֶען נִיט ווִינְקְן מִיט דִיא אוֹיגִין אָדֶער מִיט דִיא פִינְגֶער. אַז מֶען הֶערְט קַדִישׁ אָדֶער קְדוּשָׁה אָדֶער בָּרְכוּ זָאל מֶען נִיט עֶנְטְפֶערִין. נוּר מֶען זָאל שְׁוַויגִין אוּנ אִין זִינֶען הָאבִּין וָואס מֶען דַארְף צוּ עֶנְטְפֶערִין:

כז אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין אֱלֹהַי נְצוֹר מֶעג מֶען עֶנְטְפֶערִין דָאס אֵיינִיגֶע וָואס מֶען מֶעג עֶנְטְפֶערִין וֶוען מֶען הַאלְט נָאךְ יוֹצֵר אוֹר. (אַזוֹי וִוי מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבִּין בְּסִימָן י״א זֶעה אַיין דָארְט:

כח אַז אֵיינֶער אִיז אַזוֹיא שִׁיכּוֹר אַז עֶר קֶען נִיט רֶעדִין פַאר אַגְרוֹיסֶען מַאן טָאר עֶר דֶענְמָאלְט נִיט דַאוֶוינֶען:

## סימן יד. דִינִים פוּן מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם. טַל וּמָטָר. יַעֲלֶה וְיָבֹא. עֲנֵנוּ. עֶר הַאלְט אַכְט אוּנ צְוַואנְצִיג סְעִיפִים:

א ווִינְטֶער זָאגְט מֶען מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם פַאר מְכַלְכֵּל חַיִּים. בַּייא מוּסָף פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת הֵייבְּט מֶען אָן צוּ זָאגִין. דֶער שַׁמָּשׁ רוּפְט אוֹיס פַאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף „זָאגְט מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם“:

ב זָאגְט מֶען אַנְגַאנְצֶען ווִינְטֶער מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם בִּיז דֶער חַזָן בֶּענְשְׁט טַל דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג פֶּסַח בַּייא דֶער הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף. דֶער נָאךְ הֶערְט מֶען שׁוֹין

אויף

אויף דאס צו זאגן אנגאנצען זומער ביז דעם מוסף פון שמיני עצרת :

ג אז מען זאגט ניט ווינטער מוריד הגשם און מען דער מאנט זיך איידער מען האט געזאגט ברוך אתה ה" פון מחיה המתים זאל מען זאגן דא וואו מען האלט „משיב הרוח ומוריד הגשם" דער נאך מכלכל חיים :

ד אבער אז מען דער מאנט זיך הערשט ווען מען האט שוין אן גיהויבן אתה קדוש דארף מען נאך אמאל אן צו הייבן פון אן הייב שמונה עשרה :

ה אז מען דער מאנט זיך בשעת מען האט געזאגט ברוך אתה ה" פון מחיה המתים זאל מען זאגן מחיה המתים און דער נאך משיב הרוח ומוריד הגשם. דער נאך אתה קדוש :

ו אויף דיא ערטער וואס מען זאגט זומער מוריד הטל און מען איז זיך טועה און מען זאגט ווינטער אויך מוריד הטל און מען דער מאנט זיך ווען מען האט שוין געזאגט ברוך אתה ה" פון מחיה המתים זאל מען ווייטער דאווענען . און שוין ניט זאגן קיין משיב הרוח ומוריד הגשם . און ניט נאך אמאל אן הייבן :

ז אז מען דער מאנט זיך איידער מען האט געזאגט ברוך אתה ה" פון מחיה המתים זאל מען זאגן דא וואו מען האלט משיב הרוח ומוריד הגשם. מכלכל חיים כו" :

ח אז מען איז זיך טועה און מען זאגט זומער מוריד הגשם און מען דער מאנט זיך בשעת מען האט נאך ניט געזאגט ברוך אתה ה" כחיה המתים זאל מען אן הייבן אתה גבור און זאגן וויא עס קער צו זיין . אז מען דער מאנט זיך הערשט ווען מען האט שוין געזאגט דיא ברכה פון מחיה המתים דארף מען נאך אמאל אן צו הייבן דיא שמונה עשרה :

ט ווער שמועסט אז מען דער מאנט זיך הערשט ווען מען האט שוין אפ גידאווינט דיא שמונה עשרה דארף מען בוודאי נאך אמאל איבער צו דאווינען דיא שמונה עשרה :

י אז מען איז זיך טועה און מען זאגט ניט טל ומטר (נאך דעם וואס מען האט שוין אן גיהויבן אין מיטען חודש כסליו צו זאגן טל ומטר) און מען דער מאנט זיך איידער מען האט אויס גילאזט דיא ברכה ברוך אתה ה' מברך השנים זאגט מען ותן טל ומטר לברכה כו' .

יא אז מען האט שוין אויס גילאזט מברך השנים און מען דער מאנט זיך איידער מען האט אן גיהויבן תקע בשופר זאל מען זאגן דא דיא ווערטער „ותן טל ומטר" דער נאך זאל מען זאגן ווייטער וואו מען האלט תקע בשופר :

יב אז מען דער מאנט זיך אבער ווען מען האט שוין אן גיהויבן תקע בשופר זאל מען ניט זאגן צווישען קיין טל ומטר. נור ווייטער דאווענען און בשעת מען וועט האלטען אין מיטען דער ברכה פון שומע תפלה דהיינו בשעת מען האלט ריקם אל תשיבנו זאל מען זאגן דיא ווערטער ותן טל ומטר לברכה על פני האדמה כי אתה שומע :

יג אז מען האט זיך הערשט דער מאנט בשעת מען האט שוין אויס גילאזט דיא ברכה פון שומע תפלה און מען האט נאך ניט אן גיהויבן קיין רצה זאל מען זאגן ותן טל ומטר רצה כו' :

יד אבער אז מען דער מאנט זיך ווען מען האט שוין אן גיהויבן רצה דארף מען נאך אמאל אן צו הייבן ברך עלינו און צו דאווינען כסדר :

טו אז מען דער מאנט זיך הערשט ווען מען האט שוין אפ געזאגט דעם יהיו לרצון וואס מען זאגט איידער מען גייט אוים שמונה עשרה דארף מען איבער נייעם אן צו הייבן פון אן הייב שמונה עשרה :

טז דיא ערשטע נאכט פון חול המועד פסח זאגט מען שוין ניט קיין טל ומטר. נור ותן ברכה על פני האדמה :

יז אז מען איז זיך טועה און מען זאגט זומער טל ומטר און מען דער מאנט זיך אין מיטען דער ש"ע דארף מען נאך אמאל אן צו הייבן ברך עלינו צו זאגן כסדר :

אז

יח אַז מען דער מאַנט זיך הערשט ווען מען האָט שוין אָפּ געזאָגט דעם יהיו לרצון וואָס
מען זאָגט איידער מען גייט אויס שמונה עשרה דאַרף מען נאָך אַמאָל אָן צו הייבין
פון אָן הייב שמונה עשרה:

יט אַז מען איז מסופק צו מען האָט געזאָגט מוריד הגשם אָדער טל ומטר אין די
ערשטע דרייסיג טאָג וואָס מען זאָגט אַנדערש וויא פריער האָט מען בודאי גידאַווינט
אַזוי וויא מען איז פריער געוואָנט געווען. איבער דעם דאַרף מען נאָך אַמאָל איבער צו
דאַווינען באופן וויא מיר האָבין געשריבין גלייך מען וואָלט זעכער געזאָגט וויא פריער.
אָבער נאָך דרייסיג טאָג האָט מען מן הסתם געזאָגט אַזוי וויא מען האָט זיך געוויינט אין
די דרייסיג טאָג:

כ אַז מען איז זיך טועה אונ מען זאָגט ניט ראש חדש ביי שחרית אָדער ביי מנחה
קיין יעלה ויבא אונ מען דער מאַנט זיך איידער מען האָט געזאָגט ברוך אתה ה' פון
המחזיר שכינתו לציון זאָל מען זאָגין יעלה ויבא אונ נאָך אַמאָל זאָגין ותחזינה:

כא אַז מען דער מאַנט זיך בשעת מען האָט שוין געזאָגט ברוך אתה ה' זאָל מען זאָגין
המחזיר שכינתו לציון אונ זאָגין יעלה ויבא אונ ווייטער זאָגין מודים כו':

כב אַז מען דער מאַנט זיך ווען מען האָט שוין אָן געהויבין מודים דאַרף מען נאָך אַמאָל
אָן צו הייבען רצה:

כג אַז מען דער מאַנט זיך הערשט ווען מען האָט שוין אָפּ געזאָגט דעם יהיו לרצון וואָס
מען זאָגט איידער מען גייט אויס שמונה עשרה. אָדער מען איז מסופק נאָך דער
שמונה עשרה צו מען האָט געזאָגט יעלה ויבא צו ניט דאַרף מען נאָך אַמאָל איבער צוא
דאַווינען שמונה עשרה:

כד די איינגע דינים זענען אויך אַז מען זאָגט ניט חול המועד יעלה ויבא ביי שחרית
אָדער מנחה אָדער מעריב:

כה אָבער אַז מען זאָגט ניט ראש חודש ביי מעריב קיין יעלה ויבא אונ מען דער מאַנט
זיך ווען מען האָט שוין געזאָגט ברוך אתה ה' פון המחזיר שכינתו לציון זאָל מען
ווייטער זאָגין אונ שוין ניט זאָגין יעלה ויבא. אויך אַז מען דער מאַנט זיך נאָך שמונה
עשרה זאָל מען ניט נאָך אַמאָל דאַווינען שמונה עשרה ביי מעריב פון ראש חדש:

כו אַז מען פאַסט זאָגט מען ביי מנחה ביי שמע קולנו עננו אַזוי וויא עס שטייט אין סידור:

כז אַז מען פאַר געסט צו זאָגין עננו אונ מען דער מאַנט זיך בשעת מען האָט שוין
געזאָגט ברוך אתה ה' פון שומע תפלה זאָל מען דאַווינען ווייטער אונ איידער מען
גייט אויס שמונה עשרה זאָל מען זאָגין עננו ביז בכל עת צרה וצוקה דער נאָך זאָגט מען
יהיו לרצון כו':

כח אַז מען דער מאַנט זיך הערשט ווען מען גייט שוין אויס שמונה עשרה זאָגט מען
שוין ניט קיין עננו. אונ מען זאָל ניט נאָך אַמאָל דאַווינען:

## (וישלח) סימן טו. דינים פון דער הויכע שמונה עשרה אונ פון קדושה.
## ער האַלט עליף סעיפים:

א ווען דער חזן גייט אויס די שטילע שמונה עשרה שטייט ער דאָרט אַזוי לאַנג וויא
מען קען אָפּ גיין פיהר איילין אונ גייט צוריק צום עמוד אונ זאָגט שטילער הייט אדני
שפתי תפתח כו' אונ הייבט אָן הויך ברוך אתה כו':

ב די מענטשין וואָס רעדין בשעת דער חזן זאָגט די הויכע שמונה עשרה טוען אַגרויסע
עבירה. דען יעדער מענטש איז מחויב דערמאָלט צו שווייגין אונ גוט אויס הערין פון
חזן אונ נאָך זאָגין ברוך הוא וברוך שמו אונ אמן נאָך יעדערע ברכה וויא עס קער צו זיין:

דער

ג דער חזן דארף געווארינט צו זיין אז ער לאזט אויס איין ברכה ער זאל ניט אן הייבין די אנדערע ברכה ביז דער עולם זאגט אמן נאך דער ברכה :

ד בשעת קדושה דארף יעדער מענטש צו שטיין בנאנט די פיס. בשעת מען זאגט קדוש קדוש אדער ברוך אדער ימלוך זאל מען אויף הייבין דעם גוף מיט די פיס פון הינטען.
יא אויגין זאל מען אויף הייבין צום הימעל. עס איז גלייך צו האלטען זייא צו גימאכט בשעת קדושה :

ה בשעת דער חזן זאגט מודים דארף זיך דער גאנצער עולם צו בוקין אונ זאגין מודים דרבנן וואס שטייט אין סידור :

ו אז איינער האלט דערמאלט אין מיטען שמונה עשרה אז ער האלט אין מיטען וועלכע ברכה זאל ער זיך אויך בוקען נור ניט זאגין קיין מודים. אבער אז ער האלט אין אן הייב אדער סוף וועלכע ברכה וואס מען בוקט זיך ניט בייא איהר מאר ער ניט זיך בוקען :

ז איידער דער חזן זאגט שים שלום זאגט ער אלהינו ואלהי אבותינו ברכנו כו' :

ח בשעת ער זאגט וישמרך אדער ויחנך אדער שלום זאל דער עולם זאגין כן יהי רצון אנ ניט קיין אמן :

ט דעם או"א זאגט מען נור בייא שחרית אדער מוסף אונ ניט בייא מנחה. תענית זאגט מען איהם יוא בייא מנחה. בייא איין אבל ר"ל אדער תשעה באב אין דער פריא זאגט מען איהם ניט :

י נאך המברך את עמו ישראל בשלום זאל דער חזן זאגין שטילער הייט יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי. די דרייא טריט דארף ער ניט אויס גיין נור ווען ער זאגט בייא קדיש עושה שלום במרומיו כו' :

יא תענית זאגט דער חזן אין דער הויכע שמונה עשרה בייא שחרית אונ בייא מנחה עננו (מיט דעם אויס לאז פון דער ברכה) פאר רפאנו. אויב עס איז דארט דא צעהן יודען וואס פאסטען אויס דעם תענית :

# סימן טז. דינים פון תחנון אונ אשרי ובא לציון. ער האלט צוועליף סעיפים :

א מען טאר ניט רעדין נאך דער שמונה עשרה איידער מען זאגט תחנון :

ב אין דער פריא וויל מען גייט אין תפילין אויף דער לינקע האנד פאלט מען תחנון אויף דער רעכטע האנד. בייא מנחה פאלט מען אויף דער לינקער האנד :

ג מען דארף צו פאלין תחנון זיצענדיג. אז מען האט ניט וואו צוא זיצען מעג מען שטייענדיג. והוא רחום זאגט מען שטייענדיג :

ד מען פאלט ניט תחנון נור דארט וואו עס איז דא א ספר תורה. אבער וואו עס איז ניט דא קיין ספר תורה זאגט מען אזוי תחנון :

ה אז מען דאווינט בייא איין אבל ר"ל זאגט מען ניט קיין תחנון גאנצע זיבען טאג. אז דער אבל דאווינט אין שול זאגט ניט דער אבל קיין תחנון. אבער דער עולם זאגט יוא תחנון :

ו מען זאגט ניט קיין תחנון אין דער שול וואס איז היינט אין איהר א ברית. אדער עס דאווינט דארט דער בעל ברית אדער דער סנדק אדער דער מוהל. אויך אז עס איז דא א חתן אין שול זאגט מען ניט קיין תחנון :

ז אין די טעג זאגט מען ניט קיין תחנון. ראש חודש. חמשה עשר באב. חמשה עשר בשבט. חנוכה. קליין פורים צווייא טאג. גרויס פורים צווייא טאג. ל"ג בעומר. א גאנצין חודש ניסן. תשעה באב. פון יום כיפור ביז סוכות. פון ראש חודש סיון ביז נאך אסרו חג פון שבועות. טייל זענען זיך נוהג ביז דרייצעהן טאג אין סיון. אסרו חג פון סוכות :

ח אין דיא אלע טעג זאגט מען ניט קיין תחנון אפילו ביא דער מנחה פון דעם טאג
דער פריער. ערב ראש השנה אונ ערב יום כיפור זאגט מען אויך ניט קיין תחנון
אבער א טאג פריער ביא מנחה זאגט מען יא תחנון. ערב ראש השנה זאגט מען אפילו
ביא דיא סליחות פאר טאג אויך תחנון:

ט נאך תחנון זאגט מען חצי קדיש. מאנטיג אונ דאנערשטיג זאגט מען אל ארך אפים
שטייענדיג:

י מען דארף געווארינט צו זיין ביא אשרי ובא לציון אין זינגן צו האבין דיא טייטש
פון דיא ווערטער. בפרט ביא דעם פסוק פותח את ידך פון אשרי (אזוי וויא מיר
האבין געשריבין בסימן י׳ סעיף ז׳ זעה איין דארט):

יא נאך אשרי זאגט מען למנצח. אין דיא טעג זאגט מען ניט קיין למנצח. ראש חודש
חנוכה. קליין פורים צווייא טאג. גרויס פורים צווייא טאג. ערב פסח. ערב יום
כיפור. תשעה באב. ביא איין אבל ר״ל זאגט מען אויך ניט קיין למנצח. דענטאלט
ווען מען זאגט ניט למנצח זאגט מען ניט אל ארך אפים:

יב מען דארף צו זאגין ובא לציון בנאנט מיט דעם ציבור

## (וישב) סימן יז. דינים פון לייענין אין ספר תורה. ער האט פופצעהן סעיפים:

א דער וואס איז עולה תורה זאל גיין אין נעענטערין וועג צום שלחן, אונ בשעת ער
גייט צוריק צו זיין ארט זאל ער גיין אין דעם ווייטערין וועג. אז ביידע וועגין זענין
גלייך זאל ער גיין צום שלחן אין דעם וועג פון דער רעכטי האנט אונ צוריק זאל ער
גיין אין אנדערין וועג:

ב ער זאל ניט צוריק גיין ביז דער וואס מען רופט איהם אויף נאך איהם וועט מאכין
דיא אנדערע ברכה:

ג בשעת ער וויל מאכין דיא ערשטע ברכה זאל ער פריער עפינען דיא ספר תורה אונ
זעהן וואו מען וועט מיט איהם לייענין אונ זאל צו האלטין דיא ספר תורה ביא דיא
עץ החיים מיט ביידע הענט אונ זאל זאגין הויך ברכו את ה׳ המבורך. דער עולם זאל
הערין אונ ענטפערין ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד:

ד דער נאך זאל ער אויך זאגין ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד אונ זאל מאכין הויך
דיא ברכה אשר בחר בנו כו׳. דער עלם זאל ענטפערין אמן. דער נאך זאל ער
נאר האלטין דיא ספר תורה מיט דער רעכטי האנט בשעת דעם לייענין:

ה בשעת דער בעל קורא לייענט זאל ער נאך זאגין שטילער הייט. דער נאך זאל
ער צו האלטין דיא ספר תורה מיט ביידע הענט אונ צו וויקלען דיא ספר תורה
אונ מאכין דיא ברכה אשר נתן לנו תורת אמת כו׳:

ו מען טאר ניט אן ריהרען אין דעם פארמיט פון דער ספר תורה נאר דארף דעם טלית
אדער דארף עפים אנדערש:

ז דער וואס איז עולה תורה אונ דער וואס לייענט דארפין צוא שטיין. זיא טארין
זיך ניט אן לענין אויף קיין שום זאך דען מען דארף צו לייענין מיט גרויס פארכט
פאר השם יתברך. א שלאפער מענטש מעג זיך עטוואס אן לענין:

ח זינט מען הייבט אן צו לייענין ביז מען לייענט אפ אין גאנצען טאר דער גאנצער
עולם ניט רעדין אפילו ווען מען רופט אויף. בפרט ווען מען לייענט דארף מען קיינער
גוט אויס הערין:

ט מען טאר ניט ארויס גיין בשעת דעם לייענין. אז מען דארף גייטיג צו גיין ערגיץ
מעג

מֶעג מֶען גֵיין בְּשַׁעַת מֶען רופְט אויף :

י אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם אויף גֶירופִין און עֶר הַאלְט אִין מִיטֶען דַאוִוינֶען אַז עֶר הַאלְט פַאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאל עֶר גֵיין און מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת און זָאל נִיט נָאךְ זָאגִין מִיט דֶעם וָואס לֵייעֶנְט נָאר זָאל הֶערִין פוּן אִיהם :

יא אַז עֶר הַאלְט שׁוֹין בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ גָּאַל יִשְׂרָאֵל אָדֶער אִין מִיטֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פַאר הַמְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בַּשָּׁלוֹם זָאל עֶר נִיט גֵיין. נור אַנאַנְדֶערֶער זָאל גֵיין אויף זַיין אָרְט :

יב נָאךְ דֶעם לֵייעֶנֶען זָאל מֶען זָאגִין חֲצִי קַדִּישׁ און מֶען זָאל אויף הֵייבִּין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה :

יג מֶען זָאל הַאלְטִין הויךְ דִיא סֵפֶר תּוֹרָה אָפִין דְרַייא עַמּוּדִים און וַוייזִין דָאס כְּתָב דֶעם עוֹלָם אִין אַלֶע זַייטִין. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל זֶעהְן דָאס כְּתָב און זָאגִין וְזֹאת הַתּוֹרָה כו׳ :

יד דֶער נָאךְ זָאל מֶען צוּ ווִיקְלֶען דִיא סֵפֶר תּוֹרָה. דִיא יְרִיעוֹת וואו זַייא וֶוענֶען צוּנַאנְט גֶינֵייט זָאל אוים קוּמֶען אִין מִיטֶען :

טו תָּמִיד וֶוען מֶען לֵייעֶנְט זָאגְט מֶען דֶער נָאךְ חֲצִי קַדִּישׁ. חוּץ בַּייא מִנְחָה פוּן שַׁבָּת און פוּן תַּעֲנִית זָאל מֶען נִיט זָאגִין קֵיין קַדִּישׁ נור הֶערְשְׁט פַאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה :

# סימן יח. דִינִים פוּן תּוֹרָה לֶערְנִין. און פוּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים. עֶר הַאלְט צְוֶועלְף סְעִיפִים :

א יֶעדֶער יוּד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אֲפִילוּ דֶער וָואס הַאנְדִילְט אָדֶער טוּהְט וֶועלְכֶע מְלָאכָה אִיז מְחוּיָב זִיךְ אִיבֶּער צוּ לָאזִין צַאמְטִין בַּטָאג און בַּנַאכְט צוּ לֶערְנֶען :

ב אַז מֶען קֶען נִיט לֶערְנֶען אִיז מֶען מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען אִין דִיא הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען אִיבֶּער גֶיזֶעצְט אויף עִבְרִי טַייטְשׁ. אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען צוּ הָאבִּין תָּמִיד גְרֵייט סְפָרִים און וֶוען מֶען הָאט צַייט זָאל מֶען לֶערְנֶען אִין זַייא :

ג דִיא מִצְוָה פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען אִיז זֵייעֶר גְרוֹים. דַארִיבֶּער דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס הַאנְדְלִין און לֶערְנֶען נִיט וִויא עֶס קֶער צוּ זַיין דַארְף מֶען צוּ גֶעבִּין דִיא עֶרְלִיכֶע יוּדֶען וָואס לֶערְנֶען תָּמִיד אויף פַּרְנָסָה וֶועט זַיין אַזוֹי גוּט גְלַייךְ זַייא אַלֵיין לֶערְנֶען :

ד אַז מֶען לֶערִינְט און מֶען ווִיל אַרוֹיס גֵיין זָאל מֶען נִיט לָאזֶען אָפֶען דָאס סֵפֶר. דֶען דוּרְךְ דֶעם פַאר גֶעסְט מֶען דָאס לֶערְנֶען :

ה בְּשַׁעַת מֶען לֶערִינְט זָאל מֶען אַרוֹיס זָאגִין מִיט דֶעם מוֹיל יֶעדֶער וָוארְט. אויךְ אִיז גְלַייךְ צוּ לֶערְנֶען הויךְ. דֶען דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען גֶידֶענְקִין וָואס מֶען לֶערִינְט :

ו עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ לָאזִין זִיךְ שְׁרַייבִּין אַ סֵפֶר תּוֹרָה. אויךְ אִיז אַ מִצְוָה צוּ קוֹיפֶען זִיךְ סְפָרִים און לֶערְנֶען אִין זַייא אָדֶער צוּטַיילֶען אַנְדֶערֶע יוּדֶען צוּ לֶערְנֶען :

ז מֶען דַארְף שְׁטַארְק עֶרְלִיךְ צוּ הַאלְטִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה. צוּ הַאלְטִין זַייא אויף אַ שֵׁיין אָרְט. מֶען זָאל נִיט שְׁפַּייעֶן קֵיגֶען דֶער סֵפֶר תּוֹרָה :

ח אַז מֶען טְרָאגְט דִיא סֵפֶר תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ אויף שְׁטֶעלִין בִּיז זַיא קוּמְט אויף אִיהר אָרְט אָדֶער בִּיז מֶען קֶען זַיא שׁוֹין נִיט זֶעהְן :

ט אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים דַארְף מֶען אויךְ צוּ הַאלְטִין בְּכָבוֹד. אַז זַייא לִיגֶען אויף אַ בַּאנְק זָאל מֶען נִיט זִיצֶען אויף דֶער בַּאנְק צַאמְטִין זַייא לִיגֶען אויף עֶפֶּעס :

י מֶען טָאר נִיט וַוארְפִין קֵיין סֵפֶר. אויךְ נִיט נִיצֶען מִיט אַ סֵפֶר צוּ צוּ דֶעקִין אַזַאךְ אָדֶער פַאר שְׁטֶעלִין דֶער מִיט :

יא אויךְ טָאר מֶען נִיט לֵייגִין אַ סֵפֶר פַאר קֶערְט. אַז מֶען זֶעהְט עֶס לִיגֶען פַאר קֶערְט דַארְף מֶען עֶס גְלַייךְ לֵייגִין :

יב מֶען זָאל נִיט לֵייגִין קֵיין אַנְדֶערֶע סְפָרִים אויף אַ חוּמָשׁ :

## (מקן) סימן יט. גוטע מדות וויא אַזויא אַ יוד דאַרף זיך פיהרען. עֶר האַלט צוויא אונ פופציג סְעִיפִים:

א אַמענטש טאָר ניט גלוסטין צו איבעריגע זאַכין. נור צו דיא זאַכין וואָס ער קען ניט אָן זייא:

ב אויך טאָר מען ניט זיין צו קאַרג אונ אויך ניט צו מילד. נור געבין צְדָקָה וויא ווייט מען קען אונ אַנטלייען וועכין מען דאַרף:

ג אויך טאָר מען ניט זיין תָּמִיד מיט געלעכטער אונ אויך ניט טרויעריג נור מיטעל פריילין אונ יעדערין צו נעמען מיט אַ שיין פָּנִים:

ד אויך טאָר מען ניט איין רייסין צו וועלין צו פיהל געלט אונ אויך ניט גאר ליידיג גיין נור האַנדלין צו האָבין פַּרְנָסָה. אונ דער עִיקָר צו דינען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וואָס דאָס וועט איהם בלייבין אויף אייביג. אונ אַזוי אין אַנדערע מִדּוֹת איז מען אַלין מְחוּיָב צוא גיין אין מיטעל וועג:

ה מען דאַרף אין דיא זאַכין שטאַרק געוואָרינט צו זיין דען מען קען ניט מְקַיֵּים זיין דיא מִצְוֹת פון דער תּוֹרָה ביז מען געוויינט זיך אָפּ פון דיא שלעכטע מִדּוֹת. דען דער מענטש וואָס איז צו קאַרג אָדער דער וואָס וויל תָּמִיד איין רייסין געלט אַז עס קומט צו עפּעס אַ מִצְוָה וואָס דאַרף צו קאָסטין געלט בלייבט ער שטיין אונ האָט שוין ביינע תֵּירוּצִים אַז ער איז פָּטוּר פון איהר אונ בלייבט ביי זיך גאָר גערעכט. מען דאַרף אָבער צו דינען דעם אייבערשטין מיט דעם גאַנצען כֹּחַ אונ מיט דעם גאַנצען פאַר מעגין:

ו פון דער מִדָּה פון טרויערקייט מוז מען זיך אויך אָפּ געוויינען. דען דער מענטש דאַרף צו וויסען אַז יעדער זאַך וואָס גייט איהם דורך איז אַלְץ פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אונ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וויל תָּמִיד דעם מענטשנס טוֹבָה:

ז דאַריבער אֲפִילוּ עס דאַכט זיך דעם מענטש אַז עס איז איהם שלעכט פון פַּרְנָסָה אָדער פון אַנדערע זאַכין דאַרף ער צו גלייבין אַז דאָס איז אַלְץ פון אייבערשטין איהם צו גוטען. אונ דער אייבערשטער ווייסט אַז דאָס איז גוט פאַר איהם:

ח מיט יעדער זאַך וואָס איז שלעכט אויף דער וועלט אונ מען נעמט עס צו בְּשִׂמְחָה ווייל מען ווייסט אַז עס איז אַלְץ פון אייבערשטען צו גוטען קומט מען דער מיט אָפּ פון דיא זינד וויא פיהל מאָל אַזוי פיהל וואָס מען דאַרף אָפּ צו קומען אויף יענער וועלט:

ט דאַריבער דאַרף דער מענטש גאָר ניט צו קוקען אויף קיין שום זאַך אונ נור צו גלייבין אין אייבערשטין אונ צו דינען איהם בְּשִׂמְחָה וויא ווייט מען קען וועט דער אייבערשטער בְּוַודַּאי העלפין אַז עס וועט איהם ווערין גוט אין אַלדינג אַז ער וועט אַליין זעהן אַלדינג גוטין:

י דיא מִדָּה פון גַּאֲוָה וואָס מען האַלט זיך גרויס איז זייער אַשלעכטע מִדָּה. דאַריבער טאָר מען ניט האָבין אֲפִילוּ קיין ביסעל גרויסקייט אין זיך. נור מען זאָל זיין ביי זיך גאַנְץ נידריג וויא ווייט עס איז נור מעגליך:

יא דער כַּעַס איז אויך זייער אַשלעכטע מִדָּה. מען דאַרף זיך צו דער ווייטערען גאַנְץ שטאַרק דער פון. הַיְינוּ מען זאָל זיך ניט בייזערין אֲפִילוּ אויף דיא זאַכין וואָס מען דאַרף זיך צו בייזערין:

יב דאָס בייזערין איז אַגרויסע עֲבֵירָה. ווען דער מענטש זאָל זיך באַרעכינען דעם אֱמֶת וואָלט ער קיינמאָל ניט געהאַט אויף וואָס זיך צו בייזערין:

יג דען דער אֱמֶת איז אַז יעדער זאַך איז פון אייבערשטין. אֲפִילוּ אַ מענטש שעלט איהם אָדער שלאָגט איהם אָדער טוהט אַשאָדען זיין געלט איז אויך נור ווייל דער אייבערשטער האָט אַזוי גוזר געוועזין אַז דער מענטש זאָל געשאַדיגט ווערין. נור יענער איז

דער

דער עליה דער פון. אבער ווען דער אייבערשטער וואלט ניט אזוי גוזר געווען וואלט
יענעם גאר ניט איין גיפאלין איהם צו שאדינען אדער ער וואלט גאר ניט גיקענט איהם שאדינען:

יד יענער מענטש ווערט בזונדער כחייב וואס ער האט גישאדינט דען ער האט גיהאט
בייא זיך דיא בחירה ניט צו זיין דער שליח דער פון. אבער דעם מענטש וואס ווערט
גישאדינט איז ניט קיין חילוק. דען אז דער מענטש וואלט איהם ניט גישאדינט וואלט איהם
אנאנדערער גיטאן. דען דער אייבערשטער האט פיהל שלוחים צו טאן וואס ער וויל:

טו מכילא פאר שטייט מען שוין אז מען האט קיין מאל ניט וואס בייז צו זיין. דען מיר
האבין שוין גישריבין אז דער אייבערשטער וויל נור דעם מענטשעס טובה און אלדינג
וואס ער טוהט דעם מענטש איז אלטין אויף דעם מענטשינס גוטען:

טז דיא גמרא זאגט אז אגרויסער תנא האט גיזעהן וויא מען פאר שפרייט אנעטץ צו
פאנגען פייגעל. האט ער גיהערט א קול פון הימעל בייא יעדערן פויגעל צו ער וועט
גיפאנגין ווערין צו ניט. בייא דעם פויגעל וואס דאס קול האט גיזאגט אז ער וועט גיפאנגין
ווערין איז ער גיפאנגען גיווארין. בייא דעם פויגעל וואס דאס קול האט גיזאגט אז ער
וועט ניצול ווערין איז ער ניצול גיווארין פון דער נעטץ:

יז זעהט מען שוין אז אפילו א פויגעל ווערט ניט גיפאנגין צאטין עס איז באשערט פון הימעל.
ווער שמועסט וואס עס קומט איף א מענטש איז בודאי נאר פון אייבערשטין:

יח איבער דעם זאגט דער פסוק „מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו" דאס איז טייטש וואס
האט א מענטש צוא זארגין נאר אויף זיינע זינד. דען דיא זינד ברענגען אויף איהם
דאס שלעכטין:

יט דאריבער דארף ער ניט בייז צוא זיין אויף קיין אנדערין נאר אויף זיך אליין. און אז
ער וועט תשובה טוען און שוין ניט זינדיגען וועט דער אייבערשטער בודאי העלפין אז
עס וועט זיין גאנץ גוט:

כ אז מען דארף טיילמאל צו שטראפין די קינדער אדער דם בני בית זאל מען זיך מאכין
פאר זייא גלייך מען איז בייז כדי זייא זאלין אביסעל מורא האבין פאר איהם. אבער
באמת זיין בייז טאר מען קיינמאל ניט:

כא אז עס טרעפט זיך צו בייזערין זאל מען זיך איין האלטין וויא ווייט מען קען. ניט צוא
רעדין דאמאלס און ניט טאהן און ניט קלערין דאמאלס נאר אפ לייגען אויף מארגין
ווען מען וועט זיין בייא רוהט. אבער דאמאלס ווען מען איז בייז אדער מען האט עגמת נפש
איז מען ניטשט בייא דעם רעכטין שכל:

כב אז מען זידעלט איהם איז א מצוה ער זאל ניט ענטפערין. און פאר דעם וועט ער האבין
א גרויסין שכר אויף יענער וועלט:

כג א מענטש זאל ניט צו פיהל רעדין. נור אדער פון לערנין אדער דיא זאכין וואס ער דארף
פון זיין גוף וועגין:

כד אפילו דיא זאכין וואס ער דארף איז אויך גלייך וואס ווייניגער צו רעדין אין זייא.

כה יעדער מענטש וואס רעדט צו פיהל זינדיגט געווים מיט דיא רייד. ווער שמועסט אז
ער רעדט ליצנות אדער מיאוסה רייד איז בודאי אגרויסע עבירה. און עס שאט צו דער
פרנסה און צו אלדינג:

כו דאריבער איז דאס גלייכסטע פאר דעם מענטש ער זאל זיך היטען צוא רעדין וויא
ווייט ער קען:

כז דער מענטש דארף זיך צו פרייען מיט דעם ביסעל וואס ער האט. ער טאר ניט האבין
קנאה אין אנאנדערין וואס האט מעהר. דען יענער האט זיך אליין ניט גינומען נור
השם יתברך האט איהם גיהאלפין. און אלדינג וואס השם יתברך טוהט איז בודאי גלייך
און גוט:

כח אויך טאר מען ניט גלוסטען צו יענעמס זאך. אויך זאל אמענטש ניט וועלין אז מענטשין זאלין איהם גרויס האלטען דען אלדינג איז ביי השם יתברך אין דער האנד:

כט דער מענטש טאר נישט זאגין איך זעה אז עסין און טרינקען און נאך געבין זיך וואס מען גלוסט ברענגט צו זינדיגען דאריבער וויל איך מיך גאר אפ שיידען פון אלימען איך וויל ניט עסין קיין פליישׁ און וויל ניט גיין אהן גיטוען וויא אמענטש. דאס טאר מען אויך ניט:

ל אונזערע חכמים שרייבין אז אמענטש זאל זיך ניט דער ווייטערין נור פון די זאכען וואס דיא תורה האט אונז גיהייסין. אבער ניט טאהן נדרים אדער שבועות אויף דיא זאכין וואס מען מעג:

לא אויך זאל מען ניט פאסטין מעהר וויא מען דארף. דען עס איז גלייכער צו עסין מען זאל כח האבין דעם איבערשטין צוא דינען. נור מען זאל נישט צוא פיהל זיך נאך געבין דיא תאוות. נור מען זאל זיך פירען אין מיטעלין וועג אזוי וויא מיר האבין גישריבין:

לב אמענטש זאל זיך ניט שעמין פאר דיא מענטשין וואס שפעטין פון איהם וואס ער טוט אזעלכע זאכין וואס גיהער צום איבערשטינס דינסט. נאר ער זאל ווייטער דינען דעם איבערשטין וועט איהם בעסער זיין פון זייא:

לג נור ער זאל זיך נישט קריגען מיט זייא און אויך נישט ענטפערין קיין עזות ער זאל זיך נישט גיוויינען צו זיין אין עזות פנים:

לד אויך טאר מען ניט זיך קריגען צו וועלין דווקא דאווינען פארין עמוד אדער עולה תורה זיין:

לה עס איז פאר האנין טייל מענטשין אז דער גבאי גיט זייא ניט אזוי אין עליה וויא זייא ווילען קריגען זייא זיך מיט איהם. זייא זענין אבער גאר פאר גערט דען דער איבערשטער איז זייא מוחל דיא מצוה זייא זאלין זיך ניט קריגען איבער איהר אז מען טוהט נור ניט קיין עבירה דארף מען זיך שוין ניט קריגען:

לו דיא טבע איז פון מענטש זיך צו פיהרען אזוי וויא זיינע חברים פיהרען זיך איבער דעם דארף דער מענטש צו זיין תמיד בבאנט מיט ערליכע יודען כדי ער זאל זיך אפ לערנען פון זייערע גוטע מעשים. און ער זאל זיך דער ווייטערין פון דיא רשעים כדי ער זאל זיך ניט אפ לערנען ח"ו פון זייערע מעשים:

לז נור וויא ווייט מען קען זאל מען בעהעפטין זיך מיט ערליכע יודען. משדך צו זיין זיך מיט זייא און נעמין איידימעם וואס קענין לערנין און עסין און טרינקען מיט ערליכע יודען און אלדינג צו זיין בבאנט מיט זייא. דאס אלטץ איז אגרויסע מצוה:

לח עס איז א מצוה ליב צו האבין יעדערין מענטש אזוי וויא זיך אליין. דאריבער דארף מען יענעמס צו טוען א טובה אזוי גוט וויא זיך אליין. און צו זעהן וויא ווייט מען קען יענעמס געלט זאל ניט גישאדינט ווערין גלייך עס איז זיין אייגינס:

לט מען טאר ניט פיינט האבין קיין שום מענטש נאר דעם פושעי ישראל וואס מען ווארינט איהם ער זאל זיין גוט און ער וויל ניט איז א מצוה איהם פיינט צו האבין און זעך צו דער ווייטערין פון איהם ביז ער וועט טוען תשובה און שוין ניט זינדיגען:

מ אז איינער זינדיגט קיגען אנדערין אין געלט זאכין טאר ער איהם ניט פיינט האבין דער פאר. אבער אז ער איז איהם אליין שטארק כצער דארף ער איהם ניט מוחל צו זיין ביז ער וועט איהם איבער בעטין:

מא נור ער טאר ניט גלאט פיינט האבין יענעם אין הארץ און שווייגין נור ער זאל יענעם איבער פרעגין וועז קיינער הערט ניט פאר וואס האסט דוא מיר גיטוען דאס שלעכטץ. און אז יענער בעט איהם איבער דארף ער איהם מוחל צו זיין:

אז

מב אז איינער זעהט דעם אנדערן טאן איין עבירה איז א מצוה צו שטראפן איהם ער זאל ניט טאן:

מג ער זאל איהם שטראפן ווען קיינער הערט ניט מיט א ווייך לשון ער זאל ניט פאר שעמט ווערן:

מד דער וואס קען ווערן מען זאל ניט זינדיגען און פאר ווערט ניט ווערט ער אליין געשטראפט פאר דער זינד:

מה איבער דעם איז מחויב יעדערע באלבאסטע אכטונג צו געבן אויף איהר דינסט זיא זאל זיך וואשען און בענטשען ווען זיא דארף. אז זיא קען ניט בענטשען דארף דיא באלאבאסטע מיט איהר צו בענטשען:

מו אויך דארף זיא אכטונג געבן דיא דינסט זאל הערן קידוש און הבדלה. און אלע מצות מקיים זיין וויא ווייט מעגליך איז:

מז אז איינער זעהט זינדיגען א מענטש וואס האט מיט איהם ניט קיין התחברות און אז ער וועט איהם שטראפן וועט ער איהם ניט הערן און וועט איהם נאר פיינט האבען דאדורך דארף ער איהם ניט צו שטראפן:

מח מען טאר ניט פאר שעמען קיין שום מענשען ניט מיט קיין ווארט און ניט מיט קיין מעשה. אויך טאר מען ניט רופען קיין מענשען אזא צונאמען וואס ער שעמט זיך מיט איהם. אויך טאר מען ניט פאר איהם דער ציילן אזא זאך וואס ער שעמט זיך דער פון:

מט מען איז מחויב געווארינט צו זיין אין יתומים אדער אין אלמנות אפילו זייא זענען רייך אין געלד מען זאל זייא ניט מצער זיין אפילו מיט רייד:

נ אז מען וויל זייא לערנען אין גוטע וועג מעג מען זייא שטראפן אביסעל. נור מיט רחמנות:

נא מען דארף דאס צו הארינען דיא שטיף מוטערס אז עס איז אגרויסע עבירה מצער צו זיין א יתום:

נב א מענטש דארף געווארינט צו זיין ניט צו טאן אזא זאך וואס מענשען קענען איהם חושד זיין אז ער טוהט איין עבירה. אפילו ער טוהט באמת ניט קיין עבירה:

## (ויגש סימן כ. דינים אז מען טאר ניט רעדן קיין רכילות אדער שעלטען אויף א מענטשען. און מען טאר ניט זיך נוקם זיין. ער האלט אכצעהן סעיפים:

א מען טאר ניט גיין מיט רכילות פון איינעם צום אנדערן צו זאגין איהם אזויא דאס יענער געזאגט. אזוי האב איך געהערט אויף יענעם אפילו דאס איז אמת. עס איז אגרויסע עבירה צו גיין פון איינעם צום אנדערן מיט אזעלכע רייד

ב מען טאר ניט רעדן קיין לשון הרע אויף א מענטשען. דהיינו אפ צו רעכטן דער מענטש איז אזוי שלעכט אפילו עס איז אמת איז עס אגרויסע עבירה. ווער שמועסט אז עס איז ליגענט:

ג דיא מענטשין וואס זייער שטייגער איז תמיד אפ צו רעכטין פון אנדערע צו זאגין אזוי און אזוי האט יענער געטוהן. אזעלכע עלטערן האט יענער געהאט אזעלכע שלעכטע זאכין האב איך געהערט אויף איהם. דיא מענטשין וואס זענען געוואוינט מיט דעם האבין ניט קיין חלק לעולם הבא נור זייא ווערין פאר שניטען און משפט אייביג אויף דער זינד:

ד מען דארף דאס צו ווארינען. בייא מאנצביל בייא ווייבער זייא זאלין זיך שטארק היטען פון דער עבירה:

ה אז איינער דער ציילט דעם אנדערן שלעכטס אויף יענעם טאר ער איהם ניט גלייבין יענעם פיינט צו האבין דורך דעם אדער צו בצאלין יענעם שלעכטס דער פאר. נאר

אז עס איז אזא זאך וואס אויב עס איז אמת דארף ער זיך צו היטען פאר יענעם זאל ער
זיך היטען:

ו אפילו אזעלכע ווערטער וואס איז ניט רעכט לשון הרע טאר מען אויך ניט רעדין למשל
צו זאגין שווייגטין פון יענעם איך וויל ניט דער ציילין וואס עס איז געוועזן. דען פון
דעם פאר שטייט מען אז ער ווייסט עפּעס שלעכטעס אויף יענעם:

ז אויך טאר מען ניט רעדין קיין גוטס אויף א מענטש פאר דיא מענטשין וואס האבין
איהם פיינט. דען דאס ברענגט זייא זאלין רעדין שלעכטס אויף איהם:

ח אויך טאר מען ניט רעדין שלעכטס אויף יענעם מיט א לשון געלעכטער גלייך מען רעדט
ניט מיט שנאה:

ט ביא דער מענטש וואס מען רעט שלעכטס אויף איהם איז ניט דער ביא ביא ער
איז יוא דער ביא איז אלץ אגרויסע עבירה:

י אז מען דערצעלט איהם ווען ער איז דער ביא איז דיא עבירה נאך גרעסער. דען עס
איז אגרויסע עבירה צו פאר שעמען א מענטשין:

יא דער וואס איז געוואנט צו פאר שעמען יודען בשעת ווען אנדערע מענטשין שטייען
דער ביי האט ער ניט קיין חלק לעולם הבא:

יב מען טאר ניט דער ציילין פאר מענטשין זיינע מעשים און זיין חכמה קיינען יענעמס
מעשים און יענעמס חכמה כדי מען זאל אן זעהן אז ער איז גוט און יענער איז
שלעכט אפילו יענער איז ניט דער ביא. דער וואס איז געוואנט אזויא צו טוען האט אויך
ניט קיין חלק לעולם הבא:

יג דאס אלץ וואס מיר שרייבין אז מען האט ניט קיין חלק לעולם הבא איז נור אז
מען טוהט ניט קיין תשובה אבער אז מען טוהט תשובה און מען נעמט אויף זיך
מען זאל שוין ניט זינדיגין און מען איבער בעט דעם מענטש וואס מען האט איהם
געזידעלט האט מען יוא א חלק לעולם הבא. דען תשובה פיעלט צו אלדינג:

יד אז איינער זאגט עפּיס דעם אנדערין טאר ער עס ניט קיינעם דער ציילין צאמען
דער וואס האט געזאגט הייסט איהם דער ציילין:

טו אז דער וואס זאגט דיא זאך זאגט בפירוש מען זאל עס ניט דער ציילין איז אפילו
עס שטייען מענטשין דער ביא טאר קיינער פון זייא ניט דער ציילין:

טז אז איינער זאגט צום אנדערין אנטלייע מיר דיא זאך און ער וויל איהם ניט אנטלייען.
צוא מארגענס בעט דער אנדערער איהם ער זאל איהם עפּיס אנטלייען טאר ער
זיך ניט נוקם זיין ניט צו וועלין אנטלייען אזוי וויא ער האט איהם ניט אנטליגען נאר
ער דארף איהם יוא צו אנטלייען:

יז דען א יוד דארף מוחל צו זיין דעם אנדערין יוד און ניט זיך נוקם זיין אין איהם:

יח בשעת ווען ער אנטלייעט איהם טאר ער ניט זאגין איך גיב דיר און בין ניט
אזוי וויא דוא וואס האסט ניט געוואלט מיר אנטלייען. נאר ער דארף גאר צו
פאר געסין פון דעם וואס יענער האט איהם ניט געוואלט אנטלייען און זאל צוריק
יענעם ליב האבין מיט דעם גאנטצען הארץ:

## סימן כא. וויא אזוי מען זאל זיך אפּ היטען דאס געזונד. און וועלכי זאכין מען טאר ניט טוען ווייל זייא זענין א סכנה. ער האלט זעכטצען סעיפים:

א אז דער מענטש איז געזונד קען ער דינען דעם אייבערשטין. דאריבער דארף מען
זיך אפּ היטען פון דיא זאכין וואס מאכין קראנק דעם מענטש. היינו מען זאל
ניט עסין קיין אומצייטיגע פּירות. קיין אלט פלייש וואס האט שוין א ריח. קיין

איבער געשטאנען געקומען. אדער א מאכל וואס האט אשלעכטן ריח:

ב אויך דער מענטש וואס טויג אים ניט קיין שמארקן בראמפן אדער אנדערע שארפע זאכן אדער רייכערן דארף ער זיך צו היטן דער פון. דען א מענטש דארף נאר צו עסן און טרינקען און טוען וואס איז געזונד צום גוף. ער זאל כח האבן צו דינען דעם אייבערשטן:

ג אז מען דארף צו האבן נקיות זאל מען ניט עסן ביז מען האט נקיות:

ד אויך זאל מען ניט עסן נאר ווען מען איז הונגעריג און ניט טרינקען נאר ווען מען איז דארשטיג:

ה דיא גארטיל זאל מען אויס טוען פאר דעם עסן:

ו מען זאל גוט צו קייען דאס עסן דען דארף דעם ווערט עס גיכער פארדייעט:

ז מען זאל ניט צו פיהל זיך אן עסן. נור אביסעל ווייניגער פון דער זעט:

ח עס מיינסט קרענק קומען נור פון שלעכטע מאכלים אדער פון דעם וואס מען עסט צו פיהל. אויך איז ניט געזונד צו עסן ווען מען האט עגמת נפש:

ט פאר דעם עסן זאל מען ניט טרינקען קיין וואסער. נאך פיש אדער נאך א פעט עסן זאל מען אויך ניט טרינקען קיין וואסער:

י אז מען טרינקט וואסער איז בעסער אז עס איז קאלט און לויטער. נור עס זאל ניט זיין זייער קאלט. בפרט ווען מען איז מיהד אדער דער היצט זאל מען געווארינט זיין ניט צו טרינקען קיין קאלט וואסער. א סך וואסער טויג קיינמאל ניט צו טרינקען:

יא אז עס שמעקט אן איין עסן ווארק און מען קען ניט עסן דער פון זאל מען נעמ אויס שפייען כדי עס זאל ניט שאטען:

יב מען טאר ניט עסן בנאנט פיש מיט פלייש אדער מיט שמאלץ. אז מען וויל עסן פלייש נאך פיש אדער פאר קערט זאל מען צווישען זייא עסן א שטיקעל ברויט אדער חלה און טרינקען עפיס אדער אויס שווענקען דאס מויל:

יג מען טאר ניט ארונטער לייגן קיין עסן ווארק אדער משקה אונטערן בעט אפילו צו געדעקטע הייט. דען א רוח רעה רוהט דארויף:

יד ווען דיא תקופה געפאלט לייגט מען אשטיקעל אייזען אויף עסן ווארק אדער וואסער. דיא געקאכטע מאכלים און משקות אדער אין געזאלצענע דארף מען ניט צו באווארענען:

טו מען טאר ניט ברענגען מיט דעם מויל שלעכט אויף א יוד למשל צו זאגן ווען דער זאל שטארבן ח"ו. אדער צו זאגן ווען דער וואלט געלעבט וואלט ער שוין געוועזן געקומען דען דאס רעדן קען שאטן דעם מענטש:

טז אויך טאר מען ניט מאכן קיין מורא צו אקינד מיט א טמא זאך. היינו צו זאגען דיא קאטין אדער דער הונד וועט דיך חאפן. דען עס איז דא א טעם אז דאס קען שאטן דעם קינד ח"ו מען מוז זייער היטען דיא צונג פון אזעלכע זאכן:

## (ווידוי) סימן כב. דינים פון צדקה געבן. ער האט פערצען סעיפים:

א יעדער מענטש איז מחויב צו געבן צדקה וויא ווייט ער קען. דאס איז א גרויסע מצוה:

ב דער מענטש ווערט קיינמאל ניט ארעם פון דעם וואס ער גיט אוועק צדקה. און קיין שום שלעכטן קומט ניט פון צדקה געבן. און דאס וועט איהם בלייבן אויף אייביג פון זיין גאנצע ארבעט:

ג דער וואס גיט צדקה לעבט לאנג און שטויסט אוועק דיא שלעכטע גזירות:

ד מען דארף צו געבן דעם אריכאן מיט א פריילעך פנים און גוטע רייד. דען אז מען גיט איהם מיט א שלעכט פנים אפילו מען גיט אגאנצן סך האט מען ניט קיין שכר:

אז

ה אז דער אָרימאַן רעט צדקה פאַר מען ניט לאָזן איהם אַוועק גיין לעדיג. נור מען דאַרף איהם צו געבן וויא ווייט מען קען:

ו אז מען האָט גאָר ניט צו געבן דאַרף מען איהם איבער צו בעטן אז מען וואָלט איהם געגעבן נור מען האָט ניט:

ז מען טאָר ניט שרייען אויף קיין אָרימאַן. דער וואָס פאַר שעמט איין אָרימאַן האָט אַגרויסע עבירה. נור מען זאָל רעדן מיט איהם גוטע רייד:

ח אז איינער זאָגט איך וויל געבן אַ גילדען צדקה (אָדער ווינציקער) אָדער ער זאָגט דער גילדען זאָל זיין צדקה דאַרף ער איהם באַלד צו געבן די אָרימע לייט. אז ער גיט ניט באַלד האָט ער אַגרויסע עבירה:

ט אז עס איז אויף דעם אָרט ניט דאָ קיין אָרימע לייט זאָל ער אַוועק לייגן דאָס געלד עס זאָל ליגן ביז עס וועט זיין אָרימע לייט:

י די גרעסטע מעלה אין דער צדקה איז צו דער האַלטן דעם גימיינעם ייד איידער ער ווערט אין גאַנצן אָרעם. היינו צו אַנטלייען איהם געלד אָדער מאַכן איהם אַ געשעפט ער זאָל זיך קענען דער נערן:

יא די פראָסטע מענטשן מיינען אז צדקה הייסט נור אז מען גיט די אָרימע לייט וואָס גייען אויף די טירען. אמת מען דאַרף זיי אויך צו געבן. אָבער דער עיקר צדקה איז צו געבן די גימיינע לייט וואָס שעמען זיך צו רעדן און ליידן דחקות אָן שיעור. נור מען זאָל זיי געבן שטילער הייט זיי זאָלן ניט פאַר שעמט ווערן:

יב דער מענטש טאָר ניט זיך באַרימען מיט דער צדקה וואָס ער גיט. דען אז ער באַרימט זיך האָט ער ניט קיין שכר פון דעם געבן נור איין עבירה:

יג דאָס מיינסטע דאַרף מען אַכטונג צו געבן אויף אַ גימיינעם ייד וואָס קען לערנען צו געבן איהם וואָס ער דאַרף. דער שכר פון דעם מענטש וואָס דער האַלט דעם גימיינעם ייד וואָס קען לערנען ער זאָל האָבן פרנסה איז זייער גרויס:

יד דער מענטש וואָס דאַרף ניט צו נעמען קיין צדקה און נאַרט די וועלט און נעמט צדקה וועט דער סוף זיין אז ער וועט טאַקע דאַרפן צו מענטשן. דען אַ מענטש דאַרף צו זעהן וויא ווייט ער קען ער זאָל ניט נעמען קיין צדקה:

## סימן כג. דינים פון חלה נעמען. ער האָט דרייצען סעיפים:

א אז מען פאַר קנעט אַ טייג אויס ווייצן מעהל אָדער קאָרן מעהל אָדער גערשטין מעהל אָדער האָבער מעהל אָדער אָרקיש מעהל און עס איז דאָ דרינען דריא רוסישע קוואָרט מעהל דאַרף מען דער פון צו נעמען חלה:

ב איידער מען נעמט חלה מאַכט מען די ברכה בא"י אמ"ה אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש חלה. דער נאָך זאָל מען נעמען אַשטיקעל טייג אַזוי גרויס וויא אַהאַלב איי און זאָגן די ווערטער "דאָס זאָל זיין חלה" און פאַר ברענען עס אין אויבען:

ג אז מען נעמט חלה פון די מצות פון פסח זאָל מען פריער אַריין לייגן אַלע מצות אין איין כלי. די מצות זאָלין אָן רירען איינע אין דער אַנדערער. און עס זאָל ניט אַרויס שטאַרען קיין שום מצה פון די ווענט פון דער כלי:

ד אז אַשטיקעל פון אַ מצה פון אינווייניג שטאַרט אַרויס שאַט ניט. אָבער אַז עס שטאַרט אַרויס אַגאַנצע מצה פועלט ניט אפילו מען דעקט זיי צו מיט עפּעס:

ה אז מען לייגט די מצות אַריין אין אַ ליילעך און מען דעקט זיי אַרום מיט דעם איינינעם ליילעך איז אויך גוט אַז עס שטאַרט ניט אַרויס קיין שום מצה פון ליילעך:

ו דאָס שמוגעסט אַלטץ אַז עס איז צוגעדערט דאָ אין דיא מַצות דְרַייא רוקֶעשי קְוואַרט מעהל אָדער מעהר :

ז אַז מען נעמט פון מַייג אַשטיקעל זוייעַרטייג צו אַנדער מַייג דאַרף מען עס צו נעמען איידער מען נעמט חַלָה. אָבער אַז מען נעמט צַשטיקעל זוייעַרטייג צו מאַכין בֶּארשט דאַרף מען צו נעמען הערשט נאָך דעם חַלָה נעמען :

ח אַז מען קענט אַ מַייג צו קאַכען אָדער צו פְּרֶעגְלין אוּנ עס איז דאָ דְרינען דְרַייא רוקֶעשי קְוואַרט מעהל זאָל מען נעמען דער פון חַלָה אָן אַבְּרָכָה. אַז מען קענט עס צו בַּאקי דער פון אַשטיקעל זאָל מען שוין נעמען חַלָה מיט אַבְּרָכָה :

ט מען דאַרף צו וואָרנען דעם עולם זייא זאָלין נעמען חַלָה פון לֶעקִיךְ אַז מען בַּאקְט דְרַייא רוקֶעשי קְוואַרט מעהל אָדער מער. פון האָניק לֶעקִיךְ דאַרף מען צו נעמען חַלָה מיט אַ בְּרָכָה. פון צוּקער לֶעקִיךְ זאָל מען נעמען חַלָה אוּנ ניט מאַכין קיין בְּרָכָה :

י אין דעם צוּקער לֶעקִיךְ זאָל מען צַריין גיסען עמוואָס וואַסער בְּשַׁעַת מען מישט אוים דיא אייער מיט דעם מעהל. נור ניט קיין סַךְ דען אַז עס וועט זיין דיא גֶערעכטע העלפט וואַסער וועט מען איהם ניט מאַרין עסען אום גיוואַשין :

יא פון דעם צוּקער לֶעקִיךְ קען מען ניט נעמען חַלָה פאַר דעם בַּאקין דען ער איז שיטער נור נאָךְ דעם בַּאקין זאָל מען אַריין לייגין אַלע לֶעקִיכער אין איין כְּלִי אַריין. מען זאָל אַכְטונג געבין עס זאָל ניט אַרוים שטאַרען קיין לֶעקִיךְ העכער פון דיא ווענט פון דער כְּלִי. דער נאָךְ זאָל מען אַראָפּ נעמען אַשטיקעל לֶעקִיךְ גרוים וויא אַהאַלבּ איי אוּנ זאָגין דיא ווערטער „דאָס שטיקעל זאָל זיין חַלָה" אוּנ עס פאַר בְּרענען :

יב פוּטער קִיכְלֶעךְ וואָס זענען גיקנעטין מיט מילעךְ אָדער קִיכְלֶעךְ וואָס זענען גיקנעטין מיט גוּמען בּויכעל דאַרף מען אויךְ צו נעמען פון זייא חַלָה מיט אַ בְּרָכָה אַזוי וויא פון האָניק לֶעקִיךְ :

יג אָבער קִיכְלֶעךְ וואָס זענען גיקנעטין מיט אייל אָדער מיט אייער זאָל מען נעמען חַלָה פון זייא אָן אַ בְּרָכָה אזוי וויא מיר האָבין גישריבין בייא צוּקער לֶעקִיךְ :

## (שמות) סימן כד. דינים פון פְלייש זאַלְצין. ער האַלְט זיבען אוּנ דְרַייסיג סְעִיפִים :

א איידער מען זאַלְצט דאָס פְלייש דאַרף מען עס צו ווייקין אין וואַסער אַ האַלבּע שָׁעָה. מען דאַרף אַכְטונג צו געבין עס זאָל קיין שטיקעל פְלייש ניט אַרוים שטאַרין פון וואַסער :

ב אַז דאָס וואַסער איז שטאַרק קאַלט דאַרף מען עס צו שטעלין אויף אַ וואַרים אָרט פאַר דעם ווייקין עס זאָל בְּשַׁעַת דעם ווייקין ניט אַזוי קאַלט זיין :

ג פְלייש וואָס איז פאַר פרוירען פון דער קעלט דאַרף מען צו וואַרטין ביז עס וועט אויף גיין. עס פועלט ניט דער צו דאָס ווייקין אוּנ זאַלְצין ווען עס איז פאַר פרוירען. נור מען זאָל עס ניט לייגען נאָהענט פון וואַרימען אויבען אוּנ ניט אין וואַרים וואַסער אַריין :

ד נאָךְ דעם ווייקין דאַרף מען דאָס פְלייש גוט אָפּ צו וואַשין פאַר דעם זאַלְצין. בִּפְרַט אויף דעם אָרט וואו מען זעהט בְּלוּט אָדער אין חָלָל פון דיא עופות דאַרף מען בְּוַדַאי גוט אָפּ צו וואַשין :

ה מען זאָל ניט צו שניידען דאָס פְלייש נאָךְ דעם ווייקען פאַר דעם זאַלְצין. דען אַז מען צו שנייט עס דערנאָך דאַרף מען עס נאָךְ אַמאָל צו ווייקין :

ו דיא כְּלִי וואָס איז דער שטייגער אַז מען ווייקט אין איהר פְלייש זאָל מען זיא ניט ניצען צו קיין עסין וואַרג :

ז נאָךְ דעם וואָס מען האָט גיווייקט דאָס פְלייש אוּנ אָפּ גיוואַשין דאַרף מען עטוואָס צוא
וואַרגמען

וואַרטען עס זאָל אַראָפּ טריפּען דער פון דאָס וואַסער כּדי דאָס זאַלץ זאָל ניט צו
גיין פון וואַסער. נאָר מען זאָל ניט וואַרטען ביז עס וועט ווערין טרוקען:

ח דאָס זאַלץ זאָל ניט זיין גאָר דין ווי מעל און אויך ניט גראָבּע שטיקלעך נאָר
מיטעל. אויך זאָל עס זיין טרוקען:

ט מען דאַרף צו שיטען דאָס זאַלץ אויף אַלע זייטען און אויף יעדערין אָרט פון
פלייש. עס זאָל ניט בּלייבּען קיין אָרט אָן זאַלץ:

י עופות דאַרף מען גוט צו עפינען פאַר דעם וויקין כּדי מען זאָל זיי קענין גוט וויקין
און גוט זאַלצען פון אינעווייניג אויך. אויך זאָל מען אָפּ שניידין די קעפּ פאַר
דעם וויקין:

יא דאָס גיזאַלצענע פלייש דאַרף צו ליגען אויף איין אָרט וואָס דאָס בּלוט קען גוט
אַראָפּ רינען דער פון. איבּער דעם זאָל מען ניט לייגין די אָהפּעלקע מיט פלייש
אויף דער ערד דען דאָס בּלוט וועט ניט קענין גוט אַוועק רינען פון פלייש:

יב אֲפִילוּ דאָס פלייש ליגט שוין מעהר ווי אַשָעה אין זאַלץ מאָר מען עס ניט לייגין
אויף די ערמער וואָס מיר שרייבּען:

יג אַז מען זאַלצט אויף אַבּרעט דאַרף מען צו לייגען דאָס בּרעט משופּע דאָס בּלוט
זאָל קענין אַראָפּ רינען. אַז עס איז דאָ אין דעם האָלץ גריבּלעך וואָס עס קען
זיך פאַר האַלטען דאָס בּלוט טאָר מען ניט זאַלצען דאַרויף אֲפִילוּ מען וויל עס
לייגען משופּע:

יד אַז מען זאַלצט עופות אָדער אַגאַנצע זייט דאַרף מען צו לייגען מיט דער הוילער
זייט אַראָפּ עס זאָל זיך ניט פאַר זאַמלען בּלוט אויף דעם אָרט:

טו דאָס פלייש דאַרף צו ליגען אַ שָעה אין זאַלץ:

טז בִּשְעַת מען גייט אָפּ גיסען דאָס פלייש זאָל מען עס אָפּ קלאַפּען פון זאַלץ און
איבּער שווענקין עס דרייא מאָהל אין וואַסער. מען זאָל ניט זאַלייגען קיין וואַסער נור
יעדער מאָהל עס גוט איבּער שווענקין:

יז איידער מען גיסט אָפּ דאָס פלייש טאָר מען עס ניט אַריין לייגין אין אַכּלי וואָס
איז אין איהר ניט דאָ קיין וואַסער:

יח מען דאַרף גיוואָרינט צו זיין ניט צו לייגען אום גיזאַלצען פלייש אויף דעם אָרט
וואו עס ליגט מייסטמאָל זאַלץ דען מאָמער קלעפּט זיך אָן אַשטיקעל זאַלץ אָן דעם
פלייש פאַר דעם וויקען:

יט אויך זאָל מען ניט אַריין לייגען אום גיזאַלצען פלייש אין אַזאַ כּלי וואָס מען
לייגט מיילמאָל אַריין אַנאַנדער עסין וואַרק. דען דאָס בּלוט וואָס קלעפּט זיך אָן
אין דער כּלי פון פלייש וועט זיך אָן קלעבּין אין עסין וואַרק:

כ דעם קאָפּ דאַרף מען פאַר דעם וויקען צו שניידען און אַרויס נעמין דעם מאַרך און
צו רייסען דאָס הייטעל און איטליכעס בּזונדער זאַלצען. דעם קאָפּ זאָל מען זאַלצען
פון דראַסין און פון אינעווייניג. מען מעג איהם זאַלצען אויף די האָר:

כא בּיינער וואָס זענין בּהעפט מיט פלייש מעגין זיי זאַלצען מיט דעם פלייש בּנאַנד
אַז זיי זענין ניט בּהעפט צום פלייש זאָל מען זיי זאַלצען בּזונדער. און גיט
לעבּין פלייש:

כב די פיס פון די בּהמות דאַרף מען פאַר דעם וויקען אָפּ צו האַקין די שפּיצען
פון די קלאָאין דאָס בּלוט זאָל קענין פון דאָרט אויך אַרויס גיין בּשעת דעם זאַלצען
אויך זאָל מען זיי שטעלין בּאופן אַז דאָס בּלוט זאָל פון דאָרט אויך אַרויס רינען און
ניט שטעלין אויף דער ערד. מען מעג זיי זאַלצען אויף די האָר:

כג דאָס האַרצין דאַרף מען אויך צו שניידען פאַר דעם וויקען עס זאָל אַרויס גיין דאָס
בלוט

בלוט וואָס איז איין גיזאַמעלט דרינען:

כד דיא לונגען זאָל מען אויך צו שניידען און עפענען דיא גרויסע אָדערין פאַר דעם וייקין:

כה דיא לעביר פועלט ניט צו זאַלטצען. נאָר מען מוז זייא בראָטין אויף דעם פייער.
איידער מען בראָט זייא דאַרף מען זיא גוט צו שניידען אין דער ברייט און אין
דער לענג און לייגען מיט דעם צו שניטענים אויף דעם פייער עס זאָל גוט אַרויס ציהען
דאָס בלוט:

כו איידער מען לייגט זיא אויף דעם פייער זאָל מען זיא איבער שווענקין און בשעת
זיא ליגט אויף דעם פייער זאָל מען זיא אַביסעל זאַלטצען:

כז זיא זאָל זיך בראָטען אויף דעם פייער ביז זיא וועט גוט זיין צו עסין. דער נאָך
זאָל מען זיא גוט אָפּ וואַשען הדרייא מאָהל. דער נאָך מעגין זיא שוין קאָכין:

כח אַז מען וויל זיא ניט קאָכין נאָר עסין גיבראָטינע היט דאַרף מען זיא פריער
ניט צו שניידען:

כט מען דאַרף גיוואָרינט צו זיין ניט צו בראָטין זיא אויף אַטרוקענים אויבען. אויך
טאָר מען ניט איין וויקלען זיא אין פּאַפּיר צו בראָטען דען דאָס בלוט וועט צוריק
איין גיזאַפּט ווערין, נאָר מען זאָל זיא בראָטען בלויז אויף דיא קוילען:

ל איטער דאַרף מען גוט צו שניידען עטליכע מאָהל אין דער לענג און אין דער ברייט
פאַר דעם בראָטען כדי דיא מילעך זאָל פון איהם אַרויס גיין. דאַצופאַרט זאָל מען
איהם ניט קאָכין נאָך דעם, בראָטען נור עסין אַזוי. דירעשט דינים פון בראָטען דעם
איטער איז אַזוי וויא מיר האָבין גישריבען בייא דער לעביר:

לא דיא מילץ דאַרף מען צו מרייבערין פאַר דעם ווייקען:

לב אַמאָגין פון אַקאַלב וואָס איז דאַ אין איהם מילעך. זאָל מען דיא מילעך אויס
גיסען פאַר דעם ווייקען:

לג אייער וואָס מען גיפינט אין עופות סייא זייא זענין נאָך קליין סייא זייא זענין
שוין אין גאַנצען פאַרטיג דאַרף מען זייא צו ווייקען און זאַלטצען אַזוי וויא אַנדער פלייש:

לד דאַצופאַרט טאָר מען ניט זאַלטצען זייא בנאַנד מיט דעם פלייש נאָר זייא זאָלין ליגען
וויט פון פלייש עס זאָל ניט קענין אַרויף ריגען אויף זייא דאָס בלוט פון פלייש
אויך טאָר מען ניט עסין קיין מילעך מיט זייא אפילו זייא זענין שוין אין גאַנצין פאַרטיג:

לה מען דאַרף גיוואָרינט צו זיין ניט צו לאָזין ליגען אום גיזאַלצטען פלייש דרייא מעת
לעת אום גיווייקט. נור מען זאָל עס ווייקען אין וואַסער איידער עס לאָזין זיך
אויס דיא דרייא מעת לעת פון דער שחיטה אָן. אַז עס איז אָבער גילעגין דרייא מעת
לעת אום גיווייקט דאַרף מען צו פרעגין אַ שאלה:

לו אין אָן הייב סימן האָבין מיר גישריבען אַז ווען דאָס פלייש איז פאַר פרוירען
פועלט ניט דער צו קיין ווייקען. איבער דעם ווען דיא קצבים דאַרפין ווינטער צו
ווייקען (אָדער גוט אָפּ גיסען) דעם דרימען טאָג אַ גאַנצע זייט און זיא איז פאַר פרוירען
דאַרף מען צו נעמען זיא אין שטוב אַריין און לאָזין ליגען לאַנג ביז זיא וועט אין גאַנצין
אויף גיין. נור מען זאָל זיא ניט לייגין נאָהנט פון וואַרימען אויבין. און ניט אין וואַרעם
וואַסער אַריין:

לז מען זאָל ניט אָפּ זענגען דיא עופות נור איבער דעם פלאַם פון שטרויא אָדער
דראָכיוויניעס. אויך זאָל מען ניט מאַכין קיין שטאַרקין פלאַם. אויך דאַרף מען צו
רודערין דאָס עוף אַהין און אַהער עס זאָל זיך ניט דער וואַרימען. כדי דאָס בלוט זאָל
קענען דער נאָך אַרויס גיין בשעת דעם זאַלטצין:

אז

## (וארא) סימן כה. דינים פון טובלין כלים. ער האלט פופצעהן סעיפים

א כלים פון עסין אדער משקה זילבערנע אדער קופערנע אדער אנדער מתכות אדער גלעזערנע וואס זענען געמאכט געווארין אין אגויעשע פאבריק טאר מען ניט ניצען מיט זייא צייטען מען טובלת זייא אין א מקוה אדער אין א טייך וואס איין אשה נדה מעג זיך דארט טובל זיין :

ב פאר דעם טובלין זאל מען מאכין דיא ברכה בא״י אמ״ה אשר קדשנו במצותיו וצונו על טבילת כלי. אז מען טובלת צוויא כלים אדער מער זאל מען זאגין על טבילת כלים :

ג הילצערנע כלים דארף מען ניט צו טובלין. אז עס איז אויף זייא אייזערנע רייפען זאל מען טובלין אן א ברכה :

ד ערדערנע כלים דארף מען ניט צו טובלין. אז זייא זענען פון אינעווייניג אויס געגלייזערט זאל מען זייא טובלין אן א ברכה. פארצילאנערנע כלים זאל מען אויך טובלין אן א ברכה:

ה אז מען קויפט פון אגוי איין אלטע כלי וואס מען דארף זיא צו כשרין זאל מען זיא פריער כשרין אדער גליען אונ דער נאך זיא טובלין :

ו אז מען אנטלייעט זיך א כלי פון אגוי דארף מען זיא ניט טובלין :

ז א יוד וואס האלט א הוטע פון גלאז אונ נוים מאכין דאס גלאז זאל מען דיא כלים טובלין אן א ברכה. דאריבער דארף דער גלאז הענדלער צו זאגין דיא קונים ווען עס איז פון א יודישע פאבריק זייא זאלין ניט מאכין קיין ברכה אומזיסט :

ח אז א יוד האט געגעבין צו אגוי זילבער אדער אנדער מתכות ער זאל מאכין א כלי דארף מען דיא כלי צו טובלין אן א ברכה. דעסט גלייכין אז א י׳ גייט צו מיט דראעט א צו בראכענע כלי דארף מען צו טובלין דיא כלי אן א ברכה:

ט פלעשער אדער בוטעלקים זאל מען טובלין אן א ברכה :

י דיא כלי דארף זיין ריין בשעת דעם טובלין. אבער ניט אין געריכט אדער פאר זאווערט :

יא בשעת דעם טובלין דארף צו זיין דיא גאנצע כלי מיט אמאל אין וואסער :

יב דער מענטש וואס האלט דיא כלי דארף זיך איין צו טונקען דיא האנד אין דער מקוה פאר דעם טובלין. אונ זאל ניט האלטין שטארק דיא כלי נאר מיטעל :

יג דאס וואסער דארף זיין אין דער כלי פון אינעווייניג אונ פון אויסענווייניג :

יד מען טאר ניט שיקען טובלין א יונגעל וואס איז נאך ניט אלט קיין דרייצעהן יאר אדער א מיידיל וואס איז נאך ניט אלט קיין צוועלף יאהר. דען זייא זענען ניט בגלייבט דארויף :

טו שבת אונ יום טוב טאר מען ניט טובלין. אז מען פאר געסט פריהער צו טובלין זאל מען פרעגין א שאלה וויא אזוי מען זאל טוען מען זאל מעגין ניצען שבת מיט דער כלי :

## סימן כו. דינים פון ווערמדיקע זאכין. ער האלט צוואנציג סעיפים:

א דיא ברונענס אדער טייכין וואס איז דא אין דעם וואסער ווערים טאר מען ניט דאס וואסער טרינקען צאמען מען זייט אויס דורך אטיכעל וואס דאס קלענסטע ווערמיל זאל ניט קענען אדורך גיין :

ב אויך טאר מען ניט ווייקען פלייש אין דעם וואסער אדער אפ וואשין דער מיט איין עסען וארג איידער עס איז גיזייגען. דען דיא ווערים קלעבין זיך אן אין דעם עסין ווארג :

ג טיילמאהל איז דא אין ארבים אדער אין אנדערע פירות אזוי וויא א שווארץ פינקעלי. דאס ווייזט אז דאס ווערמיל האט זיך אן גיהויבין צו מאכין דרינען. דארף מען דאס שטיקעל ארום צו שניידען. (אונ דיא ארבים אוועק צו ווארפין) דען דאס שטיקל איז אסור אזוי וויא דאס ווערמיל אליין :

ד אַלֶע פֵּירוֹת וָואס אִיז שְׁכִיחַ אִין זֵייא וָועְרִים. הַיְינוּ קֶערְשִׁין פְלוֹימֶען בֶּערְנֶעס אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע פֵּירוֹת דַארְף מֶען צוּ עֶפִינֶען יֶעדֶערֶע פְּרִי אוּנ גוּט בַּקוּקֶען אִיבּ עֶס אִיז דְרִינֶען נִיט דָא קֵיין וָועְרְמִיל:

ה מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָוארִינְט צוּ זַיְין אִין דֶעם בְּשַׁעַת מֶען פְרֶעגִילְט דִיא פֵּירוֹת אוֹיף אַיין גִימַאכְטְץ אָדֶער מֶען מַאכְט פָּאוִוידְלֶע:

ו אִיבֶּער דֶעם טָאֶרְן נִיט רֶעכְט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס טְרִיקִינֶען גַאנְצֶע בֶּערֶענְדְלִיךְ אוּנ עֶסִין זֵייא דֶער נָאךְ אוּם גִיקְלִיבֶּען. דֶען אִין בֶּערֶענְדְלִיךְ גִיפִינְט זִיךְ וָועְרִים:

ז אִין דִיא יְרָקוֹת אִיז שְׁכִיחַ וָועְרִים. הַיְינוּ קְרוֹיט. פֶּיעטֶערְשֶׁקֶע. קִימֶעל. שַׁאלַאטִין. יוּנְגֶע צִיבֶּעלִים דָאס גְרִינֶע פוּן זֵייא. אַרְבִּיס שׁוֹיטֶען. בִּיבֶּער. שְׁוָועמְלִיךְ אוּנ אַנְדֶערֶע יְרָקוֹת. מוּז מֶען אַלְמָץ גוּט קְלוֹיבֶּען יֶעדֶערְס בַּזוּנְדֶער:

ח דֶער שְׁפַּייגֶער אִיז ווִינְטֶער לֵייגְט מֶען אַיין מִיט אַמָאהְל אַ פֶּעסִיל קְרוֹיט מוּז מֶען בַּאלְמִיטְשֶׁען עֶטְלִיכֶע טָאג אוּנ גוּט קְלוֹיבִּין יֶעדֶערְס בַּזוּנְדֶער וָואלְנֶע:

ט דָאס וָואס מֵייל וַוייבֶּער זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג אַז זֵייא זֶעְנְקֶען אָפּ יְרָקוֹת אִין פַּייֶער פוֹיעלְט נִיט. נוּר מֶען דַארְף יֶעדֶער שְׁטִיקֶעל בַּזוּנְדֶער גוּט צוּ בַּקוּקֶען:

י עֶס אִיז דָא מֵייל פֵּירוֹת אָדֶער יְרָקוֹת וָואס אִיז דָא אִין זֵייא אַסַךְ וָועְרִים וָועלְכֶעס עֶס אִיז אוּם מִיגְלֶעךְ זֵייא צוּ דֶער קְלוֹיבִּין. דַארְף מֶען אַזֶעלְכֶע פֵּירוֹת אָדֶער יְרָקוֹת גָאר נִיט צוּ עֶסֶען:

יא אִין קָאהְפֶּער אִיז דָא אַסַאךְ וָועְרִים דַארִיבֶּער טָאר מֶען נִיט אִיהְם אַרַיין לֵייגֶען אִין דִיא אוּגְרְקִים נוּר מֶען זָאל אָפּ שְׁנַיידֶען אַלֶע בְּלֶעטְלִיךְ אוּנ אַרַיין לֵייגִין דִיא רִיטְלִיךְ אַלֵיין:

יב עֶס אִיז דָא מֵייל פֵּירוֹת וָואס גְפִינְט זִיךְ וָועְרִים אִין דִיא קֶערְלִיךְ טָאר מֶען נִיט עֶסִין דִיא קֶערְלִיךְ:

יג אִין נִיס גְפִינְט זִיךְ מִילְבֶּען. דֶען אַז מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִיא יָאנְדֶערֶע אוּנ מֶען קְלַאפְּט דִיא שָׁאהְל אוֹיף אַ וַוארִים אָרְט פַאלִין אַרוֹיס מִילְבִּין פוּן דֶער שָׁאהְל דַארִיבֶּער זָאל מֶען זִיךְ הִיטֶען פוּן זֵייא:

יד אַז מען הָאט גִישְׁנִיטֶען אַ פְּרִי אָדֶער אַ רֶעטִיךְ מִיט אַ מֶעסֶער אוּנ מֶען הָאט אַיין גִישְׁנִיטֶען אַ וָוארִים זָאל מֶען דָאס מֶעסֶער גוּט אָפּ ווִישֶׁען. אוּנ פוּן דֶער פְּרִי אָדֶער פוּן רֶעטִיךְ זָאל מֶען אָפּ שֵׁיילִין אַזוֹי ווִיא אַשָׁאהְל אַרוּם דֶעם אָרְט וָואס מֶען הָאט גִישְׁנִיטֶען. וֶועט מֶען דִי רֶעשְׁט מֶעגִין עֶסִין:

טו אַז מֶען גְפִינְט מִילְבֶּען אִין מֶעהְל אָדֶער אִין וָועלְכֶען עֶסִין וַוארְג טָאר מֶען נִיט עֶסִין נוּר מֶען זָאל פְרֶעגִין אַ שַׁאֲלָה:

טז דֶעסְט גְלַייכֶען אַז מֶען קָאכְט פֵּירוֹת וָואס אִיז שְׁכִיחַ אִין זֵייא וָועְרִים אוּנ מֶען הָאט זֵייא נִיט גִיקְלִיבִּין דַארְף מֶען צוּ פְרֶעגִין אַ שַׁאֲלָה:

יז אִין פָּאמֶערַאנְצִין שָׁאלֶעכְץ אִיז שְׁכִיחַ מִילְבֶּען. דַארִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייא גוּט צוּ בַּקוּקֶען אוֹיבּ עֶס אִיז נִיט דָא אוֹיף זֵייא קֵיין מִילְבֶּען. אָדֶער מֶען זָאל זֵייא אַרַיין לֵייגֶען אִין הַייסֶען הוֹיבֶּען. דִיא מִילְבֶּען זָאלִין זֶעכֶער פַאר בְּרֶענְט וֶוערִין. הַיְינוּ וֶוען מֶען הַייצְט אוּנְטֶער צוּ בַּאקִין. אָבֶּער נִיט וֶוען דֶער אוֹיבֶען אִיז שׁוֹין אַבִּיסֶעל אָפּ גִיקִילְט:

יח מֶען קֶער זִיךְ אַזוֹי נוֹהֵג צוּ זַיין בַּייא פְלָאמֶען אוּנ רָאזִינְקֶעס אוּנ אַנְדֶערֶע זַאכִין זוּמֶער וֶוען עֶס אִיז הֵיים וָועלְכִים עֶס אִיז צוּ קְלֶערִין טָאמֶער גִיפִינְט זִיךְ אִין זֵייא מִילְבֶּען זָאל מֶען זֵייא פַאר דֶעם קָאכֶען אַרַיין שְׁטֶעלִין אִין הַייסֶען אוֹיבֶען אַרַיין דִיא מִילְבֶּען זָאלִין זֶעכֶער פַאר בְּרֶענְט וֶוערִין:

יט אִין דִיא פִישׁ גִיפִינְט זִיךְ טֵיילְמָאל וָועְרִים אִין קָאפּ אָדֶער אִין דֶער לֶעבֶּער אָדֶער אִין דִיא קִישְׁקֶעלִיךְ אָדֶער אִין מוֹיל אָדֶער אִין דִיא אוֹיעֶרִין וּבִפְרַט אִין דִיא הֶעכְט גְפִינְט זִיךְ לַאנְגֶע וָועְרִים דִינֶע. דֶעסְט גְלַייכֶען אִין הֶערִינְג גִיפִינְט זִיךְ קְלֵיינֶע וָועְרְמְלִיךְ אִין דֶער

מִילֶעךְ דַארְף מֶען אַלְץ שְׁטַארְק צוּ בַּאקוּקְן מֶען זָאל ח"ו נִיט נִישְׁטְרוּיכְעלְט וֶוערְן:

כ מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָוארִינְט צוּ זַיין אִין דֶעם אִיסוּר פוּן וֶוערִים. וַוייל דִיא תּוֹרָה הָאט אוּנְז גִיוָוארִינְט אוֹיף אַסַךְ עֶרְטֶער צוּ הִיטֶען זִיךְ פוּן זֵייא:

## (כא) סִימָן כז. דִינִים פוּן וַואשְׁן צוּם עֶסְן. עֶר הַאלְט צְוֵויי אוּנ דְרַייסִיג סְעִיפִים:

א אַז מֶען וִויל עֶסְן בְּרוֹיט אָדֶער אַזָא גִיבֶּעקְץ וָואס מֶען מַאכְט דַארִיבֶּער אַ מוֹצִיא דַארְף מֶען זִיךְ דֶער צוּא וַואשְׁן אֲפִילוּ עֶס אִיז גָאר אַקְלֵיין שְׁטִיקֶל. נוּר דִיא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם מַאכְט מֶען נוּר אַז מֶען וִויל עֶסֶען אַזוֹי גְרוֹיס וִויא אֵיין אֵיי אָדֶער מֶער:

ב דִיא כְּלִי וָואס מֶען וַואשְׁט זִיךְ מִיט אִיהְר דַארְף זַיין גַאנְץ אָן אַיין לֶעכִיל אוּנ אוֹיף דֶער זוֹים זָאל נִיט זַיין קֵיין שׁוּם שְׁטְשֶׁערְבּ:

ג אַז דִיא זוֹים אִיז נִיט גְלַייךְ נוּר עֶס אִיז אוֹיף אֵיין אָרְט הֶעכֶער מוּז מֶען זִיךְ וַואשְׁן דוּרְךְ דֶעם נִידְרִיקְן אָרְט:

ד מֶען דַארְף זִיךְ צוּ וַואשְׁן מִיט אַ סַךְ וַואסֶער. וָואס מֶער מֶען אִיז גִיוָוארִינְט אִין דֶעם וַואשְׁן אִיז מֶען מֶער עוֹשֶׁר חוּץ דֶעם שָׂכָר וָואס מֶען הָאט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט:

ה אָבֶּער דֶער וָואס וַואשְׁט זִיךְ נִיט וִויא עֶס קֶער צוּ זַיין וֶוערְט אֵיין אָרִימַאן אוּנ וֶוערְט אוֹיס גִירִיסֶען פוּן דֶער וֶועלְט ח"ו:

ו אַז מֶען הָאט נִיט קֵיין סַךְ וַואסֶער מוּז מֶען זִיךְ דָאךְ וַואשְׁן מִיט אַ קְוָוארְטִירִיל וַואסֶער אוֹיף יֶעדֶער הַאנְט בַּזוּנְדֶער. דָאס קְוָוארְטִירִיל וַואסֶער מוּז מֶען גִיסֶען מִיט אֵיין גָאס אוֹיף דֶער גַאנְצֶער הַאנְט:

ז בְּשַׁעַת מֶען וַואשְׁט זִיךְ דַארְף מֶען צוּא שְׁפְּרֵייטֶען דִיא פִינְגֶער כְּדֵי דָאס וַואסֶער זָאל קוּמֶען אַרוּם זֵייא אוּנ אוֹיף דִיא שְׁפִּיצֶען:

ח אַז עֶס אִיז דָא אַשְׁטִיקֶעל אָרְט אוֹיף דֶער הַאנְט וָואס אִיז נִיט גִיקוּמֶען דַארוֹיף קֵיין וַואסֶער מוּז מֶען בַּאלְד צוּ וַואשְׁן דָאס שְׁטִיקֶעל אָרְט. עֶס אִיז אָבֶּער גְלַייכֶער מֶען זָאל נָאךְ אַמָאל אִיבֶּער וַואשְׁן דִיא גַאנְצֶע הַאנְט:

ט תֵּיכֶף נָאךְ דֶעם וַואשְׁן זָאל מֶען אוֹיף הֵייבִּין דִיא הֶענְט אוּנ בַּאלְד מַאכִין דִיא בְּרָכָה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת יָדַיִם. מֶען טָאר נִיט אוֹיס רֶעדִין צְווִישֶׁען דֶעם וַואשְׁן צְווִישֶׁען דֶער בְּרָכָה. אֲפִילוּ שָׁאוּ יְדֵיכֶם אִיז אוֹיךְ נִיט גְלַייךְ צוּ זָאגִין דֶענְמָאלְט. נוּר בַּאלְד מַאכִין דִיא בְּרָכָה:

י נָאךְ דֶער בְּרָכָה זָאל מֶען זִיךְ אַרוּם ווִישֶׁען דִיא הֶענְט אֵיינֶע אָן דֶער אַנְדֶערֶער. דֶער נָאךְ זָאל מֶען זֵייא גוּט אָפּ ווִישֶׁען אִין עֶפֶּעס:

יא וַואסֶער וָואס אִיז גִיטוּעֶן גִיוָוארֶען דֶער מִיט אֵיין מְלָאכָה. הַיְינוּ מֶען הָאט גִיווייקְט דְרִינֶען חֲרֵיין אָדֶער מֶען הָאט דְרִינֶען אַרַיין גִישְׁטֶעלְט אַ כְּלִי מִיט מַשְׁקֶה דִיא מַשְׁקֶה זָאל זַיין קַאלְט אָדֶער מֶען הָאט גִימַאסְטֶען מִיט דֶעם וַואסֶער טָאר מֶען זִיךְ נִיט וַואשְׁן מִיט דֶעם וַואסֶער צוּם עֶסֶען:

יב דָאס וַואסֶער וָואס מֶען הָאט דְרִינֶען אַרַיין גִילֵייגְט לֶעבֶּדִיקֶע פִישׁ זֵייא זָאלִין נִיט פֵיינֶערִין מֶעג מֶען זִיךְ יוּא וַואשְׁן דֶער מִיט:

יג אַז אֵיינֶער הָאט נְקִיוֹת אוּנ דֶער נָאךְ טוּנְקְט עֶר אַיין דִיא הַאנְט אִין אֵיין פֶּעסִיל וַואסֶער עֶר זָאל מֶעגִין דֶער נָאךְ זָאגִין הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער טָאר מֶען שׁוֹין נִיט זִיךְ וַואשְׁן צוּם עֶסֶען מִיט דֶעם גַאנְצֶען וַואסֶער פוּן פֶּעסִיל:

יד וַואסֶער וָואס אִיז גִיוַואלְטְצֶען אָדֶער בִּיטֶער אָדֶער פַאר שְׁטוּנְקֶען אָדֶער גִידֶערְבְּט אַזוֹ שְׁטַארְק אַז אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַהוּנְט. קֶען נִיט טְרִינְקֶען דֶער פוּן. טָאר מֶען זִיךְ דֶער מִיט נִיט וַואשְׁן צוּם עֶסְן:

פאר

טו פאַר דעם וואַשׁין דאַרף מען אַכטונג צו געבּין דיא הענט זאָלין זיין ריין. עס זאָל אויף זייא ניט קלעבּין קיין שום זאַך:

טז אויך זאָל מען ניט האָבּין גרויסע נעגיל. דער וואָס האָט גרויסע נעגיל מוז אָפּער מאַכין דיא בּלאָטע פון אונטער דיא נעגיל פאַר דעם וואַשׁין. ווער שטועכט אַז מען האָט טייג אונטער דיא נעגיל מוז מען עס אָפּער מאַכין אַפילו דיא נעגיל זענין קליין:

יז אַז איינער רירט אָן נאָך דעם וואַשׁען אָדער אין מיטען עסין דיא ערטער פון גוף וואָס זענין צו גידעקט מיט מלבושים אָדער אין דער צואה פון אייער אָדער פון דער נאָז אָדער אַנדערע צואה אָדער ער קראַצט זיך אין קאָפּ אָדער ער רירט אָן אַ כּנה אָדער אין דעם שוך אָדער ער איז משתין און רירט אָן אין דער שׁהָגה דאַרף ער זיך איבּער נייס צו וואַשׁין אין גאַנצין דיא האַנט וואָס האָט אָן גערירט. גלייך ער האָט נאָך דיא האַנט נאָר ניט גיוואַשׁין צום עסין:

יח אַז ער האָט אָן גערירט בּשעת ער האַלט אין מויל אַשטיקעל בּרויט טאָר ער עס ניט אַראָפּ שלינגען בּיז ער וואַשׁט זיך:

יט אַז מען האָט נקיות אין מיטען עסין דאַרף מען זיך בּוודאי איבּער נייס צו וואַשׁין וויא עס קער צו זיין:

כ בּייא דיא אַלע זאַכין זאָל מען ניט מאַכין נאָך אַמאָהל דיא בּרכה על נטילת ידים. אויך דאַרף מען בּאַלד נאָך דעם וואַשׁין צו עסין אַשטיקעל בּרויט אָדער חלה:

כא אַז מען האָט גראַד גיהאַלטען דיא האַנט לעבּין דעם אומריינעם אָרט און מען איז מסופק צו מען האָט אָן גערירט דאַרף מען זיא ניט איבּער צו וואַשׁין:

כב איבּער דעם דאַרף מען צו האָבּין אויף דיא גידאַנקען בּיז צום בּענטשׁין דיא הענט זאָלין ניט אָן רירען אויף דיא ערטער וואָס מיר האָבּין גישריבּען. אַז מען האָט אָבּער נאָר פאַר געסין צו היטען זייא פון דעם און דער נאָך דער מאַנט מען זיך טאָר מען ניט עסין קיין בּרויט אָדער חלה צאַטען מען וואַשׁט זיך איבּער נייס וויא עס קער צו זיין:

כג דעכּט גלייכען אַז מען שלאָפט אין מיטען עסין אַפילו נאָר אַקליין בּיסעל דאַרף מען דער נאָך זיך איבּער נייס צו וואַשׁין. מען דאַרף אָבּער גיוואָרינט צו זיין ניט צו שלאָפין אין מיטען עסין. נאָר אָפּ צו בּענטשׁין איידער מען ווערט דער שלאָפין:

כד אַז איינער פאַר שמועסט זיך לאַנג אין מיטען עסין מיט דעם אַנדערין דאַרף ער זיך נאָך אַמאָל צו וואַשׁין צו דעם בּרויט וואָס ער וויל דער נאָך עסין. דען ער האָט בּוודאי שוין ניט אין זינען גיהאַט צו היטען דיא הענט:

כה בּייא דיא אַלע זאַכין זאָל מען אויך ניט מאַכין נאָך אַמאָהל דיא בּרכה על נטילת ידים:

כו אַז בּשעת ער שמועסט האַלט ער בּרויט אין דער האַנט כּדי ער זאָל ניט פאַר געסין צו היטען דיא הענט דאַרף ער ניט נאָך דעם שמועסען זיך צו וואַשׁין:

כז איבּער דעם דאַרף מען שטאַרק צו וואָרינען דיא פּראָסטי מענטשׁין אָדער ווייבּער וואָס זייער מנהג איז אַז זייא וואַשׁין זיך אין דער פריא און בּענטשׁין בּנאַכט און עסין אַגאַנצע טאָג אויף דער קאַנטע. דאַרפין זייא צו וויסען אַז זייא זענין גאָר פאַר נאַרט, דען דאָס וואַשׁין פּועלט ניט נאָר כּל זמן מען היט דיא הענט זייא זאָלין ניט אָן רירען קיין אומריינע זאַך אַזוי וויא מיר האָבּין גישריבּען:

כח דעכט גלייכען אַז מען עסט אָפּ און שפּעטער וויל מען ווייטער עסין בּרויט דאַרף מען נאָך אַמאָל אַ מוציא צו מאַכין. דיא בּרכת המוציא פון דער פריא פּועלט גאָר ניט אויף דעם עסין פון מיטען טאָג:

כט דעכט גלייכין אַז מען עסט אָפּ דאַרף מען בּאַלד צו בּענטשׁין. אַז מען בּאַלמיטשעט אָבּער אַזוי לאַנג בּיז מען ווערט אַבּיסעל הונגעריג איז מען שוין ניט יוצא מיט דעם בּענטשׁין אויף דעם פריערדיקען עסין:

ל כמילא זעהט מען שוין אז דיא מענטשין וואס וואשין זיך אין דער פריא אונ בענטשין בנאכט עסין אגאנצע טאג אונ בנאכט אום געוואשין אונ אן א מוציא. אונ מיט דעם בענטשין פון בנאכט זענין זייא גאר ניט יוצא אויף דעם עסין פון דער פריא:

לא דיא עבירות זענין זייער גרויס. חוץ דעם עונש וואס מען האט ח״ו אין גהינם פאר זינדיקט מען זיך דיא פרנסה אויף דער וועלט:

לב דעריבער דארף זיך יעדער יוד צו פירען פיא מאנטשביל פיא ווייבער אז ווען מען וויל עסין ברויט אדער געבעקין (וואס איז גיקנעטין מיט וואסער) זאל מען זיך וואשין אונ מאכין א מוציא אונ עסין וויא פיהל מען דארף אונ בענטשין בכוונה. דיא קינדער וואס דארפין צו עסין אלע מאהל זאל מען גיוויינען זייא זאלין זיך וואשין אונ בענטשין האטש צווייא מאהל אין טאג. איינמאהל בטאג אונ איינמאהל בנאכט. בזכות זה וועט השם יתברך העלפען אז מען וועט האבין דיא פרנסה בכבוד חוץ דעם גרויסען שכר וואס מען וועט האבין אויף יענער וועלט:

## (בשלח) סימן כח. דינים פון ברכת המוציא! אונ פון עסען. ער האלט זעכס אונ דרייסיג סעיפים:

א אז מען וויל עסען ברויט אדער געבעקין וואס איז אויס מעהל פון ווייטץ אדער קארין אדער גערשטין אדער האבער אדער ארקיש אונ עס איז גיקנעטין מיט וואסער מאכט מען דעריבער המוציא לחם מן הארץ:

ב מען זאל ניט אויס רעדין פון דעם וואשען ביז דעם עסען. נור אז מען הערט איינעם זאגין א ברכה מעג מען ענטפערין אמן אז מען האלט נאך פאר דער מוציא:

ג אבער נאך דער מוציא טאר מען קיין אמן אויך ניט ענטפערין ביז מען שלינגט אראפ דעם ערשטין ביסען:

ד איידער מען מאכט דיא ברכת המוציא דארף מען אביסעל איין צו שניידין אין ברויט נור ניט קיין סך:

ה שבת אונ יום טוב זאל מען גאר ניט איין שניידען ביז נאך דער ברכה:

ו בשעת מען מאכט דיא מוציא זאל מען אין זינען האבין דיא טייטש פון דיא ווערטער אונ זאגין שארף יעדער ווארט:

ז אויך זאל מען האלטין מיט ביידע הענט דאס ברויט בשעת דער ברכה:

ח דער נאך שנייט מען אפ א קאליכעק שטיקעל אין דער זייט פון ברויט עס זאל זיין א שטיקל פון אויבען אונ א שטיקעל פון אונטען אונ מען טונקט איין אין זאלץ דרייא מאל אונ מען עסט:

ט אז מען טיילט יעדערין א מוציא זאל מען עס ניט ווארפין. דען מען טאר ניט ווארפין קיין ברויט אויך זאל מען ניט געבין יענעם אין דער האנד אבין נור מען זאל אנידער לייגין פאר איהם:

י עס איז א מצוה א מוציא צו מאכין איבער דעם ברויט וואס איז מעהר חשוב. דעריבער אז עס ליגט פאר איהם ווייטצין ברויט אונ קארין ברויט זאל ער מאכין א מוציא איבער דעם ווייטצען ברויט אפילו עס איז נור א שטיקעל אונ דאס קארען ברויט איז גאנצין:

יא אז זייא זענען אבער ביידע איין מין ברויט. נור איינס איז גאנצין זאל מען מאכין איבער דעם גאנצען:

יב אז זייא זענען ביידע גאנצין אדער ביידע שטיקר אונ איינס איז רארזיווע מאכט מען איבערין גיבאטעלם:

יג. אז זייא זענען ביידע רארזיווע אדער ביידע גיבאטעלם מאכט מען איבער דעם גרעסערין:

יד דאס שמועכט אלטץ אז מען וויל עסען פון ביידע אבער אז מען וויל נור עסען פון איינעם מאכט מען איבער דעם דיא מוציא אפילו עס איז גימיינער :

טו אז מען וואשט זיך צו ברויט אדער גיבעקטץ אונ מען וויל עסען א גיקעכטץ. היינו פיינגליך. ארבים. קרויט. אונ נאך אזא שפייזער. אדער פלייש. קעז. אייער. דארף מען ניט קיין ברכה צו מאכין איבער זייא. אפילו מען עסט זייא אן ברויט :

טז אז מען עסט פירות רויע אדער גיקאכטע מיט ברויט דארף מען ניט קיין ברכה צו מאכין איבער זייא :

יז אז מען וויל זייא עסען אן ברויט אונ אן פלייש דארף מען צו מאכען איבער זייא זייער ברכה :

יח אבער א בורא נפשות אדער דיא לאנגע ברכה אחרונה דארף מען ניט צו מאכין נאך דיא פירות וואס מען עסט אין מיטען עסען. אדער פאר דעם בענטשין :

יט אז מען וויל עסען אביסעל פון דיא פירות מיט ברויט אונ אביסעל אן ברויט זאל מען מאכין איבער זייא זייער ברכה אונ עסען אביסעל אן ברויט. דער נאך מעג מען שוין עסען וויא אזוי מען וויל :

כ אז מען האט ניט עפעס אנדערשט צו עסען נור דיא פירות מיט דעם ברויט אונ מען וויל עסען אביסעל פון זייא אן ברויט זאל מען פריער עסען אביסעל מיט ברויט וועט מען שוין ניט דארפין צו מאכין זייער ברכה אפילו איבער דיא וואס מען וועט עסען אן ברויט :

כא אז מען עסט אין מיטען עסען א געלכע פירות מען זאל דורך זייא האבין חשק צו עסען דארף מען ניט צו מאכין איבער זייא קיין ברכה אפילו מען עסט זייא אן ברויט :

כב אז מען טרינקט וויין אין מיטען עסען דארף מען צו מאכין איבער איהם א בורא פרי הגפן :

כג אבער דיא לאנגע ברכה אחרונה דארף מען ניט צו מאכין נאך דעם וויין וואס מען טרינקט אין מיטען עסען : כד אז ער האט גימאכט א ברכה איבער וויין איידער ער האט זיך גיוואשין אונ ער האט אין זינען גיהאט צו טרינקען וויין אין מיטען עסין אדער זיין שפייזער איז צו טרינקען וויין אין מיטען עסען דארף ער שוין ניט קיין ברכה צוא מאכין איבער דעם וויין וואס ער טרינקט אין מיטען עסען. נור ער זאל ניט ארויס גיין דער צווישען פון דעם שטיבעל וואס ער האט גימאכט דעם בורא פרי הגפן פאר דעם וואשין :

כה אז מען טרינקט וואסער אדער משקה אין מיטען עסען (פון ברויט) דארף מען ניט קיין ברכה צו מאכין. דעסט גלייכען איבער בראנפין וואס מען טרינקט אין מיטען עסען כדי מען זאל חשק האבין צו עסען דארף מען אויך ניט קיין ברכה צו מאכין :

כו אבער צו טרינקען בראנפין אדער טייא אדער קאווע פאר דעם בענטשין כדי עס זאל פארדייען דאס עסען איז ניט גלייך צאמין ער האט גימאכט א שהכל איבער וועלכע משקה איידער ער האט זיך גיוואשין אונ איז ניט ארויס גיגאנגין דער צווישען :

כז אז איינער האט בהמות אדער עופות וואס ער דארף זייא צו געבין עסין מאר ער ניט עסין צאמין ער גיט זייא פריער צו עסין. אבער צו טרינקען איז דער מענטש פריער פאר זייא :

כח מען דארף גיווארינט צו זיין ניט צו ווארפין דיא קרישעליך אויף דעם ארט וואו מענטשין גייען דען מען קען ח"ו ווערין איין ארימאן אז מען טרעט אויף קרישעליך :

כט דאריבער זאל מען זייא לייגען אין אווינקעל אדער אין וואסער צביין אז זייא זענען קליינע קרישערליך וואס מען קען זייא שוין ניט עסין :

ל אז מען עסט ברויט אדער גיבעקטץ טאר מען ניט אוועק גיין פון דער ארט ביז צייטען מען בענטשט :

לא אז ער האט אין זינען גיהאט בשעת ער האט גימאכט דיא מוציא ער זאל אוועק גיין אין מיטען עסין מעג ער גיין אויב ער גייט דארט אהין עסין אדער ער גייט פון אזא מצוה וועגין וואס אז ער וועט זיא צינדערט ניט טוען וועט ער זיא שוין הייק האבין :

דעמי

לב דעסט גלייכן אז ער האט ניט אין זינען געהאט אוועק צו גיין נור ער גייט צינדערט אויף דער דעה ער זאל צוריק קומען אהער בענטשין מעג ער אויך אוועק גיין עסין ערגיץ אנדערשט אדער פון אזא מצוה וועגן וואס מיר האבין געשריבען:

לג פייא דיא אלע אופנים זאל מען אלעמאל ניט אוועק גיין צאמען מען האט שוין געגעסין אשטיקעל ברויט וואס איז גרויס וויא אהאלב איי:

לד אז איינער איז אוועק געגאנגען פאר דעם בענטשין. אז ער האט ברויט אדער געבעקטס וואס מען מאכט דאריבער א מוציא זאל ער עסין אשטיקעל אונ דא בענטשין. אז ער האט אבער ניט מוז ער צוריק גיין בענטשין וואו ער האט געגעסין:

לה אז ער איז אבער שוין אזוי ווייט אז איידער ער וועט צוריק גיין וועט ער דער וויל ווערין אביסעל הונגעריג ממילא וועט ער דאך שוין ניט יוצא זיין מיט דעם בענטשין אויף דעם פריערדיקען עסין זאל ער דא בענטשין וואו ער איז צינדערט:

לו אז איינער האט אפ געגעסין אונ וויל שוין בענטשין דער נאך איז ער זיך מיישב אונ וויל ווייטער עסין אדער טרינקען איז דא הילוקי דינים ווען ער דארף איבער ניים א ברכה צו מאכין אונ ווען ניט. דאריבער זאל מען געווארינט זיין אז דענטמאלט ווען מען וויל שוין בענטשין זאל מען באלד בענטשין אונ ניט ווייטער זיך מיישב זיין צו וועלין עסין אדער טרינקען:

## (יתרו) סימן כט. דינים פון מים אחרונים אונ־פון בענטשין. ער האלט זעכס אונ צוואנציג סעיפים:

א פאר דעם בענטשין זאל מען זיך וואשין דיא פינגער ביז דעם מיטעלסטין גליד, דאס וואסער הייסט מים אחרונים:

ב בשעת דעם וואשין זאל מען האלטין אראפ געבויגין דיא פינגער כדי דאס איין רעכטעכטץ זאל אראפ גיין:

ג מים אחרונים וואשט מען זיך ניט אויף דער ערד וואו מענטשין גייען דען א רוח רעה רוהט אויף דעם וואסער. נור מען זאל זיך וואשין אין א כלי אריין:

ד אז מען האט ניט קיין כלי זאל מען זיך וואשין אונטערין טיש וועלכים מענטשין גייען ניט דארט:

ה אז מען האט ניט קיין וואסער מעג מען זיך וואשין מיט אנדערע משקה. אבער ווארים וואסער אדער ווארימע משקה טאר מען ניט נעמען אויף מים אחרונים:

ו נאך דעם וואשין מים אחרונים זאל מען זיך אפ ווישען דיא פינגער אונ תיכף בענטשין אונ ניט אויס רעדין ביז נאך דעם בענטשין:

ז מען זאל ניט אראפ נעמען דאס טישטוך מיט דעם ברויט ביז נאך דעם בענטשין

ח מען טאר ניט פאר דעם בענטשין ארויף לייגען אגאנצין ברויט אויף דעם טיש

ט פאר דעם בענטשין זאל מען אראפ נעמען דאס מעסער פון טיש אדער צו דעקין עס. שבת אדער יום טוב דארף מען ניט דאס צו טוען:

י אפילו ווען עסט נור אזוי גרויס וויא אהאלב איי ברויט אדער געבעקטץ וואס מען מאכט דאריבער א מוציא אונ מען וויל צינדערט ניט מער עסין דארף מען תיכף צו בענטשין:

יא בשעת דעם בענטשין דארף מען צו זיצען כדי מען זאל גוט אין זינען האבין וואס מען רעט. אויך זאל מען ניט טוען קיין שום זאך בשעת דעם בענטשין. נור מען זאל זיצען מיט מורא פאר השם יתברך אונ בענטשין מיט גרויס כונה. אונ דער עיקר אין זינען צו האבין דיא טייטש פון דיא ווערטער אזוי וויא מיר האבין געשריבין אין אן הייב סימן ו':

יב נָאךְ יֶעדֶערֶע בְּרָכָה וָואס מֶען הֶערְט אוֹיס לָאזְין פוּן בֶּענְטְשִׁין דַארְף מֶען צוּ עֶנְטְפֶערִין אָמֵן (זֶעה אַיין בסימן י"א סעיף ו) . דֶעסְט גְלַייכִין נָאךְ יֶעדֶערִין הָרַחֲמָן וָואס מֶען הֶערְט אוֹיס לָאזְין זָאל מֶען אוֹיךְ עֶנְטְפֶערִין אָמֵן :

יג אַז מֶען פַאר גֶעסְט שַׁבָּת צוּ זָאגִין רְצֵה אָדֶער רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדֶער יוֹם טוֹב צוּ זָאגִין יַעֲלֶה וְיָבֹא אוּנ עֶר הָאט זִיךְ דֶער מַאנְט אֵיידֶער עֶר הָאט גֶיזָאגְט דֶעם שֵׁם פוּן בָּרוּךְ אַתָּה ה' בּוֹנֵה בְּרַחֲמָיו יְרוּשָׁלַיִם זָאל עֶר דָא זָאגִין רְצֵה אָדֶער יַעֲלֶה וְיָבֹא . הֶער נָאךְ וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם כו' :

אַז עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער עֶרְשְׁט דֶער מַאנְט וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶיזָאגְט דֶעם שֵׁם זָאל עֶר אוֹיס לָאזִין בּוֹנֵה בְּרַחֲמָיו יְרוּשָׁלַיִם אָמֵן דֶער נָאךְ זָאל עֶר זָאגִין אַזוֹי וִויא מִיר וֶועלִין שְׁרַייבִּין אִין דִיא סְעִיפִים :

הַיינוּ שַׁבָּת זָאל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר נָתַן שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה לְאוֹת וְלִבְרִית בָּרוּךְ אַתָּה ה' מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת (זֶעה אַיין בִּסְעִיף י"ד) :

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ אַתָּה ה' אמ"ה אֲשֶׁר נָתַן רָאשֵׁי חֳדָשִׁים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל לְזִכָּרוֹן :

יז וֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אוֹם שַׁבָּת אוּנ הָאט פַאר גֶעסִין צוּ זָאגִין רְצֵה אוּנ יַעֲלֶה וְיָבוֹא זָאל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ אַתָּה ה' אמ"ה אֲשֶׁר נָתַן שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה לְאוֹת וְלִבְרִית וְרָאשֵׁי חֳדָשִׁים לְזִכָּרוֹן בָּרוּךְ אַתָּה ה' מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת וְיִשְׂרָאֵל וְרָאשֵׁי חֳדָשִׁים :

יח יוֹם טוֹב זָאל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ אַתָּה ה' אמ"ה אֲשֶׁר נָתַן יָמִים טוֹבִים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת (אָדֶער הַשָּׁבוּעוֹת אָדֶער הַסּוּכּוֹת) הַזֶּה בָּרוּךְ אַתָּה ה' מְקַדֵּשׁ יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים (זֶעה אַיין בִּסְעִיף י"ד) :

יט וֶוען יוֹם טוֹב גִיפַאלְט אוֹם שַׁבָּת אוּנ הָאט פַאר גֶעסִין רְצֵה אוּנ יַעֲלֶה וְיָבוֹא זָאגְט עֶר בָּרוּךְ אַתָּה ה' אמ"ה אֲשֶׁר נָתַן שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה לְאוֹת וְלִבְרִית וְיָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת (אָדֶער הַשָּׁבוּעוֹת אָדֶער הַסּוּכּוֹת) הַזֶּה בָּרוּךְ אַתָּה ה' מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת וְיִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים :

כ חוֹל הַמּוֹעֵד זָאגְט עֶר בָּרוּךְ אַתָּה ה' אמ"ה אֲשֶׁר נָתַן מוֹעֲדִים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת (אָדֶער הַסּוּכּוֹת) הַזֶּה :

כא רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְט עֶר בָּרוּךְ אַתָּה ה' אמ"ה אֲשֶׁר נָתַן יָמִים טוֹבִים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל אֶת יוֹם הַזִּכָּרוֹן הַזֶּה :

כב נָאךְ דֶער בְּרָכָה וָואס מִיר שְׁרַייבֶּען זָאגְט מֶען וִוי מֶען הָאלְט בָּרוּךְ אַתָּה ה' אמ"ה הָאֵל אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כו' :

כג פוּן סְעִיף י"ד אָן בִּיז אַהֶער שְׁמוּעֶסְט אַלְץ נָאר אַז מֶען הָאט זִיךְ דֶער מַאנְט אֵיידֶער מֶען הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען דֶעם בָּרוּךְ וָואס אִיז נָאךְ יְרוּשָׁלַיִם אָמֵן אָבֶּער אַז מֶען דֶער מַאנְט זִיךְ הֶערְשְׁט וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אָן גִיהוֹיבֶּען דֶעם בָּרוּךְ זָאל מֶען שׁוֹין נִיט זָאגִין דִיא בְּרָכָה . נוּר אוֹיבּ עֶס אִיז בַּייא דִיא עֶרְשְׁטֶע צְווייא סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת אָדֶער פוּן דֶעם טָאג יוֹם טוֹב דַארְף מֶען נָאךְ אַמָאל אִיבֶּער נַיים צוּ בֶּענְטְשִׁין . אָבֶּער אַז עֶס אִיז שׁוֹין בַּייא דֶער דְרִיטֶע סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת אָדֶער פוּן דֶעם טָאג יוֹם טוֹב זָאל מֶען זָאגִין וַוייטֶער אוּנ שׁוֹין נִיט אִיבֶּער נַיים בֶּענְטְשִׁין :

כד רֹאשׁ חוֹדֶשׁ . חוֹל הַמּוֹעֵד . רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּייא וֶועלְכֶע סְעוּדָה פוּן זַייא מֶען הָאט זִיךְ דֶער מַאנְט בְּשַׁעַת מֶען הָאט שׁוֹין אָן גִיהוֹיבֶּען דֶעם בָּרוּךְ וָואס שְׁטֵייט נָאךְ יְרוּשָׁלַיִם אָמֵן אִיז שׁוֹין פַאר פַאלִין אוּנ מֶען זָאל שׁוֹין נִיט נָאךְ אַמָאל בֶּענְטְשִׁין . אוּן אוֹיךְ נִיט זָאגִין דִיא בְּרָכָה וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען :

כה חֲנוּכָּה אָדֶער פּוּרִים אַז מֶען פַאר גֶעסְט צוּ זָאגִין עַל הַנִּסִּים בַּייא וְעַל הַכֹּל פוּן

בֶּענְטְשְׁן אוּנ מֶען דֶער מַאנְט זִיךְ עֶרְשְׁט בְּשַׁעַת מֶען הָאט שׁוֹין גֶיזָאגְט דֶעם שֵׁם פוּן בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמָּזוֹן זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן אוּנ בְּשַׁעַת מֶען הַאלְט בַּייא דִיא הָרַחֲמָן זָאל מֶען זָאגְן „הָרַחֲמָן הוּא יַעֲשֶׂה לָנוּ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת כְּמוֹ שֶׁעָשָׂה לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה בִּימֵי מַתִּתְיָהוּ כו׳ אָדֶער בִּימֵי מָרְדְּכַי כו׳״:

**כו** אַז מֶען זֶעצְט זִיךְ עֶסְן שַׁבָּת פַארְן נַאכְט אוּנ מֶען עֶסְט אִין דֶער נַאכְט אַרַיין אוּנ מֶען הָאט נָאךְ נִיט גֶידַאוֶוענְט קְיין מַעֲרִיב זָאל מֶען זָאגְן רְצֵה. דֶעסְט גְלַייכְן יוֹם טוֹב. רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. חֲנוּכָּה. פּוּרִים. זָאל מֶען זָאגְן יַעֲלֶה וְיָבוֹא אָדֶער עַל הַנִּסִּים וַוייל מֶען הָאט זִיךְ גֶיזֶעצְט עֶסְן בַּטָאג. נוּר אַז מֶען הָאט פַאר גֶעסְן צוּ זָאגְן רְצֵה אָדֶער יַעֲלֶה וְיָבוֹא זָאל מֶען נִיט זָאגְן דִיא בְּרָכָה וָואס מִיר הָאבְּן גֶישְׁרִיבֶּן מִיט דֶעם שֵׁם דֶען עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין נַאכְט:

## (מִשְׁפָּטִים) סִימָן ל. דִינִים פוּן בֶּענְטְשְׁן מְזוּמָן. עֶר הַאלְט אַכְט אוּנ צְוַואנְצִיג סְעִיפִים

**א** אַז דְרַייא יוּדֶען עֶסְן בַּנַאנְד דַארְפְן זֵייא צוּ בֶּענְטְשְׁן מְזוּמָן. אוֹיךְ אִיז אַמִּצְוָה זֵייא זָאלְן בֶּענְטְשְׁן אִיבֶּער אַ כּוֹס וַויין:

**ב** אַז עֶס אִיז אוֹיף דֶעם אָרְט טֵייעֶר וַויין אוּנ דִיא מֶענְטְשְׁן טְרִינְקֶען אַנְדֶערֶע מַשְׁקִין בִּיְיעֶר אָדֶער מֶעד פַאר וַויין מֶעגְן בֶּענְטְשְׁן אִיבֶּער אַנְדֶערֶע מַשְׁקִין:

**ג** מֶען דַארְף פְרִיעֶר אָן צוּ גִיסְן דֶעם כּוֹס. דֶער נָאךְ צוּ וַואשְׁן זִיךְ מַיִם אַחֲרוֹנִים:

**ד** אַז מֶען טְרִינְקְט אָפּ אַבִּיסֶעל וַויין פוּן פְלֶעשִׁיל אָדֶער פוּן גְלֶעזִיל טָאר מֶען נִיט בֶּענְטְשְׁן אִיבֶּער דֶעם וַויין צַאפְּטְן מֶען גִיסְט צוּ אַבִּיסֶעל וַויין אָדֶער עֶטְוָואס וַואסֶער וָואס מֶען הָאט פוּן זֵייא נִיט אָפּ גֶיטְרוּנְקֶען. דֶער אֵייגֶענֶער דִין אִיז אוֹיךְ בַּייא אַנְדֶערֶע מַשְׁקִין:

**ה** דֶער כּוֹס דַארְף זַיין גַאנְץ עֶס זָאל נִיט זַיין אָפּ גִיבְּרָאכְן פוּן אִיהְם אֲפִילוּ דֶער פוּס. אוֹיךְ זָאל נִיט זַיין אִין אִיהְם קְיין שְׁמוּצִיגְקַייטְן. אוֹיךְ זָאל עֶר הַאלְטְן הָאמִישׁ אַזוֹיא פִיהְל וִויא עֶס קֶען אַרַיין אִין צְוַויִיא שָׁאלְן פוּן הִינֶערְנֶע אֵייעֶר:

**ו** פַאר דֶעם בֶּענְטְשְׁן דַארְף מֶען אִיבֶּער צוּ וַואשְׁן דֶעם כּוֹס פוּן אִינְוֵוייניג אוּנ פוּן אוֹיסְעֶנְוֵוייניג אָדֶער גוּט אוֹיס וִוישְׁן עֶר זָאל זַיין רֵיין:

**ז** דֶעם וַויין זָאל מֶען אַרַיין גִיסְן אִין אִיהְם פַארְן בֶּענְטְשְׁן פוּן בֶּענְטְשְׁן וֶועגְן. אוֹיךְ דַארְף דֶער כּוֹס צוּ זַיין כְּוּהָל:

**ח** דֶער וָואס בֶּענְטְשְׁט אִיבֶּער דֶעם כּוֹס דַארְף צוּ נֶעמֶען דֶעם כּוֹס מִיט בֵּיידֶע הֶענְט אוּנ בְּשַׁעַת דֶעם בֶּענְטְשְׁן זָאל עֶר אִיהְם הַאלְטְן אִין דֶער רֶעכְטֶע הַאנְט אַלֵיין. אַ פוֹיסְט הֶעכֶער פוּן טִישׁ. אוֹיךְ זָאל עֶר אַלֶע מָאל קוּקְן אוֹיף דֶעם כּוֹס בְּשַׁעַת דֶעם בֶּענְטְשְׁן:

**ט** אַז מֶען טְרִינְקְט בַּייא דֶעם טִישׁ גוּטֶע מַשְׁקָה אוּנ מֶען בֶּענְטְשְׁט אִיבֶּער גֶימֵיינֶערֶע אִיז דָאס אַיין עֲבֵירָה. דֶען מֶען דַארְף צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם בֶּעסְטְן. דַארִיבֶּער כְּדֵי מֶען אִיבֶּער לָאזְן דִיא בֶּעסְטֶע מַשְׁקָה צוּם בֶּענְטְשְׁן:

**י** מֶען בֶּענְטְשְׁט מְזוּמָן אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סִידוּר. נָאךְ דֶעם בֶּענְטְשְׁן זָאל עֶר מַאכְן אַ בְּרָכָה אִיבֶּערְן כּוֹס אוּנ טְרִינְקֶען מִיט אַמָאל אַזוֹי פִיהְל עֶר זָאל מַאכְן דֶער נָאךְ אַ בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה אוֹיף וַויין אָדֶער אַ בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת אוֹיף אַנְדֶערֶע מַשְׁקִין. (זֶעה אַיין בסימן לב אות ו׳):

**יא** אַז צְוַויִיא עֶסְן בַּנַאנְד אִיז אַ מִצְוָה זֵייא זָאלְן צוּ נֶעמֶען אַדְרִיטֶען צוּ גֶעבְּן אִיהְם צוּ עֶסְן אַ כַּזַּיִת אָדֶער אֲפִילוּ צוּ טְרִינְקֶען אַ גְלֶעזִיל מַשְׁקָה (אָדֶער אַגְלֶעזִיל וַואסֶער אוֹיבּ עֶר אִיז דָארְשְׁטִיג) עֶר זָאל דַארְפְן צוּ מַאכְן אַ בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה אָדֶער אַ בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת מִמֵּילָא וֶועלְן זֵייא קֶענֶען אִיהְם מְצָרֵף זַיין צוּ מְזוּמָן:

עֶר

יב ער דארף צו עסן דעם כזית אדער צו טרינקען מיט זייא בנאנט ביא דעם טיש אונ זאל ענטפערין ברוך שאכלנו אונ ווען זייא האלטין שוין נאך הזן את הכל זאל ער מאכין דיא ברכה אחרונה אדער דעם בורא נפשות:

יג אז דער דריטער קומט ערשט ווען זייא ווילען שוין בענטשין קענען זיי שוין ניט איהם מצרף זיין צו מזומן:

יד אז דרייא עסען בנאנט אונ צווייא האבין שוין אפ גיגעסין אונ ווילען בענטשין אונ דער דריטער האט נאך ניט אפ גיגעסין דארף ער אויף הערין צו עסען ביז זייא בענטשין מזומן אונ ער זאל אויך ענטפערין אונ זאל ווארטין ביז זייא האלטין הזן את הכל דער נאך וועט ער ווייטער מעגין עסין אונ ווען ער וועט אפ עסין זאל ער בענטשין:

טו אז צעהן יודען עסען בנאנט דארפין זייא צו בענטשין מזומן מיט דעם שם היינו צו זאגין ברוך אלהינו שאכלנו משלו אזוי וויא עס שטייט אין סידור:

טז אז זיבען עסין ברויט אונ דרייא עסען פירות אדער עפיס אנדערש אזויא גרוים וויא אהאלב איי אדער זייא טרינקען משקה אדער וואסער ביא דעם טיש אזוי פיהל וועלכעס זייא דארפין צו מאכין א בורא נפשות קענען זיי שוין בענטשין מזומן מיט דעם שם:

יז מען מאר ניט מצרף זיין צו מזומן נור דיא מענטשין וואס עסען ביא איין טיש אדער ביא איין טישטוך:

יח נור דעם משמש וואס גיט דיא מענטשין צו עסין מעג מען מצרף זיין צו מזומן אפילו ער עסט שטייענדיג ניט ביא דעם טיש. דען זיין שטייגער איז אזוי צו עסין וויל ער דארף אלע מאהל צו גיין:

יט אז זייא עסען ביא צווייא טישען אונ זייא זעהן זיך איינער דעם אנדערין אדער איין משמש ברענגט אויף ביידע טישען צו עסין מעג מען צו נאנט רעכינען דיא מענטשין פון ביידע טישען צו מזומן אז דיא מענטשין פון ביידע טישען זענען אריין גיקומען עסין אויף דער דעה זייא זאלין בנאנט בענטשין מזומן:

כ אבער אז דיא מענטשין פון איין טיש זענען פריער אריין גינאנגין אונ האבין גאר ניט אין זינען גיהאט צו בענטשין מזומן מיט דיא אנדערע מאר מען ניט צו נאנט רעכינען דיא מענטשין פון ביידע טישען צו מזומן:

כא מען דארף גיווארינט צו זיין אין דיא נאכין אין דער סוכה וועלכעס מענטשין עסען דארט אויף בזונדערע טישען:

כב דאס וואס מיר שרייבין אלמאל ווען מען מעג מצרף זיין צו מזומן אונ ווען ניט שמועסט נור אז ביא איין טיש פעלט צו מזומן אדער צום מנין. אבער אז עס פעלט ניט ביא דעם טיש צו מזומן מעג יעדערער וואס האט גיגעסין א כזית אדער ער האט גיטרונקען וועלכעס ער דארף צו מאכין א בורא נפשות אונ הערט זייא בענטשין מזומן מעג שו' ענטפערין ברוך שאכלנו גלייך מיט זייא:

כג אז עס עסין אסך מענטשין בנאנט זאל מען געבין דאס בענטשין דעם וואס בענטשט הויך כדי זייא זאלין אלע הערין פון איהם האטש ביז הזן את הכל:

כד אז זייא קענען ניט אלע הערין זאלין זייא בענטשין צו צעהן מענטשין כדי זייא זאלין קענען הערען ביז הזן את הכל אונ ענטפערין אמן איידער זייא וועלין אן הייבין נודה לך:

כה אז מען בענטשט מזומן אונ עס איז דא איינער וואס האט ניט גיגעסין אדער גיטרונקען זאל ער ניט זאגין ברוך שאכלנו נור ער זאל זאגין ברוך ומבורך שמו תמיד לעולם ועד בשעת זייא ענטפערין ברוך שאכלנו:

כו אז זייא זענען א מנין אונ ענטפערין ברוך אלהינו שאכלנו משלו זאל ער דענמאלט זאגין ברוך אלהינו ומבורך שמו תמיד לעולם ועד:

כז אז ער קומט ערשט אריין ווען זייא ענטפערין שוין אונ ער האט ניט גיהערט דעם

וואס בענטשט זאגן נברך כו' זאל ער ניט זאגן ווען זיי ענטפערן נור זאל נאך זיי ענטפערן אמן:

כח מען איז ניט מצרף צו מזומן קיין יונגעל וואס איז נאך ניט אלט קיין דרייצעהן יאר. אונ אויך ניט קיין ווייבער. אבער אז באזונדער בענטשן מזומן זאלן די ווייבער אונ קליינע יונגלעך וואס האבן געגעסן מיט זיי אויך ענטפערן ברוך שאכלנו כו':

# סימן לא. דינים פון ברכות. ער האלט פערצעהן סעיפים:

א אז מען טאר ניט עסן אדער טרינקען אן א ברכה. אפילו מען וויל נור עסן אקליין שטיקעל אדער טרינקען צקליין ביסעל טאר מען ניט צאמן מען מאכט דאריבער די ברכה וואס קער הער צו:

ב אז מען וויל עסן איין עסן וואר'ק וואס מען ווייסט ניט וואסער ברכה מען מאכט דאריבער טאר מען עס ניט עסן ביז מען פרעגט דעם וואס ווייסט וואסער ברכה מען מאכט איבער דעם:

ג. האטש דער דין איז אז מען האט גימאכט א שהכל אויף יעדער זאך איז מען יוצא דאס איז נור אז מען האט שוין גימאכט. אבער צו גיין טוען אזוי טאר מען בוודאי ניט. נור מען מוז לערנען צו וויסען וואסער ברכה מען מאכט איבער יעדער זאך:

ד אז מען האט גילערינט אונ מען וויל עסן אזא זאך וואס די פוסקים קריגען דריגע אדער מען ווייסט ניט וואס עס איז זאל מען מאכן דאריבער א שהכל:

ה אז מען קען עס עסן אין מיטען עסן באזן וואס מיר האבן גישריבן בסימן כ"ח אז מען דארף ניט קיין ברכה צו מאכן דאריבער אין מיטען עסן איז בוודאי גלייכער:

ו מען טאר ניט מאכן קיין ברכה איבער קיין שום זאך צאמן די זאך איז שוין פאר איהם. אויך איז א מצוה צו האלטן די זאך אין דער רעכטע האנט בשעת מען מאכט די ברכה:

ז איידער מען מאכט די ברכה זאל מען זיך באטראכטן וואסערע ברכה מען דארף צו מאכן כדי מען זאל זיך ניט טועה זיין:

ח נאך דער ברכה טאר מען ניט באלטימטשען נור באלד עסן אדער טרינקען. מען טאר ניט אויס רעדן נאך דער ברכה איידער מען שלינגט אראפ דעם ערשטן ביסען:

ט אז מען וויל עסן א פרי זאל מען די פרי אפ שיילען איידער מען מאכט די ברכה. אונ ניט צו שניידן זיא כדי מען זאל מאכן די ברכה איבער א גאנצע פרי. דען דאס איז מער מצוה אויב מען ווייסט אז די פרי איז ניט ווערמיג. די ברכה זאל ניט זיין ח"ו אומזיסט:

י אז מען וויל טרינקען וואסער אונ פריער אפ גיסען אביסעל אזוי וויא דער שטייגער איז זאל מען אפ גיסען איידער מען מאכט די ברכה. אונ ניט נאך דער ברכה עס זאל ניט זיין ח"ו קיין בזיון צו דער ברכה:

יא אז מען פאר זוכט א געקעכטץ אויב עס דארף זאלטץ אדער צו עס איז גוט אונ מען שפייעט צוריק אוים דארף מען ניט צו מאכן קיין ברכה:

יב אז מען צו קייעט איין עסן ווארק אונ מען שפייעט אוים דארף מען אויך ניט צו מאכן קיין ברכה:

יג עס איז אבער גלייכער ניט צו קייען קיין עסן ווארק צאמן מען מאכט פריער דאריבער די ברכה אונ מען שלינגט אראפ א ביסעל:

יד אז מען וויל פאר זוכען א געקעכטץ אויב עס דארף זאלטץ אונ אראפ שלינגען זאל מען מאכן דאריבער די ברכה אונ מען זאל אין זינען האבן בשעת מען שלינגט אראפ אז

מען

מען זאל דער פון בנאה האבן גלייך מען עסט וועלכים עסן וואך :

## תרומה סימן לב . דינים פון אימליכע ברכה וואס מען דארף צו מאכן איבער יעדער עסן ווארק אדער משקה על פי סדר צקף בית :

**אות א** (א) איבער אגרים מאכט מען בורא פרי העץ. געפרעגלטע אגרים אויך בורא פרי העץ. אז זייא זענען צומארק צו ריבען אז מען דער קענט זייא נית מאכט מען שהכל. אז עס מרעפט זיך מען האט געמאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא : (ב) אומצייטיגע אויבס. אז עס איז נית אזויא גוט צו עסן רואהייט. שהכל. ווען עס איז גיפרעגלט בורא פרי העץ. אז מען קען עס גאר נית עסן רואהייט מאכט מען גאר נית דאריבער רואהייט. אז עס איז גפרעגלט מאכט מען שהכל: (ג) אתרוג איינגימאכטין בורא פרי העץ : (ד) איינגימאכטץ פון מייערין ריבען בארקים. בורא פרי האדמה: (ה) אוגרקים גיזארטע אדער מיט עסיג אזוי ווי עס איז דער שמייגער זייא צו עסן בורא פרי האדמה. זיסע אוגרקים וויא עס איז נית דער שמייגער אזוי צו עסן מאכט מען שהכל. דאס שמועכט אלטץ ווען מען עסט זייא בלוים. אבער אז מען עסט זייא מיט ברוט אדער מיט פלייש זאל מען גאר נית מאכן קיין ברכה איבער דיא אוגרקים (ו) ראסעל פון אוגרקים. שהכל. אז מען טרינקט אידים בשעת מען עסט דיא אוגרקים זאל מען נית מאכן קיין ברכה איבער דעם ראסיל : (ז) ארבים גיקאכטע גאנצע אדער צו ריבענע בורא פרי האדמה. שטארק צו ריבען. שהכל. ארבים זופ שהכל : (ח) ארבים שויטען פון גארטען מאכט מען איבער דיא ארבים בורא פרי האדמה. און מען דארף שוין נית צו מאכן איבער דיא שויטען. אז מען עסט נית דיא ארבים נור דיא שויטין אליין מאכט מען שהכל ; (ט) ארבים שוטען פון פעלד מאכט מען שהכל אפילו איבער דיא ארבים ווען זייא זענין נית גיקאכט : (י) אייער. שהכל :

**אות ב** (א) ברוט אדער בייגיל אדער חלה אדער מצות פון גווייטצין מעהל אדער קארין מעהל אדער גערשטין מעהל. אז עס איז גיקנעטין מיט וואסער און גיבאקין אין אויבען דארף מען זיך דער צו וואשין און מאכן המוציא. און אז מען עסט דער פון אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מעהר דארף מען צו בענטשין : (ב) מען דארף וויסען דעם כלל אז דיא מאכלים פון האבער מעהל אדער ארקיש מעהל האט דעם איינגענעם דין פון ווייטצען מעהל קיינין אלדינג. נור וויל דאס מעהל איז נית דא אין אונזער מדינה ועלין מיר עס שוין נית גידענקין : (ג) אז מען וואשט זיך צו ברוט אדער גיבעקץ און מען וויל עסן אגיקעכטץ. היינו מייגליך. גריץ. ארבים. קרויט. און נאך אזא שמייגער. אדער פלייש. פיש. קעז. אייער. דארף מען נית קיין ברכה צו מאכען איבער זייא. אפילו מען עסט זייא אן ברויט : (ד) איבער דעם דארף מען צו וויסען אז דאס וואס מיר וועלין שרייבין אברכה צו מאכן איבער דיא זאכין מיינט מען נור דענמאלט ווען מען האט זיך נית גיוואשין צו ברויט : (ה) אז מען עסט פירות אין מיטען עסין אדער מען טרינקט וויין אדער משקה האבין מיר גישריבען בסימן כ"ח ווען מען דארף צו מאכין אברכה אין מיטען עסין און ווען נית (זעה איין דארט) : (ו) בערנים. בורא פרי העץ. וואלד בערנים שהכל : (ז) באקסער. בורא פרי העץ : (ח) בוימעל. אז מען טרינקט אידם בלוים מאכט מען גאר קיין ברכה נית. אז מען מישט איהם מיט אנדערע משקה און דיא משקה איז דיא גרעסטע העלפט מאכט מען שהכל. אז דער בוימעל איז דיא גרעסטע העלפט מאכט מען שהכל איבער אשטיקעל צוקער און מען פטרת דעם בוימעל מיט דער משקה פון א ברכה : (ט) אז ער טרינקט דעם בוימעל פון רפואה ווען גימישט מיט אנדערע משקה דארף ער צו מאכין א בורא פרי העץ. האמשי דער

בוימעל איז דיא קלענערע העלפט. אבער אז ער איז דארשטיג צו דער משקה חאטשי ער טוהט אריין דעם בוימעל פון רפואה וועגן דארף ער צו מאכן א שהכל אזוי ויא מיר האבן פריער געשריבען: (י) בערעליך. בורא פרי האדמה: (יא) בונין (וואסער ארבים). באלבים וקארטאפלים). ביבער. באנים. בארקים גקאכטע. בורא פרי האדמה:
(יב) בארקים גקאכטע גמישט מיט פלאמען. אז דיא גרעסטע העלפט איז בארקים מאכט מען בורא פרי האדמה. אז דיא גרעסטע העלפט איז פלאמען מאכט מען בורא פרי העץ: (יג) בר רשט אן ברויט שהכל. חטשאף בארשט שהכל באטפינע בארשט שהכל: (יד) בארשט מיט קרויט אדער מיט בארקים אז מען עסט דאס קרויט אדער דיא בארקים מאכט מען בורא פרי האדמה. אז מען עסט זייא ניט ציגדערט נור מען זופט דעם בארשט אליין מאכט מען שהכל. קוואס פון בארקים שהכל. דאס שטעסט אלטי אז מען זופט אן ברויט: (טו) ביער. בראנפין. טייא. קאווע. אדער אנדערע משקות (חוץ וויין) שהכל:

אות ג (א) גערשטינע קאשע אדער האבער קאשע גקאכטע בורא מיני מזונות. אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מער דארף מען צו מאכן דיא ברכה אחרונה על המחיה: (ב) גערשטני גריץ אדער האבער גריץ אויך בורא מיני מזונות אבער אז עס איז ווייניג קאשע אונ דער עיקר איז דאס וואסער אזוי וויא מען קאכט פון אקראנקן וועגן זאל מען אן נעמין אביסעל וואסער פון דער גריץ אונ מאכן א שהכל אונ זופן אביסעל. דער נאך איבער אביסעל גערשטנע קאשע אדער האבער קאשע בורא מיני מזונות: (ג) גריץ פון גערשטנע קאשע אדער האבער קאשע מיט קארטאפלים אז דיא קאשע איז אביסעל גידעכט זיא צו עסין מאכט מען בורא מיני מזונות. אז עס איז אבער ווייניג קאשע וועלכעס עס איז גאר שיטער הוץ דיא קארטאפלים זאל מען דיא גריץ ניט עסין צאמען מען האט זיך גיוואשין צו ברויט דענטאלט מאכט נאר קיין ברכה ניט איבער איהר: (ד) אז קינדער ווילן עסין די גריץ אונ ווילען ניט ציגדערט עסין קיין ברויט זאלין זייא מאכין בורא פרי האדמה איבער דיא קארטאפלים אונ עסין אביסעל. דער נאך איבער אביסעל גערשטינע קאשע אדער האבער קאשע בורא מיני מזונות: (ה) גיברענטע זופ וועלכעס מען פרעגילט מעהל אונ מען טוהט אריין קליינע ברעקעליך אין גריץ פון קארטאפלים האט דיא גריץ דעם אייגינעם דין פון גערשטענע קאשע מיט קארטאפלים גריץ וואס מיר האבין פריער גשריבין: (ו) גראפליך פון טאטערטשאנע קאשע שהכל:

אות ה (א) האניק פון טייטלין אדער פון בינען. שהכל: (ב) הירז איז דא חילוקי דיעות וועלכע ברכה מען זאל איבער איר מאכין. דאריבער איז גלייך ניט צו עסין זיא נור אז מען האט זיך פריער גיוואשין צו ברויט. אז עס טרעפט זיך מען עסט הירז וען מען האלט ניט אין מיטען עסין מאכט מען שהכל:

אות ו (א) ווייגטרויבין ווען זייא זענען שוין גוט צאטיג בורא פרי העץ. ווען זייא זענען ניט אזוי צאטיג. בורא פרי האדמה. מען זאל ניט עסען פון דיא אומציימיגע אזוי גרוים וויא אהאלב איי נור אין מיטען עסין: (ב) וויין בורא פרי הגפן. אז מען טרינקט פון איהם מיט אמאל אזוי פיהל וויא עס קען אריין אין צוויא שאהלין פון היגערנע אייער מאכט מען דיא ברכה אחרונה על הגפן: (ג) אז דער וויין איז זאהר וועלכעס מענטשין אילען ניט איהם טרינקען איבער דעם זאהרקייט מאכט מען איבער איהם א שהכל: (ד) דעם זאהרין וויין זאל מען ניט טרינקען מיט אמאל אזוי פיהל מען זאל דארפין צו מאכין אברכה אחרונה נור ווען מען טרינקט גוטען וויין אונ מען מאכט איבער איהם א בורא פרי הגפן אונ צום סוף א ברכה אחרונה. ממילא וועט מען דענטאלט איבער דעם זאהרען וויין גאר ניט בדארפין צו מאכין קיין ברכה: (ה) אז מען מאכט א בורא פרי הגפן איבער וויין אונ

מען האט בשעת דער ברכה אין זינען צו טרינקען נאך דעם וויין בראנפין אדער אנדערע משקה דארף מען שוין ניט צו מאכין קיין ברכה איבער דער משקה: (ו) ווייגשלין ווייגפערליך. בורא פרי העץ. גיפרעגילטע אויך בורא פרי העץ. אז זייא זענען שטארק צו ריבין אז מען דער קענט זייא ניט מאכט מען שהכל. אז עס מרעפט זיך מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא: (ז) וויישניק. שהכל. אז מען עסט דיא יאגדים אדער ווייגשלין פון וויישניק בשעת מען טרינקט דעם וויישניק מאכט מען ניט קיין בזונדערע ברכה איבער זייא: (ח) תאכער מהבת דארשט. שהכל. אז מען טרינקט וואסער אדער משקה (חוץ וויין) מיט אמאל אזוי פיהל וויא עס קען אריין אין צוויא שאלין פון היינערנע אייער מאכט מען דער נאך בורא נפשות: (ט) אז מען טרינקט וואסער ניט מחמת דארשט נור אביסען אראפ צו ברענגין מאכט מען גאר קיין ברכה ניט. איבער אנדערע משקין דארף מען צו מאכין א ברכה אפילו מען טרינקט זייא אביסען אראפ צו ברענגין: (י) ווייטץ אדער קארין גאנטצע מאכט מען בורא פרי האדמה:

**אות ז** זאלטץ אדער זאלטץ וואסער. שהכל:

**אות ח** (א) תרעכזיליך פון מצה מעהל אדער פון צו ריבענע חלה מיט שמאלטץ אונ אייער. בורא מיני מזונות. אז מען עסט אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מער דארף מען צו מאכין דיא ברכה אחרונה על המחיה. מען זאל ניט עסען פון זייא אזוי פיהל וועלכעס מען ווערט זאט דער פון נור ווען מען האט זיך פריער גיוואשין צו ברויט אדער צו פראסטע מצות: (ב) תרעמזליך פון באלבים (קארטאפלים) אדער פון טאטערטשאנע מצות. שהכל. אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען בורא נפשות. פון זייא מעג מען עסין וויא פיהל מען וויל האטשי מען איז ניט גיוואשין: (ג) הריין גיפרעגילט. שהכל. תריין מיט עסיג אן ברויט אונ אן פלייש. שהכל:

**אות ט** (א) טייגליך גיקאכטע פון ווייטצין מעהל אדער קארין מעהל אדער גערשטין מעהל. בורא מיני מזונות. אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה: (ב) אז מען מישט דיא טייגליך מיט בוינען אדער מיט ארבים אדער מיט קארטאפלים (באלבים) אונ מען וויל זייא עסין בנאנט מאכט מען נור א בורא מיני מזונות האטשי דיא טייגליך זענען דיא קלענערע העלפט. מען זאל גיווארינט זיין צו עסין האטש אזוי גרוים וויא אהאלב איי פון דיא טייגליך אונ מאכין דער נאך על המחיה (אויב דיא טייגליך זענען האטש א זעקסטיל פון אנדערין מין): (ג) טייגליך פון טאטערטשאנע מעהל אדער פון טערקישע ווייטץ. מאכט מען שהכל. אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מעהר מאכט מען בורא נפשות: (ד) אז מען מישט אריין מעהל פון ווייטץ אדער קארען אדער גערשטין איז דא אסך חילוקי דינים אין דיא ברכות. דאריבער זאל מען זייא ניט עסען נור אז מען וואשט זיך פריער צו ברויט: (ה) טייטלען. בורא פרי העץ: (ו) טאטערקיזעלע גיפרעגילט. שהכל:

**אות י** יאגדים שווארצע בורא פרי העץ. רויטע יאגדים בורא פרי האדמה. גפרעגילטע יאגדים שטארק צו ריבין אז מען דער קענט זייא ניט מאכט מען שהכל. אז מען האט גימאכט זייער ברכה איז מען אויך יוצא:

**אות ל** (א) לעקיך פון האניק טייג אדער צוקער לעקיך אדער טארט גיקנעטין מיט צוקער אונ אייער מאכט מען בורא מיני מזונות. אז מען עסט אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מעהר מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה: (ב) מען טאר ניט עסין פון לעקיך אזוי פיהל וועלכעס מען ווערט זאט דער פון אדער אזוי גרוים וויא ועכס אייער צאמען מען וואשט זיך פריער צו ברויט: (ג) דער לעקיך וואס ווערט גימאכט אויס גישטויסענע מצות אדער פון צוריבענע חלה איז ניט גלייך אפילו קיין שטיקעל צו עסין פון איהם אום גוואשין: (ד) אז מען עסט לעקיך אין מיטען עסען (פון ברויט) זאל מען

גיט

ניט מאכן קיין ברכה איבער איהם. אויך זאל מען איהם עסן גלייך מען עסט ברויט זאט צו זיין דער פון. דען עס איז ניט גלייך צו עסן לעקיך פאר הענוג אין מיטען עסן פאר דעם בענטשין: (ה) לאקשין פון ווייטצין מעהל אדער גערשטין מעהל אדער קארין מעהל. בורא מיני מזונות. אז מען עסט פון זייא אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה: (ו) לאקשין וואס מען מאכט פֿבה פון בלוים אייער מיט שמאלץ מאכט מען איבער זייא שהכל. אז מען עסט פון זייא אזויא גרויס וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען בורא נפשות: (ז) ליםונים (ציטרינען) גיפרעגילטע בורא פרי העץ. רויע מיט צוקער שהכל. שאלין פון לימונעס גיפרעגילט שהכל. אז מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא: (ח) ליםענאדע. שהכל:
(ט) לאקריץ האלמץ אז מען וויל איהם עסן אונ אראפ שלינגען מאכט מען בורא פרי האדמה: (י) לאקריץ וואסער אדער לאקריץ זאפט. שהכל:

אות מ (א) מצה בריא דאס הייסט אויף גיבריטע מצה אדער אויף גיבריטע חלה אדער מען פרעגילט מצה אדער חלה איז דא הילוקי דינים אין דיא ברכות. דאריבער זאל מען זיא ניט עבין צאמין מען וואשט זיך פריער צו ברויט אדער צו בראכטע מצות. (זעה איין באות פ״ סעיף ט״ו): (ב) אז קינדער ווילען עסן מצה בריא אונ ווילען ניט צינדערט עסן קיין ברויט מעגין זייא מאכין איבער דער מצה בריא בורא מיני מזונות:
(ג) מעגעלע אדער קישקע וואס מען פילט זייא אן מיט מעהל אונ עס ווערט אזו גיקאכט מאכט מען בורא מיני מזונות. אבער אז מען עסט ניט צינדערט נור דאס פלייש אליין מאכט מען שהכל: (ד) אז מען וואשט זיך צו ברויט אדער חלה דארף מען ניט קיין ברכה צו מאכין איבער מעגעלע אדער קישקע וואס מען עסט דער נאך: (ה) מאנדלין זיסע גרויסערהייט בורא פרי העץ. קליינערהייט וואס מען עסט מיט דער שאהל שהכל:
(ו) ביטערע מאנדלין קליינערהייט וואס מען עסט מיט דער שאהל בורא פרי העץ. גרויסערהייט מאכט מען גאר קיין ברכה ניט איבער זייא. נור אז מען פרעגילט זייא אדער מען קאכט זייא וועלכעס זייא ווערן גוט צו עסן מאכט מען בורא פרי העץ: (י) מאנדלין גיפרעגילטע אפילו דער צוקער איז ארום באדעקט מאכט מען בורא פרי העץ: (ח) מאנדיל ברויט וואס איז אסך ווייטצין מעהל דרינען מאכט מען בורא מיני מזונות: (ט) אבער מאקיראנים אויס מאנדיל מעהל האמשי עס איז אריין גימישט עטוואס ווייטצין מעהל עס זאל זיך האלטין מאכט מען שהכל: (י) מאנדיל מילעך. שהכל: (יא) מילעך. שהכל: (יב) מערלין. בורא פרי העץ. גיפרעגילטע האבין דעם איינענעם דין פון וויינשלין באות ו״ סעיף ו״:
(יג) מאלינעס. בורא פרי האדמה. דיא פרי איז שמארק ווערמיק. דאריבער איז גלייך זיא גאר ניט צו עסן. דעסט גלייכין אנדערע פירות אדער וואסער דארף מען זיך שמארק צו היטען פון דיא ווערים דען דער איסור פון דעם איז זייער גרויס: (יד) מאלינעס גיפרעגילטע האבין דעם איינענעם דין פון יאגדים באות י״ (זעה איין דארט): (טו) מאלינעס סאק. שהכל:
(טז) מאהן. בורא פרי האדמה: (יז) מייערין פאסטערנאק. רויע שהכל. גיקאכטע בורא פרי האדמה:

אות נ (א) ניס וועלמשינע האזענע. בורא פרי העץ. גיפרעגילטע האבין דעם איינענעם דין פון וויינשלין באות ו״ סעיף ו״: (ב) אומצייטיגע ניס גיפרעגילטע האבין מיר גישריבין ווייטערע דינים באות א״ סעיף ב״. ביער העקעליך. שהכל. שמעביל ניס. שהכל:
(ג) נאהנטיל פון מאהן גיפרעגילט אין האניק אפילו מען טוהט אריין בשעת דעם פרעגלין אביסעל ווייטצין מעהל עס זאל זיך האלטין מאכט מען איבער דעם נאהנטיל בורא פרי האדמה: (ד) אבער דיא נאהנטליך וואס מען טוהט אין זייא אריין פערפיל זייא זאלין קאנין בעסערין טעם מאכט מען בורא מיני מזונות איבער אשטיקעל לעקיך אונ מען פטרט דיא נאהנטליך:

אות ס

**אות ס** סמעטענע זעדער זאהר מילעך אן ברויט. שהכל:

**אות ע** (א) עפיל. בורא פרי העץ. וואלד עפעליך שהכל: (ב) עסיק. שהכל אז ער איז נאנטין שמארק זאל מען מאכן א שהכל איבער אביסעל צוקער אונ במרין דעם עסיק:

**אות פ** (א) פוטער קוכען. שמאלץ קוכען. בוימעל קוכען. אייל קוכען. אייער בייגיל. אייער קיכעל. מאכט מען אלעמאל בורא מיני מזונות: (ב) אפילו עס איז אריין געמישט אין קוכען צוקער וואסער אז דיא גרעסטע העלפט איז געווען פוטער אדער מילעך אדער שמאלץ אדער בוימעל אדער אייל אדער אייער מאכט מען בורא מיני מזונות. אונ מען דארף ניט צו וואשין זיך דער צו: (ג) אז מען עסט דער פון אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה: (ד) נור מען טאר ניט עסין דער פון אזוי פיהל וועלכעס מען ווערט זאט אדער אזוי גרויס וויא זעקס אייער צאמען מען וואשט זיך פריער צו ברויט: (ה) אז מען עסט פון דיא געבעקטצין ווען מען איז געוואשין צו ברויט זאל מען ניט מאכן קיין ברכה איבער זייא. אויך זאל מען זייא עסען גלייך מען עסט ברויט ניט צו זיין כגן זייא. דען עס איז ניט גלייך צו עסין פון דיא זאכן פאר תענוג אין מיטען עסין פאר דעם בענטשין:

(ו) דאס געבעקין וואס ווערט געקנעטין מיט אסך וואסער האמשי קען מען מישט אריין אביסעל פון דיא זאכין וואס מיר האבין געשריבען. רעכט גלייכין חלות וואס זענין געקנעטין מיט וואסער האמשי מען מוהט אריין ווארפין אדער עטליכע ראזינקעס דארף מען זיך צו זייא צו וואשין אונ מאכין המוציא אונ בענטשין אזוי וויא צו רעכט ברויט: (ז) פייל פראסטע מענטשין האבין א טעות וועלכים זייא זעהען אויף וואסער אונ כושן אריין עטוואס קאשע דער נאך קנעטין זייא מיט דעם וואסער געבעקין אונ זאגין אז מען דארף שוין ניט זיך צו וואשין צו דעם געבעקין. דארף מען וויסען אז דיא מענטשין וואס טוען אזעלכי זאכין נאהין ניט קיינעם נור זיך אליין. דען דער מענטש וואס קען ניט גוט לערנין טאר ניט צליין זיך מקיל זיין. נור ער זאל טוען אזוי וויא דא שטייט. אדער ער זאל פרעגין א שאלה דעם רב: (ח) פלאדען וואס ווערט אן געפיהלט מיט פירות צו עסין איהם פאר תענוג האמשי ער איז געקנעטין מיט וואסער האט ער דעם איינגענעם דין פון פוטער קוכען וואס מיר האבין פריער געשריבען: (ט) האמער טאשין אדער קנידלעך אדער פערעפיקעס וואס ווערין געקנעטין מיט וואסער אונ געבאקין אין אויבען אדער אין א בעקעלי זאל מען ניט עסין נור ווען מען וואשט זיך פריער צו ברויט אדער צו פראכטי חלה: (י) בייא דיא אלע זאכין זאל מען ניט מאכין קיין בזונדערע ברכה איבער דעם וואס איז אן געפילט אז מען עסט עס בשעת מען עסט דיא געבעקטצין: (יא) פערפיל גרויפען. פענציק. שמארק געקאכט וועלכיס זייא זענען צו נאנט געקלעבט דורך דעם קאכין מאכט מען בורא מיני מזונות. אונ אז מען עסט פון זייא אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מעהר מאכט מען על המחיה: (יב) אז זייא זענין ניט צו נאנט געקלעבט איז ניט גלייך זייא צו עסין צאמען מען וואשט זיך פריער צו ברויט. אז מען קען זיך ניט וואשין צו ברויט מאכט מען איבער זייא בורא מיני מזונות אונ על המחיה אזוי וויא מיר האבין געשריבען: (יג) מען קער אבער מהדר צו זיין האמשי בייא פענציק צו האבין איין אייער קיכעל אונ מאכין דאריבער דעם בורא מיני מזונות אונ עסין דער פון אזוי גרויס וויא א האלב איי. דער נאך עסין דעם פענציק אונ מאכין על המחיה: (יד) פערפיל גרויפען מיט ארבים האבין דעם איינגענעם דין פון טייגליך מיט ארבים באות ט' סעיף ב' (זעה איין דארט): (טו) פערפיל פון ווייטצין מעהל אדער קארין מעהל אדער גערשטין מעהל מאכט מען בורא מיני מזונות. אז מען עסט פון זייא אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מעהר מאכט מען על המחיה. פערפיל מיט ארבים האבין דעם

איינעם דין פון מייגליך מיט ארבים באות ט סעיף ב׳ : (טז) פערפיל פון צו שטוסענע מצות וואס מען עסט פסח ווען מען קאכט זיי אין פענדיל אדער אין טעפיל וואס איז קלענער פון א האלב איי) אונ מען קאכט זיי אין פענדיל אדער אין טעפיל וואס שטייט ביי דעם פייער דארף מען ניט צו וואשן זיך צו זיי נור מען מאכט בורא מיני מזונות אונ על המחיה אזוי וויא איבער אנדערע פערפיל : (יז) אבער אז מען קאכט זיי ניט האטשי מען גיסט אויף זיי ארויף הייס וואסער אין שיסעלי זאל מען זיי ניט עסין נור ווען מען וואשט זיך פריער צו פראסטע מצות : (יח) פייגין. בורא פרי העץ :

(יט) פלאמין. פערדיזיבעס. בורא פרי העץ. גיפרעגילטע אויך בורא פרי העץ. אז זיי ווענען שטארק צו ריבען וועלכעס מען דער קענט זיי ניט דעסט גלייבן פאווידלע פון פלאמין אדער פון קערשין וואס איז אזוי שטארק צו ריבין מאכט מען שהכל. אז מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא : (כ) פאמעראנצין. בורא פרי העץ. פאמעראנצין שאלעכטין גיפרעגילט. שהכל. אז מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז מען אויך יוצא :

(כא) פלייש. פיש. הערינג. שהכל :

**אות צ** (א) ציבעלים אן ברויט. יונגע רויע בורא פרי האדמה. אלטע שהכל. גיקאכטע ציבעלים שהכל : (ב) אז מען פרעגילט ציבעלים אין שמאלץ אדער אין פוטער פון דיא ציבעלים וועגין אונ מען עסט זיי בלויז מאכט מען בורא פרי האדמה : (ג) ציכרינג. אז מען וויל איהם עסין אונ אראפ שלינגען מאכט מען בורא פרי האדמה : (ד) צוקער שהכל :

**אות ק** (א) קרעפליך גיקאכטע אדער גיפרעגילטע בורא מיני מזונות. אז מען עסט אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער פון טייג וועלכעס מאכט מען דיא ברכה אחרונה על המחיה : (ב) מען זאל ניט עסין פון דיא גיפרעגילטע קרעפליך אזוי פיהל וועלכעס מען ווערט זאט דער פון צאמען מען וואשט זיך פריער צו ברויט. דאס איינע אין ביי דיא גיקאכטע אז יעדערס פון זיי איז אזוי גרויס וויא אהאלב איי : (ג) קניידליך פון מצה מעהל אדער פון צוריבענע חלה. בורא מיני מזונות. אז מען עסט אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער דארף מען צו מאכין על המחיה : (ד) אז יעדער קניידיל איז אזוי גרויס וויא אהאלב איי בשעת דעם קאכין זאל מען פון זיי ניט עסין אזוי פיהל וועלכעס מען ווערט זאט צאמען מען האט זיך פריער גיוואשין צו ברויט אדער צו פראסטע מצות : (ה) קניידליך פון קארטאפלים (באלבים) מעהל אדער פון מאטערמשאנע מצות מאכט מען שהכל. אז מען עסט פון זיי אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען בורא נפשות. כון זיי מעג מען עסין אום גיוואשין וויא פיהל מען וויל : (ו) קוגעל פון ווייטצין מעהל אדער קארין מעהל אדער גערשטין מעהל מאכט מען בורא מיני מזונות. אז מען עסט אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען על המחיה : (ז) מען זאל ניט עסין פון איהם אזוי פיהל וועלכעס מען ווערט זאט אדער אזוי גרויס וויא זעכס אייער צאמין מען איז גיוואשין צו ברויט אדער חלה : (ח) אז דער קוגעל איז גיקנעטין גיווארין מיט דיא ווערעמע העלפט וואסער אונ ווייניג שמאלטץ זאל מען ניט עסין פון איהם קיין שטיקעל אום גיוואשין : (ט) קוגעל פון קארטאפלים (באלבים) אדער פון מאטערמשאנע גרייפליך אדער ער איז גימאכט אים בלויז פלייש מיט אייער אזוי וויא מען מאכט פעכה מאכט מען שהכל. אונ אז מען עסט אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער וויא פיהל מען וויל מאכט מען בורא נפשות : (י) דער איינגער דין איז ביי דעם קוגעל וואס אין גימאכט פון רייז. עס איז אבער גלייבער ניט צו עסין דעם קוגעל פון רייז אום גיוואשין (זעה אין באות ר׳ סעיף ט״) : (יא) אז מען איז גיוואשין צו ברויט אדער חלה דארף מען ניט צוא מאכין קיין ברכה איבער קיין שום קוגעל : (יב) קערשין. בורא פרי העץ. גיפרעגילטע אויך בורא פרי העץ. אז זיי ווענען שטארק צו ריבין וועלכעס מען דער קענט זיי ניט ביישט מען שהכל. אז עס טרעפט זיך מען האט גימאכט בורא פרי העץ איז

כמו:

מען אויך יוצא: (יג) קרויט גיקאכט אדער גיזייערט בורא פרי האדמה. ראסעל פון קרויט שהכל. אז מען טרינקט איהם בשעת מען עסט דאס קרויט זאל מען ניט מאכן קיין ברכה איבער איהם: (יד) קנאבעל האט דעם איינגענעם דין וויא ציבעלעס באות צ׳ סעיף א״ יעה איין דארט: (טו) קאשע פון מאטערקע שהכל. אז מען האט גימאכט בורא פרי האדמה איז מען אויך יוצא. קאשע מיט ארבים אז דיא גרעסטע העלפט איז ארבים מאכט מען בורא פרי האדמה. אז דיא גרעסטע העלפט איז קאשע מאכט מען שהכל: (טז) גערשטינע קאשע אדער האבער קאשע האבין מיר גישריבין באות ג׳ דיא דינים פון זייא: (יז) קערליך פון פירות. שהכל. אויב מען עסט ניט צינדערט דיא פירות. אבער ביטערע קערליך מאכט מען גאר קיין ברכה ניט אז מען עסט זייא ביטערע הייט: (יח) קאלינעס. שהכל: (יט) קעז. שהכל: (כ) קימעל. שהכל:

**אות ר** (א) ראזינקעס. בורא פרי העץ: (ב) ראזינקע וויין דארף מען אזוי צו מאכין. מען נעמט פרישע ראזינקים וועלכעס מען זאל זייא פרעמין וואלט ארויס גיגאנגין זאפט פון זייא. דיא ראזינקים צו שנייט מען אונ מען לייגט זייא אריין אין וואסער כדי דאס וואסער זאל ווערין וויין. דיא ראזינקים דארף מען צו ווייקין אין וואסער דרייא מעת לעת. היינו אז מען לייגט אריין דיא ראזינקים דינסטאג זאל מען זייא ניט ארויס נעמין ביז פרייטיג אין דער אייגענער צייט וואס מען האט דינסטאג איין גילייגט: (ג) אז זייא ווייקין אזוי לאנג אין וואסער אדער מער (אונ מען קוועטשט זייא אויס דער נאך) איז דאס גוטער וויין. מען מאכט דאריבער בורא פרי הגפן. קידוש. הבדלה. עס האט דיא אייגענע דינים פון גוטען וויין וואס מיר האבין גישריבין באות ו׳: (ד) בשעת הדחק אז מען האט פאר געסין איין צו לייגין דיא ראזינקים ביז מיטוואך אין מען האט ניט קיין אנדערין וויין שבת קידוש צו מאכין מעג מען זייא איין לייגען מיטוואך אונ אויס קוועטשין פרייטיג. נור ווייל זייא האבין ניט גיווייקט גאנצע דרייא מעת לעת איז גלייך צו קאכין זייא בנאנט מיט דעם וואסער איידער מען קוועטשט זייא אויס: (ה) בשעת מען לייגט אריין דיא ראזינקים אין וואסער זאל מען ניט אריין גיסען צו פיהל וואסער. דאס וואסער זאל ניט זיין זעכס מאל אזוי פיהל וויא דיא ראזינקים: (ו) רויזין איינגימאכטץ. בורא פרי האדמה: (ז) רעטיך אן ברויט אונ אן פלייש. בורא פרי האדמה: (ח) ריבין דא וואו דער שטייגער איז צו עסין זייא רויערהייט בורא פרי האדמה. ברוקעף אויך בורא פרי האדמה: (ט) רייז איז דא חילוקי דיעות וועלכע ברכה מען זאל מאכין. דאריבער איז גלייך ניט צו עסין קיין רייז נור ווען מען האט זיך פריער גיוואשין צו ברויט. אז עס טרעפט זיך מען עסט רייז ניט אין מיטען עסין מאכט מען שהכל: (י) רעטשינקים אדער באבעליך פון מאטערטשאנע מעהל מאכט מען שהכל. אז מען עסט פון זייא אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען בורא נפשות: (יא) מען דארף צו ווארינען דיא בעקערים זייא זאלין ניט אריין מישען מעהל פון ווייטין אדער קארין אדער גערשטין. ווען אז עס איז אריין גימישט מעהל פון דיא מינים קען מען זייא ניט עסין צאמין מען איז גיוואשין צו ברויט. ווייל עס איז דא אסך חילוקי דינים אין דיא ברכות: (יב) רפואה. אז מען עסט אדער מען טרינקט עפעס פון רפואה וועגין אז עס איז גוט אונ מען האט הנאה דער פון דארף מען צו מאכין דאריבער דיא ברכות וואס קערין דער צו: (יג) אז עס האט אשלעכטין טעם וועלכעס מען האט ניט דער פון קיין הנאה מאכט מען גאר קיין ברכה ניט דאריבער: (יד) אז עס איז ניט גוט אונ ניט שלעכט. דעסט גלייכין אז מען וויל איין נעמין א רפואה אונ מען ווייסט נאך ניט דעם טעם דער פון מאכט מען א שהכל איבער אשטיקעל צוקער אונ מען פטרת דיא רפואה: (טו) איידער מען טוהט וועלכע רפואה זאל מען זאגין דיא ווערטער „יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי שיהא עסק זה לי לרפואה כי רופא חנם אתה״. דאס איז א גיבעט אז השם יתברך זאל העלפין דאס זאל זיין אגוטע רפואה. ביי דער רפואה וואס מען דארף צו מאכין

א ברכה זאל מען זאגן דיא תפלה פאר דער ברכה :

**אות ש** (א) שאַטין מיט עסיק אדער מיט בוימעל אזוי וויא דער שפייגער איז זייא צו עסין מאכט מען בורא פרי האדמה. אז מען עסט זייא אן ברויט אונ אן פלייש : (ב) ירוועליך. שהכל : (ג) שהחיינו. איבער פירות וואס וואקסין אלע יאהר נייע (חוץ ירקות) אז מען עסט דיא פרי דאס ערשטע מאל אין יאהר מאכט מען שהחיינו : (ד) דיא שהחיינו מאכט מען איידער מען מאכט דיא ברכה פון דער פרי. אז מען האט פאר געסין אונ גימאכט פריער דיא ברכה מעג מען דער נאך מאכין דיא שהחיינו : (ה) אז מען האט ניט גימאכט דיא שהחיינו בשעת מען האט גיגעסין דאס ערשטע מאל מאכט מען שוין ניט קיין שהחיינו איבער דער פרי : (ו) אז עס ליגען פאר איהם עטליכע מיני פירות וואס מען דארף איבער יעדערן צו מאכין א שהחיינו זאל מען ניט מאכין נור איין שהחיינו איבער אלע : (ז) מען מאכט ניט קיין שהחיינו נור ווען דיא פרי איז שוין גוט צייטיג : (ח) אז מען מוהט אן איין נייעם מלבוש אדער מען קויפט איין גרייט מלבוש (וואס איז קיין מאל ניט גיוועזן זיין) אונ מען פרייט זיך דער מיט מאכט מען שהחיינו : (ט) עס איז גלייך עס אן צו טוען אין דער פריא אונ בשעת מען זאגט דיא ברכה מלביש ערומים זאל מען אין זינען האבין אויף דעם מלבוש אויך : (י) אז מען האט ניט גימאכט דיא שהחיינו בשעת מען איז גיגאנגין דיא ערשטע מאל זאל מען שוין ניט מאכין :

## (תצוה) סימן לג. דינים פון ברכה אחרונה אונ בורא נפשות. ער האלט זיבעצין סעיפים :

א מיר האבין גישריבין בסימן ל"ב איבער וועלכע מאכלים מען מאכט א בורא מיני מזונות אונ אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען דער נאך דיא ברכה אחרונה על המחיה. מען איז גיוויינטליך תמיד צו עסין דיא מאכלים :

ב עס איז אבער דא מענטשין וואס ווייסין גאר ניט פון דער ברכה אחרונה. זייא מיינען אז זייא זענען יוצא מיט א בורא נפשות. דער דין איז אבער אז אויף דיא זאכין איז מען ניט יוצא מיט קיין בורא נפשות. נור מען מוז מאכין דיא ברכה אחרונה על המחיה. דיא ברכה איז זייער טייער. מען דארף אין איהר שטארק גיווארינט צו זיין :

ג אונ ווייל אין דיא סידורים שטייט זיא אוים גימישט מיט על הגפן אונ על העץ וועלכעם ניט יעדער קען וויסען צו מאכין נאך יעדער זאך וויא מען דארף. דאריבער האטשי מיר האבין שוין גישריבין בסימן ל"ב דיא דינים פון דיא ברכות וועלין מיר אין דעם סימן מירער שרייבין בקיצור פון דער ברכה אחרונה אויף יעדער זאך אונ דעם נוסח פון דער ברכה אחרונה שארף ארוים מען זאל זיך ניט טועה זיין :

ד אז מען עסט פומער קוכען. בוימעל קוכען. שמאלץ קוכען. אייל קוכען. אייער בייגיל. אייער קיכעל. לעקיך. פלאדין. גערשטינע קאשע. האבער קאשע. פערל גרויפען. לאקשין. פערפיל. פייגליך. אדער אנדערע מאכלים פון ווייצין מעהל אדער קארין מעהל. אדער גערשטין מעהל. אז מען עסט פון זייא אזוי גרוים וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען דער נאך דיא ברכה אחרונה :

בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם עַל הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה וְעַל אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה שֶׁרָצִיתָ וְהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ לֶאֱכוֹל מִפִּרְיָהּ וְלִשְׂבּוֹעַ מִטּוּבָהּ רַחֵם נָא ה' אֱלֹהֵינוּ עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ וְעַל מִזְבְּחֶךָ וְעַל הֵיכָלֶךָ וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְהַעֲלֵנוּ לְתוֹכָהּ וְשַׂמְּחֵנוּ בְּבִנְיָנָהּ וְנֹאכַל מִפִּרְיָהּ וְנִשְׂבַּע מִטּוּבָהּ וּנְבָרֶכְךָ עָלֶיהָ

בקדשה

בקדשה ובטהרה: (לשבת) ורצה והחליצנו ביום השבת הזה. (בר"ח) וזכרנו לטובה ביום ראש החדש הזה. (בר"ה) וזכרנו לטובה ביום הזכרון הזה: (בפסח) וזכרנו לטובה ביום חג המצות הזה. (בשבועות) וזכרנו לטובה ביום חג השבועות הזה: (בסוכות) וזכרנו לטובה ביום חג הסוכות הזה: (בשמע"צ) וזכרנו לטובה ביום שמיני עצרת החג הזה: כי אתה ה׳ טוב ומטיב לכל ונודה לך על הארץ ועל המחיה ברוך אתה ה׳ על הארץ ועל המחיה (ועל הכלכלה):

ה מייל פוסקים שרייבן מען זאל ניט אויס לאזין ועל הכלכלה נור ועל המחיה:

י אין דיא סידורים שטייט צו זאגין יום טוב ושמחנו ביום חג (פלוני) הזה. אבער דיא פוסקים שרייבין צו זאגין יום טוב אויך וזכרנו כו׳ אזוי וויא מיר האבין גישריבין. הרב הגאון הקדוש ר׳ נתן זלה״ה אין זיין סידור איז אויך מסכים צו דעם. דאריבער קער מען זיך אזוי נוהג צו זיין:

ז אז מען טרינקט וויין מיט אבאדל אזוי פיהל וויא עס קען אריין אין צוויא שאהלין פון היגערגע אייער מאכט מען דער נאך דיא ברכה אחרונה:

ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם על הגפן ועל פרי הגפן ועל תנובת השדה ועל ארץ חמדה טובה ורחבה שרצית והנחלת לאבותינו לאכול מפריה ולשבוע מטובה רחם נא ה׳ אלהינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך ועל מזבחך ועל היכלך ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו והעלנו לתוכה ושמחנו בבנינה ונאכל מפריה ונשבע מטובה ונברכך עליה בקדשה ובטהרה: (כשבת) ורצה והחליצנו ביום השבת הזה: (בר"ח) וזכרנו לטובה ביום ראש החדש הזה: (בר"ה) וזכרנו לטובה ביום הזכרון הזה: (ביו"ט) וזכרנו לטובה ביום חג (פלוני) הזה: כי אתה ה׳ טוב ומטיב לכל ונודה לך על הארץ ועל פרי הגפן. ברוך אתה ה׳ על הארץ ועל פרי הגפן:

ח אז מען עסט צאטיגע וויינטרויבין. ראזינקים. טייטלען. פייגין. איילבירטען. מילגראמין. אז מען עסט פון זייא אזוי גרויס וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען דער נאך דיא ברכה אחרונה:

ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם על העץ ועל פרי העץ ועל תנובת השדה ועל ארץ חמדה טובה ורחבה שרצית והנחלת לאבותינו לאכול מפריה ולשבוע מטובה רחם נא ה׳ אלהינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך ועל מזבחך ועל היכלך ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו והעלנו לתוכה ושמחנו בבנינה ונאכל מפריה ונשבע מטובה ונברכך עליה בקדשה ובטהרה: (כשבת) ורצה והחליצנו ביום השבת הזה: (בר"ח) וזכרנו לטובה ביום ראש החדש הזה: (בר"ה) וזכרנו לטובה ביום הזכרון הזה: (ביו"ט) וזכרנו לטובה ביום חג (פלוני) הזה: כי אתה ה׳ טוב ומטיב לכל ונודה לך על הארץ ועל הפירות ברוך אתה ה׳ על הארץ ועל הפירות:

ט אז מען האט גיגעסין דיא זאכין וואס מען מאכט נאך זייא על המחיה און פירות וואס מען מאכט נאך זייא על העץ און גיטרונקען וויין זאל מען ניט מאכין דרייא מאל דיא ברכה אחרונה נור אין איין ברכה אחרונה זאל מען זאגין אין אן הייב אלע דרייא שטיקלעך און צום סוף אלע דרייא על הארץ ועל המחיה ועל פרי הגפן ועל הפירות:

י אז מען האט פאר געסין אונ מען האט ניט געזאגט שבת אדער יום טוב אדער ראש
חודש דיא שטיקלעך וואס קערין צו זייא דארף מען ניט נאך אמאל צו מאכין קיין
ברכה אחרונה :

יא אנדערע מאכלים אונ משקות חוץ דיא וואס מיר האבין בייא אהער געשריבין . כייא פירות
וואס וואקסען אויף ביימער סייא פירות וואס וואקסין אויף דער ערד סייא דיא מאכלים
וואס וואקסען ניט פון דער ערד דהיינו פלייש פיש קעז אייער אז מען עסט פון זייא אזוי
גרויס וויא אהאלב איי אדער מער מאכט מען דער נאך בורא נפשות :

יב אז מען טרינקט וואסער אדער אנדערע משקות (חוץ וויין) מיט אמאל אזוי פיהל וויא
עס קען אריין אין צווייא שאהלין פון הינערנע אייער מאכט מען דער נאך בורא נפשות :

יג אז מען עסט אונ מען טרינקט מאכט מען איין בורא נפשות אויף ביידע :

יד אז מען טרינקט הייסע קאווע אדער הייסע טייא מאכט מען ניט קיין בורא נפשות ,
וויל מען טרינקט ניט מיט אמאל אזוי פיהל וויא מיר שרייבין :

טו אז מען עסט וואלנע וועלכעס מען רופט זיך אפ דער ציינען אונ עס גידארט לאנג
איידער מען עסט איף אזוי גרויס וויא אהאלב איי . איז אז עס האט ניט מער גידארט
נור וויא מען קען אויף עסין דרייא אייער דארף מען צו מאכין דער נאך א בורא נפשות .
אבער אז דער כזית האט מער גידארט וויא מען קען אויף עסין דרייא אייער זאל מען ניט
מאכין קיין בורא נפשות . דער אייגענער דין איז אויך בייא דיא זאכין וואס מען מאכט
אך זייא דיא ברכה אחרונה וואס מיר האבין גישריבין :

טז האטשי מען טאר ניט עסין אפילו אקליין שטיקעל צאמין מען מאכט דארויף זיין ברכה
אבער דיא ברכה אחרונה אונ אבורא נפשות מאכט מען ניט צאטין מען עסט אזוי
גרויס וויא אהאלב איי באופן וויא מיר האבין גישריבין :

יז מען דארף גיווארינט צו זיין אז תיכף נאך דעם עסין אדער נאך דעם טרינקען זאל
מען מאכין דיא ברכה אחרונה אדער דעם בורא נפשות . אונ ניט צוא באלמיטשען
אדער אוועק גיין דער ציהען :

## (תשא) סימן לד . נאך דינים פון ברכות . ער האלט צוועלף סעיפים .

א אז עס ליגען פאר איהם צווייא מינים וואס מען מאכט איבער זייא אגלייכע ברכה אונ
ער וויל עסין פון ביידע טאר ער ניט מאכין איבער יעדערין א באזונדערע ברכה . נור
ער זאל מאכין איבער איינעם אונ פטרין דאס אנדערע :

ב אז איינס פון זייא איז צאטינע ווינטרויבין אדער ראזינקים אדער טייטלין אדער פייגין
האטשי זייא זענען שטיקלעך זאל ער מאכין דאריבער דעם בורא פרי העץ אונ פטרין
דאס אנדערע מין האטשי דאס אנדערע מין זענען גאנצע פירות :

ג אז עס ליגען פאר איהם אנדערע צווייא מינים וואס מען מאכט איבער זייא אגלייכע ברכה
אונ ער וויל עסין פון ביידע זאל ער מאכין א ברכה איבער דעם וואס ער האט ליבער .
אז איין מין איז גאנציך אונ איין מין איז אשטיקעל זאל ער מאכין איבער דעם גאנציין :

ד אז מען וויל עסין פוטער קוכען אונ טרינקען קאווע זאל מען מאכין פריער א בורא מיני
מזונות איבער דעם פוטער קוכען אונ עסין אשטיקעל . דער נאך א שהכל איבער דער
קאווע אונ טרינקען האטשי מען האט דיא קאווע ליבער :

ה דעסט גלייכין אז מען וויל עסין לעקיך אונ איינגימאכטץ אונ טרינקען בראנפין דארף
מען פריער צו מאכין א בורא מיני מזונות איבער דעם לעקיך אונ עסין אשטיקיל דער
נאך א בורא פרי העץ (אדער בורא פרי האדמה אויף בארקים) איבער דעם איינגימאכטץ
אונ פאר זוכען אשטיקעל דער נאך א שהכל איבער דעם בראנפין אונ טרינקען . האטשי
מען

מֶען הָאט דֶעם בְּרַאנְפְּין לִיבֶּער טוּ מֶען פָּארְט מַאכִין פְּרִיעֶר דִיא בְּרָכוֹת אוּנ פַאר זָאגֶען פוּן זַייא אַיידֶער מֶען מַאכְט דֶעם שֶׁהַכֹּל אִיבֶּער דֶעם בְּרַאנְפְּין :

ו אָבֶּער אַז מֶען טְרִינְקְט בְּרַאנְפְּין אוּנ מֶען ווִיל גָאר נִיט עֶסִין צִינְדֶערְט נוּר ווַייל דֶער בְּרַאנְפְּין אִיז שְׁטַארְק פַאר בַּאקְט מֶען עֶפִּיס אַקְלֵיינִיקְייט בַּאלְד אוֹיף דֶעם אֵיינִיגֶעם אָרְט אוּנ בְּשַׁעַת מֶען הָאט גִימַאכְט אַ בְּרָכָה אִיבֶּער דֶעם בְּרַאנְפְּין הָאט מֶען אִין זִינֶען גִיהַאט דָאס צוּ פַאר בַּאקִין אָדֶער זַיין שְׁטֵיינֶער אִיז דָאס צוּ פַאר בַּאקִין נָאךְ בְּרַאנְפְּין דַארְף עֶר גָאר נִיט צוּ מַאכִין קֵיין בְּרָכָה אִיבֶּער דֶעם קְלֵיינִיקְייט . דֶען עֶר הָאט דָאךְ גָאר קֵיין חֵשֶׁק נִיט דָאס צוּ עֶסִין נוּר צוּ פַאר בַּאקִין נָאךְ דֶעם בְּרַאנְפְּין ווַייל עֶר אִיז שְׁטַארְק :

ז אַז מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה אִיבֶּער ווֶעלְכֶע זַאךְ אָדֶער אִיבֶּער פֵּירוֹת אִיז גְלַייךְ צִינְדֶערְט נִיט מֶער צוּ עֶסִין נוּר דִיא פֵּירוֹת ווָאס מֶען הָאט אִין זִינֶען גִיהַאט בְּשַׁעַת דֶער בְּרָכָה . אוּנ נִיט זִיךְ מְיַישֵׁב זַיין דֶער נָאךְ צוּ ווֶעלִין מֶער עֶסִין אָדֶער צוּ ווֶעלִין עֶסִין אַיין אַנְדֶער מִין ווָאס הָאט אוֹיךְ דִיא אֵיינִיגֶע בְּרָכָה. דֶען עֶס אִיז דָא אַסַךְ חִילוּקֵי דִינִים אוֹיבּ מֶען דַארְף בַּזוּנְדֶער אַ בְּרָכָה צוּ מַאכִין אִיבֶּער יֶענֶע פֵּירוֹת צוּ נִיט :

ח דָאס אָרְט ווָאס מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה דַארְף זַיין רֵיין עֶס זָאל דָארְט נִיט זַיין קֵיין צוֹאָה אָדֶער שְׁתָנָה אַזוֹי ווִיא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבִּין בסימן ב״ :

ט אַז דִיא קִישֶׁענְס פוּן דִיא ווִיגְלִיךְ אָדֶער דָאס בֶּעט גִיוַואנְט פוּן דִיא קִינְדֶער אִיז אַיין גִירֶעכְט מִיט מַמָשׁוּת פוּן צוֹאָה הָאמִשְׁי עֶס אִיז שׁוֹין פַאר טְרִיקִינְט טָאר מֶען דָארְט נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה אוּנ נִיט זָאגִין קֵיין שׁוּם הֵיילִיג ווָארְט צַאטִין מֶען דֶעקְט זַייא צוּ מִיט עֶפִּיס. אָדֶער מֶען דֶער ווַאטִירְט זִיךְ פוּן זַייא פִּיהְר אֵיילִין אַזוֹי ווִיא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבִּין בסימן ב״. זֶעה אַיין דָארְט נָאךְ דִיא דִינִים פוּן דֶעם :

י מֶען טָאר נִיט טוּעֶן קֵיין שׁוּם זַאךְ בְּשַׁעַת מֶען מַאכְט דִיא בְּרָכָה :

יא אוֹיךְ זָאל מֶען נִיט אָפּ הַאקִין דִיא בְּרָכָה נוּר זָאגִין ווָאלְגֶע שַׁארְף אַרוֹיס יֶעדֶער ווָארְט אוּנ אִין זִינֶען הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ פוּן דִיא ווֶערְטֶער אַזוֹי ווִיא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבִּין בסימן ו״. זֶעה אַיין דָארְט :

יב אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ גִיווֵיינֶען צוּ מַאכִין דִיא בְּרָכָה אַבִּיסֶעל הוֹיךְ. דֶען דוּרְךְ דֶעם ווֶעט מֶען גֶעבֶּער אִין זִינֶען הָאבִּין דִיא טַייטְשׁ :

## סימן לה. דִינִים פוּן בְּרָכוֹת אוֹיף אַגוּטֶען רֵיחַ אוּנ אוֹיף בְּלִיטְצֶען אוּנ דוּנֶערְין. עֶר הַאלְט דְרַייסִיג סְעִיפִים :

א אַזוֹי ווִיא מֶען טָאר נִיט עֶסִין אָדֶער טְרִינְקֶען צַאטִין מֶען מַאכְט פְּרִיעֶר אַ בְּרָכָה אַזוֹי טָאר מֶען נִיט קֵיין הֲנָאָה הָאבִּין פוּן אַגוּטֶען רֵיחַ צַאטִין מֶען מַאכְט פְּרִיעֶר דִיא בְּרָכָה ווָאס מִיר ווֶעלִין שְׁרַייבִּין :

ב אוֹיף דֶעם רֵיחַ פוּן אַ פְּרִי ווָאס מֶען עֶסְט זִיא הַיְינוּ אַ צִיטְרִין אָדֶער אַ פָּאמֶערַאנְץ מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר נָתַן רֵיחַ טוֹב בַּפֵּירוֹת :

ג אַז עֶר נֶעמְט אָבֶּער דִיא פְּרִי צוּ עֶסִין חָאטְשֶׁי עֶר פִּיהְלְט מִמֵּילָא אַגוּטֶען רֵיחַ דַארְף עֶר נִיט קֵיין בְּרָכָה צוּ מַאכִין אִיבֶּער דֶעם רֵיחַ :

ד אַז עֶר נֶעמְט דִיא פְּרִי צוּ עֶסִין אוּנ צוּ שְׁמֶעקִין צוּ אִיהְר זָאל עֶר צִינְדֶערְט נִיט ווֶעלִין הֲנָאָה הָאבִּין פוּן רֵיחַ נוּר מַאכִין דִיא בְּרָכָה פוּן עֶסִין אוּנ עֶסִין אַשְׁטִיקֶעל דֶער נָאךְ זָאל עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכָה פוּן רֵיחַ אוּנ שְׁמֶעקִין צוּ אִיהְר :

ה אַז מֶען שְׁמֶעקְט צוּ גִיבְּרֶענְטֶע קַאווֶע ווָאס הָאט אַגוּטֶען רֵיחַ מַאכְט מֶען אוֹיךְ דִיא בְּרָכָה אֲשֶׁר נָתַן רֵיחַ טוֹב בַּפֵּירוֹת :

ו אוֹיף דֶעם רֵיחַ פוּן הֲדַס אָדֶער פוּן דִיא רוֹיזֶען ווָאס ווַאקְסִין אוֹיף בֵּיימְלִיךְ

א

דיא ברכה ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם בורא עצי בשמים :

ז אויף דעם ריח פון דיא רויזען וואס וואקסין אויף דער ערד מאכט מען ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם בורא עשבי בשמים :

ח אויף דעם ריח פון פעפער אדער אינגבער איז א ספק אויב מען מאכט א ברכה. דאריבער זאל מען ניט שמעקין צו זייא :

ט אויף דעם ריח פון ציטרינג אדער נעגליך אדער שאהל פון פאמעראנצין אדער פון ציטרינען מאכט מען ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם בורא מיני בשמים :

י אויך אנדערע זאכין וואס שמעקין און מען ווייסט ניט אוואסערע ברכה צו מאכין מאכט מען בורא מיני בשמים :

יא מען זאל ניט שמעקין צו וואריים ברויט דען עס איז א ספק אויב מען מאכט דארויף א ברכה :

יב טאבאק וואס איז געלעגין דרינען בשמים און מען האט זייא ארויס גינומען זאל מען ניט שמעקין צו דעם טאבאק דען עס איז א ספק אויב מען מאכט דארויף א ברכה :

יג אז מען רייכערט אויס דיא שטוב מיט פאטשין עס זאל שמעקין אזוי וויא דער שטייגער איז מאכט מען בורא מיני בשמים בשעת דער רויך הייבט אן צו גיין איידער מען פיהלט דעם ריח :

יד אז עס איז א פארקודנע ריח אין שטוב און מען רייכערט אויס דער פארקודנע ריח זאל אוועק גיין מאכט מען ניט קיין ברכה :

טו בשמים וואס ליגען אין א קאמער און מען האלט זייא צו פאר קויפען זאל מען ניט מאכין קיין ברכה בשעת מען גייט אריין אין דער קאמער האטשי מען פיהלט אגוטען ריח. דען מען האט דארט ניט אריין גילייגט דיא בשמים עס זאל שמעקין :

טז אבער אז מען נעמט זייא אין דער האנט אריין צו שמעקין דארף מען א ברכה צו מאכין :

יז אז מען רייכערט אויס מלבושים זייא זאלין שמעקין דארף מען ניט קיין ברכה צו מאכין דען מען רייכערט ניט אויס צו שמעקין ציינדערט דעם ריח נור דיא מלבושים זאלין האבין אגוטען ריח :

יח אז איינער גייט אריין אין א געוועלב פון בשמים און ער פיהלט אגוטען ריח דארף ער צו מאכין בורא מיני בשמים. דען מען לייגט אריין דיא בשמים אין געוועלב כדי זייא זאלין שמעקין און מענטשין זאלין פיהלען כדי זייא זאלין זייא קויפען :

יט אז ער איז אריין גיגאנגען אין געוועלב אריין און האט גימאכט א ברכה דער נאך איז ער ארויס גיגאנגען דער נאך איז ער צוריק אריין גיגאנגען דארף ער ניט צו מאכין נאך אמאל קיין ברכה :

כ אז ער האט אבער אין זינען גיהאט בשעת ער איז ארויס גיגאנגען אז ער וועט ניט אזוי גיך צוריק אריין קומען אדער ער האט זיך לאנג גיזוימט אין דרויסען און קומט אריין דער נאך דארף ער נאך אמאל א ברכה צו מאכין :

כא אז ער גייט אין אנאנדער בשמים געוועלב אריין און פיהלט דארט א גוטען ריח דארף ער דארט באזונדער א ברכה צו מאכין :

כב אז איינער שמעקט צו מלבושים וואס זענען אויס גירייכערט אדער עס זענען גילעגין בשמים אין א כלי און מען האט דיא בשמים ארויס גינומען און עס איז גיבליבין אין דער כלי אגוטען ריח און ציינדערט שמעקט מען צו דער כלי דארף מען ניט קיין ברכה צו מאכין ווייל מען שמעקט ניט צו דיא בשמים זעלבסט :

כג אז מען זעהט א רעגינבויגין מאכט מען א ברכה ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם זוכר הברית ונאמן בבריתו וקיים במאמרו :

כד מען טאר ניט שטארק קוקין אין רעגין בויגין. מען זאל ניט זאגין דעם אנדערין אז עס איז דא א רעגינבויגין.

**כה** אז מען זעהט בליטצען מאכט מען א ברכה ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם עושה מעשה בראשית. אז מען הערט תיכף דונערין זאל מען איבער דעם דונער שוין נית מאכין קיין ברכה. נור ווען מען וועט הערין נאך אמאל דונערין זאל מען מאכין א ברכה ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שכחו וגבורתו מלא עולם:

**כו** אז מען האט נית געזעהן בליצען נור געהערט דונערין אליין מאכט מען תיכף ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שכחו וגבורתו מלא עולם:

**כז** אז מען מאכט נית באלד נאכין בליצען אדער נאכין דונערין זייער ברכה זאל מען שוין נית מאכין:

**כח** דיא בליטצען וואס זענען אן דונערין נור פון דער היטץ מאכט מען גאר קיין ברכה נית איבער זייא:

**כט** כל זמן עס לייטערט זיך נית אויס מעג עס בליצען אונ דונערין וויא פיהל מאל דארף מען נית מער צו מאכין וויא איין ברכה אויף דעם בליץ אונ איינע אויף דעם דונער:

**ל** אבער ווען דער הימעל האט זיך שוין אויס געלאטערט אונ דער נאך האט זיך דער הימעל ווידער באדעקט מיט וואלקינעס אונ עס האט ווידער אן געהויבין צו בליצען אונ צו דונערין דארף מען ווידער צו מאכין דיא ברכות:

## (ויקהל) סימן לו. דינים פון מאכלים אונ משקים וואס מען טאר נית עסין אונ טרינקען אונ פון מילעכדיקס אונ פליישיגס. ער האלט צוויא אונ פערציג סעיפים:

**א** אז מען באקט אפ אשטיקעל ברויט אדער עפיס אנדערשט אונ עס איז אויף דארעשט דא בלוט פון דיא ציין דארף מען דאס שטיקעל ארט פון בלוט אפ צו קראטצען:

**ב** בשעת מען צו שלאגט אייאיי איז גלייך אכטונג צו געבין אויב עס איז דרינען נית דא קיין בלוטין טראפין:

**ג** אזוי וויא מען טאר נית עסין פלייש מיט מילעך אדער מיט פוטער אזוי טאר מען נית קאכין זייא בנאנט. אז מען דארף צו קאכין פון רפואה וועגין זאל מען פרעגין א שאלה:

**ד** אז עס טרעפט זיך א שאלה פון פלייש מיט מילעך חאטשי מען וויל עס נית עסין דארף מען צו פרעגין א שאלה אויב מען מעג עס פאר קויפען אגוי. דען עס איז פאר באנין טייגעכאל וואס מען טאר נית דער פון קיין הנאה האבין אפילו צו געבין עס אהונט אויף צו עסין:

**ה** צוויא יודען וואס קענען זיך איינער דעם אנדערין טארין נית עסין אויף איין טיש דער פליישיגס אונ דער מילעכדיגס צאמין זייא עסין יעדערער אויף א בזונדער טישטיכעל:

**ו** אבער אז זייא עסין אויף דעם בלויסען טיש דארף מען זייא צו שטעלין דער צווישען א זאך וואס איז נית דער שטייגער עס זאל דארט שטיין:

**ז** אז איינער עסט אליין טאר נית שטיין אויף דעם טיש פליישיגס אונ מילעכדיגס וועלכעס ער עסט איינס פון זייא:

**ח** אז איינער עסט פליישיגס אונ איינער מילעכדיקס זאלין זייא נית טרינקען פון איין כלי. דען דאס עסין קלעבט זיך אן אין דער כלי:

**ט** מען דארף געווארינט צו זיין נית צו עסין פון איין ברויט מילעכדיקס אונ פליישיגס:

**י** אויך צו האבין א בזונדער זאלטץ מעסטיל אויף יעדערין:

**יא** מען דארף צו צייכענען דאס מילעכדיקע מעסער אונ אלע מילעכדיקע כלים זייא זאלין נית ווערין פאר ביטען מיט פליישיגס:

**יב** אז איינער עסט פליישיגס טאר ער נית עסין קיין מילעכדיקס ביז ער ווארט זעקס

שעה

שעה. אפילו ער קייעט נור פון א קינד וועגן דארף ער אויך צו ווארטן :

יג אז מען גיפינט נאך דיא זעקס שעה פלייש צווישען דיא ציין דארף מען עס ארויס צו נעמין. און ער דארף שוין ניט צו ווארטין. נור ער זאל איבער קייען א שטיקעל ברויט און אויס שווענקין דאס מויל :

יד אז איינער עסט איין עסין ווארק וואס איז ניט גיוועהן דרינען קיין פלייש און קיין שמאלץ נור עס איז גיקאכט גיווארין אין א פליישיג טעפיל מעג ער עסין דער נאך מילעכדיקס :

טו אז איינער עסט מילעכדיקס און וויל דער נאך עסין פליישיגס דארף ער זיך אפ צו וואשין דיא הענט מיט וואסער און איבער קייען א שטיקעל ברויט און אויס שווענקין דאס מויל וועט ער מעגין עסין פליישיגס :

טז עס איז גלייך אפ צו בענטשין אדער מאכין דעם בורא נפשות אדער דיא ברכה אחרונה נאך דעם מילעכדיקס און ווארטין א ביסעל איידער ער זעצט זיך עסין פליישיגס :

יז אז מען עסט הארטין קעז וואס איז שוין אלט זעקס חדשים אדער פעטין קעז וואס איז הערריכדיק דארף מען צו ווארטין זעקס שעה איידער מען עסט פליישיגס :

יח אז איינער עסט מילעכדיקס און וויל דער נאך עסין פליישיגס דארף ער אפ צו שארין פון טיש דיא מילעכדיקע קרישעליך :

יט מען טאר ניט עסין קיין פליישיגס אויף א מילעכדיג טישטיכעל אדער פאר קערט :

כ אויך טאר מען ניט שניידין מיט א פליישיג מעסער ברויט צו עסין עס מילעכדיק אדער פאר קערט. אפילו דאס מעסער איז ריין :

כא אז מען האט ניט קיין אנדער מעסער זאל מען גוט אפ ווישען דאס מעסער עס זאל זיין גאנטץ ריין. וועט מען מעגין דער מיט שניידין ברויט צו עסין מיט דעם אנדערין מין :

כב אז מען האט גישניטען מיט א פליישיג מעסער ציבעלים אדער אנאנדערע שארפע זאך און מען האט זייא אריין גיטוען אין א מילעכדיקע עסין אדער פאר קערט דארף מען צו פרעגין א שאלה :

כג אז מען שיקט וויין אדער פלייש דורך א גוי דארף מען צו פאר חתמנין דיא זאך וואס זייא ליגען דרינען מיט צווייא חתימות דער גוי זאל עס ניט פאר בייטין :

כד אז מען שיקט מילעך אדער ברויט אדער קעז דורך א גוי איז גינוג אז מען פאר חתמת מיט איין חתימה :

כה דיא איינגע דינים גייען אויך אן אז מען גיט א גוי צו בהאלטין דיא זאכין וואס מיר שרייבין :

כו אז דיא זאך וואס מען שיקט אדער מען גיט צו בהאלטין ליגט אין א זאק דארף מען צו פאר דרייען דעם זאק מיט דער נאט אריין און אריין לייגען דיא זאך און פאר בינדען און פאר חתמנין איהם :

כז אז מען האט גישיקט דורך א גוי דיא זאכין וואס מיר האבין גישריבין און זייא זענען ניט גיוועזן פאר חתמת דארף מען צו פרעגין א שאלה אויב מען מעג דיא זאך עסין אדער טרינקען :

כח דאריבער טאר מען ניט האלטין זיך פאר גרינג צו זאגין למשל דער גוי וועט בוודאי ניט פאר בייטען נור מען זאל טוען אזוי וויא מיר האבין גישריבין :

כט מען דארף גיווארינט צו זיין ניט צו לאזין בייא א גוי א כלי ווען מאמער וועט ער ניצען מיט איהר טריפות :

ל אפילו מען האט גיגעבין א כלי צו א גוישקין בעל מלאכה צו פאררעכטין אז עס איז נור צו קלערין אז דער גוי האט אפשר גינוצט מיט דער כלי מוז מען שוין פרעגין א שאלה

פיינמאל

לא טייטמאל טרעפט זיך אז מען נעמט א געבונדען עוף און מען ווארפט עס אנידער אויף דער ערד. טאר מען עס ניט שעכטען דער נאך צאטין מען בינט עס אויף און עס גייט פריער אליין וויא עס קער צו זיין. און ניט שלעפעדיג:

לב דעסט גלייכען ביי שעפסין אדער קעלבער דארף מען אויך געווארינט צו זיין אין דעם:

לג זומער איז שכיח אין די קאטשקיס אויף די קישקעליך פאקען אזוי וויא בלעטעליך אדער ווארטצלין און דורך דעם קען זיין די קאטשקע טריפה. דאריבער זאל מען געווארינט זיין ניט אוועק צו ווארפען די קישקעליך צאטין מען באקוקט זייא פריער. און אז מען וועט עפיס זעהן אויף זייא זאל מען פרעגין א שאלה:

לד אז מען באקט פוטער געבעקטין אדער שמאלץ קוכען דארף מען עס צו מאכען בשעת דעם קנעטין עס זאל אנאנדער פנים האבין פון אנדערע חלה כדי יעדערער זאל עס דער קענען און ניט עסין דאס פוטער געבעקטין מיט פלייש אדער דעם שמאלטין קוכען מיט פוטער:

לה אז עס האט אזא פנים וויא אנדערע חלה אדער ברויט דארף מען דארויף א שאלה צו פרעגין אויב מען מעג עס עסין אפילו גאר טרוקען אן פלייש און אן פוטער:

לו מען טאר ניט באקין ברויט מיט מילכעדיקען פלאדען אדער פליישיקען אין איין אויוען. אז מען האט יוא געבאקין דארף מען אויף דעם ברויט צו פרעגין א שאלה:

לז דעסט גלייכען טאר מען ניט בראטין קיין פלייש אין דעם אויוען בשעת מען באקט אין איהם ברויט. אז מען האט יוא געבראטין דארף מען אויף דעם ברויט א שאלה צו פרעגין:

לח איין אויוען וואס איז אויס געלאפין אויף דער דנאי שמאלץ אדער מילעך דארף מען איהם צו גליען און צו שפרייטען די קוילען אויף דער גאנצער דנאי. עס זאל פון איהר שפריצען פונקען:

לט איבער דעם דארף מען געווארינט צו זיין ביי דעם אייוועלע וואס איבער דער גרובע אז עס לויפט דארט אויס אויף דער דנאי מילעך אדער יוך פון פלייש מוז מען אריין לייגען קוילען און גוט אויס גליען די דנאי עס זאל פון איהר שפריצען פונקען:

מ טייל מענטשין האבין א טעות און זאגין אז עס ווערט געגליעט ווען מען ברענט הונטען אין דער גרובע. ווערט ממילא איבער געברענט אין אייוועלע דורך דער היטץ פון הונטען זענען זייא זיך טועה. דען דער דין איז. אז אויף דעם אייגענעם ארט וואו עס איז איין געזאפט געווארין מוז אויף דעם אייגענעם ארט געגליעט ווערין דורך פייער אדער דורך קוילען. אבער דאס ברענען אויף יענער זייט פועלט גאר ניט:

מא דאס אייגענע מוז מען געווארינט זיין ביי דער ענגלישע קעך וואס מען ברענט פון הינטען און מען קאכט פון אויבען. אז עס לויפט עפיס אויס מוז מען אויך אויס ברענען פון אויבען אזוי וויא מיר האבין פריער געשריבין:

מב אז איינער פרעגט א שאלה איין מורה הוראה און ער האט געפסקנט אז די זאך איז אסור טאר ער ניט פרעגין דאס אייגענע אנאנדערין צאטין ער זאגט איהם אז דער ערשטער האט אזוי געפסקנט:

(פקודי) סימן לז. דינים פון האנדלין. ער האלט זיבען און צוואנציג סעיפים:

א מען דארף שטארק געווארינט צוא זיין מען זאל נישט נארין דעם אנדערין. סיי דער וואס פאר קויפט סייא דער וואס קויפט וועלכער עס נארט דעם אנדערין האט אגרויסע עבירה:

ב דעסט גלייכען אין אנדערע זאכין היינו מען בייט איבער וועלכע מטבע אדער מען פאר

דינגט יענעם וועלכע זאך אדער מען נעמט צוא נייען א מלבוש מארין אלין נישט נארין איינער דעם אנדערין :

ג אז איינער האט עפיס צוא פאר קויפען טאר ער עס נישט שיין מאכין צוא נארין דער מיט דעם אנדערין . למשל מען טאר נישט געבין דער בהמה צוא טרינקען קלייען וואסער כדי זיא זאל אהן גיבלאזין ווערין אונ דיא האר זאלין זיך אויף שטעלין זיא זאל אויס זעהן פעט . אויך טארין נישט פארבין אלטע כלים זייא זאלין אויס זעהן וויא נייע אונ נאך אזא שטייגער

ד מען טאר ניט מעקטין אפאלטשי מאס אדער וועגין אפאלטשי וואג סייא צוא א יוד סייא צוא א גוי . דיא עבירה פון דעם איז זייער גרויס :

ה מען דארף אפילו צוא זעהן אז דאס וואס מען פאר קויפט זאל עטוואס מעהר וועגין פון דער גירעכטי וואג אונ דאס וואס מען מעסט זאל אביסעל מעהר זיין פון דער גירעכטי מאס :

ו אויך זאל מען גיווארינט זיין תמיד אפ צוא ווישען דיא מאס אונ דיא וואגשאהל פון דיא נאסי זאכין כדי דאס וואס עס קלעבט זאל נישט ווערין צוא גירעכינט

ז אין דעם מעסטין אונ אין דעם וועגין קען זיין גרויס פאלטשקייט . דער אייבערשטער ווייסט אבער דעם אמת . איבער דעם אז מען טוהט אין דעם וועלכעם פאלשקייט טוהט מען זיך אליין שלעכטין :

ח אזוי וויא אונזערע חכמים האבין גישריבען . אז דער וואס וועט יענעם געבין אגוטע מאס אונ אגוטע וואג וועט דער אייבערשטער העלפין אז ער וועט האבין געלט אונ וואס ער בדארף . אבער אז מען וועט יענעם נארין וועט מען אליין נישט האבין :

ט נאך שרייבען אונזערע חכמים אז אמענטש וויל רייך ווערין זאל ער האנדלין ערליך ער זאל קיינעם נישט נארין אונ זאל בעטין דעם אייבערשטען וועט ער איהם העלפין אז ער וועט האבין אלדים גוטין :

י מען טאר נישט האבין אין דער היים אדער אין גיוועלב אפאלטשי מאס האמטשי מען מעסט גאר נישט מיט איהר :

יא אז עס איז א מנהג אין דער שטאט אז מען מעסט נישט נאר מיט אזא מאס וואס איז גיצייכענט אונ דיא מאס איז נישט גיצייכענט מעגין זיא האבין אין דער היים נאר נישט מעסטין ח"ו קיינמאהל מיט איהר

יג אז איינער וויל קויפען אדער דינגען א זאך אדער א הויז אונ האט זיך שוין משוה גיווען וויא פיהל צו געבין דער פאר טאר קיין שום מענטש ניט אויס דינגען אדער אויס קויפען פון יענים דיא זאך :

יב א מענטש דארף צו האלטען זיין ווארט . היינו אז ער וויל עפיס קויפען אדער פאר קויפען האמטשי מען האט נאך קיין געלט נישט גיגעבין אונ מען האט נאך נישט קונה גיווען דיא זאך מיט קיין שום קנין אז מען האט זיך נאר אפ גישמועסט צו קויפען דיא זאך אונ מען האט זיך משוה גיווען דעם מקח איז שוין נישט גלייך חרטה צו באקומען :

יד דעסט גלייכען אז איינער זאגט צו דעם אנדערין עפיס צו שענקין אונ דער נאך באקומט ער חרטה טוהט ער נישט גלייך :

טו אז ער זאגט איהם צו צו געבין אגרויסע מתנה אונ דער נאך איז ער זיך מיישב אונ וויל נישט געבין שאט נישט אז יענער איז נישט קיין ארימאן :

טז דאס שמועסט אלעמין נאר אז ער באקומט דער נאך חרטה אבער בשעת ער זאגט צו דארף ער אין הארצין אויך אין זינען האבין צו געבין . דען אז ער זאגט צו אונ האט אין זינען אין הארצין אנדערשט וויא ער זאגט האט ער א גרויסי עבירה :

יז דען א מענטש דארף תמיד צו גיין מיט דעם אמת אונ ניט מיט קיין ליגענט :

אפילו

יח אפילו אין אזעלכע זאכין וואס עס קומט נישט ארויס פון זייא קיין געלט טארין אויך נישט זאגין קיין ליגענט . אז איינער דער ציילט וואס ער האט גיהערט אונ זאגט טייל ווערטער אנדערשט וויא ער האט גיהערט חאטשי ער מאכט נישט היזק קיינעם דער מיט דאצופארט האט ער אגרויסע עבירה :

יט אז מען זאגט צו איין ארימאן צו געבין איהם סייא אקליינע מתנה סייא אגרויסע מתנה טארין נישט חרטה באקימען . נאר מען איז מחויב וויא אין געכעטין מקיים צו זיין . דען דאס איז שוין אנדר :

כ אפילו מען זאגט נישט מיט דעם מויל נאר מען פאסט זיך אפ אין הארטין צו געבין דעם ארימאן דארפין אויך מקיים צו זיין :

כא יעדער זאך וואס שטייט אין דער תורה אז מען טאר דאס נישט עסין טארין נישט דער מיט האנדלין . למשל צו האנדלין מיט חזירים אדער צו הרגנין בהמות אונ פאר קויפען דיא גוים דאס פלייש חאטשי מען כעג דאך פון דיא זאכין הנאה האבין אז דער שטייגער איז פון גוים דיא זאכין צו עסין טארין נישט האנדלין דער מיט :

כב אבער פערד אדער אייזלין וואס דער שטייגער איז נישט זייא צו עסין נאר צוא ארבעטין מיט זייא מעגין האנדלין מיט זייא . מיט חלב מעגין אויך האנדלין :

כג אז עס טרעפט זיך איינעם גראט אזאך וואס מען טאר נישט עסין למשל איינער האפט פיש האט ער גיכאפט א פיש וואס מען טאר איהם נישט עסין . אדער ער האט גיקוילעט א בהמה אדער איין עוף אונ עס איז טרפה גיווארין מעג ער עס פאר קויפען . ווייל ער האט זיך נישט מכוין גיוועזן צו דיא זאכין :

כד נאר מען דארף גיווארינט זיין דיא זאכין באלד צו פאר קויפען אונ נישט צו האלטין זייא ביזא זיך עס זאל בעסער ווערין :

כה אז מען קען נישט אליין פאר קויפען מעגין געבין אנאנדערין יוד ער זאל זייא פאר קויפען . אונ מען מעג איהם געבין עפיס ריוח פון זייא . אבער צו פאר קויפען דיא זאכין אנאנדערין יוד אונ ער זאל זייא ווייטער פאר קויפען טארין נישט :

כו דיא אלע זאכין וואס מען טאר נישט האנדלין מיט זייא טארין נישט אנטלייען אויף זייא קיין געלט :

כז אז מען האט אנטליגען אגוי געלט אונ מען האט נישט פון וואניט אפ צו נעמען מעגין אפ נעמען דיא זאכין פאר דעם חוב . נאר מען זאל זייא וויא אין געכעטין פאר קויפען אונ נית האלטין צו פאר דינען אין זייא :

## סימן לח, דינים אז מען טאר נית מצער זיין דעם אנדערין אדער נארין איהם מיט רייד . ער האלט ניין סעיפים :

א עס איז אגרויסע עבירה מצער צו זיין א מענטש אונ נארין איהם מיט רייד . למשל מען פרעגט איינעם וויא פיהל ווילסטו פאר דער זאך אונ מען וויל עס גאר נישט קויפען . דעסט גלייכען אז איינער פרעגט דעם אנדערין ווא קריגט מען דיא זאך צו קויפען אונ ער נארט איהם אונ ווייזט איהם אויף אזא ארט ווא דיא זאך איז נישט דא איז דאס אגרויסע עבירה :

ב אז איינער איז א בעל תשובה טארין נית איהם זאגין גידענק וואס דוא האסט דערנמאלט גיטוהן :

ג אז מען פרעגט איינעם א קלוגע זאך טאר ער נית זאגין צו דעם וואס איז נישט קיין חכם וואס ענטפערסט דוא אויף דער זאך . אונ נאך אזעלכע ווערטער וועלכעס זענין מצער דעם אנדערין טענשען טארין אלמץ נית :

ד מען דארף געווארנט צו זיין מען זאל ניט מצער זיין דאס ווייב מיט שלעכטע רייד. ווען דער שטייגער איז פון איין אשה אז זיא וויינט באלד. אונ השם יתברך איז שטארק מקפיד אויף טרערן געצאלט צו ווערן פון דעם מענטש וואס איז מצער:

ה אז איינער האט א מיאוס נאמען חאטשע ער איז שוין גיוואוינט מען זאל איהם רופען מיט דעם צוא נאמען דאצופארט טארין ניט רופען איהם מיט דעם צוא נאמען אז מען איז זיך מכוין צוא פאר שעמין איהם דער מיט. אפילו ער איז ניט דער ביי. טארין אויך ניט:

ו מען טאר ניט קיינעם נארין אפילו יענער האט דער פון ניט קיין שאדין למשל מען פאר קויפט איהם אזא זאך וואס האט אפעלער האטשי זיא איז טאקי אזוי פיהל ווערט וויא פיהל יענער גיט איהם דאצופארט מוז ער איהם זאגין אז דיא זאך האט דעם פעלער. אפילו א גוי טארין אויך ניט נארין אזא שטייגער:

ז דעסט גלייכען טארין ניט שטארק בעטין יענעם ער זאל עסין ביי איהם אז מען ווייסט אז ער וועט ניט עסין אונ אז ער וואלט טאקי גיוואלט ביי איהם עסין וואלט ער איהם ניט גיוואלט בעטין:

ח דעסט גלייכין אנדערע זאכין וואס איז נישט ביי איהם אין הארצין אזוי וויא ער זאגט מיט דעם מויל טארין אלטין ניט:

ט ווען א יוד איז מחויב צו זיין ערליך אז אלדינג וואס ער זאגט מיט דעם מויל זאל זיין מיט דעם גאנצען הארצין אונ ניט גנבנין יענעמס דעה:

## (ויקרא) סימן לט. דינים פון פראצענט געמין. ער האלט זעכס אונ דרייסיג סעיפים:

א עס איז א גרויסע עבירה צו אנטלייען אויף פראצענט אז עס איז ניט על פי היתר עיסקא וואס מיר וועלין שרייבין:

ב אפילו ער האט איהם ניט צו גיזאגט בשעת ער האט זיך אנטליגען נור דער נאך בשעת יענער מאנט איהם דעם חוב וואס ער איז שולדיג פון אוואקערע זאך עס איז גיט ער איהם געלט אדער עפיס אנדערשט ער זאל איהם ווארטען עטליכע טעג איז דאס א גרויסע עבירה. סייא אויף דעם וואס נעמט סייא אויף דעם וואס גיט:

ג אפילו ער אנטלייעט איהם ער זאל געבין דאס פראצענט אנאנדערין אדער ער זאל עס אוועק געבין איין אריםאן טאר מען אויך ניט ווען אז ער גיט דעם וואס ער הייסט געבין איז גלייך וויא ער גיט עס איהם אליין:

ד אפילו מען האט גאר ניט אויס גירעט קיין פראצענט נור בשעת ער בצאלט איהם גיט ער איהם עפיס מער וויא ער האט איהם אנטליגען הייסט דאס שוין פראצענט:

ה אפילו ער זאגט איהם ניט אז ער גיט איהם דאס פאר פראצענט אונ אפילו ער אליין איז אויך ניט מכוין זיך דאס צו געבין פאר פראצענט אונ אפילו ער איז גיוואונט גיוועזין צו געבין איהם מתנות פון תמיד טאר מען אלטין ניט. ווען אז ער גיט איהם נור עפיס מער בשעת ער בצאלט איהם זעהט שוין אויס אז דאס איז פראצענט. אפילו דער וואס האט זיך גילגין זאגט איהם בשעת ער גיט איהם פראצענט אז ער שענקט עס איהם גלאט פאר א מתנה טאר ער אויך ניט צו נעמין פון איהם:

ו אז איינער האט אבער שוין גינומען פראצענט אונ ער וויל מוען תשובה אונ אפ געבין דעם לוה אונ דער לוה זאגט אז ער איז עס איהם מוחל דארף ער שוין ניט אפ צו געבין:

ז דעם כלל זאל מען וויסען אז דער וואס אנטלייעט הייסט מלוה. אונ דער וואס לייעט

זיך

זיך הייסט לוה. מען זאל דאס גידענקען כדי מען זאל זיך ניט טועה זיין

ח אפילו איידער ער לייעט זיך אדער נאך דעם בצאהלין טאר ער אויך ניט געבין קיין פראצענט. למשל ער וויל זיך לייען פון איהם געלד אונ שיקט איהם עפיס א מתנה אפילו ער זאגט ניט אז דאס איז כדי ער זאל איהם אנטלייען נור דאס איז אזא זאך וואס מען ווייסט אז ער זאל ניט דארפין פון איהם צו אנטלייען וואלט ער איהם דאס ניט גישיקט הייסט דאס שוין פראצענט :

ט דעסט גלייכין אז ער שיקט איהם נאך דעם בצאהלין עפיס א זאך וואס מיר האבין גישריבין הייסט דאס אויך פראצענט :

י מען טאר ניט אנטלייען געלד דעם אנדערין אויף דעם תנאי אז ווען ער וועט דארפין זאל ער איהם אויך אנטלייען :

יא אבער אז ער רעט ניט אויס מיט יענעם נור יענער אנטלייעט איהם אנאנדערט מאל אזוי פיהל ווייל ער הט אים צינדערט אנטליגען. דאס איז קיין איסור ניט :

יב אז דער לוה איז ניט גיוואוינט גיוועין צו זאגין דעם מלוה גוט מארגין טאר ער איהם צינדערט אויך ניט זאגין. דען א גוט ווארט הייסט אויך פראצענט :

יג דאריבער טאר ער איהם ניט לויבין בשעת ער הערט אדער צו זאגין איהם א שיינעם דאנק אדער צו בענטשין איהם ווען ער הערט ווייל ער האט איהם אנטליגען אדער ווייל ער ווארט איהם ביז ער וועט אפ געבין טאר מען אלץ ניט :

יד אז ער דארף איהם צו בעטין ער זאל איהם אנטלייען אדער ער זאל איהם ווארטען עטליכע טעג זאל ער איהם גלאט בעטין מיט ווייכע רייד. אבער ניט לויבען איהם אדער חנפנין :

טו נור מען זאל זיך פאר לאזין אויף השם יתברך אז מען וועט בוודאי קריגען וואס מען דארף אז מען וועט ניט זינדיגען קיינען איהם מיט דיא זאכין וואס מיר שרייבין. אפילו מען וועט ניט קריגען פון דעם מענטש וועט השם יתברך צו שיקען דורך אנאנדערין מענטש אזוי וויא זיין גוטער ווילען איז :

טז דעסט גלייכען דער וואס אנטלייעט טאר ניט שאפין קיין שום זאך מיט דעם לוה. ער טאר איהם אפילו ניט זאגין דוא זאלסט מיר צו וויסען טוען ווען דער מענטש וועט קומען צו פארין דאטשי ער איז איהם ניט מטריח נור מיט גלאטע רייד טאר מען אויך ניט אז ער איז ניט גיוואוינט גיוועין מיט דיא זאכין איידער ער האט איהם אנטליגען :

יז ווער שמועסט אז ער טאר ניט פון איהם קיין הנאה האבין אין אזעלכע זאכין וואס ער וואלט ניט גיטוען ווען ער וואלט ניט גיוועין אנטליגען :

יח אז איינער האט זיך אנטליגען פון א בעל מלאכה טאר ער ניט געבין איהם צו ארבעטין אז ער איז פריער ניט גיוואונט גיוועין צו געבין איהם נור ער גיט איהם צו פאר דינען ווייל ער האט איהם אנטליגען טאר ער ניט :

יט אז מען אנטלייעט זיך א ברויט זאל מען ניט אפ געבין קיין גרעסערס וויא מען האט זיך גיליגען אונ אויך ניט קיין בעסערס. היינו אז מען האט זיך גיליגען א ראזיווע ברויט טאר מען ניט אפ געבין קיין גיבאטעלטס. דער איינער דין איז אויך אז מען לייעט זיך וועלכעס עסין ווארק :

כ דאס שמועס אלץ נור אז עס איז אקליינקייט אזא שטייגער וויא א ברויט. אבער א קערין תבואה טאר מען ניט זיך לייען אפילו אפ צו געבין פונקט אזא קערין תבואה. צאטין מען רעט זיך אויס אז דיא תבואה וועט טייערער ווערין זאל מען ניט אפ געבין קיין תבואה נור געלט וויא פיהל דיא תבואה איז ציינדערט ווערט. אז מען רעט ניט אזוי אויס איז דא אסך חילוקי דינים דאריבער זאל מען טוען אזוי וויא מיר שרייבין :

כא אז איינער אנטלייעט דעם אנדערין געלט טאר ער ניט דינגען ביי דעם לוה דאס

הויז

הויז אָדֶער עֶפִּים אַנְדֶערְשְׁט פַאר וֶוינִיגֶער וִויא אַנְאַנְדֶערֶער וָואלְט גִיגֶעבִּין :

כב אַז אֵיינֶער אַנְטְלַייעְט דֶעם אַנְדֶערִין גֶעלְד אוּנ דֶער לֹוֶה גִיט אִיהְם אַ מַשְׁכּוֹן אַ הויז אָדֶער אַ פֶעלְד עֶר זָאל זִיצֶען דְרִינֶען אָדֶער עֶר גִיט אִיהְם אַ מַשְׁכּוֹן וֶועלְכֶע זַאךְ עֶר זָאל נִיטְצֶען דֶער מִיט זָאל עֶר פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה וִויא אַזוֹי עֶר זָאל טוּעֶן צוּ זִיצֶען דְרִינֶען אָדֶער נִיטְצֶען מִיט דֶעם מַשְׁכּוֹן פַאר וֶועלְוֶועלֶער :

כג אָבֶּער צוּ זִיצֶען אִין דֶעם הויז אָדֶער נִיטְצֶען מִיט דֶעם מַשְׁכּוֹן אוּנ גָאר נִיט אָפּ שְׁלָאגִין פוּן חוֹב טָאר מֶען בְּוַודַאי נִיט :

כד אַזַאךְ וָואס יֶעדֶערֶער וֵוייסְט וִויא פִיהְל זִיא דַארְף צוּ קָאסְטִין טָאר מֶען נִיט פַאר קוֹיפֶען פַאר מֶער וַוייל מֶען וַוארְט דָאס גֶעלְט אֲפִילוּ מֶען זָאגְט נִיט אַרוֹיס אַז פַאר דֶעם וָואס אִיךְ וַוארְט דִיר דָאס גֶעלְד וִויל אִיךְ מֶער :

כה אָבֶּער אַזַא זַאךְ וָואס נִיט יֶעדֶערֶער וֵוייסְט וִויא פִיהְל זִיא דַארְף צוּ קָאסְטֶען מֶעג מֶען זִיא פַאר קוֹיפֶען כַאר אַבִּיסֶעל מֶער אוּנ אִין זִינֶען הָאבִּין וַוייל מֶען וַוארְט דָאס גֶעלְד. נוּר מֶען זָאל נִיט נֶעמִין אַסַךְ מֶער וָואס יֶעדֶערֶער וֶועט פַאר שְׁטֵיין אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וַוארְט אִיהְם דָאס גֶעלְד הֵייסְט עֶר זִיךְ גֶעבִּין אַזוֹי פִיהְל :

כו אֲפִילוּ מֶען וִויל נִיט אַסַךְ מֶער נוּר מֶען זָאגְט צוּ דֶעם קוֹיפֶער אַז דוּא וֶועסְט מִיר גֶעבִּין בַּאלְד דָאס גֶעלְד וֶועל אִיךְ דִיר פַאר קוֹיפֶען פַאר אַזוֹי פִיהְל אוּנ אַז דוּא וֶועסְט דָאס בָּארְגִין וִויל אִיךְ מֶער טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט :

כז מֶען טָאר נִיט קוֹיפֶען תְּבוּאָה אָדֶער אַנַאנְדֶערֶע סְחוֹרָה צוּ גֶעבִּין פְרִיעֶר גֶעלְד מֶען זָאל הֶערְשְׁט נֶעמִין דִיא סְחוֹרָה אִין אַצַאט אַרוֹם. דֶען מָאמֶער וֶועט דִיא סְחוֹרָה טֵייעֶרֶער וֶוערִין בִּיז דֶענְמָאלְט אוּנ עֶר וֶועט אִיהְם מוּזֶען אָפּ גֶעבִּין אַזוֹי פִיהְל וִויא עֶר הָאט גִיקוֹיפְט בַּייא אִיהְם צִינְדֶערְט וֶוען עֶס אִיז וָואלְוֶועל וַוייל עֶר הָאט אִיהְם צִינְדֶערְט גִיגֶעבִּין דָאס גֶעלְד :

כח אַז דֶער וָואס וִויל פַאר קוֹיפֶען הָאט צִינְדֶערְט אִין גַאנְצִין דִיא תְּבוּאָה אָדֶער סְחוֹרָה אוּנ עֶס פֶעלְט נִיט קֵיין שׁוּם אַרְבֶּעט זִיא פַארְטִיג צוּ מַאכִין לְמָשָׁל דִיא תְּבוּאָה אִיז שׁוֹין אָפּ גִישְׁנִיטֶען פוּן פֶעלְד אוּנ שׁוֹין גִיכְלִיטְשֶׁעט דֶעסְט גְלַייכִין בַּייא אַנְדֶערֶע סְחוֹרָה וָואס אִיז שׁוֹין פַארְטִיג כֶּעג עֶר אִיהְם פַאר קוֹיפֶען אֲפִילוּ וֶועלְוֶועלֶער וִויא זִיא אִיז צִינְדֶערְט וֶוערְט חָאמְשִׁי עֶר נֶעמְט צִינְדֶערְט גֶעלְד אוּנ וֶועט אִיהְם הֶערְשְׁט גֶעבִּין דִיא סְחוֹרָה אִין אַצַאט אַרוֹם :

כט נוּר עֶר זָאל נִיט אַרוֹיס זָאגִין אַז דוּא וֶועסְט מִיר צִינְדֶערְט גֶעבִּין דָאס גֶעלְד וֶועל אִיךְ דִיר פַאר קוֹיפֶען פַאר אַזוֹי פִיהְל אוּנ אַז דוּא וֶועסְט מִיר הֶערְשְׁט גֶעבִּין דָאס גֶעלְד וֶוען דוּא וֶועסְט זִיא נֶעמִין זָאלְסְט דוּא מִיר מֶער גֶעבִּין :

ל בְּסְעִיף ל״ד וֶועלִין מִיר שְׁרַייבִּין אַז מֶען מַאכְט אַ הֶיתֵּר עִיסְקָא מֶעג כֶען גֶעבִּין גֶעלְט חָאמְשִׁי עֶר הָאט נָאךְ נִיט דִיא סְחוֹרָה. זֶעה אַיין דָארְט :

לא דָאס וָואס דִיא וֶועלְט אַנְטְלַייעְט גֶעלְט אוֹיף פְּרָאצֶענְט אוֹיף אַ וֶועקְסִיל וָואס מֶען שְׁרַייבְּט עַל צַד הֶיתֵּר עִיסְקָא אִיז דֶער עִנְיָן דֶער פוּן אַזוֹי. עֶר גִיט אִיהְם דָאס גֶעלְט צוּ הַאנְדְלִין אוֹיף שׁוּתְּפוּת. הֶעלְפְט גֶעלְט אַנְטְלַייעְט עֶר אִיהְם עֶר זָאל זִיךְ נֶעמִין דֶעם רֶיוַח אוּנ מִיט דֶער אַנְדֶערִי הֶעלְפְט זָאל עֶר הַאנְדְלִין פוּן מַלְוֶה וֶועגִין אוּנ גֶעבִּין אִיהְם דֶעם רֶיוַח. אַז עֶס וֶועט ח״ו זַיין הֶיזֵק זָאל אוֹיךְ זַיין שׁוּתְּפוּת. בִּזוּנְדֶער דַארְף מֶען עֶפִּים אָפּ צוּ שְׁלָאגִין פַאר דֶעם וָואס דֶער לֹוֶה בַּאמִיט זִיךְ מִיט יֶענֶעמְס הֶעלְפְט. עֶס זָאל נִישְׁט הֵייסֶען אַז עֶר בַּאמִיט זִיךְ פַאר דֶעם וָואס עֶר הָיָט אִיהְם גִילִיהֶען זַיין הֶעלְפְט. נָאר דֶער לֹוֶה זָאל נִיט בַּאגְלַייבְּט זַיין אוֹיף דֶעם רֶיוַח נָאר מִיט אַ שְׁבוּעָה. אוֹיךְ הָאט עֶר דִיא בְּרֵירָה צוּ גֶעבִּין דֶעם מַלְוֶה אַזוֹי פִיהְל אַלֶע חוֹדֶשׁ (נָאךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט זִיךְ אָפּ שְׁלָאגִין

פון יענעמס חלק רייוח א גילדען שכר טירחה) וועט שוין דיא רעשט רייוח קערין צוא איהם אליין :

לב כמילא אז דער נאך וויל דער לוה נים שווערין וויא פיהל רייוח עס איז גיוועזן אדער אז עס איז גאר נים גיוועזן קיין רייוח אונ גיט דעם פראצענט מעג ער אויך. דען א מענטש מעג זיך פטרין מיט זיין געלט פון א שבועה :

לג בספר מסגרת השלחן האבין מיר גישריבען דעם נוסח פון שטר עיסקא אונ נאך דינים פון דיא זאכין :

לד אז איינער גיט דעם אנדערין פריער געלט אויף אזעלכי תבואה אדער סחורה וואס ער האט נאך נים אדער זיא איז נאך נים פארטיג ער זאל זיא איהם געבין אין עטליכע חדשים ארום טארין דאס נים טוהן (אזוי וויא מיר האבין גישריבען בסעיף כ"ז) צאטען ער מאכט מיט איהם א היתר עיסקא. אז ער גיט איהם דאס געלט ער זאל קויפען אדער פארטיג מאכין דיא סחורה אונ דער רייוח אדער היזק זאל זיין שותפות. נאר אז ער וועט וועלין דער נאך געבין איהם אזוי פיהל סחורה פאר דעם געלט וואס ער האט איהם גיגעבין אונ פאר זיין חלק רייוח (נאך דעם וואס ער וועט זיך אפ שלאגין פון יענעמס חלק רייוח א גילדען פאר דער טירחה) זאל ער נישט דארפען צו שווערין וויא פיהל רייוח עס איז גיוועזן. אזוי וויא מיר האבין פריער גישריבען :

לה דאס אלטין וואס מיר האבין גישריבען אז מען מעג נעמין פראצענט אויב מען שרייבט א היתר עיסקא איז נאר אז יענער האנדילט טאקי מיט דעם געלט :

לו אבער אז יענער לייעט זיך דאס געלט צו בצאהלין א חוב אדער אויף עפים אנדערשט טארין נישט נעמין ביים איהם קיין פראצענט. אויך טאר ער נישט געבין קיין פראצענט אזוי גוט וויא ער וואלט זיך אנטליגען אן א היתר עיסקא :

## (צו) סימן מ. דינים פון נדרים אונ שבועות. ער האלט עלף סעיפים :

א מען דארף גיווארינט צו זיין נישט צו שווערין קיינמאל. אונ אויך נישט צו טוהן קיין נדר. אפילו צדקה איז אויך נישט רעכט מנדר צו זיין נאר ווען מען האט זאל מען גלייך געבין אן א נדר :

ב אז דער עולם זאגט צו צו געבין צדקה וועלכעס מען דארף אויך צו זאגין אדער בשעת מען איז מזכיר נשמות זאל מען זאגען בפירוש בלי נדר. היינו מען זאל זאגין איך וויל געבין אזוי פיהל בלי נדר :

ג אז מען זאגט אבער איך וועל געבין אונ מען זאגט נישט באלד דאס ווארט בלי נדר איז דאס שוין א נדר אונ מען מוז זעהן וויא אין געכסטין צו געבין :

ד דעסט גלייכען אז איינער זאגט אויף וועלכע מצוה איך וועל דאס טוהן אונ זאגט נים (באלד) בלי נדר איז דאס שוין א נדר אונ ער מוז זעהן וויא אין געכסטין דיא זאך צוא טוהן :

ה דאריבער דארף א מענטש צו גיוויינען זיך ווען ער זאגט צו טוהן וועלכע זאך זאל ער זאגין דיא ווערטער בלי נדר. דאס הייסט דיא זאך זאל אויף מיר נישט זיין קיין נדר :

ו דעסט גלייכען דער וואס וויל זיך נוהג זיין וועלכע מצוה וואס ער איז נים מחויב זיא צו טוהן נאר פון פרומקייט וועגען דארף ער אוים צו נעמין בשעת ער הייבט זיך אן נוהג צו זיין אז דיא זאך זאל אויף איהם נישט זיין קיין נדר. אויך זאל ער זאגין אז ער וויל נישט זיך אזוי נוהג זיין נאר צינדערט אדער ווען ער וועט וועלין. אבער נים תמיד :

ז אז ער האט נישט גיזאגט דיא ווערטער וואס מיר שרייבען אונ ער וויל דער נאך שוין

נישט אַזוי זיך נוהג זיין דאַרף ער צו לאָזען זיך מתיר נדר זיין גלייך ער האָט גיטוהן וועלכין נדר :

**ח** אַז איינער וויל זיך לאָזען מתיר זיין אַ נדר אָדער אַ שבועה זאָל ער גיין צו דרייא יודען וואָס קענין לערנין אונ ווייסען דיא דינים פון מתיר נדר זיין אונ האָבין שוין בערד זייא זאָלין איהם מתיר זיין :

**ט** עס איז פאַר האַגין טייל מענטשין וואָס זענין גיוואוינט צו שווערין אָדער זאָגין אָסור אויף יעדער זאַך. אָדער אויף נאמנות. דאַרפען זייא וויסען אַז דאָס איז איין עבירה. דיא עבירה פון שבועות אונ נדרים איז זייער גרויס. דאַריבער מוז מען זעהן זיך אָפּ צוא גיוויינען דער פון :

**י** דיא הייליגע ספרים שרייבען אַז מען טאָר ניט שווערין אַפילו מיט דעם לשון מען זאָל אַזוי לעבין. אונ נאָך אַזאַ שטייגער :

**יא** אַפילו אַקליין יונגעל אָדער אַמיידיל טאָרין ניט שווערין אונ ניט קיין נדר טוהן. אַז זייא האָבין יוא גישוואוירען אָדער גיטוהן אַ נדר זאָלין זייא פרעגין אַ שאלה וויא אַזוי זייא זאָלין זיך נוהג זיין :

# סימן מא. דינים פון תפלת הדרך אונ נאָך זאַבין וואָס מען דאַרף גיוואָרינט צוא זיין אויף דעם וועג. ער האַלט פופצען סעיפים :

**א** אַז מען גייט אָדער מען פאָרט אין וועג אַריין ווען מען איז שוין אַ תחום שבת פון שטאָט אָדער מער זאָל מען זאָגין תפלת הדרך אַזוי וויא עס שטייט אין סידור. דיא תפלה איז צו בעטין דעם איבערשטין עס זאָל זיך נישט טרעפין קיין שום שלעכטץ אויף דעם וועג ח״ו :

**ב** בשעת מען זאָגט דיא תפלה דאַרף נאָך צו זיין האָטש אַכט מוזענט איילין פון דאַנים ביז דעם אָרט וואָס מען וויל נעכטיגען :

**ג** עס איז גלייך צו זאָגין דיא תפלת הדרך נאָהנט צו אַנאַנדערי ברכה. דהיינו מען איז משתין אונ מען וואַשט זיך דיא הענט אונ מען זאָגט דיא ברכה אשר יצר דער נאָך זאָגט מען באַלד דיא תפלת הדרך :

**ד** אויך איז גלייך צו זאָגין דיא תפלה שטייענדיגע הייט ווען מען שטעלט זיך :

**ה** איידער מען גייט אין וועג אַריין איז גלייך צו געבין צדקה :

**ו** אויף דעם וועג זאָל מען לערנין אָדער זאָגין תהלים אַזוי וויא עס שטייט אין דער תורה ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך. דאָס איז טייטש דוא זאָלסט רעדין דברי תורה בשעת דוא זיצט אין דער היים אונ בשעת דוא גייסט אין וועג :

**ז** אַז עס קומט אויס צו דאַווענען אויף דעם וועג [illegible] מען זעהן וויא ווייט מיגליך איז צו דאַווענען בשעת מען רוהט אין סטאַנציע [illegible] אין [illegible] וועג ערגיץ אין דער זייט וואו עס איז ריין :

**ח** מען מעג אויף דעם וועג דאַווענען מנחה באַלד נאָך האַלב איינס אַבי מען זאָל דאַווענען שטייענדיגע הייט :

**ט** אַז מען איילט זיך אָבער אין וועג אַריין מעגין דאַווענען אויף דער פוהר. נאָר אַז מען קען זאָל מען זיך אויף שטעלין איף דער פוהר בשעת מען דאַרף זיך צו בוקען אין מיטען שמונה עשרה אונ בשעת מען דאַרף אויס צו גיין דיא דריי טריט :

**י** אויך זאָל מען גיוואָרינט זיין צו וואַשין זיך מיט וואַסער פאַר יעדערין דאַווענען אַזויא וויא מיר האָבין גישריבען בסימן ז׳ סעיף ג׳ ובסימן מ״ב סעיף י״א י״ב :

**יא** אַז מען האָט אָבער מורא אַז איידער מען נעמט קריגען וואַסער וועט דער וויל פאַר

בייא

בַּייא גֵיין דִיא צַייט פוּן דַאוִונֶען אָדֶער מֶען וִויל זָאגִין קְרִיאַת שְׁמַע אִין דֶער פְּרִיא אוֹיף דֶער פוּהְר אוּנ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין וַואסֶער אוּנ מֶען הָאט מוֹרָא אַז אֵיידֶער מֶען וֶועט חָאפִּין וַואסֶער וֶועט מֶען דֶער וַוייל עִיבֶּר קְרִיאַת שְׁמַע זַיין זָאל מֶען זִיךְ אַרוּם ווַישֶׁען דִיא הֶענְט אִין עֶפִּיס אוּנ זָאגִין קְרִיאַת שְׁמַע אָדֶער דַאוִונֶען :

יב אַז מֶען גֵייט פְּרַייטָאג אִין וֶועג דַארְפִין גִיוָוארִינְט צוּ זַיין אַהַיין צוּ קוּמֶען אִין אַ סְטַאנְצִיֶע אַהַיין וֶוען עֶס אִיז נָאךְ גְרוֹיסֶער טָאג כְּדֵי מֶען זָאל נִיט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין ח״ו . אוּנ אוֹיךְ מֶען זָאל קֶענִין אָן גְרֵייטֶען פוּן זַיינִיט וֶועגִין אוֹיף שַׁבָּת :

יג אַז אֵיינֶער אִיז אוֹיף דֶעם וֶועג אִין אַ סְטַאנְצִיֶע אוּנ עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעלְט אוּנ הָאט עֶס מוֹרָא צוּ גִיטְרוֹיעֶן דִיא מֶענְטְשִׁין אוּנ הָאט נִיט קֵיין אָרְט ווּא עֶס צוּ לֵייגֶען מֶעג עֶר הַאלְטֶען דָאס גֶעלְט בַּייא זִיךְ אִין קֶעשֶׁענֶע גַאנְץ שַׁבָּת אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס מֶען מֶעג טְרָאגִין שַׁבָּת . נָאר עֶר זָאל נִישְׁט נֶעמִין שַׁבָּת אִין דֶער הַאנְט אַהַיין דָאס מַלְבּוּשׁ מִיט דֶעם גֶעלְט נָאר גְלַאט גֵיין דְרִינֶען :

יד אַז מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת טְרָאגִין אוֹיף דֶעם אָרְט אוּנ עֶר הָאט מוֹרָא צוּ זִיצֶען גַאנְטְצֶען שַׁבָּת אִין שְׁטוּבּ טָאמֶער וֶועט מֶען זִיךְ מְשַׁעֵר זַיין אַז עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעלְט אוּנ מֶען וֶועט עֶס פוּן אִיהְם אַוֶועק נֶעמִין . מוּז עֶר פְּרַייטָאג אַיין נַייעֶן דָאס גֶעלְט אִין דֶעם מַלְבּוּשׁ וָואס עֶר גֵייט דְרִינֶען וֶועט עֶר מֶעגִין שַׁבָּת אַרוֹיס גֵיין אִין דֶעם מַלְבּוּשׁ :

טו עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ בַּאגְלֵייטֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס צִיהְט אִין וֶועג אַהַיין . אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ . עֶס זָאל זִיךְ אִיהְם נִיט טְרֶעפִין קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְץ ח״ו אוֹיף דֶעם וֶועג :

# סימן מב. דִינִים פוּן מִנְחָה דַאוִונֶען . עֶר הַאלְט אַכְטְצֶעהְן סְעִיפִים :

א מֶען דַארְף צוּ גִידֶענְקִין מִנְחָה צוּ דַאוִונֶען אִין דֶער צַייט . דִיא צַייט פוּן מִנְחָה דַאוִונֶען אִיז פוּן דְרִיטְהַאלְבִּין שָׁעוֹת פַאר׳ן נַאכְט . זוּמֶער וָואס דֶער טָאג אִיז גְרוֹיס קוּמְט אוֹיס דִיא צַייט מֶער ווִיא דְרִיטְהַאלְבִּין פְּרָאסְטֶע שָׁעוֹת פַאר׳ן נַאכְט . דֶען דִיא שָׁעוֹת וֶוערִין גִירֶעכִינְט לוֹיט דֶעם טָאג אַ צְוֶועלְפְטֶעל טָאג וֶוערְט גִירֶעכִינְט אַ שָׁעָה . דַארִיבֶּער קֶען אוֹיס קוּמֶען ווִינְטֶער ווִינְצִיגֶער ווִיא דְרִיטְהַאלְבִּין פְּרָאסְטֶע שָׁעָה :

ב אַז מֶען דַארְף צוּ גֵיין אִין וֶועג אַהַיין אָדֶער צוּ עֶסִין מֶעג מֶען דַאוִונֶען מִנְחָה פוּן הַאלְבּ אֵיינְס אָן דָאס הֵייסְט פוּן אַהַאלְבֶּע שָׁעָה נָאךְ׳ן הַאלְבִּין טָאג :

ג דִיא וָואס דַאוִונֶען מִנְחָה שְׁפֶּעט פַאר׳ן נַאכְט דַארְפִין גִיוָוארִינְט צוּ זַיין חָאטְשׁ צוּ דַאוִונֶען אֵיידֶער עֶס שְׁטֵייט שְׁטֶערִין . דֶען אַז עֶס שְׁטֵייט שׁוֹין שְׁטֶערִין אִיז בְּוַודַאי שׁוֹין נִיט דִיא צַאט פוּן מִנְחָה :

ד מֶען טָאר נִיט זִיךְ זֶעצִין עֶסִין אַ סְעוּדָה פַאר מִנְחָה פוּן דְרַייא שָׁעָה פַאר׳ן נַאכְט אָן . דִיא שָׁעוֹת וֶוערִין אוֹיךְ גִירֶעכִינְט לוֹיט דֶעם טָאג . דַארִיבֶּער דַארְף מֶען צוּ וִויסֶען נִיט צוּ עֶסִין קֵיין סְעוּדָה פַאר מִנְחָה דָאס לֶעצְטֶע פֶערְטִיל טָאג :

ה אֲפִילוּ נִיט קֵיין סְעוּדָה נוּר בְּרוֹיט אָדֶער לֶעקִיךְ וָואס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אֵיין אֵיי טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט עֶסִין פַאר מִנְחָה :

ו פֵּירוֹת אָדֶער אַ גִיקֶעכְטְץ מֶעג מֶען עֶסִין פַאר מִנְחָה . אֲפִילוּ דָאס גִיקֶעכְטְץ אִיז פוּן טֵייג שַׁאט אוֹיךְ נִיט בִּשְׁעַת הַדְּחָק אַז מֶען עֶסְט עֶס הָאפִּינְדִיק נִיט צוּ בַּאלְמִיטְשֶׁען דֶער בַּייא :

ז אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט פַאר מִנְחָה גֵיין אִין מֶרְחָץ אַהַיין אָדֶער זִיךְ לָאזֶען אָפּ שֶׁערִין אָדֶער טוּעֶן אַנַאנְדֶערֶע מְלָאכָה אָדֶער אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס דַארְף צוּ גִידוֹיעֶרִין טָאר מֶען אַלְטְץ נִיט אָן הֵייבִּין דָאס לֶעצְטֶע פֶערְטִיל טָאג :

ח אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה דְהַיְינוּ פוּן אַחֲתוּנָה אָדֶער פוּן אַבְּרִית מִילָה טָאר׳ן נִיט אָן הֵייבִּין פוּן

האלבען

האַלבּין טאָג אָן נאָר מען זאָל וואַרטען אַ האַלבּע שעה אונ דאַווינען פריער מנחה אַזוי ווי מיר האָבּין געשריבּען בּסעיף ב׳ :

ט אויף דעם אָרט וואָס מען קלאַפּט אין שול צו מנחה אונ דער מענטש איז געוואוינט צו גיין דאַווינען מעג ער עסין אָדער טוהן די זאַכין (וואָס מיר האָבּין געשריבּען) פאַר מנחה. נאָר ער זאָל געוואָרינט זיין אַז ווען מען וועט קלאַפּין אין שול זאָל ער שוין אויף הערין צו טוהן די זאַך אונ גיין דאַווינען מנחה :

י אָבּער אַגרויסע סעודה דהיינו אויף אַ בּרית מילה פועלט ניט דאָס וואָס מען קלאַפּט אין שול מען זאָל מעגין אָן היבּען דאָס לעצטי פערטיל טאָג. מען דאַרף אַפילו מחמיר צו זיין ניט אָן צו הייבּען קיין גרויסע סעודה בּאַלד נאָכין האַלבּין טאָג אַפילו ווא מען קלאַפּט אין שול :

יא צו מנחה דאַרפין זיך אויך צו וואַשין די גאַנצע הענט מיט וואַסער אַזוי ווי מיר האָבּין געשריבּען בּסימן ז׳ סעיף ג׳ :

יב דעסט גלייכען צו מעריב דאַרפין זיך אויך צו וואַשין אַז מען האָט זיך אָפּ גערוהט נאָך מנחה :

יג דעסט גלייכען אַז מען האָט זיך אָפּ גערוהט נאָך שחרית דאַרף מען פאַר מוסף איבּער נייס צו וואַשין די הענט :

יד אַז מען האָט אָבּער אין זינען געהאַט נאָך איין שמונה עשרה צו היטען די הענט בּיז דער אַנדערער שמונה עשרה זייא זאָלין ניט אָן רירען אין אומריינע ערטער דאַרפין ניט נאָך אַמאָל זיך צו וואַשין. (זעה איין בּסוף סימן י״ב) :

טו אַז איינער איז געקומען אין שול אַריין צו מנחה אונ דער עולם שטעלט זיך שוין דאַווינען שמונה עשרה זאָל ער דאַווינען שמונה עשרה בּציבּור אונ נאָך שמונה עשרה זאָל ער זאָגין קרבּנות מיט אשרי. ער זאָל זאָגין דער נאָך דעם אשרי גלאַך ער זאָגט גלאַט תהלים אונ ניט ווייל ער איז מחויב :

טז אַז מען האַלט אָבּער שוין אַזוי ווייט אין דער שמונה עשרה אַז ווען ער וועט זיך צינדערט שטעלין שמונה עשרה וועט ער זיא ניט קענין ענדיגען איידער דער חזן וועט זאָגין קדושה אונ אַז ער וועט וואַרטין בּיז דער חזן וועט אָפּ זאָגין די גאַנצע שמונה עשרה כּדי ער זאָל נאָך זאָגין אָמן וועט דער ווייל פאַר בּייא גיין די צייט פון מנחה אָדער ער וועט נישט קענין דאַווינען מעריב בּציבּור זאָל ער אָן הייבּין גלייך מיט דעם חזן די שמונה עשרה :

יז אונ זאָל שטילער הייט גלייך דאַווינען יעדער וואָרט אונ זאָל מיט איהם זאָגין די גאַנצע קדושה אונ זאָל גלייך מיט איהם אויס לאָזען די בּרכת האל הקדוש אונ בּרכת שומע תפלה. אויך זאָל ער זאָגין מודים גלייך מיט דעם חזן כּדי ער זאָל זיך בּוקען בּנאַנט מיט דעם עולם :

יח אַז ער איז געקומען בּשעת דער חזן האַלט שוין בּאַלד בּיי קדושה זאָל ער וואַרטין בּיז נאָך האל הקדוש אונ ענטפערין אָמן דער נאָך זאָל ער זיך שטעלין שמונה עשרה :

## (שמיני) סימן מג. דינים פון מעריב דאַווינען. ער האַלט זעקס סעיפים :

א די צייט פון מעריב הייבּט זיך אָן ווען מען זעהט שוין דרייא קליינע שטערין. דער מענטש וואָס דאַווינט נישט בּציבּור טאָר ניט אָן הייבּין פריער צו דאַווינען :

ב אַז עס איז דעם טאָג כמאַרנע זאָל ער וואַרטען בּיז ער פאַר שטייט אַז עס שטייט שוין פערונע דרייא קליינע שטערין :

אז

ג אַז דָאס צִיבּוּר דַאוְוינְט אַבִּיסְעל פְרִיעֶר דַארְפִין צוּ דַאוְוינֶען מִיט זַייא . (זֶעה אַיין בְּסִימָן מ"ד סְעִיף ז') :

ד אַהַאלְבִּי שָׁעָה אֵיידֶער עֶס שְׁטֵייט שְׁטֶערִין טָארִין נִישְׁט זִיךְ זֶעצִין עֶסִין אוּנ נִישְׁט טוּהְן קֵיין מְלָאכָה אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען בְּסִימָן מ"ב סְעִיף ד' ה' ז' . ווָאס מֶען טָאר נִישְׁט פַאר מִנְחָה דָאס אֵייגֶענֶע טָארִין נִיט טוּהְן פוּן אַהַאלְבִּי שָׁעָה פַאר נַאכְט בִּיז מֶען דַאוְוינְט אָפּ מַעֲרִיב . נָאר מֶען זָאל עֶפִּיס לֶערְנִין בִּיז עֶס וֶועט שְׁטֵיין שְׁטֶערִין אוּנ בַּאלְד דַאוְוינֶען מַעֲרִיב אוּנ נִישְׁט אָפּ לֵייגֶען אוֹיף דֶער נָאךְ :

ה אַז מֶען הָאט זִיךְ גְרָאט פַאר שְׁפֶּעטִיגְט מֶעגִין דַאוְוינֶען מַעֲרִיב בִּיז עֶס הֵייבְּט אָן צוּא טָאגִין :

ו מֶען טָאר נִיט אוֹיס רֶעדִין פוּן אָן הֵייבּ מַעֲרִיב בִּיז נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה :

## סימן מד . דִינִים וִויא אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין בַּנַאכְט אֵיידֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ . עֶר הַאלְט פֶערְצֶען סְעִיפִים :

א מֶען דַארְף גִיוָוארִינְט צוּא זַיין צוּא לֶערְנֶען בַּנַאכְט . דָאס לֶערְנִין פוּן בַּנַאכְט אִיז זֵייעֶר טַייעֶר :

ב אֲפִילוּ זוּמֶער זָאל מֶען אוֹיךְ אַבִּיסֶעל לֶערְנִין בַּנַאכְט אוּנ פוּן חֲמִשָׁה עָשָׂר בְּאָב אָן זָאל מֶען אַלֶע מָאהְל מֶער לֶערְנִין בַּנַאכְט .

ג מֶען דַארְף זִיךְ הִיטֶען נִישְׁט צוּ פִיהְל צוּ עֶסִין בַּנַאכְט . נָאר אַבִּיסֶעל וֶוינְצִיגֶער פוּן בַּייא טָאג . דוּרְךְ דֶעם וֶועט בֶּעסִיר זַיין אִין אַסַךְ זַאכִין :

ד אוֹיךְ זָאל מֶען נִיט שְׁלָאפֶען אַלֵיין אִין אַבַּאזוּנְדֶער שְׁטִיבֶּעל :

ה אֵיידֶער מֶען גֵייט זִיךְ לֵייגֶען זָאל מֶען זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען מִיט ווָאס מֶען הָאט פַאר בְּרֶענְגְט דֶעם טָאג . אוּנ מֶען זָאל חֲרָטָה הָאבִּין אוּנ תְּשׁוּבָה טוּהְן אוֹיף דִיא שְׁלֶעכְטִי מַעֲשִׂים אוּנ אוֹיף דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת . אוּנ נֶעמִין אוֹיף זִיךְ שׁוֹין גוּט צוּא זַיין (זֶעה אַיין בְּסִימָן קי"ז סְעִיף ח') :

ו אוֹיךְ זָאל מֶען מוֹחֵל זַיין צוּ דֶעם ווָאס הָאט גִיזִינְדִיגְט קֶעגֶען אִיהְם . כְּדֵי עֶס זָאל קֵיינֶער נִישְׁט גִישְׁטְרָאפְט ווֶערִין דוּרְךְ אִיהְם . אוּנ דוּרְךְ דֶעם ווֶעט מֶען הָאבִּין אַ גְרוֹיסֶען שָׂכָר :

ז אַז עֶר הָאט גִידַאוְוינְט מַעֲרִיב בְּצִיבּוּר וֶועלְכִים עֶס אִיז נָאךְ דֶערְמָאלְט נִישְׁט גִישְׁטַאנֶען קֵיין דְרַייא קְלֵיינֶע שְׁטֶערִין דַארְף עֶר אֵיידֶער עֶר לֵייגְט זִיךְ צוּ זָאגִין דִיא גַאנְצִי קְרִיאַת שְׁמַע בִּיז אֱמֶת אוּנ אִין זִינֶען הָאבִּין אַז עֶר וִויל צִינֶדֶערְט יוֹצֵא זַיין דִיא קְרִיאַת שְׁמַע פוּן בַּנַאכְט :

ח דִיא קְרִיאַת שְׁמַע ווָאס מֶען זָאגְט אֵיידֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ אוּנ דִיא מִזְמוֹרִים אוּנ פְּסוּקִים ווָאס שְׁטֵייט בְּסִידוּר זָאגְט מֶען אַלְטְץ פַאר דֶער בִּרְכַּת הַמַפִּיל בְּשַׁעַת מֶען אִיז נָאךְ אָן גִיטוּהְן . אוּנ דִיא בִּרְכַּת הַמַפִּיל זָאגְט מֶען בְּשַׁעַת מֶען לִיגְט שׁוֹין אִין בֶּעט :

ט אַז עֶס אִיז אַרוּם בֶּעט נִישְׁט רֵיין מֶעג עֶר זָאגִין בִּרְכַּת הַמַפִּיל אוֹיךְ אֵיידֶער עֶר לֵייגְט זִיךְ :

י בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט דִיא בִּרְכַּת הַמַפִּיל אָדֶער אַנְדֶערִי הֵיילִיגֶע ווֶערְטֶער אִין בֶּעט זָאל עֶר לֵייגֶען דִיא הַאנְד אוֹיף דֶעם הֶעְמֵד אוּנְטֶער דֶעם הַארְטְץ עֶס זָאל זַיין אַ צְווִישֶׁען שֵׁייד צְווִישֶׁען דֶעם הַארְטְץ אוּנ צְווִישֶׁען דֶער עֶרְוָה ווַייל עֶר גֵייט דָאךְ נִישְׁט דֶערְמָאלְט אִין מִכְנָסַיִם . אוּנ נִישְׁט אִין קֵיין גַארְטֶעל :

יא נָאךְ דֶער בִּרְכַּת הַמַפִּיל טָארִין נִישְׁט עֶסִין אָדֶער טְרִינְקֶען אָדֶער אוֹיס רֶעדִין פְּרָאסְטִי רֵייד בִּיז מֶען ווֶערְט דֶער שְׁלָאפִין . אַז מֶען וִויל מְשַׁמֵשׁ הַמִטָּה זַיין זָאל מֶען נִיט זָאגִין פְרִיעֶר דִיא בִּרְכַּת הַמַפִּיל :

יב עֶס אִיז נִישְׁט גִיזוּנְד צוּ שְׁלָאפִין אִין דִיא מַלְבּוּשִׁים . אוֹיךְ זָאל מֶען נִישְׁט לֵייגֶען דִיא

מלבושים

מלבושים צו קאפענם דען מען פאר געכט דורך דעם דאס לערנין :
יי מען טאר ניט שלאפין אויף דעם רוקען מיט דעם פנים ארויף . אויך זאל מען נישט שלאפין מיט דעם פנים אראפ נאר אויף דער זייט :
יד עס איז גיזונד צו שלאפין תחילת אויף דער לינקער זייט . אונ צום סוף שלאף אויף דער רעכטי זייט :

# סימן מה . דינים פון לערנין דיא קינדער נוטע מעשים . ער האלט ניינצעהן סעיפים :

א יעדערער פאטער איז מחויב צו לערנין זיינע קינדער פון קליינע הייט אן אונ זאל זייא גיוויינען אין אלע מצות . יעדערי מצוה ווען דאס קינד קען פאר שטיין :
ב היינו דאס קינד וואס פאר שטייט פין ענין שבת דארף צוא הערין קידוש אונ הבדלה . דאס קינד וואס קען אן טוהן א לייבציטאקיל דארף דער פאטער דרינגען אן צו מאכין כשירי ציצית . אונ נאך אזא שטייגער אלע מצות וואס דאס קינד קען פאר שטיין דארף דער פאטער איהם צו גיוויינען פון קליינער הייט אן :
ג מען דארף צו גיוויינען דיא קינדער זייא זאלין נאך זאגין אמן אונ אמן יהא שמיה רבא אונ קדושה וברכו . דאס איז זייער טייער :
ד אויך זאלין זיי זיין אין שול אדער אין בית המדרש מיט פארכט אונ ניט מבלבל זיין דעם עולם פון דאווינען :
ה אלדינג וואס מען טאר נישט עסין אדער טוהן דארף דער פאטער ניט לאזין זיין קינד דאס עסין אדער טוהן אז עס פאר שטייט נאר וואס מען זאגט דער צו אז מען טאר נישט טוהן דיא זאך :
ו אויך דארף ער צו גיוויינען דאס קינד נישט צו זאגין קיין ליגענד אונ נישט שווערין אויף קיין שום זאך :
ז אז דאס קינד וויל נישט פאלגען זאל ער עס אביסעל שלאגין כדי עס זאל פאלגען . נאר ניט שטארק . ער קער עס צו זאגין צו קויפען גוטע זאכין ווען עס וועט פאלגען וויא ווייט ער איז פאר מעגליך :
ח דיא מוטערס וואס לאזען נישט לערנין דיא קינדער אין גוטען וועג טוהן א גרויסע עבירה . זייא דאכט זיך אז זייא האבין רחמנות אויף דיא קינדער אונ דאס איז גאר פאר קערט . דען אז דאס קינד ווערט קאלע אין דער יוגענד קען מען שוין נישט פארעכטין דער נאך :
ט קיין שום מענטש טאר נישט געבין א קינד צו עסין אזאך וואס מען טאר נישט עסין אויך טארין נישט עס הייסען טוהן קיין שום זאך וואס מען טאר ניט . אפילו דאס קינד איז נאך גאר קליין :
י אז דאס קינד איז ניט גיזונד אונ עס דארף צו עסין אדער טרינקען אזאך וואס מען טאר ניט זאל מען פרעגין א שאלה :
יא מען מעג געבין דעם קינד צו עסין שבת פאר קידוש אדער דענטאלט ווען מען פאסט :
יב דער עולם איז זיך נוהג אז דא וואו מען טאר ניט שבת טראגין גיבען זייא דעם קינד צו טראגין . מען טאר דאס ניט נאר ווען מען דארף נייטיג פון א מצוה וועגין . אבער וויא ווייט עס איז מיגלעך זאל מען דעם קינד אויך ניט געבין צו טראגין :
יג אז דאס קינד הייבט אן צו רעדין זאל מען עס לערנין דעם פסוק תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב :
יד אז עס קען שוין רעדין זאל מען עס גיוויינען צו זאגין אין דער פריא ברכות מיט קריאת

שמע

שמע וואס מען זאגט מיט די קינדער:

טו אויך זאל מען עס געוואוינען צו מאכן א ברכה איבער עסן וואָרק אָדער משקה. און בענטשן דער מיט נאך דעם עסן:

טז נאר מען מוז געוואָרנט זיין דאס קינד זאל זיין ריין בשעת ער זאגט הייליגע ווערטער (זעה איין בסימן א׳ סעיף י״ג). אויך זאל דאס אָרט זיין ריין אזוי וויא מיר האבען געשריבען בסימן ב׳:

יז א מיידעל דארף אויך דער פאטער צו לערנען דיא זאכן וואס מיר האבן געשריבען. אויך דארף ער זיא צו לערנען דאווינען און בענטשן און לייענען:

יח אז דאס יונגעל קען שוין גיין אין חדר אריין דארף דער פאטער עס אָן צו דינגען ביי א מלמד. ער דארף איהם צו האלטן ביי מלמדים ביז ער וועט קענין גוט לערנין:

יט אויך זאל ער אכטונג געבין צו האלטן איהם ביי דעם מלמד וואס איז איין ערליכער יוד וועלכים ער וועט מיט איהם ערינטליך לערנין און אויך לערנין איהם גוטע מעשים אזוי וויא מיר האבין אויבען געשריבען:

# הלכות שבת

## (תזריע) סימן מו. דינים פון ערב שבת. ער האלט צוויי און דרייסיג סעיפים:

א שבת קודש איז דער צייכען וואס גאט ברוך הוא האט אונטץ געגעבין מיר זאלין וויסען אז אין זעקס טאג האט גאט בשאפין דיא וועלט און האט גירועט דעם זיבעטין טאג:

ב דער וואס היט שבת וויא עס קער צוא זיין איז אזוי גוט גלייך ער איז מקיים דיא גאנצע תורה:

ג עס איז א מצוה פרייטאג אויף צו שטיין פריא אָן צו גרייטען און איין קויפען אויף שבת. יעדער זאך וואס מען קויפט זאל מען זאגין דאס איז לכבוד שבת:

ד חאטשי מען האט אסך משרתים זאל מען אליין אויך טוהן אזאך לכבוד שבת. אזויא וויא דיא גמרא זאגט אז גרויסע רבנים האבין אליין גיטוהן לכבוד שבת:

ה מען זאל באקען חלות און אָן גרייטען פיש און פלייש און אנדערי גוטע מאכלים און משקה וויא וויט מען קען:

ו אויך זאל מען אָן שלאפין דאס מעסיר לכבוד שבת. און שיין מאכין דיא שטוב. און פאר שפרייטען א טישטיך אויף דעם טיש. גלייך וויא עס קומט אָן איין טייערער גאסט:

ז אויך זאל מען האבען שיינע מלבושים לכבוד שבת. עס איז א גרויסע מצוה עהרליך צו האלטין שבת מיט דיא אלע זאכין:

ח דיא בעלי מלאכות זאלין אויף הערין פרייטאג צו ארבייטען חאטש דריט האלבען שעות פאר נאכט. זומער ווען דער טאג איז גרויס זאל מען אויף הערין פריער. וואָרין דיא שעות ווערין דא גירעכינט לויט דעם טאג. א צוועליפטעל טאג ווערט גירעכינט א שעה. דאריבער קען אויס קומען ווינציגער פון דריט האלבין פראסטי שעה:

ט פון שבת ווענין היינו צו פארעכטין א מלבוש לכבוד שבת מעגין ביז לעכט צינדען נאר מען זאל ניט נעמין פאר דעם קיין געצאלט:

י איין אָרימאן וואס דארף צו פאר דינען אויף שבת מעג טוהן ביז לעכט צינדען:

יא אקליינקייט היינו עס קומט אויס אבריוועל צו שרייבען מעג מען ביז לעכט צינדען.

יב דיא געוועלבין זאלין פאר מאכין אשעה פאר נאכט:

יג עס איז א מצוה פרייטאג ניט צו עסין קיין סעודה אין דעם לעצטין פערטיל טאג. אפילו א פראסטי אָן בייסין:

אגרויסע

יד אגרויסע סעודה טאָרן נישט מאַכן פון דער פריא אָן. צייטן דאַס איז אַ סעודת מצוה וואָס איר צייט איז היינט היינו אבֿרית מילה אָדער אַ פדיון הבן מעגן מאַכן די סעודה נאָר מען זאָל זיא מאַכן פריא און נישט עסן קיין סך כדי מען זאָל קענן עסן בנאַכט סעודת שבת:

טו יעדער ייד איז מחויב אַלע וואָך מעביר צו זיין די סדרה וואָס מען וועט לייענען שבת. עס איז גלייך דאָס צו טוהן פרייטאָג נאָכן האַלבן טאָג אויב מען האָט צייט:

טז מען דאַרף צו זאָגן יעדערן פסוק חומש צוויי מאָהל און דער נאָך דעם פסוק תרגום:

יז אויך זאָל מען לערנען די רש"י פון דער סדרה. דער וואָס קען נישט קיין רש"י זאָל לערנען מיט עברי טייטש כדי ער זאָל פאַר שטיין דאָס חומש:

יח צום לעצט סדרה איז גלייך צו זאָגן נאָך דעם תרגום אַ פסוק פון תורה:

יט עס איז ניט גלייך אויס צו רעדן אין מיטן מעביר זיין:

כ עס איז גלייך צו זאָגן דער נאָך די הפטורה און שיר השירים:

כא עס איז אַמצוה פרייטאָג אָפ שניידן די נעגיל און אָפ שערן די האָר (אויב זייא זענען גרוים) לכבוד שבת. עס איז ניט גלייך אָפ צו שניידען די נעגיל פון די הענט און די פיס אין איין טאָג. מען זאָל ניט אָפ שניידען די נעגיל אָדער אָפ שערן זיך אום ראש חודש אַפילו ער געפאַלט אום פרייטאָג. עס איז ניט גלייך דאַנערשטיג זיך אָפ צו שניידען די נעגיל:

כב מען טאָר נישט אַוועק וואַרפן די נעגיל. נאָר מען זאָל זיי בהאַלטן אָדער פאַר ברענען:

כג עס איז אַמצוה פרייטיג זיך אָפ צו וואַשן דאָס פנים און די הענט מיט וואַרעם וואַסער אויך זאָל מען גיין אין מקוה אַריין לכבוד שבת:

כד עס איז גלייך פרייטאָג תשובה צו טוהן אויף דעם וואָס מען האָט געזינדיגט אַגאַנצע וואָך. (זעה איין בסימן קי"ז):

כה מען טאָר נישט פרייטאָג אַריין שטעלן אין זאַמד אַריין איין כלי מיט עסן אָדער קאַווע זיא זאָל זיין שבת וואַרים צייטן די כלי איז פון אויבען נישט אַרום געדעקט. אַז מען דאַרף אָבער נייטיג זאָל מען פרעגן אַשאלה:

כו מען דאַרף צו זעהן אַז די מעפליך פון עסן וואָס מען דאַרף בנאַכט זאָלן נישט אָן רירען אין די ברענעדיגע קוילען. כדי אַז מען וועט בנאַכט אַוועק נעמען די טעפליך זאָלין ניט שאָקלען די ברענעדיגע קוילען אום שבת:

כז מען דאַרף געוואָרנט צו זיין פרייטיג פאַרן נאַכט אַריין צו שטעלין דאָס טשאָלינט אָדער טייא פריא אין באַק אויבען אַריין עס זאָל נאָך זיין צייט איידער עס ווערט נאַכט עס זאָל ווערן האַלב געקאָכט פון דעם וואָס עס דאַרף זיך צו קאָכן:

כח אַז מען האָט זיך פאַר שפעטיגט און עס איז נישט דאָ אַזוי פיהל צו נאַכט טאָרן עס ניט אַריין שטעלין צייטען מען וועט די קוילען אַביסעל פאַר שיטען מיט אַש. אָדער מען וועט נאָך דעם אַריין שטעלין פאַר קלעבין דאָס טירעל מיט ליים:

כט מען דאַרף געוואָרנט צו זיין ניט צו פאַר שטעלין דאָס טירעל פון באַק אויבען מיט העלטצער וואָס מען האָט זייא נישט אָן געברייט אויף תמיד צו פאַר שטעלין מיט זייא. דען מען וועט שבת ניט טאָרן נעמען זייא אין דער האַנט אַריין אַזוי וויא מיר וועלין שרייבען בסימן נ"ז סעיף י' י"א:

ל פרייטאָג פאַרן נאַכט ווען עס קומט די צייט פון לעכט צינדען דאַרף יעדער מענטש צו זאָגן אין דער היים מען זאָל אָן צינדען די לעכט. ער זאָל זאָגן דאָס מיט אַ ווייך לשון. נישט מיט קיין געבייזער כדי מען זאָל איהם פאָלגען.

לא מען זאָל איבער זעהן די קליידער פרייטאָג פאַרן נאַכט אויב עס ליגט נישט עפּיס אין

אין די קעשענעס געלט אָדער אַנדערע זאַכן וואָס מען טאָר ניט שבת נעמען אין דער האַנט אַריין :

לב ווער שטיסט אויף דעם אָרט וואָס מען טאָר נישט טראָגן איז בווַדאי אַ מצוה איבער צו זעהן די מלבושים אויב עס ליגט נישט עפּיס אין זיי :

## (מצורע) סימן מז. דינים אויף וואָסער אויפן מען מעג געבן אַגוי פאַר שבת צו טוהן אַ מלאכה. און אַלע וואָס האָבן עסקים מיט גוים וויא אַזוי זיי זאָלן זיך פיהרען שבת. ער האַלט אַכטצען סעיפים :

א מען טאָר נישט זאָגן צו אַגוי אפילו פאַר שבת ער זאָל טוהן אַ מלאכה אום שבת :

ב אַז מען גיט איהם פאַר שבת עפּיס צו מאַכן און דער גוי מאַכט עס אום שבת דאַרפן נישט איהם צו ווערן אויב עס איז אויף די אופנים וואָס מיר וועלן שרייבן :

ג היינו (א) דווקא אַז דער גוי נעמט אַרויס די זאַך פון יודס שטוב פאַר שבת. אָבער אום שבת טאָרן ניט איהם לאָזן אַרויס נעמען די זאַך פון יודס הויז. אויך טאָרן נישט לאָזן איהם טוהן די מלאכה אין יודס הויז אויף קיין שום פאַל :

ד (ב) דווקא אַז ער זאָגט צו דעם גוי צו געבן שכר פאַר דער גאַנצער מלאכה. כדי דער גוי זאָל זיך מכוין זיין מיט דעם טוהן די מלאכה פון זיך זעלבסט וועגן. אָבער נישט פון יודס וועגן.

ה איבער דעם אַז איינער האָט אַקנעכט אַגוי אָדער אַדינסט אַגוי טאָר ער ניט לאָזן זיי טוהן אַ מלאכה אום שבת פיר יודס וועגן. אויך טאָר ער נישט פרייטיג זיי געבן אַ מלאכה צו טוהן נאָר אַז זייא וועלן קענן עס פאַרטיג מאַכן פאַר שבת. דען מען וועט דאָך זייא נישט באַצאָלן בזונדער פאַר דעם טאָהן.

ו אַז אַזוי פאָרט ערגיץ און איר גיט איהם מיט אַבריף און דער יוד ווייסט אַז דער גוי וועט דעם בריף פיהרען שבת דאַרף ער צו געבן עפּיס דעם גוי כדי דער גוי זאָל פיהרען דעם בריף פאַר דעם געצאָלט.

ז (ג) דווקא אַז דער גוי האָט זיך אונטער גענומען די זאַך צו מאַכן און דעם יוד גייט נישט אָן ווען ער וועט זיא מאַכן. אָבער אַז דער גוי איז פאַר דונגען ביים דעם יוד אויף דעם טאָג טאָרן נישט לאָזען אים אַרבייטען אום שבת.

ח (ד) מען טאָר ניט זאָגען דעם גוי ער זאָל טוהן שבת דען צו זאָגן דעם גוי ער זאָל טוהן שבת אַ מלאכה פון יודס וועגן פועלט ניט קיין שום היתר. דען די היתרים וואָס מיר שרייבן זענען נאָר מען זאָל מעגן אים לאָזן טוהן אום שבת.

ט אפילו מען זאָגט איהם ניט אַרויס ער זאָל טוהן שבת נאָר מען זאָגט איהם פראַטיג מאַך מיר די זאַך אויף זונטאָג אודער אויף מאָנטיג און דער גוי וועט ניט קענען מאַכען די זאַך אויף דעם טאָג צאָטען ער וועט טוהן שבת טאָר מען נישט פראַטיג איהם דאָס זאָגן. וואָרען דאָס הייסט אַזוי גוט גלייך מען זאָגט איהם אַרויס ער זאָל טוהן שבת.

י דעסט גלייכען אַז א יוד שיקט פראַטיג אגוי מיט אַבריף טאָר ער ניט איהם זאָגן זעה דוא זאָלסט זיין אויף דעם אָרט אין דעם טאָג אויב דער יוד ווייסט אַז דער גוי וועט ניט קענען זיין דאָרט צאָטען ער וועט גיין שבת.

יא אויך טאָר מען ניט געבן דעם גוי אַזאַך ער זאָל עס פאַר קויפן אום שבת :

יב (ה) דאָס שטוסט אַלין ביים אַזאַך וואָס איז ניט בהעפט צוא דער ערד אָבער דער גוי זאָל מאַרען דעם יוד אַ הויז אָדער אַרבייטען אין יודס פעלד טאָרן ניט לאָזען אויב די זאַך איז אין די צווייא טויזנט איילן וואָס יודען וואוינען דאָרט אפילו ער דינגט נישט

נישט איהם אויף דעם טאג. נאר ער האט זיך מיט איהם משווה געווען אויף דער גאנצע
אַרבייט פאר מען אויך ניט לאזען איהם טוהן אום שבת.

יג אפילו דער גוי זאל טעצעכין דיא שטיינער אדער דיא בעלקעס בייא זיך אין דער
היים אום שבת פון יודים הויז וועגין טאר מען אויך נישט.

יד אז איינער האלט א פּפּעסיע אדער א מיהל אדער א הוטטע אדער א ציגעלניע אדער
דיא ראגאטקיס אדער מכס דארף ער צו פרעגין א שאלה קיגען שבת. וויא אזוי ער
זאל זיך נוהג זיין.

טו אז איינער האלט א באד און האלט א גוי אויף איהר ער זאל טוהן אלי זאכין וואס
מען דארף דארט זאל ער אויך פרעגין א שאלה אויב ער מעג לאזין דעם גוי עפּים
טוהין דארט שבת.

טז א יוד וואס האט א שענק טאר ניט דינגען א גוי אויף שבת ער זאל פאר קויפען שבת
בראנפין צוא דיא גוים. אפילו ער גיט איהם עטליכע קאפּעק פון יעדער גילדען
וואס ער וועט לייזען טארין אויך ניט. נאר מען זאל פרעגין א שאלה וויא אזו
מען זאל טוהין.

יז דיא כותבים פון דער ווייסיל אדער פון וועלכין טייך און זייערע מענטשין זאלין אויך
פרעגין א שאלה וויא אזוי זייא זאלין זיך נוהג זיין שבת מיט דיא גוים.

יח אז א גוי טוהט שבת א מלאכה פון יודים וועגין זאל מען פרעגין א שאלה צוא מען
מעג דיא זאך ניטצען אום שבת. עס איז דא אין דעם אלימען א סך חילוקי דינים.

## (אדרי) סימן מח. דינים פון לעכט צינדען פראטיג פארין נאכט. ער האלט ניין און צוואנציג סעיפים:

א מע איז מחויב פראטיג פארין נאכט אן צו צינדען דיא לעכט צום ווייניגסטען א האלבי
שעה פארין נאכט. און פון דענמאלט אן זאל מען שוין נישט טוהין קיין שום
מלאכה.

ב מען קער אבער מחמיר צו זיין און טוהין אזוי וויא דיא פוסקים וואס שרייבין אז
מען דארף צוא צינדען לעכט ווען דיא זון שאנט נאך א ביסעל און עטוואס איידער
זיא גייט אונטער זאל מען שוין ניט טוהן קיין שום מלאכה.

ג מען דארף צוא האבען גוטע לעכט אויף שבת. דער וואס איז געווארינט אין דער
מצוה איז זוכה צוא האבין גוטע קינדער. דאריבער זאל דיא אשה בעטין בשעת זיא
בענטשט לעכט זיא זאל האבין זיהן וואס זאלען לייכטען אין דער תורה.

ד באלד נאך דעם אהן צינדען דארפין צוא פאר האלטין מיט דיא הענד דאס פנים און
מאכין דיא ברכה „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק
נר של שבת. דיא ברכה פון יו"ט איז בא"י אמ"ה אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק
נר של יום טוב.

ה מע טאר נישט אויס רעדין צווישען לעכט צינדען צווישען דער ברכה.

ו אז זיא צינט לעכט אויף דעם טיש וואס מען עסט און אויף אנדערי ערטער זאל זיא
פריער אן צינדען אויף דיא אנדערי ערטער. דער נאך אויף דעם טיש. ווארין דער
עיקר מצוה זעגין דיא לעכט וואס אויף דעם טיש וואס מען עסט ביי זייא. און נאך זייער
צינדען טאר זיא שוין נישט טוהן קיין שום מלאכה:

ז האטשי דיא אשה צינט דיא לעכט דארף דער מאן אויך עוסק צו זיין אין דער מצוה.
היינו ער זאל אן צינדען אין דיא אנדערי חדרים וואס דאס ווייב צינט נישט דארט:

ח אויך זאל ער פאר לעכט צינדען אפּ ברענין דיא שנאץ פון דיא לעכט. כדי דאס פייער
זאל

זאל זיך אן זייא גוט אן האלטן בשעת דעם צינדען :

ט אז דאס ווייב איז נישט אין דער היים איז דער מאן מחויב אן צו צינדען ליכט מיט א ברכה :

י דעסט גלייכען ווען דאס ווייב איז א קימפעטארין זאל דעם ערשטין שבת דער מאן ליכט בענטשין ווייא עס קער צו זיין :

יא אז דער מאנסצביל צינט ליכט מעג ער טוהן נאך ליכט צינדען א מלאכה אקליינקייט אויב עס איז נאך מער ווייא אהאלבע שעה צו נאכט :

יב דיא ווייבער זענין זיך נוהג אז זייא וואשין זיך אפ און טוהן אן שיינע מלבושים ליכט צו צינדען דאס איז גאנץ גוט. אבער אז דיא אשה פאר שפעטיגט זיך מיטמאל און עס איז שוין נישט נאר עפים מער ווייא אהאלבע שעה צו נאכט זאל זיא נישט טוהן קיין שום זאך נאר זיא זאל שוין צינדען ליכט ווייא אזוי זיא גייט אן גיטוהן זיא זאל נישט מחלל שבת זיין ח"ו :

יג אז דער מאן זעהט אז זיא צינט נאך נישט זאל ער אליין ליכט צינדען און זאל נישט קיין מורא האבין וואס זיא וועט זיך בייזערין :

יד אויך זאל מען נישט קוקען אויף דעם וואס איז נאך ערגיץ אנדערשט נישט גיצונדען קיין ליכט. דעסט גלייכען אין אנדערי מדינות זאל מען אויך נישט קוקען אויף אנדערי נאר מען זאל טוהן אזוי ווייא דער דין איז. אזוי ווייא מיר שרייבען :

טו יעדער מענטש דארף צו האבין שטיין פרייטיג צו נאכט אין אן גיצונדען ליכט אין יעדערין שטיבעל וואס ער קומט דריגען אריין פרייטאג צו נאכט :

טז אין אשה וואס עסט קעסט בייא איר פאטער אדער בייא איר שווער זאל זיא בענטשין ליכט אין איהר שטיבעל וואס זיא וואוינט דארט :

יז אז זיא האט נישט קיין באזונדער שטיבעל זאל גיין זיא הייסען בענטשין ליכט אין אזא שטיבעל וואס קיינער צינט נישט דארט קיין ליכט נאר זיא אליין. אויך זאל מען ניצען בנאכט מיט וועלכען עסין וואוק בייא דיא ליכט :

יח דער אייגענער דין איז אויך בייא איין אשה וואס דינט וועלכים זיא עסט בייא דעם באלבאים :

יט אבער איין אשה וואס וואוינט בייא אייגעם אין שטוב און עסט פאר זיך. מעג זיא בענטשין ליכט אין דער אייגענער שטוב וואס דעם באלבאעם ווייב בענטשט ליכט :

כ אין אזא שטיבעל וואס מען קומט נישט אריין פראטיג צו נאכט בשעת דיא ליכט ברענען זיך טארין נישט מאכין קיין ברכה איבער דיא ליכט וואס מען צינט דארט. אפילו מען שטעלט זייא דער נאך אריין אין דער פארינדיגי שטוב :

כא אז דיא אשה צינט ליכט און דער מאן צינט אויך אן ליכט אין אנדערי חדרים דארף ער נישט צו מאכין קיין ברכה איבער יענע ליכט. ווייל זיא מאכט שוין א ברכה :

כב אבער אז איינער איז נישט אין דער היים און שטייט אין אין א באזונדער שטיבעל וועלכים דער באלבאים ניצט נישט דארט דארף ער דארט צוא צינדען ליכט מיט א ברכה :

כג דאס ליכט דארף זיך צו ברענין ביז ער קומט בנאכט אין דעם שטיבעל אריין. און אז נישט טאר ער נישט קיין ברכה מאכין דאריבער :

כד אז עטליכע פרעמדע מענטשין שטייען אין א באזונדער שטיבעל זאל איינער אן צינדען ליכט מיט א ברכה און זייא זאלין הערין און ענטפערין אמן און יוצא זיין מיט דער ברכה :

כה אז איינער איז נישט וואו עס ווייב איז און דאס נישט קיין באזונדער שטיבעל. איז אז זיין ווייב צינט ליכט אין דער היים פאר זיין געלט איז ער דא פטור. דעסט גלייכען

אז

אז ער עסט דא ביא איינעם איז ער יוצא מיט דעם וואס יענער צינט לעכט:

כו אבער אז זיין ווייב צינט ניט אין דער היים פאר זיין געלט און ער עסט דא פאר זיך דארף ער עפיס צו שטייער געבין דעם באלבאטים צו דיא לעכט וואס מען צינט דא:

כז איין אשה וואס איז בלינד און זיא האט א מאן זאל דער מאן צינדען לעכט מיט א ברכה און נישט זיא:

כח אז זיא האט נישט קיין מאן און זיא וואונט אין א באזונדער שטיבעל זאל זיא צינדען לעכט מיט א ברכה. אבער אז זיא וואונט מיט אנדערי וואס בענטשין לעכט זאל זיא ניט מאכין קיין ברכה איבער דיא לעכט וואס זיא צינט אן:

כט איידער מען בענטשט לעכט זאל מען לייגען דיא חלות אויף דעם טיש:

# (קדושים) סימן מט. דינים פון קידוש און דיא סעודות פון שבת. ער האלט פיהר און פערציג סעיפים:

א מען טאר ניט עסין און טרינקען פאר קידוש:

ב עס איז א מצוה קידוש צו מאכין איבער גוטען וויין. אז ער האט נישט זאל ער קידוש מאכין איבער ראזינקי וויין:

ג אז ער האט ניט אפילו קיין ראזינקי וויין זאל ער פרייטאג צו נאכט קידוש מאכין איבער דיא חלות. אבער ניט איבער קיין אנדערי משקה:

ד אז ער מאכט קידוש איבער דיא חלות זאל ער זיך וואשין פארין קידוש און בשעת ער וועט זאגין ויכלו זאל ער ארויף לייגען דיא הענט אויף דעם טישטיכעל וואס ליגט אויף דיא חלות. און ווען ער וועט האלטען אשר ברא אלהים לעשות זאל ער אויף דעקין דיא חלות און ארויף לייגען דיא הענט אויף זייא און מאכין דיא ברכת המוציא. און נאך דער ברכת המוציא זאל ער זייא צוריק צו דעקין מיט דעם טישטיכעל און זאל ארויף לייגען דיא הענט און זאגין בא"י אמ"ה אשר קדשנו במצותיו ביז סוף קידוש דער נאך זאל ער צו שניידען דיא חלה און עסין:

ה מען זאגט שטילער הייט ויהי ערב ויהי בוקר. דער נאך זאגט מען הויך יום הששי. דער נאך זאגט מען ויכלו שטייענדיגי הייט. און קוקען דערנאך אויף דיא לעכט. און פון בורא פרי הגפן אן זאל מען קוקען אויף דעם כוס:

ו דיא ווייבער זענין אזוי גוט מחויב אין קידוש וויא דיא מאנצביל. אז זייא הערין קידוש פון א זא מענטש וואס האט נאך נישט קיין בארד מוזען זייא נאך זאגין יעדער ווארט פון קידוש. און אז ניט זענין זייא ניט יוצא:

ז און אפילו זייא הערין קידוש פון דעם וואס האט יוא א בארד איז אויך גלייך זייא זאלין נאך זאגין יעדער ווארט פון קידוש:

ח אז זיא קען און מאכט אליין קידוש איז זיא בוודאי יוצא. אז זיא מאכט נישט אליין קידוש נאר הערט פון אנאנדערין זאל זיא נישט זאגין קיין ברוך הוא וברוך שמו נאר אמן אליין:

ט וויין וואס איז זאהר וועלכעס מענטשין ווילען נישט טרינקען איהם איבער דעם זאהרקייט טאר מען ניט קידוש מאכין איבער איהם:

י וויין וואס איז געשטאנען אויף גידעקט אפאר שעה טאר מען אויך נישט קידוש מאכין איבער איהם:

יא דער כוס דארף זיין גאנץ אן א שטשערב. אויך זאל ער זיין ריין. אלע דינים וואס מיר האבין געשריבען בסימן ל' בסעיף ד' ה' ו' ז' ח' ביא דעם כוס פון בענטשין גייען אויך אן ביא דעם כוס פון קידוש פון ביא נאכט און פון ביי טאג און ביא דעם כוס

פון

פון הבדלה. זעה איין דארט אלע דינים:

יב דער כוס פון קידוש אונ פון הבדלה אונ פון בענטשין דארף יעדערער צו האלטין
האמטש אזוי פיהל וויא עס קען אריין אין צווייא שאלין פון היגערני אייער. סייא דער
כוס איז וויין אדער אנדערי משקה אדער בראנפין טאר אלמץ ניט זיין וויניציקר:

יג דיא חלות זאלין זיין צו גידעקט בשעת דעם קידוש:

יד דער וואס מאכט קידוש דארף צו טרינקען מיט אמאהל אזוי פיהל וויא עס קען אריין
אין דעם מענטשים מויל אין איין זייט. אזוי וויא דער שטייגער איז פון א מענטש
וואס נעמט אין איין זייט מויל אריין משקה אז עס ווערט דיא באק פון דרויסען אויף
גיהויבען דאדארך:

טו עס איז א מצוה אז דיא אלע וואס זענין יוצא מיט דעם קידוש זאלין אויך טרינקען
פון קידוש:

טז שבת אין דער פריא איז אויך גלייך צו מאכין קידוש איבער וויין. אז ער מאכט דעם
קידוש איבער בראנפין אדער אנדערי משקה איז ער אויך יוצא:

יז נאר דער כוס זאל האלטין אזוי פיהל וויא עס דארף צו האלטין דאס קידוש גלעזיל פון
בנאכט היינו האטש אזוי פיהל וויא עס קען אריין אין צווייא שאהלין פון היגערני
אייער. אויך דארפין צו טרינקען מיט אמאהל אזוי פיהל וויא מיר האבין גישריבען
בסעיף י"ד:

יח אז מען האט נישט שבת אין דער פריא קיין וויין אונ קיין שום משקה זאל מען זיך
וואשין אונ מאכין המוציא איבער דיא חלות וועט מען אויך יוצא זיין בשעת הדחק.
אונ פאר דער מוציא זאל מען נישט עסין אדער טרינקען קיין שום זאך:

יט תיכף נאך דעם קידוש סייא פון בנאכט סייא פון בטאג מוז מען באלד אויף דעם
ארט זיך וואשין אונ עסין אזוי גרויס וויא אהאלב איי חלה אדער ברויט.

כ אז מען וואשט זיך ניט צינדערט זאל מען עסין לעקיך אדער אייער קיכעל אזוי גרויס
וויא אהאלב איי תיכף נאך דעם קידוש. מען טאר ניט דער צווישען זיך אפ רוען:

כא אויך טארין ניט קידוש מאכין אין דעם שטיבעל אונ עסין אין דעם שטיבעל:

כב עס איז נישט קיין חילוק סייא דער וואס מאכט קידוש סייא דער וואס איז יוצא מיט
דעם וואס ער הערט קידוש סייא מאנטצבול סייא ווייבער דארפין אלמץ תיכף אין
אייגענעם שטיבעל צו עסין אזוי וויא מיר האבין גישריבען:

כג בשעת הדחק אז מען קען אנדערשט ניט נאר מען זאל נאך דעם קידוש גיין עסין אין
אנדערין שטיבעל זאל מען אין זינען האבין בשעת דעם קידוש אז מען וויל עסין
אין אנדערין שטיבעל. וועט מען אויך יוצא זיין. דאס מעג מען נאר אז דיא ביידע
שטיבלעך זענען אונטער איין דאך:

כד דער וואס מאכט קידוש זאל אין זינען האבין אז אלע זאלין יוצא זיין מיט דעם קידוש.
אונ דער וואס הערט קידוש זאל אין זינען האבין אז ער וויל יוצא זיין מיט דעם קידוש:

כה שבת אין דער פריא פארין דאווינען מעגין טרינקען וואסער אדער טייא אזוי וויא
אנאנדערין טאג. אבער אז מען האט שוין גידאווינט טארין ניט טרינקען אפילו קיין
וואסער ביז מען מאכט קידוש:

כו אז איינער האט אפ גידאווינט שחרית אונ וויל עפיס טועם זיין מעג ער קידוש מאכין
פאר מוסף אונ פאר מאכין תיכף דער נאך אזוי גרויס וויא אהאלב איי לעקיך אדער
אייער קיכעל. דער נאך מעג ער עסין אנדערי זאכין:

כז אז ער פאר בייסט נישט באלד קיין לעקיך אדער אייער קיכעל טאר ער ניט טרינקען
אפילו דעם קידוש:

כח אז מען מאכט קידוש פאר מוסף מעגין נאר עסין אקליינקייט. אבער ניט זיך זעצין
עסין

עֶסְן אַ סְעוּדָה פַאר מוּסַף . אוּנ אוֹיךְ נִיט קֵיין שְׁטִיק לֶעקִיךְ אָדֶער אֵייעֶר קִיכֶעל וָואס
אִיז גְרֶעסִיר פוּן אַ הִינֶערְן אֵיי :

כט אִיטְלִיכֶער יוּד סַייא מַאנְסְפַּאנְ סַייא ווַייבֶּער זֶענֶען מְחוּיָב שַׁבָּת צוּ עֶסְן דְרַייא סְעוּדוֹת .
הַיְינוּ הוּץ דֶער סְעוּדָה פוּן פְרַאייטִיג צוּ נַאכְט זָאל מֶען שַׁבָּת בַּיי טָאג עֶסְן צְווֵייא
סְעוּדוֹת אֵיינֶע אִין דֶער פְרִיא אוּנ אֵיינֶע פַאר נַאכְט :

ל דַארִיבֶּער זָאל מֶען זֶעהֶן אִין דֶער פְרִיא נִיט אַזוֹי פִיהְל צוּ עֶסְן כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען עֶסְן
פַאר נַאכְט :

לא בַּיי יֶעדֶער מָאלְצַייט פוּן שַׁבָּת טוּ מֶען אַמוֹצִיא מַאכִין אִיבֶּער צְווֵיי גַאנְצֶע חַלוֹת .
סַייא מַאנְסְפַּאנְ סַייא ווַייבֶּער :

לב בְּשַׁעַת דֶער מוֹצִיא הַאלְט מֶען בֵּיידֶע חַלוֹת אִין דֶער הַאנְט אוּנ נָאךְ דֶער מוֹצִיא הֵייבְּט
מֶען אָן אֵיינֶע פוּן זֵייא :

לג פְרַייטָאג צוּ נַאכְט מַאכְט מֶען הַמוֹצִיא אִיבֶּער דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער חַלָה אוּנ דִיא חַלָה
זָאל לִיגֶען נֶעהֶנְטֶער צוּ אִיהְם :

לד שַׁבָּת בַּטָאג אוּנ יוֹם טוֹב בַּנַאכְט מַאכְט מֶען הַמוֹצִיא אִיבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חַלָה :

לה אֵיידֶער מֶען מַאכְט דִיא מוֹצִיא זָאל מֶען אָן צֵייכֶענֶען אַרוּם דֶער חַלָה ווִיא אַזוֹי מֶען
זָאל נָאךְ דֶער מוֹצִיא אִיבֶּער שְׁנַיידֶען :

לו עֶס אִיז אַ מִצְוָה שַׁבָּת אָפּ צוּ שְׁנַיידֶען אַגְרוֹיסֶע מוֹצִיא . כְּדֵי כֶּען זָאל זֶעהְן אַז דִיא
סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת אִיז בַּייא אִיהְם מַיְיעֶר :

לז עֶס אִיז אַ מִצְוָה שַׁבָּת צוּ עֶסְן פֵּירוֹת אוּנ גוּטֶע שְׁפַּייזֶען . מֶען זָאל דֶער פִיהְלֶען דִיא
בְּרָכוֹת וָואס זֶענִין שַׁבָּת ווִינְצִיגֶער אִין דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן דֶער ווָאכִין :

לח מֶען טָאר נִישְׁט פַאסְטֶען אוּם שַׁבָּת .

לט אוֹיב עֶר הָאט הֲנָאָה פוּן שְׁלָאפִין בַּטָאג נָאךְ דֶעם עֶסִין זָאל עֶר שְׁלָאפִין . נָאר עֶר
זָאל נִיט זָאגִין אִיךְ ווִיל שְׁלָאפִין כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענִין בַּנַאכְט טוּהְן אַ מְלָאכָה אָדֶער
פָארִין אִין ווֶעג אַרַיין :

מ נָאךְ דֶעם שְׁלָאפִין דַארְפִין צוּ לֶערְנִין אָדֶער תְּהִלִּים זָאגִין . דֶען שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב אִיז
נָאר גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין מֶען זָאל לֶערְנִין אִין זֵייא :

מא ווֶער שְׁמוּסְט דִיא פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשִׁין וָואס לֶערְנִין נִיט אַגַאנְצֶע ווָאךְ מוּזֶען בְּוַודַאי
שַׁבָּת לֶערְנִין אַסַךְ אִין דִיא הֵיילִיגֶע סְפָרִים בִּלְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אָדֶער אוֹיף דַייטְשׁ . אָדֶער
תְּהִלִּים זָאגִין . יֶעדֶער מֶענְטְשׁ ווִיא ווַייט עֶר קֶען :

מב שַׁבָּת בַּייא מִנְחָה זָאגְט מֶען צִדְקָתְךָ צֶדֶק . אַז עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדֶער אַנַאנְדֶערִין
טָאג וָואס מֶען ווָאלְט אִין דֶער ווָאכִין נִיט גִיזָאגְט קֵיין תַּחֲנוּן זָאגְט מֶען נִיט צִדְקָתְךָ :

מג אַז מֶען דַאווִינְט שַׁבָּת בַּיי אֵיין אָבֵל ר״ל חָאטְשִׁי אִין דֶער ווָאכִין זָאגְט מֶען נִישְׁט
קֵיין תַּחֲנוּן בַּייא אֵיין אָבֵל . אָבֶּער צִדְקָתְךָ זָאגְט מֶען יוֹא :

מד אַז מֶען קֶען נִיט זִיךְ ווַאשִׁין נָאךְ מִנְחָה צוּ דֶער דְרִיטֶער סְעוּדָה זָאל מֶען עֶסִין לֶעקִיךְ
אָדֶער אֵייעֶר קִיכֶעל אַבִּיסֶעל גְרֶעסֶער פוּן אֵיין אֵיי :

## (אמור) סִימָן נ . ווִיא אַזוֹי מֶען דַארְף גִיוָוארְנְט צוּא זַיין מֶען זָאל הִיטֶען שַׁבָּת . עֶר הַאלְט זֶעקְס סְעִיפִים :

א דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גִיבָּאטִין אִין זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיר זָאלִין שַׁבָּת רוּהֶען אוּנ
נִישְׁט טוּהְן קֵיין שׁוּם מְלָאכָה . הָאבֶּען אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים אָפּ גִילֶערְנְט פוּן דֶער תּוֹרָה
ווֶעלְכֶע זַאכִין עֶס הֵייסְט אַ מְלָאכָה :

ב נִישְׁט אַזוֹי ווִיא דֶעם מֶענְטְשֶׁנְס שֵׂכֶל אִיז אַז אֵיין זַאךְ וָואס אִיז שְׁווֶער צוּ טוּהְן הֵייסְט

אמלאכה

א מלאכה. דען אז מען טראגט אין שטוב אגרויסען טיש פון איין ארט צום אנדערין איז נישט קיין עבירה. אונ אז מען טראגט ארויס אקליינע שפילקע וואו מען טאר נישט טראגין איז יוא איין עבירה:

ג איבער דעם טארין ניט שטעלין אין דיא זאכין אויף דעם פראסטען שכל. עס איז דא פיהל זאכין וואס מען טאר נישט טוהן שבת וועלכים זייא זענען גרויסע עבירות אונ מען ווייסט גאר ניט פון זייא:

ד איבער דעם וועלין מיר שרייבין פון דער גמרא אונ פון דעם שלחן ערוך וועלכע זאכין מען טאר נישט טוהן אום שבת וואס מען ווייסט ניט פון זייא מען דארף זייא צוא לערנין עטליכע מאהל. אונ גוט צו גידענקין מקיים צו זיין:

ה ווען דאס בית המקדש איז גישטאנין האט מען פאר שטיינט דעם וואס האט מחלל שבת גיוועזין. אונ אז ער האט עס גיטוהן אומגעווערין האט ער גימוזט ברענגין א קרבן חטאת. ציינדערט ווערט איהם אויך ניט גישענקט. דען דער אייבערשטער בצאלט איהם אזוי וויא ער האט זיך פאר דינט:

ו דער וואס איז מחלל שבת איז אזוי גוט גליך ער לייקענט אין דער גאנצער תורה. אבער דער וואס היט שבת אונ טוהט נישט קיין שום זאך וואס מען טאר נישט איז אזויא גוט גליך ער איז מקיים דיא גאנצע תורה. ער וועט האבין דיא וועלט אונ יענע וועלט:

# סימן נא. דינים פון עפינען דעם אויבען. אונ פון צוריק שטעלין שבת דאס עסין אדער טייא אין אויבין אריין אדער אויף דעם קומען ארויף אדער אין אייוועלע אריין. ער האלט אכטצען סעיפים:

א מען טאר נישט עפענין דאס טירעל פון באק אויבען אדער עס פאר מאכין פראטיג צוא נאכט כל זמן עס איז דא אין אויבען פייער אדער ברענעדיקי קוילען:

ב אז עס קען זיין אז דאס עסין וואס שטייט אין אויבען איז נאך נישט אין גאנצען פארטיג טארין נישט פאר מאכין דעם אויבען האטשי עס איז שוין נישט דא אין איהם קיין ברענעדיגי קוילען:

ג אז מען האט פאר קלעבט דאס טירעל פון באק אויבען מיט ליים זאל א יוד נישט עפענין דאס טירעל אום שבת. נאר ער זאל הייסען אגוי עפינען. אז עס איז ניט דא קיין גוי זאל מען הייסען א קינד עפינען:

ד אז עס איז קיין קינד אויך ניט דא מעגין אליין עפינען נאר מען זאל אביסעל אנדערש עפענען וויא מען וואלט גיעפענט אין דער וואכין:

ה אזא גיקעכץ אדער קאווע אדער טייא וואס איז נאך נישט אין גאנצען פארטיג טארין נישט צוריק שטעלין אין אויבען אריין אדער אויף דעם קוימען אדער אין אייוועלע אריין אונ נישט אויף קיין שום ארט וואו עס קען זיך דער ווארימען:

ו א גיקעכץ אדער טייא אדער קאווע וואס איז שוין קאלט טארין אויך נישט אריין שטעלין אויף דיא ערטער וואס מיר האבען גישריבען:

ז א גיקעכטץ אדער קאווע אדער טייא וואס איז שוין אין גאנטצען פארטיג אונ עס איז נאך אביסעל ווארים (וועלכים מען קען עס עסין אדער טרינקען דורך דעם ווארימקייט) מעגין צוריק שטעלין באופן וויא מיר וועלין שרייבען:

ח היינו אין אויבען אריין מעגין צוריק שטעלין שבת אין דער פריא אדער בטאג וואס דיא קוילען זענין שוין אויס גיגאנגען אונ אויך נאר אז עס איז נישט הייס אין אויבען:

ט אויף דעם קוימען ארויף מעג מען נאר צוריק שטעלין אז דער קוימען איז אפ גישאט

פון

פון דיא קוילען אדער זייא וועגן שוין אויס גיגאנגען :

י אז מען שטעלט צוריק אויף דער ענגלישע קעך אדער מען שטעלט אריין אין דעם אייוועלע וואס איז איבער דער גרובע דארפין עפים אונטער צו שטעלין אונטער דעם טעפיל אדער אונטער דעם טעליר:

יא אז מען שטעלט צוריק פלייש אדער אנאנדער גיקעכטץ אויף דיא ערטער וואס מען מעג צוריק שטעלין זאל עס נישט זיין טרוקען אויב עס איז מיגליך נאר מיט ווארימע יוך. דען טייל פוסקים שרייבען אז מען טאר נישט צוריק שטעלין קיין טרוקען גיקעכץ ווא עס קען היים ווערין :

יב אויך דארפין וויסען אז דאס וואס מיר שרייבען אלטץ דאסווארט צוריק שטעלין מיינט מען אז מען האט דאס גיקעכטץ שבת אראפ גינומען דענמאלט מעגין צוריק שטעלין אויף דיא אופנים וואס מיר האבין גישריבען :

יג אלדינג וואס א יוד טאר נית טוען טאר ער נית היסען א גוי טוהן נאר ווינטער אז עס איז שבת גוט קאלט וועלכים מען מעג היסען א גוי א יין הייטצען איבער דער קעלט מעגין זאגין דעם גוי אז איידער ער צינט אונטער אין גרובע זאל ער אריין שטעלין אין אייוועלע אריין אדער אויף דער ענגלישע קעך טייא אדער א גיקעכטץ אפילו עס איז קאלט אינ דער נאך אז ער וועט אונטער הייצען דיא גרובע וועט דאס אליין דער ווארימט ווערין :

יד אבער אז ער האט שוין אונטער גיצונדען אין גרובע טאר מען נישט לאזין איהם ארויף שטעלין :

טו ווער שמוסט אז ער הייצט נאר כדי ער זאל קענין דער ווארימען דאס גיקעכץ אדער דיא טייא טארין נישט לאזין איהם ארויף שטעלין אפילו איידער ער צינט אונטער :

טז דער יוד טאר אליין נישט ארויף שטעלין א קאלט גיקעכטץ אדער קאלטי טייא אפילו איידער מען צינט אונטער :

יז מען טאר נית לייגען קיין פירות אדער ארויף שטעלין וואסער אויף אזא ארט ווא זייא קענין זיך דער ווארימען אפילו מען וויל נאר זייא זאלין אויף גיין פון דער קעלט :

יח מען טאר נישט צו גיסען וואסער צו א גיקעכטץ אדער צו טייא אונ אריין שטעלין אין אייוועלע אריין אדער ווא עס קען זיך דער ווארימען . (זעה איין בסימן נ״ב סעיף ל״ו ל״ח נאך דינים פון דעם) :

## (בהר) סימן נב. דינים פון דיא זאכין וואס מען דארף גיווארינט צו זיין שבת אין דעם עסין אונ טרינקען. ער האלט זיבען אונ פופציג סעיפים :

א אז מען עסט שבת אין דער יוך פערפיל מיט בוגען אונ איינער וויל נישט עסין דיא בוגען טאר ער נית ארויס נעמין דיא בוגען אוועק צו לייגען נאר ער דארף ארויס צוא נעמין דיא פערפיל אונ עסין זייא. דיא בוגען זאלין ממילא בלייבין ליגען :

ב דעסט גלייבען אז ער וויל עסין דיא בוגען אונ נישט דיא פערפיל דארף ער ארויס צו נעמין דיא בוגען אונ עסין זייא. אבער נישט דיא פערפיל אוועק לייגען :

ג דען דאס איז אכלל אז מען דארף שבת ארויס צוא נעמין דאס מין וואס מען וויל עסין פון דעם אנדערין אבער נישט פאר קערט דער וואס איז נישט גיווארינט אין דעם האט אגרויסע עבירה :

ד דעסט גלייבען אז איינער האט צוויי מינים פיש אונ וויל ארויס נעמין איין מין דארף ער דוקא ארויס צו נעמין דאס מין וואס ער וויל צינט עסין אבער נית פאר קערט. אזוי איז שבת דער דין ביא אלע זאכין :

ה אַז מֶען עֶסְט שַׁבָּת חַלָה אָדֶער מַצָה מִיט הַייסֶע יוֹךְ זָאל מֶען אַרַיין גִיסֶען דִיא יוֹךְ אִין אַשִׁיסֶעלֶע אַרַיין אוּנ פוּן דֶער שִׁיסֶעל אִין אַיין אַנְדֶער שִׁיסֶעלֶע אַרַיין דֶענְמָאלְט וֶועט מֶען הֶערְשְׁט מֶעגִין אַיין בְּרָאקִין דִיא חַלָה אָדֶער דִיא מַצָה אִין דֶער יָאךְ . אָבֶּער אַז מֶען טוּהְט נִיט אַזוֹי וִויא מִיר שְׁרַייבִּין זָאלֶען זַייא נִיט אַרַיין לֵייגֶען אִין דֶער יָאךְ אַרַיין אוֹיבּ דִיא יָאךְ אִיז הַייס :

ו וֶוער שְׁמוּעֶסְט אוֹיף צוּא גִיסֶען וַוארִימֶע יָאךְ אוֹיף חַלָה אָדֶער מַצָה מַארְמֶען בְּוַודַאי נִיט אוּם שַׁבָּת :

ז אַז מֶען הָאט אַרָאפּ גִינוּמֶען פוּן קוֹימֶען אַטֶעפֶּעל מִיט הַייס גֶעקֶעכְץ וָואס אִיז נָאךְ נִישְׁט אִין גַאנְצִין פַּארְטִיג טָארִין נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען אַבִּיסֶעל מִיט אַלֶעפִיל .

ח אַז עֶס שְׁטֵייט נָאךְ בַּייא דֶעם פַייעֶר טָאר מֶען נִיט אַרוֹס נֶעמֶען מִיט אַלֶעפִיל חָאטְשֶׁי עֶס אִיז שׁוֹין פַּארְטִיג :

ט מֶען טָאר נִיט אַרַיין לֵייגֶען אוּם שַׁבָּת אַיין טֶעפִּיל מִיט וַוארִים עֶסִין אִין בֶּעט גִיוַואנְדְט אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע מַלְבּוּשִׁים אַרַיין .

י אַז עֶס אִיז פוּן פְרַאטִיג אָן גִילֶעגִין אַרוֹם גִידֶעקְט אוּנ מֶען הָאט עֶס שַׁבָּת אַרוֹיס גִינוּמֶען מֶעגִין עֶס צוּרִיק לֵייגִין אוּנְטֶער דִיא קִישֶׁענְס :

יא אַז מֶען הָאט אִיבֶּער גִיגָאסִין דָאס עֶסִין פוּן דֶעם טֶעפִּיל וָואס אִיז דְרִינֶען גִיקָאכְט גִיוָוארִין אִין אַיין אַנְדֶערֶע כֵּלִי אַרַיין מֶעג מֶען עֶס שׁוֹין אַרַיין לֵייגִין שַׁבָּת אִין דִיא קִישֶׁענְס אָדֶער אִין מַלְבּוּשִׁים :

יב אַז מֶען גִיפִינְט שַׁבָּת אַ פְלִיג אָדֶער אַנאַנְדֶערֶע פַּאסְגוּדְנֶע זַאךְ אִין עֶסִין אָדֶער אִין מַשְׁקָה טָאר מֶען נִיט אַרוֹיס נֶעמִין דִיא זַאךְ אַלֵיין . אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט בְּלָאזִין דַארוֹיף עֶס זָאל אַרוֹיס. נוּר מֶען דַארְף אָן צוּ נֶעמִין אַבִּיסֶעל עֶסִין בְּנַאנְט מִיט דֶער זַאךְ אוּנ אַוֶועק וַוארְפִין. בַּייא מַשְׁקָה דַארְף מֶען אָפּ צוּ גִיסֶען אַבִּיסֶעל מַשְׁקָה בְּנַאנְט מִיט דֶער פַּאסְגוּדְנֶע זַאךְ :

יג מֶען דַארְף גִיוָוארִינְט צוּ זַיין אִין דֶעם פוּס אִין זָאהְרִין וָואס מֶען עֶסְט שַׁבָּת וֶועלְכִים דֶער מִנְהָג אִיז אַרַיין צוּ טוּעֶן קְנָאבֶּעל זָאל מֶען דִיא אֵייבֶּערְשְׁטֶע שָׁאהְל פוּן הֵייבְּטִיל קְנָאבֶּעל אָפּ שֵׁיילֶען פְרַאטִיג . דֶען שַׁבָּת טָאר מֶען נִיט זִיא אָפּ שֵׁיילִין אוֹיף קֵיין שׁוּם פַאל :

יד אוּנ דִיא קְלֵיינֶע שָׁאהְל וָואס אִיז אוֹיף יֶעדֶערִין צֵיינְדִיל טָאר מֶען נִיט אָפּ שֵׁיילִין שַׁבָּת נוּר וֶוען מֶען וִויל עֶס בַּאלְד עֶסִין :

טו דֶען מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת אָפּ שֵׁיילֶען קֵיין שׁוּם פֵּרִי נוּר וֶוען מֶען וִויל זִיא שׁוֹין עֶסִין :

טז אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט צוּ רַייבִּין דֶעם קְנָאבֶּעל נוּר מִיט דֶער שְׁטִיל פוּן מֶעסִיר עֶס זָאל זַיין שְׁטַארְק אַנְדֶערְשׁ וִויא מֶען צוּ רַייבְּט אִין דֶער וָואכִין :

יז אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט אָן רַייבֶּען דֶעם קְנָאבֶּעל אוֹיף דֶעם פְלֵייש וֶוען עֶס אִיז נָאךְ הַייס :

יח אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט גִיסֶען אוֹיף אִיהְם קֵיין וַוארִימֶע יוֹךְ :

יט וֶוער שְׁמוּעֶסְט אַז מֶען טָאר נִיט אִיהְם אַרַיין טוּעֶן אִין טֶעפִּיל וֶוען דָאס עֶסִין אִיז נָאךְ וַוארִים :

כ מֶען דַארְף שְׁטַארְק גִיוָוארִינְט צוּ זַיין אִין דִיא זַאכִין וָואס מִיר שְׁרַייבִּין דֶען וֶועלְכֶעם מֶען טוּהְט אִיז אַזוֹי גוּט גְלַייךְ מֶען צִינְט אָן שַׁבָּת אַ לֶעכְט ח"ו :

כא מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת אָן הֵייבִּין צוּ שֵׁיילֶען צוּ שְׁנַיידִין דִיא צִיבֶּעלִים אָדֶער דֶעם רֶעטִיךְ נוּר וֶוען מֶען קוּמְט פוּן שׁוּהְל וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין עֶסִין :

כב אוֹיךְ דַארְף מֶען גִיוָוארִינְט צוּ זַיין נִיט צוּ מַאכִין דִיא צִיבֶּעלִים זַייא זָאלִין זַיין בְּנַאנְט וִויא אַיין שְׁטִיק אוּנ וֶוער שְׁמוּעֶסְט מֶען זָאל נִיט פַאר גְלֶעטִין . נוּר מֶען זָאל זֵייא לָאזִין נָאךְ דֶעם צוּ שְׁנַיידִין אַזוֹי וִויא זֵייא זֶענִין :

כג דֶעסְט גְלַייכִין אַז מֶען מַאכְט צִיבֶּעלִים מִיט מִילֶעךְ פוּן הֶערִינְג דַארְף מֶען אוֹיךְ גִיוָוארִינְט צוּ זַיין אִין דֶעם אַלִימֶען :

כד אַזאַ זאַךְ וָואס דָאס זַאלְטְץ פוֹלְט שְׁטַאִרְק דָער צוּ דְהַיְינוּ צִיבֶּעלִים אָדֶער רֶעטִיךְ אָדֶער גִיקָאכְטֶע אַרְבִּיס אָדֶער רוֹיֶע אוּגֶערְקִים טָאר מֶען נִיט זַייא זַאלְטְצִין אוֹם שַׁבָּת. נוּר מֶען זָאל אַיין טוּנְקֶען יֶעדֶערְס שְׁטִיקֶעל אִין זַאלְטְץ אוּנ עֶס תֵּיכֶף אוֹיף עֶסִין:

כה אָבֶּער אֵייֶער אָדֶער גִיקָאכְט פְלֵייש וָואס דָאס זַאלְטְץ פוֹעֶלְט נִיט מֵיין צוּ זַייא נוּר עֶס גִיט אַרַיין אַ טַעַם מֶעג מֶען זַאלְטְצִין בַּאלְד צוּ עֶסִין אָבֶּער נִיט זַייא אִיבֶּער צוּ לָאזִין אוֹיף דֶער נָאךְ:

כו אַז מֶען טוּהְט אַרַיין בּוֹימֶעל אָדֶער עֶסִיג אִין דִיא צִיבֶּעלִים אָדֶער אִין רֶעטִיךְ אָדֶער מֶען מַאכְט רוֹיֶע אוּגֶערְקִים מִיט עֶסִיג מֶעג מֶען זַייא זַאלְטְצֶען בַּאלְד צוּ עֶסִין אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבִּין בַּייא גִיקָאכְט פְלֵייש. נוּר מֶען זָאל גִיוָוארִינְט זַיין אַז תֵּיכֶף נָאךְ זַייעֶר זַאלְטְצִין זָאל מֶען אִין זַייא אַרַיין גִיסֶען דֶעם בּוֹימֶעל אָדֶער עֶסִיק:

כז אָבֶּער וָואס טֵייל פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשִׁין וֶוענִין זִיךְ נוֹהֵג אַז זַייא זַאלְצִין שַׁלַאטִין אָדֶער רוֹיֶע אוּגֶערְקִים אוּנ לָאזִין זַייא לִיגֶען אוּנ זַייֶען דֶער נָאךְ אוֹיס דָאס וַואסֶער פוּן זַייא. דָאס טָאר מֶען בְּוַודַאי נִיט הָאטְשִׁי מֶען טוּהְט דֶער נָאךְ אַרַיין בּוֹימֶעל אָדֶער עֶסִיק:

כח אַז מֶען הָאט פְּרַאסְטִיג נִיט אַרַיין גִיגָאסִין קֵיין עֶסִיק אִין חְרֵיין אַרַיין אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע זַאכִין וָואס מֶען צוּ שְׁנַייט דִינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ טָאר מֶען נִיט שַׁבָּת אַרַיין טוּעֶן קֵיין עֶסִיק נוּר בְּאוֹפֶן וִויא מִיר שְׁרַייבִּין:

כט הַיְינוּ (א) מֶען זָאל אַרַיין טוּעֶן אַסַךְ עֶסִיק אוּנ נִיט וֵוייניג. (ב) אוֹיךְ זָאל מֶען טוּעֶן אַנְדֶערְשׁ פוּן אִין דֶער וָואכִין דְהַיְינוּ שַׁבָּת זָאל מֶען אַרַיין טוּעֶן פְרִיעֶר דֶעם עֶסִיק אִין אַ כְּלִי אַרַיין דֶער נָאךְ זָאל מֶען אַרַיין לֵייגִין דֶעם חְרֵיין אִין דֶעם עֶסִיק אוֹיב עֶס אִיז אִין דֶער וָואכִין נִיט אַזוֹי דֶער שְׁטֵייגֶער צוּ טוּעֶן:

ל (ג) אוֹיךְ זָאל מֶען נִיט אוֹיס מִישֶׁען דֶעם עֶסִיק מִיט אַ לֶעפִיל נוּר מִיט דֶעם פִינְגֶער. אָדֶער מֶען זָאל שָׁאקְלִין מִיט דֶער כְּלִי בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיס מִישֶׁען:

לא מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת שְׁנַיידִין מִיט אַ מֶעסִיר פֶּעפֶער אָדֶער זַאלְטְץ. אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט שְׁטוֹיסֶען זַייא אִין אַ מֶערְדְזָאר אוּנ נִיט מִיט קֵיין שְׁטֵייסֶעל. נוּר מֶען מֶעג זַייא צוּ רַייבִּין מִיט דֶער שְׁטִיל פוּן מֶעסִיר אוֹיף דֶעם טִישׁ עֶס זָאל זַיין שְׁטַארְק אַנְדֶערְשׁ פוּן אִין דֶער וָואכִין:

לב מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת אַרַיין לֵייגִין פֶּעפִיר אִין אַוַוארִים עֶסִין וֶוען דָאס עֶסִין לִיגְט נָאךְ אִין דֶעם טֶעפִּיל וָואס עֶס אִיז דְרִינֶען גִיקָאכְט גִיוָוארִין:

לג אַז דָאס עֶסִין לִיגְט שׁוֹין אִין שִׁיסֶעלֶע מֶעג מֶען אַרַיין טוּעֶן פֶּעפִיר. נוּר מֶען זָאל גִיוָוארִינְט זַיין נִיט אוֹיף צוּ גִיסֶען אוֹיף אִיהְם קֵיין וַוארִימְס פוּן טֶעפִּיל. דִיא אֵייגִינֶע דִינִים גֵייעֶן אוֹיךְ אָן בַּייא אַנְדֶערֶע בְּשָׂמִים:

לד דֶעסְט גְלַייכֶען בְּלֶעטְלִיךְ פוּן טֵייא טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט אַרַיין לֵייגִין אִין וַוארִים וַואסֶער. אוּנ נִיט אוֹיף גִיסֶען אוֹיף זַייא קֵיין וַוארִים וַואסֶער:

לה מֶען זָאל נִיט אוֹיף גִיסֶען קֵיין וַוארִימֶע טֵייא אָדֶער קַאוֶוע אוֹיף צוּקֶער וָואס לִיגְט אִין גְלָאז. נוּר מֶען זָאל פְרִיעֶר אַרַיין גִיסֶען דִיא טֵייא אָדֶער קַאוֶוע אִין גְלָאז אַרַיין אוּנ דֶער נָאךְ אַרַיין טוּעֶן דֶעם צוּקֶער:

לו אַז מֶען הָאט וַוארִים וַואסֶער אִין דֶער כְּלִי וָואס עֶס אִיז דְרִינֶען דֶער וַוארִימְט גִיוָוארִין טָאר מֶען נִיט צוּ גִיסֶען דֶער צוּ אַבִּיסֶעל קַאלְטֶע וַואסֶער:

לז אָבֶּער אַז דָאס וַוארִימֶע וַואסֶער אִיז שׁוֹין אִין אֵיין אַנְדֶערֶע כְּלִי מֶעג מֶען צוּ גִיסֶען קַאלְט וַואסֶער. נוּר נִיט אַרַיין שְׁטֶעלִין אִין אֵייוֶועלֶע אַרַיין אָדֶער וִויא עֶס קֶען זִיךְ דֶער וַוארִימֶען:

לח דִיא אֵייגִינֶע דִינִים זֶענֶען בַּייא וַוארִימֶע טֵייא אָדֶער קַאוֶוע אָדֶער יוֹךְ:

לט מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת אָפּ רַייסִין פֵּירוֹת פוּן דֶער עֶרְד אָדֶער פוּן בּוֹים:

מ אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט שָׁאקְלֶען דֶעם בּוֹים דִיא פֵּירוֹת זָאלִין אַרָאפּ פַאלִין. אוֹיךְ טָאר מֶען

נִיט

ניט אפּ בייכין דיא פּירות מיט דעם מויל :

**מא** פּירות וואס זענען שבת אראפּ גיפאלען פון בוים אדער אפּ גריסען טאר מען ניט עסין זייא דעם איינגיינעם שבת אונ ניט נעמין אין דער האנט אריין :

**מב** איבער דעם זאל מען ניט נעמין שבת פון דיא פּירות וואס מען גיפינט אונטערין בוים מאמער זענען זייא היינט אראפּ גיפאלין פון בוים :

**מג** דעסט גלייכין פּירות פון אגוי וואס עס איז צו קלערין מאמער האט ער זייא היינט אפּ גריסין טאר מען ניט עסין זייא אונ ניט נעמין אין דער האנט אריין אום שבת :

**מד** פּירות וואס איז דא צווישין זייא ווערכיקע אדער פאר שימעלטע אדער בלעטליך טאר מען ניט ארויס נעמין זייא אונ אוועק ווארפין . נור מען זאל ארויס נעמין דיא גוטע פּירות אונ עסין :

**מה** אפילו דיא גוטע ארויס נעמין מעג מען נור אז מען וויל זייא באלד עסין . אבער ניט אוועק צו לייגין אויף אביסעל שפּעטיר :

**מו** אויך טאר מען ניט זייפען שבת דורך קיין שום כלי :

**מז** דעסט גלייכין פּירות וואס זענין אראפּ גיפאלין אויף דער ערד אונ זענין אוים גימישט גיווארין מיט ערד אדער מיט שטיינדליך טאר מען ניט ארויס נעמין קיין שטיינדיל אדער ערד פון זייא נור מען זאל אויף קלויבין דיא פּירות מיט דער האנט באלד צו עסין :

**מח** אויך טאר מען ניט אריין קלויבין זייא אין אקויבער אריין . נור מען זאל אויף קלויבין איינציג ווייס אונ עסין :

**מט** אז מען עסט שבת ניס דארף מען גיווארינט צו זיין אז נאך דעם אראפּ נעמין דיא שאהל פון זייא זאל מען דיא שאהל שוין ניט נעמין אין דער האנט אריין :

**נ** סייא דיא שאהלין ליגען בזונדער סייא עס ליגט שטיקליך שאהלין צווישען דיא ניס טארין ניט ארויס נעמין דיא שאהלין . נור מען זאל ארויס נעמין דיא ניס אונ דיא שאלין זאלין בלייבין ליגען :

**נא** מען טאר ניט שבת אפּ שיילען קיין שום פּרי נור דענסמאלט ווען מען וויל זיא שוין עסין :

**נב** ארבים שויטען וועלכים מען קען ניט עסין דיא שויטען טאר מען ניט שבת ארויס נעמין דיא ארבים פון זייא :

**נג** מען זאל ניט שבת אראפּ נעמין דיא גרינע שאהל וואס איז אויף דער ניס נור מען זאל אזוי צו קנאקין דיא ניס מיט ביידע שאהלין בנאנט :

**נד** אויך איז ניט גלייך ארויס צו נעמין דעם מאהן פון דער שאהל וואס ער איז גיוואקסין דרינען :

**נה** מען טאר ניט שבת אוים קוועטשין קיין וויינטרויבין אדער ראזינקים אדער איילבירטען . אפילו מען וויל ניט טרינקען דיא משקה וואס גייט ארויס פון זייא :

**נו** אנדערע פּירות טארין אויך ניט אוים קוועטשין אז מען דארף דיא משקה פון זייא :

**נז** טייל פוסקים שרייבין אז מען טאר ניט אפילו אריין קוועטשין דיא לימענים אין וואסער אריין צו מאכין לימענאדע :

## (בחקתי) סימן נג . דינים פון דיא זאכין וואס מען דארף גיווארינט צו זיין שבת אין דיא מלבושים אדער אין בעט . ער האלט צוויא אונ דרייסיג סעיפים :

**א** מען טאר ניט וואשין קיין קלייד אדער בעט אום שבת . אונ אז עס פאר נעצט זיך אין וואסער אדער אין שתנה טאר מען עס ניט אוים קוועטשין :

**ב** א קלייד אדער בעט וואס איז דארויף דא אפלעק אדער צואה טאר מען ניט אויף דעם ארט ארויף גיסען קיין וואסער אדער אנדערע משקה אפילו מען קוועטשט ניט אוים .

מען

מען דארף אין דיא זאכין שטארק גיווארינט צו זיין. דאס איז גרויסע עבירות:

ג נור מען זאל אפ ווישען דא ווא עס איז איין גירעכט מיט א שמאטע. מען זאל גיווארינט זיין צו ווישען גרינג. אונ ניט שווער. מען זאל ניט אויס קוועטשין דאס פאסגיסטעווע וואס איז איין גיזאפט:

ד אפילו אויף אזא קלייד אדער גרעט וואס איז ניט דא קיין פלעק זאל מען אויך ניט גיסען קיין וואסער. אבער אפ ווישען זיך נאך דעם וואשען מעג מען דעם ארט ווא עס איז ניט דא קיין פלעק:

ה וואסער אדער משקה וואס איז דא דרינען ווערים אדער בלאטע טאר מען ניט זייען עס אום שבת:

ו אז מען איז שטארק דארשטיג מעגין עס טרינקען דורך א פארשיילע אדער דורך אנדער גרעט. נור מען זאל אכטונג געבין עס זאל אויף דעם ארט ניט זיין קיין פלעק:

ז דורך דעם ארבייל פון העמד וואס מען גייט דרינען זאל מען ניט טרינקען. דען אז עס וועט איהם זיין נאס דער נאך קען זיין אז ער וועט אויס קוועטשין:

ח מען טאר ניט צו דעקין קיין וואסער אדער בראנפין נור מיט דעם שטיקעל לאווינט וואס מען דעקט שטענדיג דער מיט צו. אבער ניט מיט א קלייד אדער גרעט:

ט אז עס איז פאר גאסין גיווארין וואסער אדער אנדערע משקין אויף דעם טישטיך אדער אויף גרעט טאר מען ניט אפ שעפין מיט א לעפיל דאטשי מען וויל עס אוועק גיסען:

י אויך טארין ניט אפ קראטצין מיט א מעסיר דאס וואסער אדער דיא משקין. אויך טאר מען ניט דיא זאך אויס קלאפין:

יא אז עס איז פאר גאסין גיווארין וואסער אויף דעם טיש אדער אויף א באנק טאר מען ניט אפ ווישען זייא מיט אקלייד אדער גרעט וואס מען איז מקפיד עס זאל ניט זיין פאר נעצט. נור מען זאל זייא אפ ווישען מיט אזא שמאטע וואס מען איז ניט מקפיד אז זיא איז פאר נעצט:

יב אויך זאל ניט זיין קיין פלעק אויף דעם ארט פון דער שמאטע וואס מען ווישט אפ דער מיט. אז עס איז שווארץ פון ניטצען הייסט ניט קיין פלעק:

יג א בעכעריל אדער א גלעזיל וואס עס איז דרינען גיוועזן וואסער אדער משקה טאר מען ניט עס אויס ווישען אפילו מיט א שמאטע:

יד א מלבוש אדער גרעט וואס איז פאר נעצט פון וואסער אדער פון שווייס טאר מען עס ניט שבת פאר שפרייטין עס זאל זיך אויס טריקענען. אויך טאר מען עס ניט אויס קוועטשין אונ ניט אויס קלאפין פון וואסער:

טו אז עס איז אזא זאך וואס מען איז מקפיד עס זאל ניט זיין פאר נעצט טאר מען עס ניט נעמין שבת אין דער האנט אריין אויב עס איז פאר נעצט גיווארין מיט אסך וואסער. נור אז מען גייט דרינען אן גיטוען דארף מען עס ניט אויס צו טוען:

טז אפילו ווען מען גייט אן גיטוען אין א פאר נעצט מלבוש טאר מען ניט שטיין לעבין פייער אויף דעם ארט וואו עס קען זיך דער ווארימען:

יז מען טאר ניט פאר שטאפען מיט א נאס טיכעל אדער מיט נאס פאפיר א פלעשיל וואס איז דרינען דא משקין. ווארען דורך דעם פאר שטאפען וועט זיך אויס קוועטשין דיא משקה וואס איז דרינען איין גיזאפט אין פלעשיל אריין:

יח עס איז ניט גלייך שבת אפ צו קלאפין א שווארץ מלבוש פון שטויב. אויך איז ניט גלייך אראפ צו נעמין דיא פעדערין פון א מלבוש אפילו מיט דער האנט:

יט אבער אז א גיקעכטץ קלעפט זיך אן אויף דעם מלבוש מעג מען עס אראפ נעמין:

כ פאר טריקענטי בלאטע וואס איז אויף א קלייד אדער אויף שיך טארין ניט אפ רייבין. אבער נאסי בלאטי מעגין אפ וואשין:

כא אַז מֶען רֶעכְט זִיךְ אַיין דֶעם שׁוּךְ מֶעגְן אִיהם שַׁבָּת אָפּ ווִישֶׁען מִיט אַ שְׁמַאטֶע אָדֶער אָן אַ בֶּעלִיק. אָבֶּער אָן אַ וַואנְט אָדֶער אָן דֶער עֶרְד אִיז נִיט גְלַייךְ אָפּ צוּ ווִישֶׁען:

כב מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת אָפּ קְרַאטְצֶען דֶעם שׁוּךְ אָדֶער אַנְדֶערִי פֶּעהְל מִיט דֶעם נָאגִיל אָדֶער מִיט אַ מֶעסֶר. אֲפִילוּ מִיט דֶער אַנְדֶערִי זַייט פוּן מֶעסֶר טָארִין אוֹיךְ נִיט

כג אִיבֶּער דֶעם טָארִין נִישְׁט שַׁבָּת אָפּ ווִישֶׁען דֶעם שׁוּךְ אָן דֶעם אַייזֶען וָואס אִיז פַאר דֶעם הוֹיז אוֹיבּ עֶס אִיז אַזוֹי שַׁארְף הָאטְשׁ וִויא דִיא אַנְדֶערִי זַייט פוּן מֶעסִיר:

כד מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת פַארְבִּין קַיין שׁוּם זַאךְ. אַז מֶען עֶסְט שַׁבָּת יַאגְדִים אָדֶער קֶערְשִׁין זָאל מֶען נִישְׁט בַּאלְד דֶער נָאךְ אָן רִירֶען אִין אַ מַלְבּוּשׁ אָדֶער גְרֶעט וָוארִין עֶס וֶוערְט גִיפַארְבְּט אוּם שַׁבָּת:

כה מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת פְלֶעכְטִין אָדֶער דְרֵייעֶן פֶעדִים אָדֶער הָאר:

כו מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת מַאכִין אַ קְנוּפּ אִין בֶּענְדְלִיךְ אָדֶער אִין אַנְדֶערִי זַאכִין נָאר אַ שְׁלֵייף מֶעגִין מַאכִין אִין אַזַא זַאךְ וָואס אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער דֶעם אֵייגֶנֶעם טָאג בַּנַאכְט אוֹיף צוּ שְׁלֵייפֶען. אָבֶּער נִיט אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג:

כז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיף קְנִיפֶּען אַ קְנוּפּ אוּם שַׁבָּת. נָאר אַז מֶען אִיז זִיךְ שְׁטַארְק מְצַעֵר וָואס עֶס אִיז פַאר קְנִיפְּט מֶעג מֶען אוֹיף קְנִיפֶּען אַזַא קְנוּפּ וָואס אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער דֶעם אֵייגֶעֶנֶעם טָאג אִיהם אוֹיף צוּ קְנִיפֶּען:

כח אַזַא שְׁלֵייף וָואס אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער מֶען זָאל אִיהם דֶעם טָאג אוֹיף שְׁלֵייפֶען מֶעגִין שַׁבָּת אִיהם אוֹיף שְׁלֵייפֶען. אָבֶּער אַזַא שְׁלֵייף וָואס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֵייגֶער מֶען זָאל אִיהם דֶעם אֵייגֶנֶעם טָאג אוֹיף שְׁלֵייפֶען טָארִין נִישְׁט שַׁבָּת אוֹיף שְׁלֵייפֶען. אַז מֶען דַארְף גֵייטִיג מֶעגִין הֵייסֶען אַגוֹי אוֹיף שְׁלֵייפֶען:

כט דִיא פֶעדִים וָואס דִיא שְׁנֵיידֶערְס סְטְרִיגִיוֶועְן אָן דִיא מַלְבּוּשִׁים מִיט דֶער פָּאטְשֶׁעוֶוקֶע אֵיידֶער זֵייא מַאכִין פַארְטִיג דָאס מַלְבּוּשׁ. טָארִין נִישְׁט דִיא פֶעדִים אַרוֹיס צִיעֶן אוּם שַׁבָּת:

ל מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת אַרַיין צִיעֶן בֶּענְדְלִיךְ אִין שִׁיךְ אָדֶער אִין הוֹיזֶען דִיא שִׁיךְ וָואס דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז זֵייעֶרִי בֶּענְדְלִיךְ אַלֶע טָאג אַרַיין צוּ צִיעֶן אוּנ אַרוֹיס צוּ צִיעֶן מֶעגִין שַׁבָּת אַרַיין צִיעֶן דִיא בֶּענְדְלִיךְ וָואס מֶען הָאט גֶעכְּטִין אַרוֹיס גִיצוֹיגֶען:

לא אַ מַלְבּוּשׁ וָואס דִיא נָאט הָאט זִיךְ צוּ שַׁייד טָארִין נִיט שַׁבָּת אָן גֶעמִין בַּייא דֶעם עֶק פוּן פָאדִים אוּנ צוּ צִיעֶן דִיא נָאט:

לב מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת צוּ לֵייגֶען דֶעם טַלִּית אָדֶער קְלֵיידֶער אָדֶער גְרֶעט. אוּנ אַז מֶען לֵייגְט נִיט צוּ אִין דִיא אֵייגֶענֶע קְנֵייטְשֶׁען פוּן דֶער וָואכִין נָאר אַנְדֶערְשׁ מֶעגִין בַּייא דִיא קְלֵיידֶער אָדֶער גְרֶעט וָואס מֶען וִויל הַיינְט נָאךְ גֵיין אִין זֵייא:

## (במדבר) סִימָן נד. דִינִים פוּן פִיהְל זַאכִין וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּהְן אוּם שַׁבָּת. עֶר הַאלְט צְווֵייא אוּנ דְרַייסִיג סְעִיפִים:

א מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת אַרָאפּ נֶעמִין אַ טִיהְר אָדֶער אַ פֶענְצְטֶער. אוֹיךְ טָארִין נִישְׁט זֵייא צוּרִיק אַרוֹיף זֶעצִין:

ב אַלֶעכְט וָואס שְׁטֵייט נָאהְנְט פוּן דֶער טִיהְר וֶועלְכִים מֶען זָאל עֶפִינֶען דִיא טִיהְר וֶוען דֶער ווִינְט בְּלָאזְט אִין דְרוֹיסֶען וָואלְט דָאס לֶעכְט פַאר לָאשֶׁען גִיוָוארִין טָארִין נִישְׁט עֶפִינֶען דִיא טִיהְר. אֲפִילוּ וֶוען דֶער ווִינְט בְּלָאזְט נִישְׁט. דֶער אֵייגֶענֶער דִין אִיז בַּייא אַפֶענְצְטֶער וָואס אִיז נָאהְנְט פוּן דֶעם לֶעכְט:

ג מֶען טָאר נִישְׁט גִיטְצֶען שַׁבָּת בַּייא אַ לֶעכְט פוּן בוֹמֶעל אָדֶער אֵייל אַזַא זַאךְ וָואס מֶען דַארְף דְרִינֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבִּין. הַיְינוּ צוּ לֶערְנִין דֶער בַּיי אֲפִילוּ עֶר זָאגְט נִישְׁט מִיט דֶעם מוֹיל נָאר קוּקְט גְלַאט אַרַיין אִין סֵפֶר אָדֶער צוּ זֶעהְן אִין דִיא מַלְבּוּשִׁים אוֹיבּ עֶס אִיז

דא

דָא בֵּינִים. טָארִין אַלְטְץ נִיט:

ד בַּייא אַוֶעקְקֶען לֶעבְּט אָדֶער פוּן חֵלֶב אַזוֹי וִויא מִיר זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג צוּא צִינְדֶען מֶעגְן לֶערְנֶען בַּייא זֵייא. נָאר מֶען זָאל זִיךְ גוּט הִיטֶען מֶען זָאל נִישְׁט פַאר גֶעסְן פוּן שַׁבָּת אוּנ אָפּ שְׁנַייצֶען דָאס לֶעבְּט ח״ו:

ה מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת הָאבְּן נְקִיוּת אִין אַ גִיאַקֶערְט פֶעלְד:

ו מֶען זָאל נִיט שַׁבָּת מַשְׁתִּין זַיין אוֹיף לֵיים אָדֶער אוֹיף זַאמְד אָדֶער אוֹיף צוּ רִיבֶּענֶע עֶרְד:

ז אַז מֶען דֶעקְט צוּ שְׁתָּנָה מִיט זַאמְד אָדֶער מִיט אַשׁ (וָואס אִיז פוּן פְרַאטִיג) זָאלְן נִיט שִׁיטֶען וֶוייניג זַאמְד אָדֶער אַשׁ נָאר אַ סַךְ:

ח אוֹיךְ אִיז נִיט גְלַייךְ מַשְׁתִּין צוּ זַיין אוֹיף שְׁנֵייא אַז מֶען הָאט אַנְאַנְדֶער אָרְט:

ט מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיס קֶערִין שַׁבָּת דִיא שְׁטוּבּ מִיט אַ בֶּעזִים אֲפִילוּ עֶס אִיז דָארְט דָא אַ פָּאדְלִיגֶע:

י מִיט אַ פְלֶעדִיר וִוישׁ אָדֶער מִיט אַ שְׁמַאטֶע מֶעגִין אוֹיס קֶערִין דִיא שְׁטוּבּ:

יא מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת פַאר רַייבִּין מִיט דֶעם פוּס דָאס שְׁפַּייעכְץ אָדֶער לֵייכֶעטְץ וָואס לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אָדֶער אוֹיף אַ פָּאדְלִיגֶע. אָבֶּער אַרוֹיף שְׁטֶעלִין דֶעם פוּס דַארוֹיף אוּנ נִיט צוּ פַאר רַייבִּין מֶעגִין יוֹא שַׁבָּת:

יב מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת גֵיין מִיט אַ פְרַאסְקָאל וָואס אִיז פַאר דֶעם רֶעגִין אָדֶער פַאר דֶער זוּן:

יג מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ בּוֹים אָדֶער עֶפִּיס אַנְדֶער לֵייגֶען אוֹיף אִיהְם אָדֶער עֶפִּיס אַרָאפּ נֶעמִין פוּן אִיהְם אָדֶער אָן בִּינְדֶען אָן אִיהְם אַ בְּהֵמָה הַאטְשִׁי מֶען שָׁאקֶעלְט אִיהְם נִישְׁט:

יד אָן רִירֶען מֶעגִין אָן אַ בּוֹים נָאר מֶען זָאל נִיט טוּהְן קֵיין שָׁאקִיל:

טו אַ שְׁלַאפֶער בּוֹים וָואס אַז מֶען לֶעגְט זִיךְ אָן אִיהְם אָן שָׁאקֶעלְט עֶר זִיךְ טָארִין נִישְׁט אָן לֶענֶען זִיךְ אָן אִיהְם:

טז מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת גִיסֶען וַואסֶער אָדֶער מַשְׁקֶה אוֹיף גְרָאז אָדֶער וואו עֶס אִיז גִיזֵייעט:

יז מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת שְׁרַייבִּין אָדֶער עֶפִּיס אוֹיס מָאהְלִין אֲפִילוּ מִיט דֶעם פִינְגֶער מִיט מַשְׁקֶה אוֹיף דֶעם טִישׁ. אָדֶער אוֹיף דֶעם פֶענְצְטֶער וֶוען עֶס אִיז פַייכְט:

יח אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט מַאכִין אִין עֶרְגִיץ קֵיין צֵייכֶען מִיט דֶעם נָאגִיל אַזוֹי וִויא דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז צוּ מַאכִין פַאר אַ סִימָן:

יט אַז עֶס הָאט אַרוֹיף גִיטְרִיפְט וַואקְס אוֹיף אַיין אוֹת טָארִין נִיט אָפּ קְרַאטְצִין. אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט שַׁבָּת אָפּ מֶעקִין קֵיין שׁוּם כְּתָב:

כ מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת שְׁפַּייעֶן אוֹיף דֶעם אָרְט וְוא דֶער ווִינְט צוּ שְׁפְּרֵייט דָאס שְׁפַּייעכְטְץ. אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס מֶען טֶעג שַׁבָּת טְרָאגִין:

כא מֶען טָאר נִיט פְלֶעכְטִין אָדֶער אוֹיף פְלֶעכְטִין דִיא הָאר אוּם שַׁבָּת. אוֹיךְ טָארִין נִיט קֶעמִין דִיא הָאר אוּם שַׁבָּת:

כב אַז עֶס לִיגֶען עֶטְלִיכֶע מִינֵי כֵּלִים אוּנ מֶען ווִיל צִינְדֶערְט נִיטְצֶען מִיט אַיינֶע טָאר מֶען נִיט אַרוֹיס נֶעמִין אַ כְּלִי אוּנ אַוֶועק לֵייגֶען אוֹיף שְׁפֶּעטֶער. נָאר מֶען דַארְף אַרוֹיס נֶעמִין דִיא כְּלִי וָואס מֶען ווִיל צִינְדֶערְט נִיטְצֶען. אַזוֹיא וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען אִין אָן הֵייבּ סִימָן נ״ב בַּייא עֶסִין וַוארְק:

כג אַיין אִשָּׁה טָאר נִיט שַׁבָּת אָפּ צִיעֶן מִילֶעךְ פוּן דִיא בְּרִיכְטֶען אִין אַ כְּלִי אַרַיין. אָדֶער צוּ וֶועלְכֶע זַאךְ:

כד אָבֶּער אוֹיף דֶער עֶרְד אַרוֹיף מֶעג זִיא אָפּ צִיעֶן אַבִּיסֶעל מִילֶעךְ אַז דָאס קִינְד ווִיל אַנְדֶערְשׁ נִיט זֵייגֶען. דֶעכְט גְלַייבֶּען אַז דִיא מִילֶעךְ אִיז זִיא שְׁטַארְק מְצַעֵר מֶעג זִיא אוֹיךְ אָפּ צִיעֶן אַבִּיסֶעל מִילֶעךְ מִיט דֶער הַאנְט אוֹיף דֶער עֶרְד אַרוֹיף:

כה אַ בַּאנְק וָואס עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן אִיהְר אַיין פוּס טָארִין נִיט שַׁבָּת אִיהְם

אריין

אריין זעצן. אויך טאר מען ניט די באנק נעמען אין דער האנט אריין אונ ארויף לייגן זיא אויף איין אנדערע באנק צו זיצן אויף איהר ציטען מען איז איינמאל פראטיג אויף איהר אזוי געזעסען אן פים:

כו א זייגער וואס גייט ניט טארין ניט איהם אן דרייען שבת אדער יום טוב. בשעת ער גייט זאל מען איהם אויך ניט אן דרייען צאמין מען דארף פון א שלאפין וועגין:

כז דעם אנדערין טאג יום טוב מעגין אן דרייען א זייגער וואס גייט ער זאל ניט דעם טאג אויף הערין צו גיין:

כח מען טאר ניט שבת שפילען אדער קלינגען מיט א גלעקיל אדער קלאפין איין נאך אונ דער אנדערער כדי עס זאל קלינגען:

כט אז מען וואשט אפ שבת כלים וואס זענין פאר פעצט טארין ניט אויף גיסען אויף זייא ווארים וואסער. נאר מען זאל פריער ארין גיסען דאס וואסער אין א כלי אריין. דער נאך זאלין אריין לייגען דיא כלים:

ל מען טאר ניט שבת אפ וואשין נאר דיא כלים וואס מען דארף דעם שבת צו עסין אדער טרינקען אין זייא:

לא מען טאר ניט אן גרייטען קיין שום זאך פון שבת אויף אין דער וואכין. היינו צוא בעטין דאס בעט שבת אויף מוצאי שבת אדער ברענגין וואסער אדער וויין אויף מוצאי שבת אונ נאך אזא שטייגער טאר מען אלטין ניט:

לב מען טאר ניט אויס רייסין אדער אויס ברעכין א ריטעל פון בעזים אום שבת:

## סימן נה. דינים וואס מען דארף שבת געווארינט צוא זיין ווען מען איז זיך טובל אונ ווען מען וואשט זיך. ער האלט פערצען סעיפים:

א מען טאר ניט זיך באדין שבת אין ווארים וואסער. אז מען באד זיך נישט נאר מען וויל אפ וואשין דאס פנים מיט דיא הענט מעגין מיט ווארים וואסער וואס איז פראטיג דער ווארימט געווארין:

ב מען טאר ניט שבת שטיין אין באד אויף דער באנק וואס מען קען צינדערט דארט שוויצען:

ג אז מען איז זיך טובל שבת אין מקוה טאר מען ניט שווימען. אויך טאר מען ניט מאכין שווימען דיא שפענדליך וואס אויף דעם וואסער. אפילו אוועק שארין זייא אונ מאכין שווימען כדי דאס וואסער זאל זיין ריין טארין אויך ניט:

ד אויך טארין ניט אויס קוועטשין דיא האר פון וואסער:

ה אז מען דארף שבת אין דער פריא זיך טובל צו זיין אונ מען איז זיך טובל אין טייך ווא מען טאר ניט טראגין דארפין געווארינט צו זיין אין דעם אויך. אז איידער מען גייט ארוים פון וואסער זאלין אפ ווישען פון זיך דאס וואסער מען זאל עס ניט טראגין אויף זיך קיין פיר איילין אדער אין שטוב אריין:

ו דעסט גלייכען אין טייך אליין זאל מען אויך נישט טראגין אויף זיך דאס וואסער קיין פיר איילין:

ז אז מען שטייט לעבין טייך מעגין וואשין דיא הענט אין טייך נאר מען זאל זייא גוט אפ ווישען איידער מען וועט גיין פיהר איילין:

ח מען טאר נישט שבת רייבען שנייא אדער אייז מיט דיא הענט כדי עס זאל זיין פון זייא וואסער:

ט אז מען דארף וואסער מעגין עס שטעלין לעבין אויבען דא ווא עס וועט ניט קענין דער ווארימט ווערין נאר עס זאל צו גיין פון זיך זעלבערט:

י עס איז ניט גלייך צו וואשין זיך שבת מיט וואסער וואס עס איז דרינען דא שנייא אדער אייז:

אז

יא אז מען וואשט זיך דער מיט זאל מען געווארנט זיין מען זאל דאס שנייא אדער אייז ניט
צו רייבען מיט דיא הענט:
יב מען זאל זיך ניט וואשין שבת אויף שנייא. אונ ניט אויף ליים. אונ ניט אויף זאמד.
אונ ניט אויף צו רייבענע ערד:
יג מען טאר ניט זיך וואשין שבת אויף גראז אדער וווא עס איז גיווייעט:
יד סייא מען איז זיך טובל סייא מען וואשט זיך נאר דיא הענט טאר מען ניט זיך ווארימען
דער נאך ביי דעם הייסען אויבען ביז מען ווישט גוט אפ דאס וואסער:

## בשא) סימן נו. דינים וואס מען דארף שבת געווארנט צוא זיין ביי בהמות אונ עופות אונ אנדערע לעבעדיקע זאכען. ער האלט פערציג סעיפים:

א אז א בהמה אדער א חיה אדער איין עוף אנטלויפט טארין עס ניט חאפין אום שבת:
ב מען דארף צו ווארינען דיא ווייבער זייא זאלין ניט חאפין שבת איין עוף וואס אנטלויפט.
דען דאס איז אזא גרויסע עבירה גלייך מען צינדט אן שבת א לעכט ת"ו:
ג זייא דארפין זיך צו בארעכינען אז דער שבת קאסט זייא אסך מעהר וויא דאס עוף
אונ פאר וואס זאלין זייא אזוי שטארק מחלל שבת זיין דורך דיא פאר גילדען וואס
דאס עוף איז ווערט:
ד דער אייבערשטער וואס גיט אונז אויף שבת וועט בוודאי אונז גוט אפ געבין פאר
דעם עוף אדער פאר דער בהמה וואס אנטלויפט שבת אונ מיר חאפען עס ניט וויל
אונז ווילען מקיים זיין זיינע מצות צו דינען איהם וואס דאס איז אונזער גאנץ לעבין:
ה דיא בהמות וואס זענין געוואונט מיט דעם מענטש. אונ זייא דרייען זיך ציגדערט
ארום אין דרויסען. אונ מען האט מורא טאמער וועט מען זייא אוועק גנבענין מעג מען
זייא אריין טרייבין אין הויז אריין אויב זייא אנטלויפען ניט:
ו נאר מען זאל ניט נעמין זייא אין דער האנט אריין. דען מען טאר ניט שבת נעמין אין
דער האנט אריין קיין שום בהמה אדער א חיה אדער איין עוף. אפילו אין שטוב:
ז אז עס איז דא אין שטוב א בהמה אדער א חיה אדער איין עוף וואס זענין ניט געוואונט
אליין אהיים צו קומען טארין ניט פאר מאכין דיא טיהר. דען אז מען וועט ניט פאר
מאכין דיא טיהר וועלין זייא ארוים מהילא הייסט מיט דעם וואס מען פאר מאכט דיא
טיהר גלייך מען פאנגט זייא:
ח דעסט גלייכען אז דאס עוף איז אין דער שטייג אונ דאס טירעל עפינט זיך טארין עס
ניט פאר מאכין איבער דעם טעם:
ט מען טאר ניט שבת פאנגין קיין שום לעבידיקע זאך. אפילו א פלויא טאר מען ניט
שבת חאפין. נאר אז זיא בייסט איהם מעג ער זיא חאפען אונ אוועק ווארפין. אבער
הרגנין זיא טאר מען נישט. דען מען טאר ניט שבת הרגנין קיין שום לעבעדיקע זאך
אפילו א שפין:
י חוץ א כינה מעגין הרגנין שבת אז מען גיפינט זיא גראט. אבער אז מען זוכט זייא
אין דיא קליידער טאר מען ניט הרגנין אפילו דיא כינים וואס מען גיפינט. נאר מען
זאל זייא אוועק ווארפין:
יא מען טאר ניט שבת אויף שטעלין דיא וויענטקע זיא זאל חאפין עכברים:
יב אז מען פאר מאכט שבת א כלי וואס איז אין איהר דא פליגען זאלין פריער ארוים
יאגען דיא פליגען וואס מען זעהט אין דער כלי. כדי דיא פליגען זאלען נישט
גיפאנגען ווערין:

מען

יג מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת לָאזְן בְּלוּט פוּן קֵיין שׁוּם לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ. אוֹיךְ טָארְן נִיט מַאכְן קֵיין בַּאהָל אִין אַ מֶענְטְשׁ אָדֶער אִין אַ בְּהֵמָה אָדֶער אִין אַ חַיָּה אָדֶער אִין אֵיין עוֹף אָדֶער אִין אֵיין עַכְבָּר אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע שְׁרָצִים אַזַא שְׁטֵייגֶער:

יד אוֹיךְ טָארְן נִיט שַׁבָּת נָאגְן קֵיין בְּלוּט אֲפִילוּ פוּן דִיא צֵיין:

טו אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף דֶער מַכָּה אַ פְּלַאסְטֶער וָואס צִיעֶט אוֹיס בְּלוּט אָדֶער אַנְדֶערֶע פַּאסְגִיסְטוּוֶע:

טז וֶוער שְׁמוּסְט אַז מֶען טָאר נִיט קְוֶועטְשְׁן דִיא מַכָּה עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין דָאס בְּלוּט אָדֶער פַּאסְגִיסְטוּוֶע. (זֶעה אֵיין בְּסִימָן ס')

יז אַ יוּד טָאר נִיט מֶעלְקְן קֵיין בְּהֵמָה אוֹם שַׁבָּת. (נָאר וַוייל דִיא מִילֶעךְ אִיז מְצַעֵר דִיא בְּהֵמָה אַז מֶען וֶועט נִיט מֶעלְקְן דַארִיבֶּער) מֶעגְן הֵייסֶען אַגוֹי מֶעלְקְן דִיא בְּהֵמָה:

יח דִיא מִילֶעךְ טָאר מֶען נִיט טְרִינְקֶען שַׁבָּת אוּנ נִיט נֶעמְן אִין דֶער הַאנְט אַרַיין. נָאר דֶער גוֹי זָאל זִיא נָאךְ דֶעם מֶעלְקְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אִין אַ וִוינְקֶעל:

יט מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת מֶעסְטְן תְּבוּאָה צוּ גֶעבְּן דֶער בְּהֵמָה. נָאר מֶען זָאל זִיךְ מְשַׁעֵר זַיין וִויא פִיהְל מֶען דַארְף אִיהְר צוּ גֶעבְּן:

כ אַז מֶען נִיט קְלַייֶען דִיא בְּהֵמוֹת טָאר מֶען נִיט שַׁבָּת אַרַיין גִיסֶען וַואסֶער:

כא אַז מֶען הָאט פְּרַאטִיג אַרַיין גִיגָאסֶען דָאס וַואסֶער טָאר מֶען נִיט קְנֶעטְן זַייא שַׁבָּת. נָאר מֶען מֶעג דִיא קְלַייֶען אִיבֶּער מִישֶׁען פוּן אֵיין כֵּלִי אִין דֶער אַנְדֶערֶער אַרַיין:

כב יֶעדֶער יוּד אִיז מְחוּיָב גִיוָואר‍ְנְט צוּ זַיין זַיינֶע בְּהֵמוֹת אוּנ חַיּוֹת אוּנ עוֹפוֹת זָאלְן רוּעֶן שַׁבָּת פוּן אַ מְלָאכָה. דַארִיבֶּער אַז אַ יוּדְס בְּהֵמָה טְרָאגְט עֶפִּיס אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס מֶען טָאר נִיט טְרָאגְן שַׁבָּת הָאט עֶר אֵיין עֲבֵירָה. דֶען עֶר אִיז מְחוּיָב צוּ זֶעהְן זִיא זָאל רוּעֶן אַזוֹי וִויא עֶר אַלֵיין:

כג חוּץ וָואס מֶען מֶעג שַׁבָּת לָאזְן דִיא בְּהֵמָה בַּייסֶען גְרָאז אוּנ עֶסְן וַוייל דָאס אִיז נִיט בַּייא אִיהְר קֵיין מְלָאכָה. דֶען זִיא הָאט נָאךְ הֲנָאָה דֶער פוּן:

כד אַזַא זַאךְ וָואס דִיא בְּהֵמָה גֵייט דְרִינֶען פוּן רְפוּאָה וֶועגְן הַיינוּ אַ טִיכֶעל אוֹיף אִיהְר מַכָּה מֶעגְן זִיא לָאזֶען טְרָאגְן:

כה דֶעסְט גְלַייכֶען וָואס דִיא בְּהֵמָה דַארְף צוּ גֵיין אָן גִיטוּהְן זִיא זָאל וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם גִיהִיטֶען אַזוֹי וִויא מִיר וֶועלְן שְׁרַייבֶּען מֶעגְן אוֹיךְ זִיא לָאזְן טְרָאגְן:

כו בְּשַׁעַת אַ בְּהֵמָה טוּהְט אַ מְלָאכָה אָדֶער זִיא שְׁלֶעפְּט עֶפִּיס אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס מֶען טָאר נִיט טְרָאגְן טָאר נִיט קֵיין שׁוּם יוּד יָאגְן זִיא אָדֶער שְׁרַייעֶן אוֹיף אִיהְר זִיא זָאל גֶעךְ גֵיין. אֲפִילוּ דִיא בְּהֵמָה אִיז נִיט זַיין:

כז מֶען מֶעג לָאזְן אַרוֹיס גֵיין אַ פֶערְד מִיט אַ צוֹים. דֶען דָאס אִיז נוּר אַז דָאס פֶערְד זָאל זַיין גִיהִיטֶען עֶס זָאל נִיט אַנְטְלוֹיפֶען (זֶעה אֵיין בְּסָעִיף ל"ב):

כח אָבֶּער עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ טָאר מֶען נִיט לָאזֶען עֶס טְרָאגְן אָדֶער שְׁלֶעפְּן אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס מֶען טָאר נִיט טְרָאגְן:

כט מֶען מֶעג דֶעם עֶק פוּן צוֹים אַרוּם וִויקְלֶען דֶעם פֶערְד אַרוּם הַאלְדְז. נָאר עֶס זָאל זַיין לוֹיז אַרוּם גִיוִויקֶעלְט מֶען זָאל קֶענְן אַרַיין שְׁטֶעקְן דִיא הַאנְט צְוִוישֶׁען דֶעם צוֹים צְוִוישֶׁען דֶעם הַאלְדְז אַז עֶס וֶועט וֶועלְן אַנְטְלוֹיפֶען:

ל בְּשַׁעַת מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דִיא צוֹים אוֹיף דֶעם פֶערְד זָאל מֶען גִיוָוארְנְט זַיין מֶען זָאל זִיךְ נִיט אָן שְׁפַּארְן דַארוֹיף. דֶען מֶען טָאר זִיךְ נִיט שַׁבָּת אָן שְׁפַּארְן אָן קֵיין לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ. (חוּץ אָן אַ מֶענְטְשׁ):

לא אֵיין אָקְס אָדֶער אַ קוּה טָאר מֶען נִיט לָאזֶען אַרוֹיס גֵיין מִיט אַ שְׁטְרִיק אוֹיף דֶעם הַאלְדְז. דֶען מֶען דַארְף זֵייא נִיט צוּ הַאלְטְן מִיט קֵיין שְׁטְרִיק. אָבֶּער אַז זֵייא זֶענֶען גִיוואוֹינְט צוּא אַנְטְלוֹיפֶען מֶעגְן זֵייא לָאזֶען אַרוֹיס גֵיין מִיט אַ שְׁטְרִיק אוֹיף דֶעם הַאלְדְז:

בשעת

לב בְּשַׁעַת מען פיהרט דאס פערד מיט דעם צוים אדער מיט דעם שטריק וואס דאס פערד גייט דריגען זאל דער שטריק נישט ארויס שטארין פון דער האנט. נאר מען זאל האלטין איז עק שטריק:

לג דעקט גלייכין צווישין זיין האנט צווישין פערד זאל נישט אראפ שטארין איין פויסט נאהנט פון דער ערד. אז דער שטריק איז לאנג זאל ער עהם ארום וויקלען ארום דעם האלדז פון פערד:

לד מען טאר נייט אין דער וואכין פאר דינגען אדער אנטלייען א בהמה צו אגוי צייטין מען נעמט אויס מיט עהם ער זאל זיא אפ געבן פר שבת. דען אז דיא בהמה וועט זיין שבת בייא דעם גוי אונ ער וועט טוען שבת מיט איהר א מלאכה וועט דער יוד האבין איין עבירה:

לה אז דער יוד האט אויס גינומען מיט דעם גוי ער זאל זיא עהם אפ געבין פאר שבת אונ דער גוי וויל זיא נאך נישט פרייטיג אפ געבין זאל דער יוד פרייטיג מפקיר זיין דיא בהמה. דהיינו ער זאל זאגין איך בין מפקיר דיא בהמה. דאס ווארט מפקיר איז טייטש אז דער יוד וויל אז דיא בהמה זאל שוין נישט זיין דעם יודס אונ ווער עס וויל מעג זיא שוין נעמען. אונ אז דער יוד וועט מפקיר זיין דיא בהמה וועט דער יוד שוין נישט האבין קיין עבירה וואס דער גוי טוט מיט איהר שבת א מלאכה:

לו דער יוד מעג מפקיר זיין שטילערהייט קיינער זאל נישט הערין. נאר ער זאל מפקיר זיין מיט דעם גאנצין הארצין כדי ער זאל נישט האבין קיין עבירה. אונ נאך שבת וועט מעגין דער יוד אפ נעמען דיא בהמה פון גוי:

לז דאס אלץ איז נאר אז דער גוי וויל נישט פרייטיג אפ געבין דיא בהמה. אבער מען טאר נישט אנטלייען אדער פערדינגען צו אגוי א בהמה איבער שבת אונ פאר לאזין זיך אויף דעם וואס דער יוד וועט פרייטיג מפקיר זיין דיא בהמה:

לח דעסט גלייכין א יוד וואס האלט פערד אונ אגוי א בעל עגלה אונ האט עהם גישיקט פאר שבת מיט דער פוהר אונ דער יוד זעהט פרייטיג פארין נאכט אז דער גוי קומט נישט אויף שבת זאל ער מפקיר זיין דיא פערד אזוי וויא מיר האבין גישריבין כדי ער זאל נישט האבין קיין עבירה פון דעם וואס דיא פערד שלעפין שבת דעם וואגין:

לט אבער צו שיקין דעם גוי ער זאל פארין שבת אונ זיך פאר לאזין אויף דעם וואס ער איז פרייטיג מפקיר דיא פערד טארין בוודאי נישט:

מ אז א בהמה איז שלאף אונ מען האט מורא טאמער וועט זיא פייגערין מעג מען הייסין אגוי ער זאל איהר לאזין בלוט אדער געבין איין אנדערע רפואה. אבער דער יוד אליין טאר נישט דאס איהר טוען:

## (בהעלתך) סימן נז. דינים פון דיא זאכין וואס מען טאהר נישט נעמען אין דער האנט אריין אום שבת. ער האלט דרייא אונ דרייסיג סעיפים:

א יעדער זאך וואס איז נישט קיין כלי צו ניצין דער מיט. דהיינו האלץ. פעל. בהמות. חיות. עופות. אנדערע לעבעדיגע זאכין. שאהלין פון ניס אדער פון אייער. אדער דארטע ביינער וואס אפילו א הונט קען נישט זייא עסין. טירין אדער פענסטער פון דיא הייזער וואס זענען אראפ גינומען גיווארין פון זייא. שטיקליך פון צו בראכענע כלים וואס מען האט פרייטיג אוועק גיווארפין אויף דעם מיסט אדער זייא טויגין שוין נישט צו ניצין מיט זייא. רויע עסין ווארק וואס מען דארף עס צו קאכין פון מענטשין וועגין אונ עס איז נישט דער שטייגער אוועק צו געבין עס דיא הינט אדער דיא בהמות. דיא אלע זאכין טאר מען נישט שבת נעמען אין דער האנט אריין:

ב נאר אז עס איז צו בראכין געווארין גלאז ווארג אויף דעם ארט וואס מען קען געשעדיגט ווערין מעגין זייא אוועק לייגין:

ג אש פון דעם האלץ וואס איז דעם שבת פאר ברענט געווארין. דעסט גלייכין איין איי וואס דאס עוף האט עס גילייגט דעם שבת. אדער מילך וואס איז גימאלקין געווארין דעם שבת. אדער פירות וואס זענען דעם שבת אראפ גיפאלין פון בוים. אדער א גוי האט זייא היינט אפגעריסן. טאר מען צו דעם שבת נישט עסן און נישט נעמען אין דער היינט אריין:

ד די כלים וואס דער נוץ פון זייא איז און דער וואכין צוא א זאך וואס מען טאר ניט טוען אום שבת. היינו א האמער. א האק. א בעזעם א שופר, א נאדל און נאך זייא שמייגער און מען וויל מיט זייא שבת ניצין צוא זאך וואס מען מעג דהיינו מען וויל מיט דעם האמער אדער מיט דער האק צו קנאקן ניס אדער מען דארף דאס ארט וואו זייא ליגן מעגין זייא גענומען און דער האנט אריין:

ה אבער צו באהאלטין זייא כדי זייא זאלין ניט צו בראכין ווערין אדער מען זאל זייא ניט אוועק גנבנען טארין ניט נעמען זייא אין דער האנט אריין:

ו א לאכטער וואס מען האט ניט גיברענט אין עהם דעם שבת האט דעם זעלבען דין ווי די כלים וואס מיר האבן געשריבן בסעיף ד' ה':

ז אבער די לאכטער וואס מען ברענט אין זייא ליכט פרייטיג צו נאכט טאר מען ניט נעמען אין דער האנט אריין גאנץ שבת אויף קיין שום פאל:

ח ווייל מען טאר ניט נעמען שבת און דער האנט צייטין מען דארף דאס ארט וויא זייא ליגין. אדער זייא ליגין אויף אזייא ארט וואס קענען איין גירעכט ווערין:

ט אלע כלים וואס מען איז מקפיד מען זאל ניט ניצען מיט זייא נור די זאך וואס מען טאר ניט טוען אום שבת. דהיינו א כלי פון א בעל מלאכה וועלכע ער לאזט ניט טוען מיט איהר קיין אנדערע זאך כדי זיא זאל ניט קאליע ווערין. אדער א חליף פון דעם שוחט. אדער שרייב פאפיר. אדער וועקסלין. קאנטראקטין. רעכינונגים. בריף פון מיא ומתן וועלכע מען דארף זייא נאך. אדער כלים וואס מען האלט צו פאר קויפען אין וועלכע מען איז מקפיד ניט צו ניצען מיט זייא. אדער אבאטיל פון געלט. די אלע זאכן טאר מען ניט שבת נעמען אין דער האנט אריין אויף קיין שום פאל:

י די זאכין וואס זענין גאר קיין כלים ניט. דהיינו העלצער. שטיינער. געלט. שטיקער אייזן. און נאך אזייא שמייער טאר מען ניט נעמען שבת אין דער האנט אריין אויף קיין שום פאל:

יא נור אז מען האט פרייטיג אז גבייט א האלץ אדער א שטיין מען זאל ניצען דער מיט וועלכע זאך תמיד. הייסט דאס שוין א כלי און מען מעג עס נעמען שבת אין דער האנט אריין:

יב די כלים וואס דער ניצין פון זייא איז צו אזייא זאך וואס מען מעג טוען אום שבת. דהיינו א בעכער. אדער א שיסל און נאך אזייא שמייגער מעגין זייא נעמען אין דער האנט אריין אפילו צו באהאלטין זייא כדי זייא זאלין ניט צו בראכין ווערין אדער כדי מען זאל זייא ניט אוועק גנבנען. אבער אז מען דארף גאר ניט צו זייא און ניט צוא זייער ארט טארין ניט זייא נעמען אין דער האנט אריין:

יג עסין ווארג אדער משקה אדער היילגע ספרים מעגין נעמען אין דער האנט אריין אפילו מען דארף גאר ניט:

יד מען טאר אנדערש ניט נעמען קיין זאמד שבת אין דער האנט אריין צאטען מען האט עס אן גיברייט פאר שבת אויף א באזונדער ארט אדער אין א כלי:

טו בשעת מען נעמט דאס זאמד זאלין געווארינט זיין מען זאל ניט נעמען פון מיטען. דען

עֶס וֶוערְט אוֹיף דֶעם אָרְט אַזוֹי וִויא אַ גְרִיבֶּעל. אוּן דָאס טָאר מֶען נִיט בַּאקֶען אוּם שַׁבָּת אֲפִילוּ דָאס זַאמְד לִיגְט אִין אַ כְּלִי. דַארִיבֶּער זָאלִין אָפּ שַׁארֶען גְלַייךְ פוּן אוֹיבֶּען:

טז יֶעדֶער זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמִין שַׁבָּת אִין דֶער הַאנְט אַרֵיין טָאר מֶען עֶס נִיט גֶעבִּין קֵיין שָׁאקֶעל:

יז אִיבֶּער דֶעם טָאר מֶען נִיט אָן רִירֶען אִין דֶעם הֶענְגִיל לַייכְטֶער. דֶען מִיט דֶעם אָן רִירֶען שָׁאקֶעלְט מֶען אִיהְם אַבִּיסֶעל:

יח אַז עֶס פַאלְט עֶפִּיס אַרוֹיף אוֹיף אַ לַאכְטֶער מֶעגִין עֶס אַרָאפּ נֶעמִין:

יט מֶען טָאר נִיט שְׁטוּפֶּען מִיט אַ מֶעסִיר אָדֶער מִיט עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ דִיא זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִיט נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרֵיין:

כ אַז דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ מֶעגִין גֶעס בְּלָאזִין עֶס זָאל אַוֶועק פְלִיעֶן:

כא אַז עֶס לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד מֶעגִין עֶס צוּ שַׁארִין מִיט דִיא פִיס אַזוֹי וִויא מֶען גֵייט. אוֹיךְ מֶעגִין זִיצֶען דַארוֹיף הָאטְשִׁי עֶס שָׁ קֶעלְט זִיךְ אוּנְטֶער אִיהְם:

כב אַז אַגוֹי בְּרֶענְגְט שַׁבָּת גֶעלְט זָאל עֶר עֶס אַלֵיין אַרֵיין לֵייגֶען אִין שׁוּפְלֶעדִיל. אָבֶּער אַז עֶר לֵייגְט עֶס אַזוֹי אַנִידֶער טָאר נִיט דֶער יוּד אַרֵיין וַוארְפִין עֶס דוּרְךְ דֶעם טִישְׁטוּךְ כְּדֵי עֶס זָאל נִיט פַאר לוֹירֶען וֶוערִין:

כג מֶען טָאר נִיט פְרַאטִיג צוּ נַאכְט שְׁלֶעפִּין דָאס טִישְׁטוּךְ מִיט דִיא לֶעכְט צוּ זִיךְ כְּדֵי עֶס זָאל זַיין לֶעכְטִיגֶער דָא וָוא מֶען זִיצְט. אֲפִילוּ מֶען הָאט פַאר לֶעכְט צִינְדֶען גִילֵייגְט דִיא חַלוֹת אוֹיף דֶעם טִישְׁטוּךְ:

כד אַז אֵיינֶער הָאט פְרַייטִיג פַאר גֶעסִין גֶעלְט אִין אַ קֶעשִׁינֶע פוּן אַ מַלְבּוּשׁ אוּן שַׁבָּת דַארְף עֶר דָאס מַלְבּוּשׁ אָדֶער דָאס אָרְט פוּן מַלְבּוּשׁ זָאל עֶר אוֹיס שָׁאקְלִין דָאס גֶעלְט פוּן קֶעשִׁינֶע דֶער נָאךְ מֶעג עֶר נֶעמִין דָאס מַלְבּוּשׁ וְוא עֶר דַארְף:

כה אַז עֶר דַארְף דָאס אָרְט אוּן קֶען נִיט דָא אוֹיס שָׁאקְלֶען מֶעג עֶר טְרָאגִין דָאס מַלְבּוּשׁ מִיט דֶעם גֶעלְט אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס עֶר וִויל. אוּן דָארְט מֶעג עֶר אוֹיס שָׁאקְלִין:

כו אַז עֶר דַארְף נִיט דָאס מַלְבּוּשׁ אוּן נִיט דָאס אָרְט נָאר עֶר הָאט מוֹרָא טָאמֶער וֶועט מֶען דָאס גֶעלְט דָא אַוֶועק גַנְבֶנִין. פוּן דֶעם וֶועגִין טָאר עֶר נִיט נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרֵיין דָאס מַלְבּוּשׁ. אוֹיךְ טָאר עֶר נִיט עֶס שָׁאקְלֶען כְּדֵי דָאס גֶעלְט זָאל אַרוּנְטֶער פַאלֶען מֶען זָאל עֶס נִיט אַוֶועק גַנְבֶנִין:

כז דָאס שְׁטוּבְּט אַלֶץ נָאר אַז עֶר הָאט פְרַאטִיג פַאר גֶעסִין דָאס גֶעלְט אִין קֶעשִׁינֶע. אָבֶּער אַז עֶר הָאט פְרַאטִיג אַרֵיין גִילֵייגְט דָאס גֶעלְט אִין קֶעשִׁינֶע עֶס זָאל דָארְט לִיגֶען שַׁבָּת. אוּן דִיא קֶעשִׁינֶע אִיז אִין גַאנְצֶען אָן גִינֵייט אָן מַלְבּוּשׁ (אוּן עֶס לִיגְט נִיט אִין קֶעשִׁינֶע בֶּעסֶערֵי זַאכִין פוּן גֶעלְט וֶועלְכֶעס מֶען מֶעג זֵייא נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרֵיין) טָאר מֶען נִיט רִירֶען שַׁבָּת דָאס גַאנְצֶע מַלְבּוּשׁ אוֹיף קֵיין שׁוּם פַאהל אַזוֹי וִויא דָאס גֶעלְט אַלֵיין:

כח דֶעסְט גְלַייבֶּען אַז אֵיינֶער הָאט פְרַאטִיג פַאר נַאכְט אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט אַיין אָן גִיצוּנְדֶען לֶעכְט אוֹיף אַ טִישׁ עֶס זָאל דָארְט שְׁטֵיין שַׁבָּת. אוּן וֶוען עֶס אִיז פְרַאטִיג נַאכְט גִיוָוארִין אִיז אוֹיף דֶעם טִישׁ נִיט גִילֶעגִין דִיא חַלוֹת פוּן שַׁבָּת אָדֶער אַנְדֶערֵי זַאכִין וָואס מֶען מֶעג זֵייא שַׁבָּת נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרֵיין וֶועלְכִים זֵייא זֶענִין מֶעהְר חָשׁוּב פוּן לֶעכְט. טָאר מֶען נִיט דֶעם טִישׁ רוּקֶען אָדֶער רִירֶען גַאנְץ שַׁבָּת. אַזוֹי וִויא דָאס לֶעכְט אַלֵיין. אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין שַׁבָּת אַרָאפּ גִינוּמֶען דֶעם לַאכְטֶער:

כט דֶעסְט גְלַייבֶּען אַז עֶר הָאט פְרַאטִיג אַרֵיין גִילֵייגְט גֶעלְט אִין אַ שׁוּפְלֶעדִיל דָאס גֶעלְט זָאל דָארְט לִיגֶען שַׁבָּת. אוּן דָאס שׁוּפְלֶעדִיל אִיז גִימַאכְט אַז מֶען קֶען עֶס אִין גַאנְצִין אַרוֹיס נֶעמִין פוּן טִישׁ טָאר מֶען נִיט דָאס שׁוּפְלֶעדִיל רִירֶען גַאנְץ שַׁבָּת פוּנְקְט אַזוֹי וִויא דָאס גֶעלְט אַלֵיין. אוּן אַז עֶס אִיז נִיט אוֹיף דֶעם טִישׁ גִילֶעגִין דִיא חַלוֹת פוּן שַׁבָּת אָדֶער אַנְדֶערֵי זַאכִין בֶּעסֶערֵי פוּן גֶעלְט וֶועלְכֶעס מֶען מֶעג זֵייא נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרֵיין טָאר מֶען נִיט

דעם

דֶעם נַאנְצֶען טִישׁ נֶעמֶען שַׁבָּת אִין דֶער הַאנְט אַרַיין :

ל אַז מֶען הָאט אָבֶּער פְרַאטִיג פַאר גֶעסֶען דָאס גֶעלְט אִין שׁוּפְלֶעדִיל . אָדֶער וֶוען עֶס אִיז פְרַאטִיג נַאכְט גִיוָוארִין אִיז אִין דֶעם שׁוּפְלֶעדִיל גִילֶעגִין אַנְדֶערִי זַאכִין בֶּעסֶערִי פוּן גֶעלְט וֶועלְכֶעס מֶען מֶעג זֵייא נֶעמֶען אִין דֶער הַאנְט אַרַיין . מֶעגִין שַׁבָּת רוּקֶען דָאס שׁוּפְלֶעדִיל אָדֶער דֶעם טִישׁ . נָאר אַז מֶען קֶען אַרוֹיס שָׁאקְלִין דָאס גֶעלְט פוּן שׁוּפְלֶעדִיל מֶען זָאל קֵיין הֵיזֶק נִיט הָאבִּין דַארְפִין פְרִיעֶר אַרוֹיס צוּ שָׁאקְלִין דָאס גֶעלְט :

לא דֶעסְט גְלַייכִין אַז מֶען הָאט נִיט אַרַיין גִילֵייגְט דָאס גֶעלְט פְרַייטִיג פַאר נַאכְט נָאר אַגוֹי אָדֶער אַ קִינְד הָאט שַׁבָּת אַרַיין גִילֵייגְט דָאס גֶעלְט אִין שׁוּפְלֶעדִיל מֶעגִין אוֹיךְ נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרַיין דָאס שׁוּפְלֶעדִיל אוּנ דֶעם טִישׁ אַזוֹיא וִויא מִיר הָאבֶּען פְרִיעֶר גִישְׁרִיבֶּען :

לב אִיבֶּער דֶעם מֶעגִין אָפּ שָׁאקְלִין דָאס טִישְׁטוּךְ פוּן דִיא שָׁאלִין פוּן נִים תְאטְשִׁי מֶען טָאר נִישְׁט דִיא שָׁאלִין נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרַיין אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען גִישְׁרִיבֶּען בְּסָעִיף א' :

לג אַז אֵיינֶער דֶער מַאנְט זִיךְ אוּם שַׁבָּת אַז עֶר טְרָאגְט בַּייא זִיךְ אַזַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרַיין . מֶעג עֶר גֵיין אִין אַ וִוינְקֶעל אַרַיין אוּנ דָארְט עֶס אוֹיס שָׁאקְלֶען :

## (שלח) סִימָן נח . דִינִים וָואס מֶען דַארְף שַׁבָּת גִיוָוארִינְט צוּ זַיין בְּשַׁעַת דֶעם גֵיין אוּנ בְּשַׁעַת דֶעם רֶעדִין . עֶר הַאלְט זִיבֶּען אוּנ דְרַייסִיג סְעִיפִים :

א מֶען טָאר נִיט לוֹיפֶען אוּם שַׁבָּת אֲפִילוּ מִיט שְׁמָאלֶע טְרִיט :

ב אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט מַאכִין קֵיין גְרוֹיסֶע שְׁפְּרַייזֶען אֲפִילוּ מֶען לוֹיפְט נִישְׁט . הַיינוּ דֶער גַאנְג זָאל זַיין אַז צְווִישֶׁען אֵיין פוּס צְווִישֶׁען אַנְדֶערִין זָאל נִיט זַיין מֶעהְר וִויא אַ הַאלְבּ אֵייל :

ג אֲפִילוּ אִין דֶער וָואכִין אִיז אוֹיךְ נִיט גִיזוּנְד צוּ מַאכִין גְרוֹיסֶע שְׁפְּרַייזִין :

ד אַז עֶס אִיז אַשְׁטִיקֶעל אַ בְּלָאטֶע אוּנ עֶס אִיז אִיהְם שְׁלֶעכְט אַיין צוּ רֶעכְטִין דֶעם פוּס מֶעג עֶר אֲפִילוּ שַׁבָּת מַאכִין אַגְרוֹיסֶען שְׁפְּרַייז אִיבֶּער דֶער בְּלָאטֶע :

ה פוּן אַ מִצְוָה וֶועגֶען דְהַיינוּ אִין שׁוּל אַרַיין אָדֶער אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אַרַיין אִיז אַ מִצְוָה צוּ לוֹיפֶען אֲפִילוּ אוּם שַׁבָּת :

ו מֶען טָאר נִיט אַרוּם גֵיין שַׁבָּת אִין זַיין פֶעלְד אָדֶער אִין דֶעם הוֹיז וָואס מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ זֶעהְן וָואס מֶען דַארְף נָאךְ שַׁבָּת צוּ טוּהְן דְרִינֶען אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס מֶען טָאר נִיט טוּהְן אוּם שַׁבָּת :

ז דֶעסְט גְלַייכֶען צוּ גֵיין שַׁבָּת וֶועגִין אַנְדֶערִי זַאכִין אַזַא שְׁטֵייגֶער טָארִין אַלְיין נִיט :

ח מֶען טָאר נִיט גֵיין שַׁבָּת אוֹיף אַזַא אָרְט וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיס גְלִיטְשֶׁען אוּנ פַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין :

ט מֶען מֶעג גֵיין אוֹיף גְרָאז אוּם שַׁבָּת :

י אַזַא זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִיט טוּהְן אוּם שַׁבָּת . דְהַיינוּ קָאכֶען אָדֶער וַואשִׁין אָדֶער קוֹיפֶען אָדֶער דִינְגֶען טָארִין נִיט זָאגִין שַׁבָּת אִיךְ וֶועל דִיא זַאךְ טוּהְן נָאךְ שַׁבָּת :

יא אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט שַׁבָּת זָאגִין אִיךְ וֶועל פָארִין מָארְגֶען אִין דֶער שְׁטָאט אַרַיין . נָאר מֶען מֶעג זָאגִין אִיךְ וֶועל גֵיין מָארְגֶען אִין דֶער שְׁטָאט אַרַיין :

יב אֲפִילוּ פְּרָאסְטֶע רֵייד טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט שַׁבָּת רֶעדִין קֵיין סַךְ :

יג אוֹיךְ טָארִין נִיט שַׁבָּת שְׁמוּעֶסִין פוּן אַזַא זַאךְ וָואס מֶען הָאט דֶער פוּן עָגְמַת נֶפֶשׁ :

יד אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט שַׁבָּת רֶעכִינֶען מִיט דֶעם מוֹיל אַזֶעלְכֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס מֶען דַארְף

פוּן

טו פֿון אַ מִצְוָה, וועגן מעגן רעדן שַׁבָּת פֿון אַזעלכע זאכן וואס מען טאר ניט טוהן שַׁבָּת. הַיינוּ מען זאל צו זאגן צְדָקָה צו געבן (זעה אין סִימָן ש״ו סָעִיף ב׳). אָדער שמועסן מיט אַ מְלַמֵּד אויב ער וויל צו נעמען אַ קינד צו לערנען. אָדער שמועסן מיט אַ בַּעַל מְלָאכָה אויב ער וויל צו נעמען אַ קינד צו לערנען דיא מְלָאכָה. דען דאס איז אויך אַ מִצְוָה וואָרען אַז דאס קינד וועט גרויס ווערען און וועט נישט האבן מיט וואס זיך מְפַרְנֵס צו זיין קען ער ח״ו ווערען אַ גַּזְלָן:

טז נאר מען טאר ניט שַׁבָּת אָן דינגען דאס קינד בַּיי דעם מְלַמֵּד אָדער בַּיי דעם בַּעַל מְלָאכָה האטשי עס איז אַ מִצְוָה:

יז מען טאר ניט אַפִּילוּ מיט איהם שמועסן פֿון געלט וויא פֿיהל מען וויל געבן אָדער וויא פֿיהל ער וויל נעמען:

יח אַז מען האט עָגְמַת נֶפֶשׁ דורך דעם וואס מען טראַכט אין דיא וואכעדיגע עֲסָקִים טאר מען ניט טראַכטען פֿון זייא אום שַׁבָּת:

יט עס איז אַ מִצְוָה שַׁבָּת ניט צו טראַכטען פֿון קיין שום עֵסֶק. נאר עס זאל שַׁבָּת זיין בַּיי איהם גְלַייך ער האט שוין אַלדינג אָפּ גיטוּהן:

כ ווערקסלען. קאָנטראַקטען. רעכענונגען. האַנדעל בריף. טאר מען אַלין ניט לייענען שַׁבָּת. אַפִּילוּ נאר צו קוקען אין זייא האטשי מען זאגט ניט מיט דעם מויל טאָרין אויך ניט:

כא דאס וואס שטייט אויף גישריבען בַּיי דיא פּאָטרעטען פֿון וועמען דער פּאָטרעט איז טאר מען אויך ניט קוקען דרינען שַׁבָּת:

כב אַז עס קומט צו אַיינעם אַ בריף און ער ווייסט ניט וואס עס שטייט אין איהם מעג ער אַריין קוקען אין איהם. נאר ער זאל ניט לייענען מיט דעם מויל:

כג אַז מען ווייסט אַז עס שטייט ניט אין דעם בריף אַזעלכע זאכן וואס מען דאַרף פֿון גוף וועגען טאר מען ניט אַריין קוקען אויך אין איהם:

כד יעדער כְּתָב וואס מען טאר ניט אַריין קוקען דרינען שַׁבָּת און ער דאַרף עס צוא האבען נאך שַׁבָּת וועלכעס ער איז מַקְפִּיד מען זאל ניט דער מיט עפּיס פֿאַר שטופּען אָדער איין וויקלען עפּיס דרינען טאר מען עס ניט נעמען שַׁבָּת אין דער האנט אַריין:

כה ביכלעך פֿון אַזעלכע זאכן וואס שטייט ניט אין זייא פֿון תּוֹרָה לערנען און מען לערנט ניט אָפּ פֿון זייא קיין יִרְאַת שָׁמַיִם טאר מען ניט אַריין קוקען אין זייא שַׁבָּת:

כו אַפִּילוּ אין דער וואכען טאר מען אויך ניט קוקען אין אַזעלכע ביכלעך וועלכעס זייא נוּמְצען ניט אַפִּילוּ צום האַנדעל. אַפִּילוּ זייא זענען גישריבען אָדער גידרוקט אויף לְשׁוֹן קוֹדֶשׁ:

כז אַלדינג וואס דער יוּד טאר נישט טוהן שַׁבָּת טאר ער נישט זאגען צוא אַ גוֹי ער זאל טוהן שַׁבָּת:

כח אויך טאָרין ניט שַׁבָּת זאגין צו אַ גוֹי אָדער צו אַ יוּד ער זאל טוהן נאך שַׁבָּת אַזאַ זאך וואס מען טאר ניט טוהן שַׁבָּת:

כט נאר פֿון אַ מִצְוָה וועגין מעגין יוא היישען טוהן נאך שַׁבָּת נאר מען הייסט דאך ניט טוהן אום שַׁבָּת זעלבסט:

ל אַז מען האט ניט וואס צו עסן אָדער צו טרינקען מעגין זאגין צו אַ גוֹי ער זאל ברענגין פֿון אַזאַ אָרט וואס אַ יוּד טאר ניט טראגין אויב עס איז אין דיא צוויי טויזענד איילין:

לא נאר מען זאל ניט געבין איהם דיא כֵּלִי אין דער האנט אַריין. נאר דער גוֹי זאל זיא אַליין נעמען. און ווען ער ברענגט זאל דער יוּד ניט נעמען פֿון איהם אויס דער האנט נאר דער גוֹי זאל עס אַליין אַנידער שטעלין. דער איינציגער דין איז בַּיי אַלע זאכען וואס אַ גוֹי ברענגט שַׁבָּת:

לב אַז דיא לעכט זענין שַׁבָּת אויס גיגאַנגען פֿאַר דעם עסין מעגין היישען אַ גוֹי אַהער

בְּרֶענְגִין אַיין אָן גִיצוּנְדֶען לֶעכְט פוּן עֶרְגִיץ אַנְדֶערְשׁ :

לג אָבֶער צוּ הַייסֶען אַ גוֹי אָן צִינְדֶען אַ לֶעכְט טָאר מֶען נִיט חָאטְשֶׁי מֶען הָאט נִיט קֵיין לֶעכְט צוּ עֶסִין דֶער בַּייא :

לד דֶערְמִיט גְלַייכֶען טָאר מֶען נִיט הַייסֶען אַגוֹי אָן צִינְדֶען אַ לֶעכְט צוּ לֶערְנִין דֶער בַּייא :

לה אַז עֶס אִיז שַׁבָּת גוּט קָאלְט מֶעגִין הַייסֶען אַגוֹי אַיין הַייצֶען . אָבֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קָאלְט טָאר מֶען נִיט הַייסֶען אַיין הַייצֶען צַייטֶען מֶען הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס וֶוענִין זִיךְ שְׁטַארְק מְצַעֵר :

לו מֶען טָאר נִיט הַייסֶען דֶעם גוֹי אַיין הַייצֶען שַׁבָּת אִין מִיטֶען טָאג עֶס זָאל זַיין וַוארִים מוֹצָאֵי שַׁבָּת :

לז מֶען מֶעג הַייסֶען אַגוֹי דֶער וַוארִימֶען אַיין עֶסִין פוּן אַ קִינְד וֶועגֶען וָואס הָאט נִישְׁט שַׁבָּת עֶפִּים אַנְדֶערְשׁ צוּ עֶסִין :

## (קרח) סִימָן נט. דִינִים אַז מֶען טָאר נִיט פַאר קוֹיפֶען אָדֶער פַאר דִינְגֶען אוּם שַׁבָּת אוּנ וִויא אַזוֹי מֶען מֶעג בָּארְגִין אַיין עֶסִין וַוארְק אָדֶער מַשְׁקֶה . אוּנ נָאךְ דִינִים פוּן אַזֶעלְכִי זַאכִין . עֶר הַאלְט צְוַואנְצִיג סְעִיפִים :

א מֶען טָאר נִיט קוֹיפֶען אָדֶער פַאר קוֹיפֶען אוּם שַׁבָּת . אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט דִינְגֶען אָדֶער פַאר דִינְגֶען . אֲפִילוּ עֶר אִיז דַיינְט נִיט זִיךְ מַשְׁוֶוה מִיט אִיהֶם :

ב אַז מֶען וִויל שַׁבָּת בָּארְגֶען אַיין עֶסִין וַוארְק אָדֶער מַשְׁקֶה מוּז מֶען גִיוָוארִינְט זַיין אִין דִיא זַאכִין וָואס מִיר שְׁרַייבֶּען . אַזַא זַאךְ וָואס מֶען וֵוייסְט נִיט אַקְאַרַאט דֶעם מֶקַח דֶער פוּן טָאר מֶען נִיט גִידֶענְקִין דָאס וָוארְט גֶעלְט . דְהַיְינוּ מֶען טָאר נִיט זָאגִין גִיבּ מִיר פַאר אַ פָּאר קָאפִּיק עֶפִּיל אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס מֶען וֵוייסְט נִיט אַקְאַרַאט וִויא פִיהְל יֶענֶער וֶועט גֶעבִּין . נָאר מֶען זָאל זָאגִין גִיבּ מִיר צְוֵויי עֶפִּיל אָדֶער דְרַייא . וִויא פִיהְל מֶען דַארְף :

ג אַזַא זַאךְ וָואס מֶען וֵוייסְט אַקְאַרַאט דֶעם מֶקַח דֶער פוּן מֶעג מֶען זָאגִין גִיבּ מִיר פַאר אַזוֹי פִיהְל :

ד נָאר מֶען טָאר נִיט זָאגִין לְמָשָׁל גִיבּ מִיר פַאר דְרַייא קָאפִּיק אוּנ פוּן לַאנְג קוּמְט דִיר אוֹיךְ דְרַייא קָאפִּיק וֶועט דִיר סַךְ הַכֹּל קוּמֶען זֶעקְס קָאפִּיק . אֲפִילוּ עֶר לַייעְט זִיךְ פוּן אַנְדֶערִין טָאר עֶר אוֹיךְ נִיט אַזוֹי זָאגִין :

ה אַזַא זַאךְ וָואס מֶען וֵוייסְט נִיט דִיא מָאס דֶער פוּן טָאר מֶען נִיט זָאגִין גִיבּ מִיר אַ מָאס פוּן דֶער זַאךְ . הַיְינוּ מֶען טָאר נִיט זָאגִין גִיבּ מִיר אַקְוָוארְט עֶפִּיל אוֹיף דִיא עֶרְטֶער וָואס אִיז נִיט דֶער שְׁטֵייגֶער זֵייא צוּ מֶעסְטִין אוֹיף דֶער קְוָוארְט . אוּנ אַנְדֶערִי זַאכִין אַזַא שְׁטֵייגֶער וָואס אִיז נִיט דֶער שְׁטֵייגֶער זֵייא צוּ מֶעסְטִין :

ו אַזַא זַאךְ וָואס דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז עֶס צוּ מֶעסְטִין אוֹיף דֶער קְוָוארְט הַיְינוּ וַויין אָדֶער בְּרָאנְפִין אָדֶער בִּיעֶר מֶעג מֶען זָאגִין גִיבּ מִיר אַהַאלְבֶּע קְוָוארְט אָדֶער אַ קְוָוארְט דֶער פוּן :

ז נָאר עֶר זָאל נִיט זָאגִין מִיט דֶעם לָשׁוֹן מֶעסְט מִיר אָפּ אַ קְוָוארְט אָדֶער אַפָּאר קְוָוארְט :

ח דֶער וָואס בָּארְגְט זָאל נִיט שַׁבָּת גֶעבִּין דִיא מָאס פוּנְקְט גְלַייךְ נָאר עֶר זָאל גֶעבִּין אַבִּיסֶעל מֶעהְר אָדֶער אַבִּיסֶעל ווינְצִיגֶער :

ט חָאטְשֶׁי אִין דֶער וָואכִין טָאר מֶען נִיט גֶעבִּין ווינְצִיגֶער פוּן דֶער מָאס . אָבֶער שַׁבָּת וֵוייסְט שׁוֹין דֶער וָואס נֶעמְט אַז מֶען אִיז זִיךְ אַזוֹי נוֹהֵג שַׁבָּת וַוייל מֶען טָאר נִיט שַׁבָּת מֶעסְטִין פוּנְקְט גְלַייךְ :

י אוֹיךְ טָאר נִיט זָאגִין דֶער וָואס בָּארְגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן גִיבּ מִיר דְרַייא קְוָוארְט בִּיעֶר אוּנ פוּן לַאנְג קוּמְט דִיר אוֹיךְ פַאר דְרַייא קְוָוארְט וֶועט דִיר סַךְ הַכֹּל קוּמֶען פַאר זֶעקְס קְוָוארְט . אֲפִילוּ עֶר לַייעְט זִיךְ פוּן אַנְדֶערִין טָאר עֶר אוֹיךְ נִיט אַזוֹי זָאגֶען :

מען

יא מען מעג זאגן שבת צום אנדערן גיב מיר צוואנציג ניס אדער פופציג. נאר מען טאר ניט זאגן מיט דעם לשון עס קומט דיר שון ביא מיר פאר פופציג ניס גיב מיר נאך פופציג וועט דיר קומען פאר הונדערט:

יב ביא דעם אלימען טאר מען ניט זאגן דאס לשון פאר קויף מיר. נאר מען זאל זאגען דאס לשון גיב מיר אזוי וויא מיר האבין גישריבען:

יג אז מען נעמט עפים פון א גוי טאר מען ניט בצאלין שבת דאס געלט. אפילו מען ווייזט דעם גוי ווא דאס געלט ליגט ער זאל זיך אליין נעמין טאר מען אויך ניט. אפילו דורך איין אנדערין גוי טאר מען ניט בצאלין שבת:

יד דעסט גלייכען אז דער גוי נעמט עפים ביי א יוד און ער לייגט אנידער דאס געלט. חאטשי ער לייגט עס אליין אריין אין יודס טיש קעסטיל. טאר מען אלץ ניט:

טו מען טאר נישט שענקין שבת איינער דעם אנדערין נאר אזא זאך וואס איז פון שבת וועגען:

טז אויך טאר מען ניט שבת געבען דעם אנדערין א משכון נאר (פון א מצוה וועגין אדער פון שבת וועגען און ער זאל איהם ניט זאגין נאדיר א משכון נאר ער זאל עס איהם אזוי געבין:

יז אז איינער פאר דינגט דעם אנדערין אין מיטען דער וואך א דירה אדער כלים אויף טעג דהיינו ער זאגט איהם פאר יעדערין טאג וואס דוא וועסט זיצען אין דער דירה אדער ניצען מיט דער כלי זאלסטו מיר געבין אזוי פיהל טאר ער ניט נעמין פון איהם קיין ג׳צאלט פאר דעם שבת׳דיגען טאג. אפילו ער גיט איהם אין איינעם מיט דעם געלט פון דיא רעשט טעג. סייא ער פאר דינגט צו איוד סייא צו א גוי איז אלץ דער איינציגער דין:

יח איבער דעם דארפין גיווארינט צו זיין אין דיא נאכט היזער אז מען פאר דינגט א נומער אויף שבת מען זאל ניט רעכינען פאר יעדערין טאג באזונדער. נאר מען זאל פאר דינגען צו געבין פאר יעדערי צוויי טעג אזוי פיהל. אדער פאר יעדער וואך אזוי פיהל. אויף אזא אופן מעגין אלע זאכין פאר דינגען:

יט אז איינער דינגט פראטיג א יוד ער זאל איהם שבת היטען וועלכע זאך זאל ער איהם דינגען ער זאל היטען פרייטיג און מוצאי שבת אויך א פאר שעה. און ער וועט איהם אין איינעם געבין דער פאר אזוי פיהל:

כ אבער פאר דעם וואס ער היט שבת אליין טאר ער ניט נעמין קיין גיצאלט:

## (הקת) סימן ס. דינים פון א שלאפין אדער דער וואס איז עפים ניט גיזונד. און פון א קימפעטארין. ער האלט דרייא און דרייסיג סעיפים:

א אז איינער איז עפים ניט גיזונד און ער גייט ארום טאר ער ניט טוהן שבת קיין שום רפואה. אפילו צו שמירען זיך מיט עפים א רפואה:

ב און אנדערי טארין אויך ניט טוהן פון זיינעט וועגען. אפילו דורך א גוי טארין אויך ניט טוהן קיין מלאכה:

ג אויך אזא עסין וארק אדער משקה וואס גיזונטע מענטשין עסין ניט און טרינקען ניט דאס. טאר ער עס ניט עסין אדער טרינקען אום שבת פון רפואה וועגין:

ד אז איינער איז עפים ניט גיזונד אויף דיא אויגין טאר ער ניט ארויף לייגען אויף זייא קיין ניכטערין שפייעכטץ פון רפואה וועגין:

ה אבער אז מען קען ניט עפינען דיא אויגען מעגין זייא איין נעצין מיט ניכטערין שפייעכטץ מען זאל זייא קענין עפינען:

ו אז איינער האט צו פיהל גיגעסין און איז זיך מצער און וואלט עס גערין אפ גיבראכין



מעג

מעג ער איין שטעקן דעם פינגער אין מויל אריין ער זאל אפ ברעכן:

ז אָבער איין נעמין א רפואה צו ברעכין טאָר מען ניט צייטען ער איז שלאף באופן ווי מיר וועלין שרייבען בסעיף כ"ב כ"ג:

ח אז איינער האט ח"ו א מכה וואס איז ניט קיין סכנה טאָר ער ניט שבת ארויף לייגען קיין פלאסטער אפילו ער האט איהם פראטיג גימאכט:

ט אויך טאָר ער ניט שבת ארויף לייגען קיין שום זאך וואס היילט. היינו בלעטליך וואס היילען אָדער א שמיקעל צלט קלייד וואס איז נאך קיינמאל ניט גיוועזן אויף דער מכה. דען דאס היילט אויך דיא מכה:

י אָבער אזא זאך וואס איז נאר צו היטען זיא זאל זיך ניט רייבען מעג ער ארויף לייגען:

יא אז עס ליגט אויף איהר א פלאסטער פון פראטיג מעג ער אויף דעקין א שמיקעל פלאסטער און אפ ווישען דיא זייט מכה. דער נאך אויף דעקין דאס אנדערי שמיקעל פלאסטער און אפ ווישען דיא אנדערי זייט מכה:

יב אָבער דעם פלאסטער זעלבערט טאָר מען ניט אפ ווישען דען ער פאר גלעט דעם פלאסטער. און צוא פאר גלעטין שבת א פלאסטער איז אזוי גוט איין עבירה גלייך מען צינדט אן אלעכט ח"ו:

יג אז ער האט דעם פלאסטער אראפ גינומען טאָר ער איהם שוין ניט שבת צוריק לייגען אויף דער מכה:

יד אז דער פלאסטער פאלט שבת אליין אראפ אויף דער ערד טאָר ער איהם אויך ניט צוריק לייגען אויף דער מכה. אָבער אז ער פאלט ארויף אויף א כלי מעג ער איהם צוריק לייגען:

טו אז ער איז זיך שטארק מצער פון דעם וואס דער פלאסטער ליגט ניט אויף דער מכה מעג ער זאגין צו א גוי ער זאל דעם פלאסטער ארויף לייגען:

טז נאר ער טאָר ניט זאגין דעם גוי ער זאל אן שמירען שבת דעם פלאסטער צייטין ער איז שלאף באופן ווי מיר וועלין שרייבען בסעיף כ"ב:

יז מען טאָר ניט ארויף לייגען א פארמשיילע אָדער א שמיקעל לאווינט אויף א מכה וואס גייט פון איהר בלוט. דען דאס בלוט פארבט דיא זאך אום שבת. האטשי דיא פארמשיילע איז אזוי אויך רויט טאָר מען אלץ ניט:

יח אויך טאָר מען ניט קוועטשין דיא מכה עס זאל ארויס גיין פון איהר דאס בלוט:

יט נאר מען זאל אפ וואשין דאס אָרט מיט וואסער כדי דאס בלוט זאל אויף הערין צו גיין און דער נאך מעג מען ארום וויקלען אשמאטע:

כ אז דאס בלוט הערט ניט אויף צו גיין מעג מען ארום וויקלען שפינוועבאכטין אויף דעם אָרט. אז עס איז דא א גוי זאל מען היסען דעם גוי ארויף לייגען דאס שפינוועבאכטין. און דער נאך מעג מען שוין אליין ארויף לייגען דאס טיכעל:

כא דעסט גלייכין אז מען טוהט זיך א שניט און עס גייט בלוט דארף מען אויך גיוואָרינט צו זיין אין דעם צלימען:

כב אז איינער איז אזוי שלאף אז ער קען ניט ארום גיין נאר ליגט אין בעט. אָדער ער האט אזא שלאפקייט וואס זיין גאנצער גוף איז קראנק פון דעם מעג מען היסען א גוי אלדינג טוען פון זייטעט וו גין אפילו קאכען וואס ער דארף שבת. נאר נאך שבת דארף מען פרעגין א שאלה אויף דיא כלים און אויף דעם עסין וואס איז גיבליבען פון דעם קאכען:

כג אויך מעג דער שלאפער עסין אָדער טרינקען אלע רפואות וואס ער דארף:

כד אז מען דארף איהם צו לייגען א רפואה זאל מען היסען א גוי צו לייגען. אז עס איז ניט דא קיין גוי זאל א יוד צו לייגען אנדערש ווי ער לייגט צו אין דער וואכין.

למשל

למשל מיט דיא אנדערע זאט פינגער אונ נאך אזא שטייגער:

**כה** אבער פראסטי צו לייגען אונ ווער שמועסט מאכין דיא רפואה טאר ניט קיין יוד נאר דורך א גוי:

**כו** דאס אלץ שמועסט נור אז עס איז ניט קיין סכנת נפשות. אבער אז א רופא אפילו א גוי אדער דער יוד וואס ווייסט זאגט אז עס איז סכנת נפשות איז א מצוה יעדער יוד זאל אויף איהם מחלל שבת זיין. פייער צו ברענין אונ אלדינג צו טוען וויא ווייט מען קען נאר איהם ראטיוועז. אויב מען האט ניט תיכף א גוי דאס צו טוען:

**כז** אז מען ווייסט ניט אזוי אויב עס איז סכנת נפשות זאל מען אלץ טוען דורך א גוי אדער אנדערש פון אן דער וואכין אזוי וויא מיר האבען פריער גישריבען:

**כח** א קימפעטארין האט אויך דעם דין וויא א שלאפער וואס איז סכנת נפשות. איבער דעם מעג מען בייא איהר מחלל שבת זיין אז מען דארף אונ מען האט ניט קיין גוי:

**כט** אז מען קען טוען דיא מלאכות אנדערש פון אין דער וואכין זאל מען טוען:

**ל** זיא ווערט אן גירופין קינען דעם א קימפעטארין ביז סוף דעם זיבעטין טאג פון קינד האבין:

**לא** נאך דעם זיבעטין טאג ביז דרייסיג טאג האט זיא דעם דין וויא א שלאפער וואס איז ניט קיין סכנת נפשות. דאריבער טוט מען וואס זיא דארף דורך א גוי:

**לב** נאר מען מוז גיווארינט זיין מען זאל זיא ניט פאר קילען. דען דאס איז בייא איהר סכנת נפשות:

**לג** איבער דעם אז מען דארף צו הייצען אונ מען קריגט ניט קיין גוי מעג דער יוד הייצען אום שבת פון דיא דרייסיג טאג פון קינד האבין:

## (בלק) סימן סא. דינים פון דעם ארט וואס מען טאר ניט טראגין. ער האלט זיבען אונ צוואנציג סעיפים:

**א** אויף דעם ארט וואס איז ניט דא קיין עירובין אדער דער עירוב איז איבער גריסען גיווארין טאר מען ניט טראגין שבת קיין שום זאך אפילו אין קעשינע:

**ב** אויך טאר מען ניט דארט ווארפין קיין שום זאך אונ ניט שלעפין קיין שום זאך:

**ג** נאר ווינציגער פון פיהר איילין מעגין מען טראגין אין דראסין אליין. איין איל ווערט גירעכינט זעקס פאסטען. מען קער זיך אבער היטען פון דעם. דען עס איז דא אין דעם חילוקי דינים:

**ד** אין רשות היחיד מעגין יוא טראגין. רשות היחיד הייסט א שטוב אדער א הויף וואס איז ארום גיצוימט מיט פיהר ווענט וואס דיא ווענט זענין ניט נידריגער פון צעהן פאסטען מעגין טראגין אין דער שטוב אדער אין דעם הויף. (זעה איין בסימן ס״ב):

**ה** פון רשות היחיד ארויס אדער פון דראסין אין רשות היחיד אריין טאר מען ניט טראגין אדער ווארפען אדער שלעפין קיין שום זאך:

**ו** איבער דעם טאר מען ניט שבת שעפין קיין וואסער פון דער ברונען וואס שטייט אויף דעם ארט וואס מען טאר ניט טראגין. דען דיא ברונען הייסט א רשות היחיד. וייל דער גרוב איז ארום מיט פיהר ווענט פון דער ערד ממילא טאר מען ניט ארויס טראגין פון גרוב ארויס:

**ז** א הויז אדער א הויף וואס אז מען קומט ארויס דער פון איז מען שוין אין דראסין אונ דיא טיהר עפינט זיך אריין טאר מען ניט טראגין קיין שום זאך פון דער שוועל ארויס. אונ ניט פון דראסען אויף דער שוועל ארויף. אונ ניט פון דער שוועל אין הויז אריין. אונ ניט פון הויז אויף דער שוועל ארויף:

**ח** מען טאר ניט טראגין פון הויז אויף דער פאטשינע ארויס חאטשי דיא פאטשינע איז אונטער איין דאך מיט דעם הויז. דען דיא פאטשינע האט ניט קיין ווענט. דאריבער

רעם

טאר מען אויך ניט טראגן אויף דער פאטשינע זעלבערט :

ט אז מען דארף זאל מען פרעגן דעם וואס קען לערנען וויא אזוי מען זאל דיא פאטשינע פאר שבת פארעכטין מען זאל מעגן אויף איהר טראגן :

י אין א גארטען אדער אין א פעלד אדער וואו עס איז גיזייעט טאר מען ניט טראגן האטשע עס איז ארום גיצוימט מיט ווענט. נאר אז זייא זענען ניט גרוים איז דא איין אופן וואס מען מעג דארט טראגן מייל זאגין. אז מען דארף זאל מען פרעגן א שאלה :

יא יעדער זאך וואס איז ניט קיין מלבוש אונ נישט קיין צירונג טאר מען ניט טראגן אויף זיך וואו מען טאר ניט טראגן :

יב דאריבער טאר ניט דער מאנצבול ארוים טראגן אויף זיך קיין נאדעל אונ ניט קיין שפילקע. אפילו דאס מלבוש איז מיט איהר פאר שפילעוויט :

יג דיא ווייבער מעגין ארוים גיין מיט דיא שפילקעס וואס זענין פאר שפילעוויט. אבער ניט מיט מעהר וויא זייא דארפין צו פאר שפילעווין. אונ אויך נור מיט א שפילקע וואס האט ניט קיין לעכיל. אבער ניט מיט קיין נאדיל האטשי זיא איז פאר שפילעוויט :

יד מען טאר ניט טראגין אפילו א זייגעריל אין קעשענע אדער אבריל אויף דער נאז אויף דעם ארט וואס מען טאר ניט טראגין :

טו מען טאר ניט ארויף לייגין א פארטשיילע אויף דער הויב אדער אויף דעם היטעל כדי זייא זאלין ניט בארעגינט ווערין :

טז א לאמער אדער א שלאפער אדער איין אלטער מאן וואס קען ניט גיין אן קיין שטעקין אונ אפילו ער גייט ארום אין שטוב מוז ער אויך גיין מיט א שטעקין מעג ער גיין ארוים מיט דעם שטעקין :

יז אבער אז ער גייט אין שטוב אן א שטעקין טאר ער ניט גיין מיט דעם שטעקין וואו מען טאר ניט טראגין. א בלינדער טאר אויך ניט דארט גיין מיט א שטעקין :

יח אז עס איז א בלאטע מעגין זיך אויף הייבען א ביסעל דאס מלבוש עס זאל ניט איין גירעכט ווערין. אבער שטארק אויף הייבען טארין ניט :

יט אז מען גייט נור דאס מלבוש איף זיך אויף גיהאנגין אדער מען גייט אין א טלית וואס ער האט גאר ניט קיין ארבל טאר מען ניט אויף הייבען אפילו א ביסעל פאר דער בלאטע. וואו מען טאר ניט טראגין :

כ אויך מוז מען דארט גיין אן גיטועען אין טלית וויא עס קער צו זיין. אבער ניט ארום וויקלען איהם ארום האלדז :

כא אויף דעם ארט וואס מען טאר ניט טראגין טאר מען ניט גיין אין צווייא גארטלין איינער אויף דער אנדערע אז דער שפייגער איז ניט אזוי צו גיין :

כב אבער אז עס איז א מלבוש א צווישען שייד דהיינו איין גארטעל איז אויף דיא הויזען אונ דיא אנדערע איז אויף דער קאפיטע מעגין יוא גיין אזוי :

כג אז מען וויקעלט ארום דיא נאז פארטשיילע אויף דיא הויזען זאל מען ניט מיט קיין אנדערע זאך דענקאלט זייא ארום גארטלין :

כד דעסט גלייכין אן צו טוען דיא נאז פארטשיילע אויף דעם האלדז מעגין נאר אז מען גייט ניט אין קיין אנדערע פארטשיילע אויף דעם האלדז אונ דער שפייגער איז דארט צו גיין אן גיטוען אפארטשיילע אויף דעם האלדז :

כה מען טאר ניט ארום וויקלען דיא פארטשיילע אויף דעם פוס אדער ארום דער האנט אונ אזוי גיין וואו מען טאר ניט טראגין :

כו דיא מענטשין וואס טראגין פאפיר ווען זייא דארפין צו האבין נקיות וואו מען טאר ניט טראגין זאלין זייא האטש ניט מיט נעמין נאר וויא פיהל זייא דארפען צינדערט אונ אויך נור ווען מען גייט האבין נקיות. אבער צו טראגין תמיד פאפיר טאמער וועט

מען

מען דארפין טארין ניט וויא מען טאר ניט כו׳ אין:

**כז** איף דעם ארט וואס מען טאר ניט טראגין טארין ניט טראגין קיין קינדער סייא עס קען אליין גיין סייא ניט:

## (פנחס) סימן כב. דינים פון עירובי חצרות. ער האלט פינף און צוואנציג סעיפים:

**א** אז צוויא יודען אדער מעהר וואוהנען אין איין הויז יעדערער אין א באזונדער שטיבעל און צווישען דיא שטיבלעך איז דא א פעדער הויז וואס מען גייט דער פון אריין אין יעדערען שטיבעל. טארין ניט טראגין פון קיין שום שטיבעל אין פעדער הויז אריין. און ניט פון פעדער הויז אין וועלכין שטיבעל אריין. צאהען מען האט פריהער געמאכט איין עירובי חצירות:

**ב** אפילו עס איז דארט ניט דא קיין פעדער הויז אין קיין הויף נאר זייא וואוהנען אין צוויא שטיבלעך און איינער האט דעם גאנג דורך דעם אנדערין. טאר מען אויך ניט טראגין פון איין שטיבעל אין אנדערין אריין צאהען מען האט פריהער געמאכט איין עירובי חצירות:

**ד** דאס שטיבעל אליין נאר איף דעם ארט וואס מען טאר ניט טראגין. אבער אין דער שטאט וואס איז מיט עירובין מען זאל מעגין טראגין איז גינוג וואס דער רב מאכט איין עירובי חצירות פאר דער גאנצער שטאט:

**ה** נאר אז דער עירוב איז פריהער איבער גריסען געווארין טאר מען ניט טראגין אפילו פון איין שטוב אין דער אנדערער אריין (וואס וואוינט דארט איין אנדערער) אין אלע הייזער וואס מען האט ניט דארט פריהער געמאכט איין עירובי חצירות. אזוי וויא מיר האבין פריהער גישריבען:

**ו** דעם עירובי חצירות זאל מען אזוי מאכין. איינער פון דיא בעלי בתים וואס וואוינען דארט זאל נעמין פריהער א חלה אדער א ברויט וואס איז אזוי גרויס האמש וויא זעקס היהנערני אייער. און זאל עס געבין איין אנדערין אין דער האנט אריין (נאר ניט איינעם פון זיינע קינדער). און זאל זאגין איהם נעם דיא חלה און זייא זוכה פון אלע יודען וועגען וואס וואוינען אין דעם הויף (אדער אין דעם הויז). דיא חלה זאל קערין צו אלע יודען וואס וואוינען אין דעם הויף אדער אין דעם הויז:

**ז** און דער אנדערער נעמט פון איהם און הייבט עס אויף א פאסט הויך. נאך זינען האבען אז ער וויל עס זוכה זיין פון דיא אלע מענטשין וועגין

**ח** דער נאך זאל דער וואס מאכט דעם עירוב נעמין פון איהם דיא חלה אזוי. בהדין עירובא יהא שרי לנא לאפוקי ולעיולי מן הבתים לחצר ומן החצר ומבית לבית לכל ישראל הדרים בבתים שבחצר זה:

**ט** דיא טייטש פון דיא ווערטער איז אז דורך דעם עירוב זאלין מיר אלע קענין ארויס טראגין און אריין טראגין פון דיא שטובען אין הויף אריין אדער אין פעדער הויז אריין. און פון הויף אדער פון פעדער הויז אין דיא שטובען אריין. און פון איין שטוב אין דער אנדערער אריין. דאס אלץ זאל זיין מותר צו אלע יודען וואס וואוינען אין דעם הויף אדער אין דעם הויז:

**י** דיא חלה דארף צו ליגען אין א שטוב וואס האלט האמש פיר איילין דיא ברייט און פיר איילין דיא לענג:

**יא** דיא חלה דארף צו ליגען ביז פראטיג צו נאכט ווען עס איז שוין גוט נאכט. דער מעג ער שוין איבער איהר א מוציא מאכין בנאכט אדער שבת בטאג:

יב נאר עס זאל זיין ביי איהם אין דער דיעה אז ער וועט ניט מקפיד זיין אז יענער וואס וואונט דארט וועט זיא עסין . דען דער עירוב איז מיימש אז דאס גאנצע הויז זענען שותפות אין דער חלה :

יג אז פראטיג איז יום טוב טאר מען ניט מאכין קיין עירובי חצירות . נאר מען זאל מאכין ערב יום טוב :

יד אז צוויי יודען וואוינען מיט אגוי אין איין הויף אדער אין איין הויז יעדערער אין א באזונדער שטיבעל . איז הוין וואס זייא דארפין צו מאכין איין עירובי חצירות דארפין זייא צו דינגען פון דעם גוי דאס רשות וואס ער האט אין דעם הויז . און אז ניט טאר מען זייא ניט טראגין אין דעם הויז אזוי וויא מיר האבין געשריבען :

טו אז עס וואוינען אין דעם הויז עטליכע גוים יעדערער אין א באזונדער שטיבעל דארפין צו דינגען פון יעדערין גוי :

טז אז עס וואונט ניט מיין וויא איין יוד אין דעם הויז דארף ער ניט צו מאכין קיין עירובי חצירות און ניט צו דינגען פון גוי :

יז אפילו דער גוי וואונט אין איין אנדערין הויף נאר ער האט ניט קיין אנדערין דורך גאנג ארוים נאר דורך דעם יודישען הויף . אדער דער גוי וואונט אויף שטיגען און גייט אראפ דורך דעם יודישען הויף אדער דורך דעם יודישען פעדער הויז . טאר מען אויך ניט טראגין דארט צאטען מען דינגט דאס רשות פון גוי :

יח אז דיא דירה וואס דער גוי וואונט איז א יודס נאר דער גוי האט זיא פון איהם גידונגען דארפין ניט צו דינגען דאס רשות פון גוי :

יט בשעת דער יוד וויל דינגען פון גוי זאל ער נעמין א מטבע אדער אנאנדערי זאך . און זאל זאגין צום גוי פאר דינג מיר דיין רשות וואס דוא האסט אין דעם הויף אדער אין דעם הויז . און זאל איהם געבין דיא זאך :

כ אבער אז דער יוד גיט ניט דעם גוי עפיס פאר דעם פועלט ניט האטשי דער גוי שענקט איהם דאס רשות :

כא מען דארף ניט צו דינגען ביי דעם גוי אליין נאר אפילו מען דינגט פון גוים ווייב זיין רשות איז אויך גינוג :

כב אפילו מען דינגט נאר דעם גוים רשות פון דעם גוים משרת פועלט אויך שוין כל זמן דער משרת איז דארט ביי דעם גוי :

כג אז דער גוי שטארבט אדער ער ציעט זיך אוים פון דער דירה דארפין דער נאך צוא דינגען דאס רשות פון דעם גוי וואס וואונט יעצט אין דער דירה :

כד אז עס וואונט אין דעם הויף א משומד ר"ל אדער א פושעי ישראל וואס איז מחלל שבת פאר א סך יודען דארפין פון איהם צוא דינגען דאס רשות אזוי וויא פון אגוי :

כה דאס וואס מיר האבין ביז אהער געשריבען צו דינגען פון דעם גוי איז אויף אזא ארט וואס מען טאר ניט טראגין . אבער אין דער שטאט וואס דער רב מאכט זיא ארום מיט עירובין מען זאל מעגין דארט טראגין קער דאס אלץ צום רב . און ער בווארינט שוין על פי דין וואס עס וואוינען גוים אויך אין דער שטאט :

## (מטות) סימן סג. דינים וויא וויים מען מעג גיין אום שבת . און פון עירובי תחומין . און פון דעם וואס איז שבת אויף דעם וואסער . ער האלט דרייא און דרייסיג סעיפים :

א מען טאר ניט גיין שבת (פון דעם ארט וואס ער איז גיוועין אין אן הייב שבת) מיין וויא צווייא טויזענט איילין אין יעדער זייט פון דעם ארט :

זעקס

**ב** זעקס פֿאַסטעכן פֿון אַ מיטעל מענטש ווערט גירעכנט איין איל. די אַלע דינים פֿון דעם סימן גייען אויך אָן בייא יום טוב:

**ג** דער וואָס איז אין אָן היים שבת אין שטאָט מעג שבת גיין צוויי טויזענד איילען פֿון עק שטאָט אָן. אויף יעדער זייט פֿון דער שטאָט:

**ד** אַז איי עֶר איז ניט אין אָן היים שבת אין שטאָט אונ ער וויל שבת גיין אין שטאָט אַריין טאָר ער ניט מיין גיין נאָר צוויי טויזענט איילין פֿון דעם אָרט וואָס ער איז גיוועזין אין אָן היים שבת:

**ה** דאַריבער אַז די צוויי טויזענט איילין לאָזען זיך אויס אין מיטען דער שטאָט טאָר ער נישט מעהר גיין נאָר ביז צו דעם אָרט וואָס זיינע צוויי טויזענט איילען לאָזען זיך דאָרט אויס:

**ו** אַז מען לייגט איין עירוב אַזוי ווי מיר וועלין שרייבען בסעיף י"ב מעגין גיין צוויי טויזענט איילען פֿון עירוב אָן. דאַריבער אַז איינער דאַרף שבת צו גיין פֿיהר טויזענט איילען זאָל ער פֿראַמטיג לייגען איין עירוב אויף דעם אָרט ווא עס לאָזען זיך אויס זיינע צוויי טויזענט איילין. וועט הייסען אַזוי גוט גלייך ער וואָלט גיוועזין אין אָן היים שבת אויף דעם אָרט ווא דער עירוב ליגט. ממילא וועט ער שבת מעגין גיין די צוויי טויזענט איילען פֿון דעם אָרט וואָס ער איז גיוועזן אין אָן היים שבת ביז צו דעם עירוב. אונ נאָך צוויי טויזענט איילען פֿון עירוב אָן:

**ז** אָבער צו גיין שבת מעהר פֿון פֿיהר טויזענט איילין העלפֿט ניט קיין עירוב:

**ח** דער מענטש וואָס לייגט איין עירוב צו גיין פֿיהר טויזענט איילין למשל אויף מזרח זייט טאָר ער ניט גיין אויף מערב זייט אפילו איין טריט ווייטער פֿון דעם אָרט וואָס ער איז אין אָן היים שבת. דען עס הייסט דאָך אַזוי גוט גלייך ער איז גיוועזן אין אָן היים שבת אויף דעם אָרט ווא דער עירוב ליגט. ממילא האָט ער ניט מיין צו גיין נאָר אַרום דעם עירוב צוויי טויזענט איילען. אונ דאָס אָרט וואָס ער איז אין אָן היים שבת איז דאָך שוין ניט צוויי טויזענט איילען פֿון דעם עירוב. ער מעג נאָר גיין צו דעם עירוב אונ פֿון דעם עירוב ווייטער צוויי טויזענט איילען:

**ט** דער מענטש וואָס איז אין אָן היים שבת אין שטאָט מעג גיין אין דער גאַנצער שטאָט האָטשי ער האָט פֿרייטיג גילייגט איין עירוב צוויי טויזענט איילען פֿון דער שטאָט. נאָר ער טאָר ניט גיין אַרויס אויס דער שטאָט אין קיין שום זייט נאָר אין דער זייט וואָס ער האָט גילייגט דעם עירוב:

**י** דער וואָס איז אין אָן היים שבת ניט גיוועזן אין שטאָט אונ האָט פֿרייטיג גילייגט איין עירוב ער זאָל מעגין שבת גיין אין שטאָט אַריין טאָר ער ניט מיין גיין נאָר צוויי טויזענט איילין פֿון דעם אָרט וואָס דער עירוב ליגט. ממילא אַז די צוויי טויזענט איילין לאָזען זיך אויס אין מיטען דער שטאָט טאָר ער ניט גיין ווייטער:

**יא** אַז איינער לייגט איין עירוב מעהר ווי צוויי טויזענט איילען פֿון דעם אָרט וואָס ער איז אין אָן היים שבת. דעסט גלייכע אַז דער וואָס וואוינט אין שטאָט לייגט איין עירוב מעהר ווי צוויי טויזענט איילען פֿון דער שטאָט. איז דער עירוב קיין עירוב ניט. אונ זיי האָבין דעם איינגענעם דין ווי דער וואָס האָט גאָר ניט גילייגט קיין עירוב:

**יב** דער עירובי תחומין דאַרף אַזוי גימאַכט צו ווערין. מען זאָל נעמען ברויט אָדער חלה וואָס איז האָטש אַזוי גרויס ווי זעקס אייער. אָדער ציבעלע וואָס איז אַזוי גרויס ווי צוויי אייער אונ מען זאָל פֿראַמטיג גיין צו דעם אָרט וואָס מען וויל עס לייגען אונ מען זאָל עס דאָרט אַנידער לייגען אונ מען זאָל זאָגין די ווערטער „דאָרך דעם עירוב זאָל איך מעגין גיין פֿון דעם אָרט אָן צוויי טויזענט איילין אין אַלע זייטען פֿון דעם אָרט" אונ זאָל

דאס

דאס לאזען ליגען אויף דעם ארט אביסעל צו גידעקט כדי דאס זאל ליגען דארט האטשי ביז עס וועט זיין גוט נאכט:

יג און נאך דעם אנידער ליגען מעג ער שוין צוריק אהיים גיין. און שבת וועט ער שוין מעגין גיין ביז דעם עירוב און צוויי טויזענט איילין ווייטער פון עירוב:

יד אז מען ליגט אנידער דעם עירוב און מען זאגט גאר ניט איז דאס קיין עירוב ניט:

טו עס מעג אנאנדערער מענטש אויך ליגען איין עירוב פון זאנעט וועגען. נאר יענער מענטש זאל שוין אלט זיין דרייצעהן יאהר:

טז בשעת יענער ליגט דעם עירוב זאל ער זאגין דאס לשון "דורך דעם עירוב זאל דער מענטש מעגין גיין פון דעם ארט אן צוויא טויזענט איילען אין אלע זאטען פון דעם ארט":

יז אז מען ליגט איין עירוב פאר עטליכע מענטשין וועגען זאל מען זאגין דאס לשון "דורך דעם עירוב זאל דער און דער מעגין גיין פון דעם ארט אן צוויא טויזענט איילין אין אלע זאטין פון דעם ארט":

יח מען דארף גיווארינט צו זיין דער עירוב זאל אזוי גרויס זיין עס זאל זיין פון יעדערין מענטשען וועגין אזוי גרויס וויא מיר האבין גישריבען בסעיף י"ב. און אויך יעדער עירוב זאל זיין דעם מענטשם זעלבערט וואס מען ליגט פון זאנעט וועגען. און ניט קיין אנדערינם:

יט אויך זאל מען יעדערין פון זייא זאגין פראטיג אז מען ליגט פון זיינעט וועגען איין עירוב:

כ דיא אייגענע דינים גייען אן ביא דעם וואס ליגט פון איין מענטשם וועגען איין עירוב:

כא אז מען ליגט דעם עירוב אריין אין א גריבעל און דעקט איהם צו מיט ערד איז דאס קיין עירוב נישט. אבער אז מען דעקט איהם צוא מיט א שטיין איז דאס יוא אגוטער עירוב:

כב אז מען ליגט דעם עירוב אויף א בוים איז אויך גוט. אבער אז מען ליגט איהם אויף א ווייך שטעקעלי וואס וואקסט פון דער ערד איז דאס ניט קיין עירוב:

כג מען זאל ניט ליגען קיין עירוב נאר ווען מען דארף שבת צו גיין פון א מצוה וועגען:

כד אז פראטיג איז יום טוב זאל מען ליגען דעם עירוב ערב יום טוב. אבער נישט אום יום טוב:

כה אז זונטאג איז יום טוב און מען וויל ליגען איין עירוב מען זאל מעגין גיין שבת אדער יום טוב זאל מען ליגען פראטיג:

כו אז מען וויל גיין שבת און יום טוב אדער ביידע טעג יום טוב דארף דער עירוב צו ליגען אויף דעם ארט ביז עס איז שוין גוט נאכט פון דעם מעת לעת וואס מען וויל גיין אין איהם. הניץ ראש השנה איז גינוג (אויף יום טוב) אז עס ליגט ביז דער ערשטע נאכט פון ראש השנה:

כז אז איינער וויל שבת אוועק גיין אויף דעם וואסער אויף טראמוועס טאר ער אנדערש ניט צאטען ער איז דארט אריין גיגאנגען פראטיג פאר נאכט און איז דארט גיוועזען ביז עס איז גיווארין גוט נאכט. חאטשי ער איז דער נאך אהיים גיגאנגען מעג ער שבת אין דער פריא צוריק אריין גיין און דיא גוים זאלין מיט איהם אוועק שווימען אויב זייא שווימען ניט דער עיקר פון זיינעט וועגען:

כח נאר נאך דעם וואס ער שווימט אפ צוויי טויזענט איילין טאר ער ניט דעם שבת ארויס גיין פון דארט אזוי וויא מיר וועלין שרייבען בסעיף ל':

כט אז דיא טראמוועס גייען אויף נידריג וואסער וואס איז ניט הויך פון גרונט צעהן פאהסטען טאר ער ניט שבת שווימען דארט מעהר וויא צוויא טויזענט איילין צאטען ער איז דארט אריין גיגאנגען דינסטאג אדער פריער:

און

**ל** אַז אײנער שװיכט אױף טראַמװעס און איז שבת אַרױס געגאַנגען אױף דער בריקעניש און איז דער נאָך צוריק אַרײן געגאַנגען און איז װײטער אָפּ געשװיכען צװײא מוזעגם אײלען און קוכט װײטער צו אײן אָרט. טאָר ער שױן ניט דעם שבת אַרױס גײן:

**לא** אָבער אַז ער איז דעם שבת נאָך ניט אַרױס געגאַנגען פון דיא טראַמװעס קען ער אַרױס גײן װען ער שטעלט זיך און גײט אױף דעם אָרט צװײא מוזענט אײלען גלײך װיא אַנאַנדערער:

**לב** אַז מען װײסט אַז דיא טראַמװעס זענען גיגאַנגען דעם שבת אױף אַזא אָרט װאָס איז ניט געװען קײן צעהן טאָפּטען פון דעם גרונד ביז דיא טראַמװעס האָט ער דעם אײנינעם דין גלײך ער װאָלט אױף דעם אָרט אַרױס געגאַנגען װאָס מיר האָבען פריער געשריבען:

**לג** דיא אײגענע דינים גײען אָן בײא דעם װאָס גײט יום טוב אױף דעם װאַסער. יעדערן טאָג יום טוב װאָס ער גײט:

## (מסע״י) סימן כד. דינים פון מוצאי שבת און פון הבדלה. ער האָט צװײא און דרײסיג סעיפים:

**א** מען טאָר ניט מוצאי שבת טוען קײן מלאכה צאַמען מען זעהט אין הימעל דרײא קלײנע שטערין אױף אײן אָרט. און ניט צו שפּרײט:

**ב** אַז עס איז אַ חמאַרנע טאָג טאָר מען ניט טוען קײן מלאכה ביז מען װײסט זיכער אַז װען דער הימעל װאָלט געװען לױטער װאָלט מען שױן געזעהן דרײא קלײנע שטערין בנאַנט:

**ג** װען מען זעהט שױן דרײא קלײנע שטערין בנאַנט איז דער מנהג נאָך אַביסעל צו װאַרטען מיט מעריב כדי מען זאָל צו לײגען נאָך אַביסעל פון דער נאַכט צום שבת. (זעה אײן בסעיף י״א):

**ד** בײא דער שמונה עשרה פון מעריב זאָגט מען אתה חוננתנו. אַז מען פאַר געסט צו זאָגען אתה חוננתנו און מען דער מאָנט זיך אײדער מען האָט געזאָגט דעם שם פון חונן הדעת זאָל ער זאָגען אתה חוננתנו כו׳ והנגו מאתך כו׳:

**ה** אָבער אַז ער דער מאָנט זיך הערנט נאָך דעם שם זאָל ער װײטער דאַװענען און שױן ניט זאָגען אתה חוננתנו:

**ו** רעכט גלײכין אַז ער דער מאָנט זיך הערנט נאָך שמונה עשרה זאָל ער שױן ניט נאָך אַמאָל דאַװענען:

**ז** נאָך שמונה עשרה זאָגט דער חזן חצי קדיש. דער נאָך זאָגט מען ויהי נועם און ואתה קדוש כו׳. דער נאָך זאָגט דער חזן גאַנץ קדיש:

**ח** אַז עס געפאַלט יום טוב אין מיטען דער װאָך זאָל מען ניט זאָגען ויהי נועם ואתה קדוש:

**ט** שבת פאַר נאַכט אַ פערטיל שעה אײדער עס שטײט שטערין טאָר מען ניט עסין אָדער טרינקען ביז דער הבדלה. אָבער דער װאָס הײבט אָן צו עסין דיא סעודה פון שלש סעודות װען עס איז נאָך טאָג און זיצט אין דער נאַכט אַרײן קען ער עסין און טרינקען ביז צום בענטשן:

**י** אױך טאָר מען ניט טוען קײן מלאכה אפילו עס איז שױן גוט נאַכט צאַמען מען מאַכט הבדלה אָדער מען דאַװענט מעריב און מען זאָגט אתה חוננתנו:

**יא** אַז מען באַדאַרף אָן צו צינדען לעכט פאַר מעריב אָדער מען האָט פאַר געסין צו זאָגען אתה חוננתנו זאָל מען זאָגען דיא װערטער „ברוך המבדיל בין קודש לחול״ װעט מען שױן מעגען אָן צינדען לעכט:

**יב** דיא װײבער מוזען אױך זאָגען דיא װערטער אײדער זיא צינדען אָן אַ לעכט:

יום

יג עס איז אָבער גְלייכער ניט צו טוּען קיין מְלָאכָה ראָמשׁו מען האָט גיזאָגט הַמַבְדִיל בֵּין מען זאָגט אַפְּ וְאַתָּה קָדוֹשׁ נאָך מַעֲרִיב:

יד אַז מוֹצָאֵי שַׁבָּת איז יוֹם טוֹב און מען וויל טוּען אַ מְלָאכָה וואָס מען מעג יום טוב באַרפֿען צו זאָגען דיא ווערטער „בָּרוּךְ הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְקוֹדֶשׁ":

טו אַז איינער וויל יוֹצֵא זיין מיט וואָס מען הערט הַבְדָלָה מוז מען גוט אויס הערען דיא בִּרְכַּת הַבְדָלָה און ניט אֲפִילוּ זאָגען קיין בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ. נאָר אָמֵן אַלֵיין:

טז אויך מוזען דיא ווייבער גוט אויס הערען דיא הַבְדָלָה כְּדֵי זייא זאָלען יוֹצֵא זיין:

יז אויף דעם אָרט וואָס וואַקסט ניט קיין ווייַנטרויבען וועלכֶים דער ווייַן איז דאָרט טייער מעגין מאַכין הַבְדָלָה איבער בִּיער אָדער אַנְדֶערע מַשְׁקֶה אַזוי וויא מיר האָבען גְשְׁריבען בְּסִימָן ל' סְעִיף ב'. זעה איין דאָרט וּבְסְעִיף ד' ה' ו' ז' ח' וּבְסִימָן מ"ט סְעִיף י"א י"ב דיא זאַכען וואָס מען דאַרף גיוואָרינט צו זיין בייא דעם כּוֹס פון הַבְדָלָה:

יח בְּשַׁעַת מען גִיסט אָן דעם כּוֹס אָן זאָל אַבִּיסָעל איבער גיין. דען דאָס איז אַ סִימָן בְּרָכָה:

יט בְּשַׁעַת מען זאָגט דיא בְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אָדער שֶׁהַכֹּל זאָל מען האַלְטען דעם כּוֹס אין דער רעכטער האַנט. און בְּשַׁעַת מען מאַכט דיא בְּרָכָה בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים זאָל מען האַלטען די בְּשָׂמִים אין דר רעכטע האַנט. דער נאָך מאַכט מען בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ

כ דער נאָך זאָל מען צוריק נעמין דעם כּוֹס אין דער רעכטע האַנט אריין און האַלטען איהם ביז מען מאַכט אָפּ דיא הַבְדָלָה:

כא דער נאָך זאָל מען זיך אַנידער זעצין און אויס טרינקען דעם כּוֹס און מאַכין אַ בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה נאָך ווייַן אָדער בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת נאָך מַשְׁקֶה. (זעה איין בְּסִימָן ל"ב אות ו'):

כב דאָס ביסעל וואָס בלייבט זאָלין פּאַר גיסען און פאַר לעשין דרינען דיא הַבְדָלָה אויך זאָלין דער מיט איין נעצין דיא אויגין צו וואַזין דאָס ליבשאַפט פון דער מִצְוָה:

כג ווייבער זאָלין ניט טרינקען פון דער הַבְדָלָה:

כד עס איז אַ מִצְוָה צו מאַכין אויס וואַקס אַ גידרייטע הַבְדָלָה אַזויא ווי דער מִנְהָג איז. אַז מען האָט ניט זאָל מען צו נאָנט קלעבין צוויי לעכט אַז דר פְּלַאם זאָל זיין בנאָנט:

כה אַ בְּלִינְדער זאָל ניט מאַכין קיין בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ:

כו דער וואָס פִילט ניט קיין רֵיחַ בְּשַׁעַת ער שְׁמֶעקְט זאָל ער ניט מאַכין קיין בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים:

כז דער וואָס קען זאָל עסין דיא סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה וויא עס קער צו זיין, דער וואָס קען ניט זאָל מְקַיֵים זיין מְלַוֶה מַלְכָּה מיט איין אייער קיכעל. אָדער לעקיך. אָדער תאַמִש מיט פֵּירוֹת:

כח וואָס ער עסט זאָל ער אַלץ דענקין דעם טיש גלייך ער עסט אַ גאַנצע סְעוּדָה:

כט דער וואָס האָט שוין גימאַכט הַבְדָלָה אָדער גיהערט פון אַנאַנדערין מאָר ער שוין ניט נאָך אַמאָהל מאַכין פון ווייבערס וועגין:

ל דאַריבער אַז איינער הערט מאַכין הַבְדָלָה און זיין ווייב האָט נאָך ניט גיהערט. זאָל ער אין זינען האָבין ער זאָל ניט יוֹצֵא זיין מיט דעם הערין. מִמֵילָא וועט ער מְחוּיָב זיין אַליין צו מאַכין הַבְדָלָה. וועט ער שוין קענין דער נאָך מאַכין אין דער היים הַבְדָלָה:

לא אַז איינער האָט מוֹצָאֵי שַׁבָּת ניט גימאַכט קיין הַבְדָלָה זאָל ער מאַכין הַבְדָלָה זונטאָג אָדער מאָנטאָג אָדער דינסטאָג. און פון דינסטאָג אויף דער נאַכט אָן טאָר ער שוין ניט מאַכין קיין הַבְדָלָה:

לב אַז מען מאַכט הַבְדָלָה פון זונטאָג אָן זאָל מען ניט זאָגין די בְּרָכָה בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים און ניט דיא בְּרָכָה בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ. נאָר דיא בְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן איבער ווייַן אָדער שֶׁהַכֹּל איבער מַשְׁקֶה. און דיא בְּרָכָה הַמַבְדִיל:

דינים

# סימן כה. דינים פון ראש חודש און פון קידוש לבנה. עס האלט זעכצען סעיפים:

א טייל מענטשן זענען זיך נוהג צו פאסטען ערב ראש חודש. אויך זאגין זייא יום כפור קטן דען דענסמאלט דארפין תשובה טוהן אויף דיא זינד פון א גאנצען חודש. וואָרעם דענסמאלט איז א גוטע צייט דער אייבערשטער זאל אונז מוחל זיין:

ב איבער דעם אפילו דער וואס זאגט ניט יום כפור קטן זאל זאגין עפ"פ ערב ראש חודש דיא וידוי או"א כו' אשמנו. און זאל פאר שמייזן דיא מייטש. און זאל האבין חרטה אויף דיא זינד. און געמין אייף זיך שוין גוט צו זיין (זעה איין בסימן קי"ז סעיף ח'):

ג מען טאר ניט פאסטען ראש חודש. עס איז א מצוה צו עסין ראש חודש בעסער ווי אנאנדערין טאג. אז ראש חודש געפאלט אום שבת זאל מען אן גרייטען לכבוד ראש חודש איין עסין וואָרק מעהר פון אלע שבתים. אדער מען זאל בייא מלוה מלכה עפים עסין לכבוד ראש חודש:

ד דיא ווייבער זענען זיך נוהג אז זייא טוהן ניט קיין מלאכה אום ראש חודש. עס איז דא טעמים דער צו. דאריבער זאלין זייא ניט מיקל זיין אין דעם:

ה הלל דארפין צו זאגין שטייענדיגע הייט. אויך טאר מען ניט אויס רעדין אין מיטען:

ו מען דארף צו זאגין הלל בנאנט מיט דעם עולם אויב עס איז מיגליך. דאריבער אז דער עולם זאגט הלל בשעת ער האלט נאך פאר ברוך שאמר דארף ער צו זאגען דעם הלל מיט זייא. דער נאך זאל ער דאוונען:

ז ראש חודש זאגט מען האלב הלל. און דיא טעג זאגט מען גאנץ הלל. דער סימן איז בבט"ח. דיא ב' איז דיא ערשטע צווייא טעג פסח. דיא אנדערי ב' איז צווייא טעג שבועות. דיא ט' איז ניין טאג סוכות מיט שמחת תורה. דיא ח' איז אכט טעג חנוכה:

ח אלע חודש איז מען מחויב מחדש צו זיין דיא לבנה. מען איז זיא ניט מחדש נאר דענסמאלט ווען עס איז שוין גוט נאכט. וואס מען דער קענט דאס שיין אויף דער ערד. ווייל עס איז א שאטען אויף טייל ערטער און מען קען הנאה האבין פון איהר לייכטען:

ט אויך דארף זיא צו זיין לגמרי און ניט אונטער קיין וואלקין:

י מען דארף זיא מחדש זיין בשעת מען שטייט אונטער דעם הימעל. אויך מוז מען אנטוהן געבין דאס ארט זאל זיין ריין אזוי וויא מיר האבין גישריבען בסימן ב':

יא אז מען האט ניט קיין ריין ארט אין דרויסען אדער מען קען ניט ארויס גיין מעגין זיא מחדש זיין אין פענסטער הויז אדער אין שטוב אז מען עפינט דאס פענצטער:

יב בשעת מען וויל מחדש זיין דיא לבנה זאל מען זעהן דיא לבנה פאר דער ברכה און זיך גלייך שטעלין און מאכין דיא ברכה:

יג זינט מען הייבט אן צו מאכין דיא ברכה זאל מען שוין ניט קוקען אויף דער לבנה:

יד בשעת מען זאגט דיא ווערטער כשם שאני רוקד זאל מען זיך אויף שטעלין אויף דיא שפיץ פיס דרייא מאהל קעגען דער לבנה. נאר מען זאל ניט איין בייגען דיא קניען עס זאל ניט אויס זעהן אז ער קנייט צו דער לבנה ח"ו:

טו מען זאל ניט מחדש זיין דיא לבנה פאר זיבען טאג פון מולד. צייטען עס גיפאלט מוצאי שבת נאך דרייא טאג פון מולד:

טז אויך זאלין זיא ניט מחדש זיין נאר ביז פערצעהן מעת לעת און אכצעהן שעה צווייא און צוואנציג מינוט פון מולד:

דינים

# סימן סו. דינים פון יום טוב. ער האלט צוויא און פופציג סעיפים:

א עס איז א מצוה אויף יעדערין יוד ער זאל פאר יום טוב לערנין דיא דינים וואס קערין
צו יום טוב. כדי ער זאל וויסען וואס מען טאר ניט טוען יעדערין יום טוב:

ב אלדינג וואס מען טאר ניט טוהן שבת טאר מען ניט טוהן יום טוב אפילו דורך
א גוי. נאר דיא זאכין וואס גייען אן אין עסין וואריק. דהיינו קנעטין. באקין. שעכטין:
קאכען. פייער ברענין. ארויס טראגין. דיא זאכין מעגין טוהן יום טוב אז מען דארף אזוי
וויא מיר וועלין שרייבען:

ג אז מען דארף צו שטויסען פעפער אדער בשמים אום יום טוב זאל מען איין ביגען
דעם מערדזאר אין דער זייט. בשעת מען שטויסט כדי עס זאל זיין אנדערש פון אין
דער וואכין:

ד קאווע זאל מען ניט מאהלין אין א מילעכין. נאר שטויסען אין א מערדזאר און איין
ביגען דעם מערדזאר אויף דער זייט:

ה עס איז אבער גלייכער דאס אלץ צו טוהן ערב יום טוב. אויך טאר מען ניט יום טוב
שטויסען א סך עס זאל בלייבען אויף בנאכט אדער אויף מארגען:

ו אז מען וויל יום טוב קנעטין זאל מען ניט מעסטין דאס מעהל. נאר מען זאל נעמען
אביסעל ווינציגער פון דער מאס אדער אביסעל מעהר:

ז לאקשין אדער פערפיל וואס ווערין ניט קאליע אז זייא זענין גיקנעטין ערב יום טוב זאל
מען זייא קנעטין ערב יום טוב:

ח אז מען האט ניט גיקנעטין ערב יום טוב זאל מען זייא קנעטין יום טוב אנדערש פון
אין דער וואכין. דהיינו אז דער שטייגער איז צו קנעטין אויף א ברעט זאל מען יום טוב
קנעטין אויף עפים אנדערש:

ט דעסט גלייכען פירות וואס ווערין ניט קאליע אז מען זאל זייא קאכען ערב יום טוב
דארפין זייא צו קאכען ערב יום טוב. אדער צו קאכען יום טוב אביסעל אנדערש פון
אין דער וואכין:

י פון דעם טייג וואס מען האט גיקנעטין יום טוב מעגין יום טוב נעמין חלה. נאר מען
זאל דאס שטיקעל טייג באלד אוועק לייגען אין א ווינקעל. און ניט פאר ברענין אם
יום טוב. און אויך ניט נעמין עס דער נאך אין דער האנד אריין. נאר נאך יום טוב זאל
מען עס פאר ברענין:

יא אז מען האט ניט גינומען קיין חלה פון דעם טייג וואס מען האט גיקנעטין ערב יום
טוב זאל מען פרעגין א שאלה:

יב דיא עופות וואס דרייען זיך ארום אין שטוב אדער אין הויף און זייא זענין שוין דארט
גיוואוינט אז אפילו זייא גייען ארויס קומען זייא בנאכט אהיים מעג מען זייא חאפען
צוא שעכטין פון כבודות יום טוב וועגען. אבער אז נישט פון דעם וועגען טאר מען
ניט חאפען זייא:

יג דיא עופות וואס מען האט הערשט גיקויפט וואס זענין נאך ניט גיוואוינט אליין אהיים
צו קומען טאר מען ניט יום טוב חאפין אפילו פון שעכטין וועגען:

יד נאר אז זייא זענין זוי אזא ארט וואס מען קען זייא חאפען אז מען וועט זיך נאר
איינמאל איין ביגין אדער העכער וואס זיצען בנאכט וועלכעס זייער שטייגער איז
דערנאך זיך ניט צו רירען מעגין זייא נעמין צו שעכטין פון סעודת יום טוב וועגען:

טו ביי דיא אופנים וואס מען מעג נעמין דיא עופות זאל מען ערב יום טוב אן גרייטען
וועלכע עופות מען וויל שעכטין. און ניט צו קלויבען יום טוב וועלכע צו שעכטין:

טז דיא עופות וואס מיר שרייבען אז מען טאר ניט נעמען זייא צו שעכטין טאר מען ניט

זַייא גֶעבְּן צוּ עֶסְן אָדֶער צוּא טְרִינְקְן צַייטְן מֶען שְׁטֵייט אַבִּיסְעל ווַייט פוּן זַייא. טָאמֶער וֶועט מֶען פַאר גֶעסְן אוּנ מֶען וֶועט זַייא גֶעמְן:

יז טוֹבְן אָדֶער פֵייגְל טָאר מֶען נִיט יוֹם טוֹב נֶעמְן אִין דֶער הַאנְט אַרַיין אֲפִילוּ זַייא זֶענְן שׁוֹין גְרֵייט אוּנְט אַלֵיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען. אַז זַייא זֶענְן גָאר קְלֵיין זָאל מֶען פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה:

יח אַז מֶען דַארְף יוֹם טוֹב צוּ פַאר נֵייעֶן אַ מֶענְאַלְי מִיט מֶעהְל אַזוֹי וִויא דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז טָאר מֶען נִיט פַאר נֵייעֶן נָאר צַייטְן מֶען הָאט עֶרֶב יוֹם טוֹב אַרַיין גִיצוֹגְן דֶעם פָּאדִים אִין דֶער נָאדְל. אוֹיךְ דַארְפְן עֶרֶב יוֹם טוֹב צוּ זֶעהְן דֶער פָּאדִים זָאל נִיט זַיין צוּא לַאנְג:

יט אַז מֶען הָאט אַזוֹי גִיטוּהְן נָאר עֶס בְּלַייבְּט יוֹם טוֹב נָאךְ דֶעם צוּא נֵייעֶן אַ שְׁטִיקְעל פָּאדִים מֶעגְן עֶס אָפּ בְּרֶענְגְן:

כ אַ לֶעכְט אוֹיס וַואקְס אָדֶער אוֹיס חֵלֶב טָארְן נִיט עֶס דֶער וַוארִימֶען אוּנ אָן קְלֶעבְּן אִין לַייכְטֶער אָדֶער אִין דֶער וַואנְט:

כא אַז דָאס רֶערְיל אִיז פוּהְל מִיט חֵלֶב מֶעגְן עֶס אוֹיס מַאכְן מִיט אַזאַ זַאךְ וָואס מֶען מֶעג יוֹם טוֹב נֶעמְן אִין דֶער הַאנְט אַרַיין:

כב מֶען טָאר נִיט פַאר לֶעשְׁן פַייעֶר אוֹיף יוֹם טוֹב. אוֹיךְ טָארִין נִיט גוֹרֵם זַיין עֶס זָאל פַאר לָאשְׁן וֶוערְן. דְהַיְינוּ צוּ שְׁטֶעלְן דָאס לֶעכְט אוֹיף דֶעם ווִינְט:

כג אֲפִילוּ עֶס אִיז צִינְדֶערְט נִיט קֵיין ווִינְט טָארִין אוֹיךְ נִיט הַאלְטְן דָאס לֶעכְט אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס אַז עֶס וָואלְט גִיוֶוען אַ ווִינְט וָואלְט דָאס לֶעכְט פַאר לָאשְׁן גִיוָוארִין:

כד אוֹיךְ טָארִין נִיט עֶפִינֶען קֵיין פֶענְצְטֶער אָדֶער אַ טִיר קֵיגְן דֶעם לֶעכְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי נָאהֶנְט אַז עֶס וָואלְט פַאר לָאשְׁן גִיוָוארִין וֶוען דֶער ווִינְט וֶועט בְּלָאזְן אִין דְרָאסְן טָארִין נִיט עֶפִינֶען אֲפִילוּ דֶער ווִינְט בְּלָאזְט נִיט צִינְדֶערְט:

כה אַז מֶען צִינְט אָן אַ לָאמְפּ פוּן נַאפְט מוּז מֶען גִיוָוארִינְט זַיין מֶען זָאל נִיט אַרַיין דְרֵייעֶן דָאס קְנֵייטְעל אוֹיס יו״ט. דֶען דָאס הֵייסְט גְלַייךְ מֶען פַאר לֶעשְׁט אַבִּיסְעל פַייעֶר פוּן קְנֵייטְעל. דַארִיבֶּער זָאל מֶען יוֹם טוֹב פַאר דֶעם אָן צִינְדֶען אַרָאפּ נֶעמְן דָאס קִינְמֶענְדִיל אוּנ גוּט אַרַיין דְרֵייעֶן עֶס זָאל נָאר בְּלַייבְּן עֶטְווָאס אַז דָאס פַייעֶר זָאל זִיךְ קֶענְן אָן הַאפְּן. אוּנ מֶען זָאל אָן צִינְדֶען אוּנ אַרוֹיף זֶעצְן דָאס קִינְמֶענְדִיל מִיט דֶעם גְלֶעזִיל. דֶער נָאךְ מֶעגְן אַרוֹיס דְרֵייעֶן ווִיא פִיהְל מֶען דַארְף עֶס זָאל זַיין לֶעכְטִיגֶער נָאר נִיט אַרַיין דְרֵייעֶן:

כו אוֹיךְ טָארִין נִיט אַוֶועק נֶעמְן פוּן פַייעֶר אַזאַ הָאלְץ וָואס דָאס זִיךְ שׁוֹין אָן גִיהוֹיבְּן צוּ בְּרֶענְנִין. דֶען מִיט דֶעם וָואס מֶען נֶעמְט עֶס אַוֶועק גֵייט עֶס אוֹיס:

כז אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט עֶס אַוֶועק צוּ לֵייגְן עֶס אִין דֶער אַנְדֶערֶער הַאט פַייעֶר אָדֶער אִין אַנְדֶער פַייעֶר אַרַיין אִיז נִיט קֵיין אִיסוּר:

כח מֶען טָאר נִיט יוֹם טוֹב אַיין הֵייצֶען אִין שְׁטוּבּ אַז מֶען קָאכְט נִיט דֶער בַּייא צָאמְן עֶס אִיז גוּט קַאלְט אָדֶער דוּרְךְ אַגוֹי:

כט אַז מֶען הָאט נִיט קֵיין גוֹי אוּנ דִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענְן זִיךְ מְצַער פוּן דֶער קֶעלְט מֶעגְן אַיין הֵייצֶען. אוֹיבּ מֶען קֶען זָאל מֶען דֶער בַּייא עֶפִּיס קָאכְן. הַיְינוּ צוּ עֶסְן:

ל מֶען טָאר נִיט זִיךְ בָּאדְן יוֹם טוֹב אִין וַוארִים וַואסֶער. נוּר דָאס פָּנִים מִיט דִיא הֶענְט מֶעגְן אָפּ וַואשְׁן אִין דֶער הֵיים מִיט וַוארִים וַואסֶער:

לא מֶען טָאר נִיט יוֹם טוֹב מַאכְן פַייעֶר פוּן אַרַייבּ קִינְדֶעל אָדֶער פוּן אַ בְּרֶענְגְלָאז אָדֶער פוּן שְׁטֵיינֶער:

לב מֶען טָאר נִיט יוֹם טוֹב לֵייגְן בְּשָׂמִים אוֹיף קוֹילֶען אוֹיס צוּ רֵייכֶערִין דִיא שְׁטוּבּ אָדֶער מַלְבּוּשִׁים. אוֹיךְ טָארִין נִיט לֵייגְן בְּשָׂמִים אוֹיף אַ מַלְבּוּשׁ דָאס מַלְבּוּשׁ זָאל שְׁמֶעקְן:

לג פִיל פוֹסְקִים שְׁרַייבְּן אַז מֶען טָאר נִיט רֵייכֶערִין קֵיין טִיטוּן אָדֶער צִיגַארִין אוֹיס יוֹם טוֹב. דֶער וָואס רֵייכֶערְט תָּמִיד מֶעג זִיךְ פַאר לָאזְן אוֹיף דִיא פוֹסְקִים וָואס זֶענְן

מתיר

מתיר נור מען זאל ניט פאר רייכערן מיט אזא פאפיר וואס שטייט דארויף אותיות. דען
אז ער פאר ברענט עס הייסט גלייך ער מעקט אפ דיא אותיות:

לד אויף זאל מען געווארנט זיין בשעת מען פאר רייכערט מיט א קויל אדער מיט פאפיר
מען זאל זיא ניט אוועק ווארפען נאך דעם פאר רייכערן. דען זיא ווערן דארך
דעם פאר לאשין. דאריבער זאל מען זיא נאך דעם פאר רייכערן וואלגע אנידער לייגן:

לה אויך טארין ניט צו שנייען דעם טיטון אום יום טוב. אויך טארין ניט אפ בייסין
דאס שפיצעל פון דיא ציגארין. (נור מען זאל פאר רייכערן פון דער זאט) אויך
טארין ניט קלעבין דיא פאפיראסין:

לו אויך איז ניט גלייך יום טוב צו רייכערן אונ אין א נייע קמאנדבאלקי אויס שאבין וואס
איז ניט גיגלייזט:

לז דעסט גלייכען איז ניט גלייך יום טוב צו קאכין אין נייע ערדערנע טעפ וואס זענען
ניט גיגלייזט. אויב מען האט נאך ניט גיקאכט אין זייא פאר יום טוב

לח מען טאר ניט אפ שנייצען א לעכט וואס ברענט זיך. אבער אז מען וויל אן צינדען א
לעכט וואס האט זיך שוין גיברענט אונ עס איז שוין לאנג פאר לאשין גיווארין מעגין
עס אפ שנייצען איידער מען צינדט עס אן:

לט אויף דעם ארט וואס מען טאר ניט שבת טראגין מעגין נאר יום טוב טראגין אז מען
דארף היינט אזא הנאה פון גוף וועגין וואס יעדערער דארף אזעלכע זאך. אדער מען
דארף צו טראגין א ספר צו דאווינען. אדער צו לערנען דרינען דעם טאג:

מ אבער אזא זאך וואס מען דארף ניט היינט חאטשי מען טראגט עס ביא זיך ווייל
מען דארף עס צו היטען. טארין אויך ניט:

מא איבער דעם דארף מען געווארנט צו זיין אז מען וויל גיין יום טוב אויף אזא ארט
וואס מען טאר ניט שבת טראגין. זאל מען אוועק לייגען פון זיך דיא שליסלעך פון
דיא קעסטליך וואס עס ליגען ניט אין זייא אזעלכי זאכין וואס מען דארף יום טוב

מב אבער דאס שליסעלי פון דעם קעסטיל וואס ליגען דרינען דיא מלבושים אדער
עסין ווארג וואס מען דארף היינט מעגין האבען ביא זיך אז מען האט עס מורא
איבער צו לאזען אין דער היים:

מג אויך זאל מען ניט טראגין קיין גרויסע משאות אויף דיא ערמער וואס עס דרייען
זיך מענטשין:

מד אויך זאל מען ניט טראגין איף דעם רוקען אדער אויף דעם אקסיל אזוי וויא אין
דער וואכען. נור אין דער האנט אויב עס איז מעגליך:

מה פון אגוי וועגין טארין ניט יום טוב קאכען אדער באקען אדער טראגין וואו מען
טאר ניט שבת טראגין:

מו דא וואו מען טאר ניט שבת טראגין טארין ניט יום טוב טראגין פון בהמות וועגין:

מז אויך טארין נישט טוען פון בהמות וועגין קיין שום זאך וואס מען טאר ניט טוען
אום שבת:

מח אלע מלאכות וואס מען מעג טוען יום טוב מעגין נור פון דעם איינינעם טאג וועגין
אבער צו קאכען אדער טוען וועלכע מלאכה אויף בנאכט אדער אויף מארגין טארין
ניט. חאטשי דער אנדערער טאג איז אויך יום טוב. ווער שטועסט אז מען טאר ניט
יום טוב מיען אויף אין דער וואכען:

מט אפילו אזא זאך וואס איז ניט קיין מלאכה היינו צו ברענגין וואסער אויף בנאכט
אדער ויין אויף קידוש פון בנאכט אדער אויף הבדלה אדער אפ צו וואשין כלים אויף
בנאכט טארין אלץ ניט:

נ נור אז עס איז יום טוב פאר נאכט אביסעל פריצייטער מעגין שוין אן צינדען א לעכט.
דען

דען דאס אן צינדען איז עס זאל צינדערט זיין לעכטיג :

נא ערב יום טוב פאר נאכט דארף מען צו פאר מאכען די גיוועלבען האמש אהאלבע שעה פאר נאכט :

נב אויך מוז מען גיווארנט זיין מען זאל האמש פון א האלבע שעה פאר נאכט אן שוין גיט טוען קיין שום זאך וואס מען טאר ניט טוען אום יום טוב :

## סימן סז . דינים פון דיא זאכין וואס מען טאר ניט נעמין אין דער האנט אריין אום יום טוב . ער האלט זיבעצין סעיפים :

א דיא דינים וואס מיר האבען גישריבען בסימן נ"ז פון דיא זאכין וואס מען טאר ניט נעמין שבת אין דער האנט אריין . אדער דיא זאכין וואס מיר האבין דארט גישריבען אז מען מעג זייא נעמין אין דער האנט אריין וועגין דער זאך און ניט וועגין דעם . גייען אויך דארט אן אום יום טוב :

ב נור חילוק עס איז דא זאכין וואס מען מעג טוען יום טוב אונ ניט שבת למשל ברענגין אדער קאכין אדער שעכטין דאריבער איז דא אזעלכע זאכין וועלכים מען מעג זייא יום טוב נעמין אין דער האנט אריין אונ שבת ניט . למשל פייער אדער לאכטער אדער איין עוף צו שעכטין וועלכעס מען מעג יום טוב . אבער חוץ דיא זאכען האט יום טוב דיא דינים פון שבת :

ג מיט דיא זאכין איז יום טוב הארבער פון שבת . דהיינו אז מען שיילט אפ יום טוב א פרי אונ דיא שאהל נוצין נאך פון בהמות וועגין . אדער מען עסט יום טוב פלייש אונ עס בלייבט ביינער וואס א הונט קען זייא עסין . אדער כלים וואס זענין יום טוב צו בראכין גיווארין אונ זייא טויגען נאך צו עפיס נאר ניט צו דעם וואס זייא האבין פריער גינוצט . דאס אלעמיך זאל מען ניט יום טוב נעמין אין דער האנט אריין . אונ שבת יוא :

ד אבער שאהלין פון ניס אונ פון אייער אונ הארטע ביינער אונ שטיקלעך צו בראכענע כלים וואס טויגען גאר ניט האבין מיר גישריבען בסימן נ"ז סעיף א' אז מאר גיט אפילו שבת זייא נעמין אין דער האנט אריין :

ה האלץ מעגין נאר נעמין יום טוב אין דער האנט אריין צו ברענגין דער מיט פייער . אבער ניט צו פאר שטעקין דער מיט דיא טיהר אדער צו שארין דער מיט דאס פייער . אונ נאך אזא שטייגער אז מען דארף גייטיג זאל מען פרעגין א שאלה :

ו דאס אש פון דעם האלץ וואס איז ערב יום טוב פאר ברענט גיווארין מעגין יום טוב נעמין אין דער האנט אריין :

ז אבער דאס אש פון דעם האלץ וואס איז יום טוב פאר ברענט גיווארין מעגין עס נאר נעמען אין דער האנט אריין ווען עס איז ווארים אז מען קען דארויף עפיס בראטען . אבער ווען עס איז קאלט טאר מען עס ניט נעמין אין דער האנט אריין :

ח מען טאר גיט יום טוב אפ רייסען פירות אדער חאפין פיש פון טייך אדער פון קאזיפקע :

ט אז א גוי ברענגט יום טוב פירות וואס איז צוא קלערין אז ער האט זייא היינט אפ גריסען אדער ער ברענגט פיש וואס איז צוא קלערין אז ער האט זייא היינט גיחאפט טאר מען ניט עסין זייא אונ ניט נעמען אין דער האנט אריין דעם טאג . אונ אויב זייא זענין מוקצה דעם אנדערין טאג יום טוב אדער שבת איז דא חילוקי דינים . דאריבער זאל מען פרעגין אשאלה :

י אזא זאך וואס דער גוי האט ניט גיטוהן דער בייא קיין מלאכה אום יום טוב נאר ער האט עס גיברענגט פון יודענס וועגען פון דעם ארט וואס איז ווייטער פון צוויי טויזענט איילען . דארפין צו פרעגין א שאלה אויב מען מעג עס עסין היינט בטאג אדער בנאכט :

סי"ב און דיא קינדער און זיין גאנץ הויז גיזינד. יעדערין אזוי וויא עס קער צו איהם:
ט דהיינו דיא קינדער זאל מען געבין ניס און אנדערי זאכין וואס איז גוט פאר זייא.
דעם ווייב זאל מען מאכין אויף יום טוב קליידער אדער צירונג וויא וויט מען קען. דיא
מאנטשביל דארפין צו עסין פליישׁ און טרינקען וויין לכבוד יום טוב:
י האטשי עס איז א מצוה יום טוב צו עסין און טרינקען זאל מען ניט עסין און טרינקען
אגאנצע טאג. נאר מען דארף אויך צו לערנין. אדער תהלים זאגין:
יא אויך בדארפין גיוואָרינט צו זיין צו געבין דיא אָריכע לייט מיט דיא יתומים און אלמנות
אויך צו עסין יום טוב. יעדער מענטש וויא וויט ער קען. דען אז ניט איז דאס
עסין און טרינקען קיין מצוה ניט און מען ווערט ח"ו גישטראפט אז מען וויל נישט יום
טוב זיך אום קוקען אויף דיא אָרעמע לייט זייא זאלין האבין צו עסין וויא עס קער צו זיין:
יב אז מען פרייעט זיך יום טוב מיט עסין אונ טרינקען זאל מען ניט זיך אן שיכערין און
שטיפען. דען מיר זענין גיבאטין גיוואָרין צו פרייען זיך יום טוב און צו דינען גאט
ברוך הוא מיט דער שמחה. אבער ניט צו לאבען און שטיפען דורך איהר:
יג יעדער מענטש איז מחויב אכטונג צו געבין אויף זיין הויז גיזינד זייא זאלין נישט גיין
שפאצירען אדער זיין אויף אזעלכע ערטער וואס קענין זיך אום מישען מאנטשבול מיט
ווייבער. כדי מען זאל ניט קומען צו קיין עבירה ח"ו. דען יודען דארפין זיין הייליג און
אפ גהיטען פון דיא זאכין:
יד מוצאי יום טוב זאגט מען אין דער שמונה עשרה ביא אתה חונן אתה חוננתנו אזוי
וויא מוצאי שבת. אויך זאל מען מאכין מוצאי יום טוב הבדלה. נאר מען זאל ניט
מאכין קיין בורא מאורי האש און ניט קיין בורא מיני בשמים:
טו ביא דעם אלימען איז ניט קיין חילוק סייא מוצאי יום טוב איז חול המועד סייא עס
איז שוין אין דער וואכין:
טז אסרו חג קער אויך אביסעל צו יום טוב. דאריבער זאל מען דעם טאג אביסעל בעסער
עסין פון אין דער וואכין. איך זאל מען ניט פאסטען דעם טאג. אפילו דער וואס
האט יאר צייט. אדער חתן וכלה וואס האבין דעם טאג חתונה:

# סימן ע. דינים פון כהנים דוכענין. ער האלט זעקס און דרייסיג סעיפים:

א פאר דעם דוכענין זאל דער כהן ניט טרינקען קיין וויין אדער אנדערע משקה וואס
מאכט שיכור:
ב דער כהן דארף זיך צו וואשין פאר דעם דוכענין דיא הענט ביז דעם ארביל:
ג דיא לוים וואשין דיא כהנים. און זייא וואשין זיך פריער דיא הענט איידער זייא
וואשין דיא כהנים:
ד מען טאר ניט דוכענין אין דיא שיך:
ה בשעת דיא כהנים שטייען שוין אויף דעם אָרט ווא זייא דוכענין זאלין זייא שטיין מיט
דעם פנים צוא מזרח ביז דעם דוכענין. און בשעת דער חזן זאגט מודים זאלין זייא
זאגין מודים דרבנן בנאנט מיט דעם ציבור:
ו דער נאך זאלין זייא זאגין דיא תפלה יהי רצון מלפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו
שתהא הברכה הזאת שצויתנו לברך את עמך ישראל ברכה שלימה ולא יהיה בה שום
מכשול ועון מעתה ועד עולם:
ז זייא זאלין אויס לאזען דיא תפלה בשעת דער חזן לאזט אויס הטוב שמך ולך נאה
להודות. כדי דער אמן וואס דער עולם זאגט זאל זיין אויף דער תפלה אויך:
ח דער נאך זאגט דער חזן אלהינו ואלהי אבותינו ברכנו בברכה כו' שטילער הייט. און
דאס

דאס ווארט כהנים זאגט ער הויך. מיט דעם ווארט כהנים הייסט ער דיא כהנים דוכענען
און זאגט שטילער היינט עם קדושיך כאמור:

ט דער נאך זאלין דיא כהנים זאגין אלע בנאנט דיא ברכה אשר קדשנו בקדושתו של
אהרן כו׳. בשעת זייא האלטין בייא דעם ווארט וצונו זאלין זייא זיך אוים דרייען מיט
דעם פנים צום עולם און זאלען אוים לאזען וצונו לברך כו׳:

י נאך דער ברכה זאל דאס ציבור זאגין אמן. אבער דער חזן זאל ניט זאגין אמן נאך
דער ברכה:

יא דאס וואס מען לאזט אוים אין דער ברכה דאס ווארט באהבה איז דיא טייטש מען
זאל בענטשין דיא יודען מיט ליבשאפט. אבער דער כהן וואס ווייסט אז דאס ציבור
האט איהם פיינד אדער ער האט פיינד דאס ציבור טאר ער ניט דוכענין בייא דעם ציבור.
נאר ער זאל גיין צו אנאנדער מנין:

יב אויף דעם ארט וואס איז ניט מיין דא וויא איין כהן זאל ניט דער חזן זאגין דאס
ווארט כהנים הויכע הייט. נאר דער כהן אליין מאכט דיא ברכה בשעת דער חזן
האלט דארט:

יג נאך דער ברכה דארפין דיא כהנים אויף צו הייבען דיא הענט פאר דעם פנים קייגען
דיא אקסלין. וויא אזוי דיא פינגער זאלין זיין צו טיילט ווייסען שוין דיא כהנים אויך זאל
דיא רעכטע האנט זיין אביסעל העכער פאר דער לינקער האנט:

יד דיא כהנים זאלין פאר דעם דוכענין אראפ לאזען דעם טלית איבער דעם פנים כדי זייא
זאלין ניט קוקען אויף דיא הענט אדער ערגיץ אנדערש. נאר זייא זאלין אין זינען
האבין וואס זייא רעדין:

טו דעסט גלייכען דאס ציבור זאלין זיך אויך אראפ לאזען דיא טליתים פארין פנים זייא
זאלין ניט קוקען אויף דיא הענט פון דיא כהנים. נאר זייא זאלין גוט אוים הערין דאס
דוכענין. אויך זאלין זייא שטיין מיט דעם פנים צו דיא כהנים:

טז דער חזן זאגט פער דיא כהנים פון סידורעל ארוים. און דיא כהנים זאגען נאך
יעדער ווארט:

יז נאך דעם ווארט וישמרך און נאך דעם ווארט ויחנך און נאך דעם ווארט שלום זאל
דער עולם ענטפערין אמן:

יח בשעת דיא כהנים זאגין דיא ווערטער יברכך. וישמרך. אליך. ויחנך. אליך. לך.
שלום. זאלין זייא אביסעל אוים דרייען דאס פנים צו דרום זייט און צו צפון זייט:

יט בשעת דיא כהנים דוכענין זאל דאס ציבור ניט זאגין קיין שום פסוקים. נאר זייא
זאלין גוט אוים הערין דיא ווערטער:

כ דעם רבש״ע זאל דאס ציבור זאגין בשעת דיא כהנים ווארטין בייא וישמרך ויחנך
שלום. דער חזן טאר ניט זאגין דעם רבש״ע:

כא נאך דעם דוכענין זאל דער חזן אן הייבען שים שלום. דער נאך זאלין דיא כהנים
זיך צוריק דרייען מיט דעם פנים צו מזרח און זאגין דיא תפלה. „רבון העולמים
עשינו מה שגזרת עלינו כו״ אדיר במרום כו״ אזוי וויא עס שטייט אין סידור:

כב דיא כהנים זאלין אוים לאזין דיא תפלה בשעת דער חזן לאזט אוים המברך את עמו
ישראל בשלום. כדי דער אמן וואס דער עולם זאגט זאל זיין אויף זייער תפלה אויך:

כג דיא כהנים טארין ניט אן הייבען דיא ברכה אשר קדשנו בקדושתו של אהרן ביז דער
חזן וועט האבין גיזאגט דאס ווארט כהנים:

כד דער חזן טאר ניט אן הייבען דאס ווארט יברכך ביז דער עולם וועט האבין גיזאגט
אמן נאך דער ברכה פון דיא כהנים:

כה דעסט גלייכען בייא דעם אמן וואס דער עולם זאגט נאך וישמרך און נאך ויחנך און
נאך

יא מען טאר ניט יום טוב מעלקן א בהמה. אז א גוי מעלקט זיא טאר מען נישט היינט טרינקען דיא מילך אונ ניט נעמען אין דער האנט אריין. נאר בנאכט מעגין זיא שוין טרינקען אויב א יוד האט גיזעהן דאס מעלקן. האטשי בנאכט איז דער אנדערער טאג יום טוב:

יב אז עס איז פראטיג יום טוב טאר מען ניט שבת אויך נעמין אין דער האנט אריין דיא מילך וואס ער האט פראטיג גימאלקן. דעמט גלייבען אז יום טוב איז זונטאג אונ ער האט גימאלקן שבת טאר מען ניט נעמען זיא אין דער האנט אריין שבת אונ זונטאג:

יג אז ער האט גימאלקן דעם ערשטין טאג ראש השנה טאר מען ניט נעמין זיא אין דער האנט אריין ביידע טעג ראש השנה:

יד אז ראש השנה איז דאנערשטיג אונ פראטיג טאר מען ניט נעמין זיא אין דער האנט אריין ביז נאך שבת:

טו אז איין עוף לייגט יום טוב איין איי טאר מען עס ניט עסין אונ ניט נעמין אין דער האנט דעם טאג:

טז אז מארגען איז שבת אדער ראש השנה טאר מען עס ניט נעמין אין דער האנט אריין אפילו דעם אנדערין טאג. דאס איי האט דיא אייגענע דינים פון דער מילך וואס מיר האבין פריער גישריבען:

יז אבער אז מען שעכט יום טוב איין עוף אונ מען גיפינט דרינען איין איי מעגין עס עסין אפילו דעם אייגענעם טאג:

# סימן סח. דינים פון עירוב תבשילין. ער האלט פופצען סעיפים:

א אז עס גיפאלט יום טוב ערב שבת טאר מען ניט באקין אדער קאכען אויף שבת צייטין מען מאכט ערב יום טוב איין עירוב תבשילין:

ב דהיינו מען זאל נעמין ערב יום טוב אשטיקעל גיקאכט פלייש אדער פיש וואס איז חאטש אזוי גרויס וויא אהאלב איי אונ עס איז שוין גוט גיקאכט אדער גיבראטין אז מען קען עס עסין. אויך זאל מען נעמין חלה אדער ברויט וואס איז ניט קלענער פון איין איי. אונ מען זאל מאכין דיא ברכה ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב. אונ מען זאל זאגין דיא ווערטער בדין עירובא יהא שרי לנא לאפויי ולבשולי ולאטמוני ולאדלוקי שרגא ולמעבד כל צרכנא מיומא טבא לשבתא:

ג דיא טייטש פון דיא ווערטער איז אזוי. דורך דעם עירוב זאלין מיר מעגין באקין אונ קאכען אונ אן גרייטען ווארימס אונ אן צינדען ליכט אונ טוהן אלדינג וואס מיר בדארפען פון יום טוב אויף שבת

ד בשעת מען זאגט דארפין זיין צו האבין דיא טייטש. אדער מען זאל זאגין דיא ווערטער אויף דייטש אזוי וויא מיר שרייבען:

ה אז מען נעמט אשטיקעל פלייש מיט א ביין אויף איין עירוב תבשילין דארף צוא זיין חאטש אזוי גרויס וויא אהאלב איי פלייש חוץ דעם ביין:

ו עס איז גלייך צו נעמין א שיין שטיקעל פלייש עס זאל זיין אכבוד צו דער מצוה:

ז אז מען האט ניט קיין גיקאכט פלייש אדער פיש מעגין מאכין דעם עירוב תבשילין מיט א גיקאכט איי:

ח אויך איז גלייך דיא חלה זאל זיין גאנץ. אונ שבת זאל מען איבער איהר א מוציא מאכין:

ט דער עירוב תבשילין פועלט נאר צו טוהן יום טוב אויף שבת ווען עס איז נאך גרויסער טאג אז עס וואלט גיקומען מענטשין וואלט ער זייא גיקענט געבין צו עסין פאר לעכט צינדען דאס וואס ער האט גיקאכט פון שבת וועגען. אבער אז מען קען ניט עסין דער

פון יום טוב פאר נאכט דהיינו צו קאכען שפעט פאר נאכט טאר מען גיט חאטשי מען האט געמאכט איין עירוב תבשילין :

י דאס טשאלינט דארף מען אריין שטעלין פריא עס זאל חאטש זיין האלב געקאכט פאר לעכט צינדען :

יא דער עירוב תבשילין פועלט נאר צו טוהן פון פראטיג אויף שבת . אבער אז דאנערשטיג איז אויך יום טוב טאר מען ניט טוהן דאנערשטיג קיין שום זאך אויף שבת חאטשי מען האט מיטוואך געמאכט איין עירוב תבשילין :

יב דער עירוב תבשילין דארף צו ליגען ביז פראטיג נאך לעכט צינדען :

יג יעדערער בעל הבית דארף צו מאכין איין עירוב תבשילין . ער טאר ניט זיך פאר לאזען אויף דעם וואס דער רב מאכט פון דער שטאט וועגען . דען דאס וואס דער רב מאכט פון דער שטאט וועגען פועלט נאר פון דעמס וועגען וואס האט גראד פאר געסין צו מאכין איין עירוב תבשילין . אדער פון דעמס וועגען וואס איז איהם פאר לוירען געווארין דער עירוב תבשילין פראטיג פאר לעכט צינדען :

יד דער עירוב תבשילין וואס דער בעל הבית מאכט פועלט פון זיין גאנץ הויז געזינד וועגען וואס עסין ביי איהם . אבער אז עס איז דא צווישען זייא טייל וואס עסין ניט ביי איהם אפילו זייא עסין ניט פאר זייער געלט נאר ער גיט זייא געלט אדער מעהל מיט פלייש זויא זאלין זיך באזונדער קאכען און באקין . וועגין זייא ניט יוצא מיט זיין עירוב תבשילין . נאר זייא מוזען באזונדער מאכין איין עירוב תבשילין :

טו אפילו מען מאכט איין עירוב תבשילין מעגין נאר טוהן יום טוב אויף שבת דיא זאכין וואס קערין צום עסין . אבער דיא זאכין וואס קערין גאר ניט צום עסין . דהיינו צוא וויקלען יום טוב דיא ספר תורה וווא מען דארף שבת צו לייענין . אדער צו טוהן אנדערע זאכין אזא שטייגער . פועלט ניט קיין עירוב תבשילין :

## סימן סט . דינים וויא אזוי מען זאל ערליך האלטין יום טוב . ער האלט זעכצען סעיפים :

א עס איז א מצוה זיך אפ צו שערין און אפ שניידען דיא נעגיל ערב יום טוב לכבוד יום טוב :

ב אויך איז א מצוה צו גיין אין מרחץ אריין און אויס קעמין זיך לכבוד יום טוב און ניט צו עסין ערב יום טוב דאס לעצטע פערטיל טאג . אלץ אזוי וויא מיר האבין געשריבען בסימן מ"ו ביי ערב שבת . זעה איין דארט :

ג אז עס געפאלט שבת ערב יום טוב אדער דעם ערשטין טאג יום טוב זאל מען עסין דיא דריטע סעודה פאר דעם לעצטין פערטיל טאג . אז מען האט זיא ניט געגעסען דאפער זאל מען זיא עסין דער נאך :

ד מען איז מחויב יעדערין טאג יום טוב צו עסין צווי סעודות איינע בנאכט און דיא אנדערי בטאג :

ה אויך איז מען מחויב קידוש צו מאכין בנאכט און בטאג פאר דער סעודה און אמוציא מאכין איבער צווי חלות אזוי וויא שבת :

ו דיא דינים וואס מיר האבין געשריבען בסימן מ"ט ביי דעם קידוש פון שבת גייען אויך אן ביי יום טוב :

ז אויך זאלין עסין פלייש און גוטע מאכלים און טרינקען ויין . יעדערער וויא ווייט ער קען :

ח א מענטש איז מחויב יום טוב און חול המועד צוא פרייען זיך און צו דער פרייען זיין ווייב

נָאךְ שָׁלוֹם טָאר נִיט דֶער חַזָן אָן הֵייבִּין דָאס וָוארְט דֶער נָאךְ בִּיז דֶער עוֹלָם וָועט הָאבִּין גִיזָאגְט דֶעם אָמֵן :

כו אויךְ טָאר נִיט דֶער עוֹלָם זָאגִין אָמֵן בִּיז דָאס גַאנְצֶע וָוארְט לָאזְט זִיךְ אוֹיס פִין דִיא כֹּהֲנִים :

כז דִיא כֹּהֲנִים זָאלִין נִיט אָן הֵייבֶּען יֶעדֶער וָוארְט בִּיז דֶער חַזָן וָועט הָאבִּין אָפּ גִיזָאגְט דָאס גַאנְצֶע וָוארְט :

כח אויךְ טָארִין נִיט דִיא כֹּהֲנִים זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט דֶעם פָּנִים צוּ דֶער וַואנְט בִּיז דֶער חַזָן הֵייבְּט אָן שִׂים שָׁלוֹם :

כט אויךְ טָארִין זֵייא נִיט אַרָאפּ נֶעמִין דִיא הֶענְט וִויא זֵייא הַאלְטֶען בְּשַׁעַת דֶעם דוּכֶענִין בִּיז זֵייא הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק גִידְרֵייט מִיט דֶעם פָּנִים צוּ דֶער וַואנְט :

ל אויךְ טָארִין זֵייא נִיט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם אָרְט וָואס זֵייא הָאבִּין גִידוּכֶענְט בִּיז דֶער עוֹלָם הָאט שׁוֹין גִיעֶנְטְפֶערְט אָמֵן נָאךְ הַבְּרָכָה אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל :

לא בְּשַׁעַת דִיא כֹּהֲנִים דְרֵייעֶן זִיךְ אִיבֶּער מִיט דֶעם פָּנִים פַאר דֶעם דוּכֶענִין פוּן מִזְרָח צוּ מַעֲרָב זָאלִין זֵייא זִיךְ דְרֵייעֶן דוּרְךְ דָרוֹם זַייט . אוּנ בְּשַׁעַת זֵייא דְרֵייעֶן זִיךְ נָאךְ דֶעם דוּכֶענִין צוּרִיק צוּ מִזְרָח זַייט זָאלִין זֵייא זִיךְ דְרֵייעֶן דוּרְךְ צָפוֹן זַייט :

לב בְּשַׁעַת זֵייא גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶעם דוּכֶענִין זָאל זֵייעֶר פָּנִים אַבִּיסֶעל זַיין קֵיגֶען אָרוֹן קוֹדֶשׁ :

לג בְּשַׁעַת זֵייא טוּעֶן אָן דִיא שִׁיךְ זָאלִין זֵייא נִיט אָן רִירֶען אִין זֵייא . אַז זֵייא רִירֶען אָן בַּארְפִין זֵייא זִיךְ צוּ וַואשִׁין דִיא הֶענְט :

לד אַז דֶער כֹּהֵן אִיז אַיין אָבֵל ח״ו זָאל עֶר נִיט דוּכֶענִין :

לה אַז עֶר אִיז שׁוֹין נָאךְ דֶער שִׁבְעָה נָאר אִין דִיא שְׁלֹשִׁים אָדֶער אִין דִיא צְוֶועלִיף חֳדָשִׁים אוֹיף פָאטֶער אוּנ מוּטֶער זָאל עֶר אוֹיךְ נִיט דוּכֶענִין צַאמֶען עֶס אִיז דָארְט נִיט דָא קֵיין אַנְדֶערֶע צְווֵייא כֹּהֲנִים :

לו דִיא אַלֶע וָואס דוּכֶענִין נִיט בַּארְפִין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן שׁוּהְל אֵיידֶער מֶען גֵייט וַואשִׁין דִיא כֹּהֲנִים . אוּנ זָאלִין נִיט אַרֵיין קוּמֶען בִּיז נָאךְ דֶעם דוּכֶענִין :

## סימן עא. דִינִים פוּן חוֹל הַמּוֹעֵד. עֶר הַאלְט פֶערְצִיג סְעִיפִים :

א מֶען בַּארְף עֶרְלִיךְ צוּ הַאלְטִין חוֹל הַמּוֹעֵד אוּנ פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט גוּטֶע מַאֲכָלִים אוּנ מַשְׁקוֹת אוּנ שֵׁיינֶע מַלְבּוּשִׁים וִויא וַוייט מֶען קֶען :

ב דֶער וָואס אִיז מְבַזֶה חוֹל הַמּוֹעֵד אוּנ הַאלְט אִיהְם נִיט עֶרְלִיךְ מִיט דִיא זַאכִין הָאט אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה :

ג חוֹל הַמּוֹעֵד אִיז פַאר הַאנִין טֵייל מְלָאכוֹת וָואס מֶען טָאר נִיט טוּעֶן אוּנ טֵייל וָואס מֶען מֶעג טוּעֶן . מֶען בַּארְף גִיוָואוֹרִינְט צוּ זַיין מֶען זָאל נִיט טוּעֶן חוֹל הַמּוֹעֵד דִיא זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִיט . דֶען עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה :

ד בְּסֵפֶר מִסְגֶרֶת הַשֻּׁלְחָן הָאבִּין מִיר גִישְׁרִיבֶּען אַלֶע חִילוּקֵי דִינִים וֶועלְכִי זַאכִין מֶען מֶעג טוּעֶן חוֹל הַמּוֹעֵד אוּנ וֶועלְכִי מֶען טָאר נִיט . נוּר דָא וֶועלִין מִיר שְׁרַייבֶּען בְּקִיצוּר :

ה אַזֶעלְכִי גְרִינְגֶע זַאכִין וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טוּהְט בַּייא זִיךְ . דְהַיְינוּ פַייעֶר בְּרֶענִין . קָאכִין . בַּאקֶען . פַאר לֶעשִׁין פַייעֶר . צוּ בְּרֵייטֶען . קֶעמִין זִיךְ . אוֹיס קֶערִין דִיא שְׁטוּב . אוּנ נָאךְ אַזָא שְׁטֵייגֶער זַאכִין מֶעגִין אַלְמָץ טוּעֶן חוֹל הַמּוֹעֵד פוּן יוֹם טוֹב וֶועגִין . נוּר מֶען טָאר נִיט אָפּ לֵייגֶען פוּן אִין דֶער וָואכִין אוֹיף חוֹל הַמּוֹעֵד . וֶוער שְׁמוּעֶסְט דִיא מְלָאכוֹת פוּן עֶסִין וַוארְק מֶעגִין בְּוַודַאי אַלְמָץ טוּעֶן אוֹיף יוֹם טוֹב :

ו דֶערְבַּיי מְלָאכוֹת אַזֶעלְכִי וָואס מֶען טוּהְט גֶעלְט צוּ פַאר דִינֶען זָאל מֶען נִיט מַאכִין צַאמֶען מֶען הָאט נִיט וָואס צוּ עֶסִין מֶעגִין טוּעֶן צוּ פַאר דִינֶען אוֹיף עֶסִין פוּן יוֹם טוֹב וֶועגִין . אוּנ אַנְאַנְדֶערֶער יוּד מֶעג אִיהְם גֶעבִּין צוּ טוּעֶן אַלֶע מְלָאכוֹת כְּדֵי עֶר זָאל הָאבִּין צוּ עֶסִין . נוּר וִויא וַוייט עֶר קֶען זָאל

עֶר

עֶר טוּעֶן שְׁטִילֶער הַייט קֵיין אַנְדֶערֶער זָאל נִיט זֶעהְן :

ז אַז אֵיינֶער דַארְף צוּ טוּעֶן וֶועלְכֵי מְלָאכָה וָואס אַז מֶען וֶועט עֶס נִיט טוּעֶן חול הַמּוֹעֵד וֶועט עֶר הָאבְּן אַ שְׁטַארְקִין הֵיזֶק וַוייל דִיא זַאךְ וֶועט אִיבֶּער יוֹם טוֹב אַסַאךְ קַאלְיֶע וֶוערִין מֶעג עֶר טוּעֶן חול הַמּוֹעֵד . נוּר עֶר זָאל טוּעֶן וָואס וֶוינְצִיגֶער עֶר קֶען :

ח אַז עֶר וִויל דָאס טוּעֶן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע זָאל עֶר דִינְגֶען אַזֶעלְכִין וָואס הָאט נִיט צוּ עֶסְין אָדֶער אַ גוֹי . אַז עֶר קְרִיגְט נִיט . מֶעג עֶר דִינְגֶען וֶועלְכִין יוּד עֶס אִיז :

ט אַז עֶר הָאט גִיקֶענְט טוּעֶן דִיא זַאךְ פַאר יוֹם טוֹב נוּר עֶר הָאט אָפּ גִילֵייגְט אוֹיף חול הַמּוֹעֵד . טָאר עֶר נִיט טוּעֶן חול הַמּוֹעֵד אֲפִילוּ דוּרְךְ אַגוֹי :

י אַז עֶר וֶועט נִיט הָאבְּן קֵיין הֵיזֶק פוּן קֶרֶן נוּר אַז עֶר וֶועט נִיט טוּעֶן חול הַמּוֹעֵד וֶועט דִיא זַאךְ קַאלְיֶע וֶוערִין אוּן וֶועט נִיט קֶענִין אִין אִיהְר פַאר דִינֶען . טָאר עֶר נִיט טוּעֶן דִיא מְלָאכָה . חָאטְשֶׁי דֶער רֶיוַח מֶערֶעפְּט אָן אַסַךְ :

יא אַלְדִינְג וָואס אַ יוּד טָאר נִיט טוּהְן חול הַמּוֹעֵד טָאר עֶר נִיט הֵייסֶען אַגוֹי טוּהְן . צֵייטֶען דִיא זַאךְ אִיז פוּן אַ מִצְוָה וֶועגֶען מֶעג עֶר הֵייסֶען אַגוֹי זַיא טוּהְן :

יב מֶען טָאר נִיט חול הַמּוֹעֵד קוֹיפֶען סְחוֹרָה אָדֶער פַאר קוֹיפֶען סְחוֹרָה :

יג נָאר דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אָרֶעם אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר קַארְג אוֹים צוּ גֶעבְּן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב מֶעג עֶר פַאר קוֹיפֶען סְחוֹרָה עֶר זָאל מֶעהְר אוֹים גֶעבְּן אוֹיף שִׂמְחַת יוֹם טוֹב . נָאר דָאס גִיוָועלְבּ זָאל זַיין צוּ . נָאר אַבִּיסֶעל אָפֶען וֶוען דֶער קוֹנֶה גֵייט אַרֵיין :

יד דֶער עוֹלָם אִיז מֵיקֵל אוּן הַאלְטִין אִין גַאנְצֶען אָפֶען דָאס גִיוָועלְבּ . מֶען קֶער אָבֶּער צוּ טוּהְן וִויא וַוייט מֶען קֶען אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען . חוּץ דִיא וָואס פַאר קוֹיפֶען עֶסִין וַוארְק וָואס עֶס וֶוערְט קַאלְיֶע אַז עֶס שְׁטֵייט לַאנְג אָזֶער בְּשָׂמִים פוּן יוֹם טוֹב וֶועגֶען מֶעגִין הַאלְטִין אִין גַאנְצִין אָפֶען דָאס גִיוָועלְבּ . מִמֵילָא אַז זֵייא הַאלְטִין אָפֶען מֶעגִין זֵייא דֶעם גוֹי אוֹיךְ פַאר קוֹיפֶען :

טו אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִיט אָרֶעם נָאר עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִיהְם [illegible] אַנְרוֹיסֶען רֶיוַח מֶעג עֶר קוֹיפֶען אָדֶער פַאר קוֹיפֶען שְׁטִילֶער הַייט . אוּן זָאל אוֹים גֶעבְּן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב מֶער וִויא פִיהְל עֶר וָואלְט אַזוֹי אוֹים גִיגֶעבִּין :

טז אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אַזַא יָרִיד וָואס אִיז נִיט שְׁכִיחַ . אָדֶער פַאר זֵייעֶרֶע פַייעֶרְטֶעג וָואס מֶען לֵייזְט אַ סַךְ מֶעגִין פַאר קוֹיפֶען :

יז אוֹיךְ אִיז פַאר הַאנִין טֵיינְמָאהְל קוֹמֶען סוֹחֲרִים מִיט סְחוֹרָה אוּן פַאר קוֹיפֶען וָואלְוִויל . אָדֶער פַאר קֶערְט זֵייא דַארְפִין גְרָאט סְחוֹרָה ווִילֶען זֵייא גֶעבִּין אַ סַךְ צוּא פַאר דִינֶען . מֶעגִין קוֹיפֶען אָדֶער פַאר קוֹיפֶען :

יח בַּייא דִיא אַלֶע זַאכִין דַארְפִין גִיוָארִינְט צוּא זַיין אַז מֶען וִויל אָפּ שְׁנַיידֶען אֵיין אֵייל צֵייג אָדֶער טוּהְן אֵיין אַנְדֶערֵי מְלָאכָה זָאל מֶען חָאטְשׁ טוּהְן אַנְדֶערְשׁ פוּן אִין דֶער וָואכִין :

יט אַזַא סְחוֹרָה וָואס אַז מֶען וֶועט זִיא נִיט צִינְדֶערְט פַאר קוֹיפֶען וֶועט מֶען נָאךְ יוֹם טוֹב מוּזֶען הֵיזֶק הָאבִּין פוּן קֶרֶן וָואס זִיא קָאסְט אַלֵיין מֶעגִין זַיא פַאר קוֹיפֶען חול הַמּוֹעֵד :

כ צוּ דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענִין גִיוָואוּנְט צוּ קוֹיפֶען בַּייא אִיהְם מֶעג עֶר פַאר קוֹיפֶען . זֵייא זָאלִין נִיט זִיךְ גִיוֵוייגֶען צוּ קוֹיפֶען עֶרְגִיץ אַנְדֶערְשׁ :

כא דִיא זַאכִין וָואס מֶען דַארְף פוּן יוֹם טוֹב וֶועגֶען מֶעגִין פַאר קוֹיפֶען חול הַמּוֹעֵד שְׁטִילֶער הַייט . (זֶעהֶע אֵיין בְּסָעִיף י"ג) :

כב דֶעסְט גְלַייכֶען אַז דֶער וָואס וִויל פַאר קוֹיפֶען הָאט נִיט אוֹיף יוֹם טוֹב מֶעגִין אַלְדִינְג בַּייא אִיהְם קוֹיפֶען . פוּן אַגוֹי מֶעגִין אוֹיךְ אַלְדִינְג קוֹיפֶען :

כג הֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס אַז מֶען וֶועט נִיט זֵייא אוֹיף שְׁרַייבֶּען [illegible] מֶען זֵייא [illegible] גֶעסִין מֶעגִין אוֹיף שְׁרַייבֶּען חול הַמּוֹעֵד :

כד דֶעסְט גְלַייכֶען אַזֶעלְכֶעס וָואס מֶען דַארְף פוּן חול הַמּוֹעֵד וֶועגֶען מֶעגִין אוֹיךְ שְׁרַייבִּין -

אבער

אבער אנדערע זאכן טאר מען ניט שרייבען חול המועד :

כה אז מען דארף א בריוועל צו שרייבען זאלען שרייבען קרומע שורות צו טוהן אנדערש ווי מען שרייבט אין דער וואכין :

כו צו די זאכין וואס מען מעג שרייבען מעגין די פענע אויך מאכין :

כז אז איינער דארף צו אנטלייען זיך געלט און יענער וויל איהם ניט אנטלייען צייטען ער זאל איהם געבין א וועקסיל מעג ער שרייבען א וועקסיל חול המועד :

כח אז ער דארף הערשט דאס געלט נאך יום טוב טאר ער ניט שרייבען חול המועד דאס וועקסיל צייטען ער וועט נאך יום טוב ניט קריגען צו אנטלייען :

כט אז מען אנטלייעט איינעם חול המועד אויף פראצענט זאל מען אויס געבין אביסעל דער פון אויף יום טוב (זעה איין בסימן ל"ט אז מען טאר ניט אנטלייען א יוד אויף פראצענט נאר על פי היתר עיסקא) . אויך זאל מען ציילין דאס געלט אנדערש פון אין דער וואכין :

ל מען טאר ניט חול המועד זיך אפ גאלען אדער אפ שערין אדער אפ שניידין די נעגיל :

לא אז איינער האט ניט גיקענט פאר יום טוב דהיינו ער איז גיוועזן אין א תפיסה אדער איין אבל ח"ו זאל ער פרעגין א שאלה :

לב איין אשה וואס דארף צו גיין טבילה מעג זיך אפ שניידען די נעגיל חיל המועד :

לג מען טאר ניט וואשין חול המועד קיין גרעט אדער אנדערי מלבושים אפילו פון חול המועד וועגען :

לד די זאכין וואס איז ניט מיגליך גיוועזן בשום אופן צו וואשין פאר יום טוב דהיינו איין אשה האט גיפונען א פלעק אויף יום טוב . אדער איינער האט ח"ו גיזעהן קרי אום יום טוב . אדער חול המועד . מעגין עס פאר וואשין חול המועד :

לה דעסט גלייכען די העמדליך מיט די פלאכטעליך פון די קינדער וואס רעכנין זיך איין אלע מאהל . מעגין אויך פאר וואשין חול המועד :

לו ביי דעם אלימען דארפין גיווארינט צו זיין ניט צו וואשין נאר איינציג וויים וואס מען דארף און ניט עטליכע מיט א מאהל :

לז נאר די קינדער וואס זענין גאר קליין וואס מען וויקעלט זייא נאך מעגין וואשין פון זייא עטליכע ווינדעליך מיט אמאהל :

לח ביי דעם אלימען זאל מען וואשין שטילער הייט ווען קיינער זעהט ניט :

לט אלדינג וואס איז פון רפואה וועגען מעגין טוהן חול המועד . סייא צו אמענטש סייא צו א בהמה :

מ מען מעג חול המועד דינגען מענטשין זייא זאלין ארבייטען נאך יום טוב :

## הלכות פסח

## סימן עב. דינים פון חדש ניסן און פון מעהל וועגין די מצות פון פסח . ער האלט פינף סעיפים :

א דעם גאנצין חודש ניסן זאגט מען ניט קיין תחנון . און ניט קיין צדקתך צדק שבת פאר נאכט :

ב אז מען נעמט ווייץ אויף די מצות פון פסח דארפין איהם פאר דעם מאהלין צו ווייזען דעם רב אויב ער איז כשר . אזוי ווי דער מנהג איז :

ג אז ער איז עפיס פאר נעצט גיווארין . אדער דאס מעהל איז עפיס פאר נעצט גיווארין . אדער עכברים האבין גיגעסין דער פון . דארפין צו פרעגין א שאלה :

מען

ד מען זאל ניט באקן די מצות צייטן עס איז שוין האמש פיהר און צוואנציג שעה זינט מען האט גימאלין דעם ווייץ :

ה מען זאל ניט לייגען עטליכע זעק מעהל איינס אויף דעם אנדערין . דען דאס מעהל ווערט דער ווארימט . קען עס ח"ו חמעצדיק ווערין בשעת דעם קנעטין :

## סימן עג. דינים פון דעם וואסער וואס מען קנעט דער מיט די מצות . ער האלט זיבען סעיפים :

א דאס וואסער וואס מען קנעט דער מיט די מצות דארפין אן צו שעפין פון דער ברונען צווישען טאג און נאכט . נאך זוהן זעצין איידער עס שטייט שטערין :

ב און מען זאל עס לאזען שטיין איבער נאכט אויף א קאלט ארט . און ווען עס ווערט טאג בעגין הערשט דער מיט קנעטין אויב עס איז שוין צוועליף שעה זינט מען האט עס אן גישעפט :

ג דאס הייסט „מים שלנו" דען דאס האט גינעכטיגט איבער נאכט . מען דארף גיווארינט צו זיין אין די אלע זאכין . ניט אנדערש צו טוהן נאר אזוי וויא מיר שרייבען :

ד אויך זאל מען זאייען דאס וואסער . און האלטען עס צו גידעקט . ווער שמועסט אז מען טראגט עס אין דער פריא אין דראסין . אבער קייגען דער זוהן . דארף עס בוודאי צוא זיין צוא גידעקט :

ה מען טאר ניט אריין נעמין דאס וואסער אין א חמעצדיגי כלי . עס איז דא טייל כלים וואס פועלט ניט ביי זייא אפילו צוא כשרין . דאריבער אז מען וויל אריין נעמין אין א כלי וואס איז עפים פריער גישטאנין אין איהר זאל מען פרעגין א שאלה :

ו מען דארף צווישען טאג און נאכט אן שעפין א סך וואסער מען זאל גינוג האבין דעם טאג דער נאך צו באקין וויא פיהל מען דארף . אז מען זעהט צו מארגענס אז דאס וואסער וועט ניט גינוג זיין מעגין צו גיסען אביסעל וואסער וואס מען שעפט צינדערט אן . נאר די גרעסטע העלפט וואסער מוז זיין פון דעם וואס מען האט אן גישעפט צווישען טאג און נאכט . דען אז ניט טאר מען ניט קנעטין דער מיט :

ז אז מען באקט זונטאג דארפין אן צו שעפין דאס וואסער דאנערשטיג צווישען טאג און נאכט . און האלטין עס אויף א קאלט ארט ביז צו דעם באקין :

## סימן עד: דינים פון קנעטין און באקין די מצות . ער האלט זעקס און צוואנציג סעיפים :

א אז מען וויל באקין מצות אין א חמצדיקען אויבען דארפין איהם פריער צו גליען עס זאל שפריצען פונקען פון דעם דנאי . מען דארף גיווארינט צו זיין צו צו שטרייטען די קוילען אויף דעם גאנצען אויבען :

ב נאך דעם גליען איז גלייך צו לאזען איהם אביסעל אפ קילען און איבער ניים אונטער הייצען צו באקען די מצות :

ג אויך טארין ניט לייגען די מצות פון אויבען ארויס אויף דעם קויטען אין דער זייט צאמען מען האט דארט אויך גוט גגליעט :

ד מען טאר ניט קנעטין אדער וועלגערין קייגען איין אפען פענצטער :

ה אז דאס פענצטער איז פאר מאכט מעגין דארט קנעטין . אז די זון שיינט אריין דארפין צו פאר הענגין מיט עפים :

ו אויך זאל ניט זיין אין דער שטוב גיהייצט אין גרובע :

ז דיא כלי וואס מען קנעט אין איהר טאר ניט זיין אין איהר קיין שום שפאלט וואס עס קען דארט בלייבן עטוואס טייג :

ח אויך זאל מען נעמין אלע מאהל איין אנדערין בעקין צו קנעטין . אונ דער ווייל זאל אנאנדער איבער שווענקין דעם בעקין אונ גוט אויס רייניקען איהם עס זאל ניט בלייבין אין איהם קיין טייג :

ט דעסט גלייכען דיא טישען וואס מען וועלגערט אויף זייא . אונ דיא ווייל גער העלצער אונ רעדליך . אונ דאס מעסיר וואס מען שנייט דער מיט דאס טייג . דארפין אלטין צו זיין אן א שפאלט :

י אויך זאל מען זייא אפ קראפצין פון טייג אז מען רוהט זיך נאר עטוואס אפ פון טוען מיט זייא :

יא אז דאס טייג איז שיטער טארין ניט צו שיטען מעהל דער צו :

יב אז מען הערט נאר אביסעל אויף צו קנעטין אדער וועלגערין מוז מען תיכף אפ וואשין דיא הענט :

יג דעסט גלייכין אז מען פיהלט אז דיא הענט זענין דער ווארימט גיווארין דארפין זייא תיכף אפ צו וואשין :

יד דיא לאפיטע דארף זיין גלאטיג אן א שום שפאלט :

טו אז מען באקט אפ דיא מצות אונ מען ברענגט איבער דעם אויבען דארף מען גוט אפ צו וואשין אונ אפ קראטצין אלע כלים עס זאל ניט בלייבען אויף זייא קיין שטיקעל טייג :

טז מען טאר ניט לאזין ליגען דאס טייג אדער דיא מצות פארין באקין קיין רגע לידיק :

יז טייל מענטשין זענין זיך נוהג אז זייא קוועטשין מיט דער האנט דיא מצה וואס בלייבט ליגען . טוען זייא ניט גלייך . דען מיט דעם דער ווארימט מען נאך דאס טייג :

יח דאריבער איז ניט גלייך ארויף צו לייגען דיא האנט אויף דעם טייג ווען מען דארף ניט :

יט נאך דעם וועלגערין דיא מצות דארפין זייא גיך צו רעדלין אונ באלד אריין געבין אין אויבען אריין :

כ מען דארף גיווארינט צו זיין ניט צו האלטין דיא מצה קייגען אויבען אפילו איין רגע . דען דארך דער היטץ פון אויבען קען זיא חמצדיק ווערין :

כא דער וואס רוקט אריין דיא מצות דארף גיווארינט צו זיין עס זאל ניט אן ריהרען איין מצה אן דער אנדערער :

כב אויך זאל זיך ניט פאר לייגען קיין שום מצה . אז עס האט זיך פאר לייגט א שטיקעל דארפין אפ צו ברעכין דאס פאר לייגטע אונ ארום דעם פאר לייגטין דיא ברייט פון גראבין פינגער :

כג אז עס איז גילעגין אין אויבען איין מצה אויף דער אנדערער דארפין אויך אפ צו ברעכין פון זייא דיא שטיקלעך וואס איז גילעגין איינס אויף דעם אנדערין . אונ ארום דעם דיא ברייט פון גראבין פינגער :

כד אויך דארפין גיווארינט צו זיין עס זאל ניט אויף גיבלאזין ווערין קיין שום מצה . דען אז דיא מצה איז אויף גיבלאזין גיווארין איז דיא גאנצע מצה חמצדיק . אפילו דאס שטיק וואס איז ניט אויף גיבלאזין גיווארין :

כה מען דארף גיווארינט צו זיין ניט ארויס צו נעמין קיין מצה פון אויבען איידער זיא ווערט גיבאקין . אפילו מען וויל זיא באלד צוריק אריין רוקען טארין אויך ניט :

כו עס קער יעדער מענטש צו זיין בשעת מען באקט זיינע מצות אונ אכטונג געבין מען זאל גיווארינט זיין אין דיא זאכין וואס מיר האבין גישריבען :

יגנים

# סימן עה. דינים פון בודק חמץ זיין. און פון חמץ פאר קויפען. ער האלט זעקס און צוואנציג סעיפים:

א דיא נאכט וואס קער צו ערב פסח דארפין בודק חמץ זיין. באלד תחילת הלילה. מען טאר ניט עסין אדער טוען א שום מלאכה פון א האלבי שעה פאר נאכט ביז נאך דער בדיקה:

ב מען זאל בודק זיין מיט איין איינציג לעכטיל אויס וואקס. אז מען האט ניט זאל מען בודק זיין מיט א לעכטיל אויס חלב:

ג מען דארף בודק זיין אויף אלע ערטער וואס איז נאר צו קלערין אז מען האט דארט אריין גיברענגט חמץ:

ד אפילו דיא האלטיץ־קאמער און דעם בודעם און דיא גיוועלבין און דיא קעלערס דארפין אלטיץ בודק צו זיין. אז עס איז נאר צו קלערין אז מען האט אין זייא אריין גבערענגט חמץ:

ה אפילו מען האט דארט וועלכין טאג פריער אויס גיקערט פון חמץ. און פון דענסטמאלט אן איז מען שוין גיוואהרינט גיוועזען ניט אריין צו ברענגין אין זייא קיין חמץ. דארפין איבער גיים בודק זיין דארט דיא נאכט וואס קער צו ערב פסח:

ו פאר דער בדיקה דארפין אויס קערין כדי מען זאל קענין גוט בודק זיין:

ז דאס בדיקת חמץ איז טייטש מען זאל זוכען דאס חמץ אויף אלע ערטער וואס קען זיין אז מען האט דארט גיניצט חמץ:

ח אויך דארפין זוכען אין אלע לעכיר וואס קען זיין אז עס ליגט דארט חמץ וויא ווייט מען קען נאר אריין שטעקין דיא האנט:

ט איידער מען הייבט אן בודק צו זיין זאל מען מאכין דיא ברכה ברוך אתה ה׳ אמ״ה אשר קדשנו במצותיו וצונו על ביעור חמץ. דער נאך זאל מען באלד אן הייבען בודק צו זיין:

י מען טאר ניט אויס רעדין נאך דער ברכה פאר דעם בודק זיין. אויך זאל מען ניט אויס רעדין אין מיטען בודק זיין מיט אנדערע זאכין:

יא אז מען דארף בודק זיין עטליכע שטובען זאל מען נור מאכין איין ברכה:

יב פאר דער בדיקה דארפין צו בהאלטען דאס חמץ וואס מען וויל עסין אדער גוט צו דעקין אז קיין עכברים אדער קינדער זאלין עס ניט קענין פאר שלעפין:

יג דער מנהג איז צו לייגין שטיקלעך ברויט פאר דער בדיקה און בשעת דעם בודק זיין נעמט מען זייא צו. מען דארף אבער צו וויסען אז דאס איז ניט דער עיקר מצוה:

יד דען דיא פראסטי מענטשין וואס נעמין נור צו דיא שטיקלעך און זוכען ניט קיין חמץ מאכין א ברכה לבטלה. און זענין גאר ניט מקיים דיא מצוה. דען דיא מצוה איז נור צו זוכען. אזוי וויא מיר האבין גישריבען:

טו אויך זאל מען לייגין דארטע שטיקלעך עס זאל זיך ניט עפיס אפ ברעקלין פון זייא:

טז אויך זאל מען זייא לייגען אויף דעם ארט וואו קינדער אדער עכברים קענין ניט גרייכען צו זייא. כדי זייא זאלין עס ניט פאר שלעפין:

יז דעקט גלייכין דאס חמץ וואס מען גיפינט בשעת דעם בודק זיין דארפין צו פאר בינדען עס זאל גאר ניט פאר לוירען ווערין דער פון:

יח באלד נאך דעם בודק זיין דארף ער צו זאגין כל חמירא וואס שטייט אין סידור. דיא טייטש פון כל חמירא איז, יעדער זייער מיינג און יעדער חמץ וואס איז דא אין מיין רשות וואס איך האב עס ניט גיזעהין און איך האב עס ניט אויס גירוימט און איך ווייס ניט דער פון זאל זיין בטל און עס זאל זיין הפקר אזוי וויא דיא שטויב פון דער ערד:

יט אין דער פריא דארף ער צו פאר ברענין דאס חמץ באלד ווען מען טאר עס שוין ניט

ניט עסן. און באלד נאך דעם פאר ברענען זאל ער זאגן דעם אנדערן כל חמירא:

כ דיא טייטש פון דעם אנדערן כל חמירא איז. יעדער זויער טייג און יעדער חמץ וואס איז דא אין מיין רשות. סייא וואס איך האב יוא געזעהן. סייא וואס איך האב ניט געזעהן. סייא וואס איך האב יוא אויס גערוימט. סייא וואס איך האב ניט אויס גערוימט. זאל אלמץ זיין בטל און עס זאל זיין הפקר אזוי וויא דיא שטויב פון דער ערד:

כא מען דארף אין זינען האבין בייא יעדערן כל חמירא דיא טייטש:

כב דיא מענטשין וואס פאר שטייען ניט דיא טייטש און מיינען אז זייא זאגן וועלכעס יהי רצון זענין גאר נישט יוצא:

כג דען דער עיקר פון דעם זאגין איז ער זאל זיך אפ פאסין מיט דעם גאנצין הארץ אז דאס חמץ וואס געפינט זיך אין זיין רשות זאל זיין בטל און הפקר אזוי וויא דיא שטויב פון דער ערד:

כד חאטשי מען זאגט כל חמירא טאר מען ניט האבין פסח קיין חמץ. אז מען האט יוא אין אגרויסע עבירה. דער צו טאר מען שוין נישט קיינמאהל הנאה האבין פון דעם חמץ:

כה איבער דעם דארפין צו פאר קויפען דאס חמץ בייא דעם רב צו אגוי. דער רב ווייסט שוין ווי פאר קויפען צו דעם גוי וויא עס קער צו זיין. נאר יעדער מענטש דארף אפ פאסין זיי זיך אז ער פאר קויפט מיט דעם גאנצין הארץ:

כו אז ער דארף אויך עפים צו ניטצען פסח אין דעם שטיבעל וואס דאס חמץ ליגט דריבען דארף ער צו פרעגין דעם רב וויא אזוי צו טוהן:

## סימן עו. דינים פון כשרין דיא כלים אויף פסח. ער האלט זיבען און צוואנציג סעיפים:

א כלים וואס זענין אויס האלץ אדער אייזין. צין. מעש. קופער. זילבער. גאלד. ביין. פועלט אלץ צו כשרין זייא:

ב אבער צו ערדערני כלים אדער כלים פון האריען אדער גלעזערנע כלים פועלט נישט קיין כשרין:

ג א כלי וואס איז געקלעפט אפילו עס איז נאר דיא שטיל צו געקלעפט צו דער כלי פועלט ניט קיין כשרין:

ד פאר דעם כשרין דארפין גוט אפ צו פוטצען דיא כלי זיא זאל זיין ריין פון דזאווער און פון אנדערי זאכין:

ה אז עס איז דא גריבלעך אין דער כלי דארפין זייא גוט אויס קראטצען זייא זאלין זיין גאר ריין. אז מען קען ניט גוט אויס קראטצען דארפין צו לייגען קוילען אויף דעם ארט עס זאל דארט גוט געגלוט ווערין וועלכעס א שטרויא וועט פאר ברענט ווערין אויף דער אנדערער זייט כלי. דער נאך מעגין הערשט כשרין דיא כלי. אז דיא כלי איז אויס האלץ וועלכים מען קען ניט דאס טוהן טאר מען ניט כשרין זיא:

ו א כלי וואס איז פאר גאסין מיט צין אדער זילבער אזוי וויא דער שמייגער איז צוא פארעכטין א כלי וואס רינט מעגין זיא כשרין:

ז דיא פענדליך וואס מען ווייסט אויס מיט בלייא זאל מען אויך כשרין. אז אגוי האט זיא געווייסט דארפין זיא טובלין אן ברכה:

ח א כלי וואס איז אויף איהר דא אלאטע זאל מען פרעגין א שאלה:

ט מעסערס זאל מען ניט כשרין אויף פסח אזוי וויא דער מנהג איז:

י געפארבטע כלים טאר מען ניט כשרין:

כלים

יא כלים וואס מען ניצט אין פייער טרוקעני היץ דהיינו בעקינס וואס מען באקט אין זיי המין דארפין צו גליען עס זאל פון זיי שפריצען פונקען · אבער כשרין אין הייס וואסער העלפט ניט צו זיי :

יב דיא פיקלעך וואס מען שמעלצט ארויף אויף זיי אפענדיל דארפין צו גליען עס זאל שפריצען פונקען :

יג כלים וואס מען האלט אין זיי בראנפין דארף מען זיי גוט אויס קאכען אין לויג איידער מען כשרט זיי :

יד אז מען כשרט א פעסיל דארפין אריין צוא לייגען גליטע שטיינער אונ ארויף גיסען קאכעדיג וואסער אונ קאלערין דאס פעסיל עס זאל אויף יעדערין ארט ווערין גיכשרט :

טו א פעסיל וואס מען האלט דרינען ביער אדער בראנפין אדער מעהל טאר מען נישט כשרין אויף פסח :

טז יעדערי כלי וואס מען קען זיא נישט גוט אויס רייניקען פון חמץ דהיינו א זיפ אדער א קויבער אדער אנדערי כלים אזא שטיינער העלפט ניט צו זיי קיין כשרין :

יז קעסטליך אדער בענק אדער טישען וואס מען ניצט אויף זיי חמץ דארפין צו כשרין מיט קאכעדיק וואסער אונ גליטע שטיינער אונ מען זאל פיהרען דיא שטיינער אויף דעם גאנצען ארט וואס מען דארף צו כשרין :

יח א מעת לעת פאר דעם כשרין דארפין זיי גוט אפ וואשין אונ אפ קראטצין זיי זאלין זיין גאר ריין · דער נאך זאל מען ווארטין פיהר אונ צוואנציג שעה זיי זאלין זיך גוט אפ טריקענין · דער נאך זאל מען זיי כשרין :

יט מען זאל ניט כשרין אין קיין שום משקה אדער אין לויג · נאר אין בלוס וואסער :

כ אז מען האט גכשרט א סך כלים אין קעסיל ביז דאס וואסער איז גיווארין גידעכט אזוי וויא זאפט זאל מען שוין ניט כשרין אין דעם וואסער :

כא דיא כלים וואס מען כשרט אין קעסיל דארפין אריין צוא לייגען איינציג ווייס אין א שיטשיין אונ אריין לאזין אין קעסיל אריין כדי דאס קאכעדיגע וואסער זאל זיין ארום דער גאנצער כלי :

כב מען זאל ניט אריין לייגען עטליכע כלים בנאנט אין דער שיטשיין · דען אז דיא כלים ריהרען אן איינס אין אנדערין קען ניט קאכען דאס וואסער ארום דער גאנצער כלי אזוי וויא עס דארף צו זיין :

כג מען זאל ניט כשרין קיין שום כלי ציימען מען ווארט פיהר אונ צוואנציג שעה זינט מען האט זיא גיניצט :

כד דער קעסיל וואס מען כשרט אין איהם זאל אויך ניט זיין גיניצט פון חמץ אין דיא פיהר אונ צוואנציג שעה פון כשרין :

כה ביי יעדערי כלי וואס מען כשרט אין קעסיל זאל דאס וואסער זידען · דהיינו עס זאל זיך בלעזלין · אזוי וויא דער שטיינער איז פון וואסער בשעת עס זיעט :

כו ערב פסח זאל מען נאר כשרין כל זמן מען מעג נאך עסין חמץ · בשעת הדחק מעגין כשרין ביז אין האלבען טאג :

כז נאך דעם וואס דיא כלי ווערט גיכשרט דארפין זיא באלד אפ צוא שווענקין מיט קאלט וואסער

# סימן עז. דינים פון ערב פסח . ער האלט דרייצען סעיפים :

א ערב פסח זאגט מען ניט קיין מזמור לתודה אונ ניט קיין למנצח :

ב ערב פסח טאר מען ניט עסין קיין חמץ נאך דעם ערשטין דריטעל טאג . דער טאג

ווערט

ווערט גירעכינט זינט עס הייבט אן צו טאגין ביז עס שטייט שטערין. למשל אז עס הייבט דענמאלט אן צוא טאגין זייגער פיהר אונ עס ווערט נאכט זייגער זיבען האלט דער טאג פופצען שעה מעגין עסין חמץ ביז זייגער ניין אבער ניט מעהר

ג הנאה האבין פון חמץ דהיינו צו פאר קויפען עס צו אגוי אדער געבין דיא בהמות צוא עסין מעגין ביז א שעה נאך דעם דריטעל טאג. אונ פון דענמאלט אן ביז נאך פסח טאר מען שוין ניט קיין הנאה האבין פון קיין שום חמץ:

ד באלד ווען מען טאר שוין ניט עסין קיין חמץ דארפין צוא פאר ברענין דאס חמץ אונ זאגין דעם אנדערין כל חמירא וואס שטייט אין סידור אונ אין זינען האבין דיא טייטש אזוי וויא מיר האבין גישריבען בסימן ע"ה סעיף כ' זעה איין דארט:

ה אז עס איז שבת ערב פסח באר ברענט מען פראטיג אין דער פריא דאס חמץ וואס מען האט גיפונען דאנערשטיג בנאכט ביא דער בדיקה. נאר דעם אנדערין כל חמירא זאגט מען הערשט שבת אין דער פריא ווען מען הערט אויף צו עסין חמץ:

ו מען דארף ערב פסח אין דער פריא אויס שאקלען דיא קעשענעס אונ דיא קינדערס קעשענעס פון חמץ:

ז אלע הענגדיגי כלים וואס מען כשרת ניט אויף פסח דארפין ערב פסח אין דער פריא גוט אפ קראטצען אונ אפ וואשין עס זאל ניט קלעבין אין זייא קיין חמץ. אונ מען זאל זייא בהאלטין אויף אזא ארט וואס מען קומט ניט דארט אריין פסח:

ח דיא כלים וואס מען קען ניט אפ קראטצין פון חמץ היינו א מילטער א לאקשין ברעט אונ נאך אזא שטייגער דארפין צו פאר קויפען זייא צוא דעם גוי אין חמץ אריין ביא דעם רב:

ט פון האלבין טאג אן טאר מען ניט טוהן קיין מלאכה. אז עס האט זיך איהם איין גריסען דאס מלבוש מעג ער עס אביסעל פארעכטין אז ער דארף יום טוב דרינען צוא גיין. אבער פון יענעמס ווענין טאר ער ניט פארעכטין אז ער נעמט דער פאר געצאלט:

י אויך טאר מען ניט טוהן קיין שום מלאכה נאר דאס וואס מען מעג טוהן חול המועד. אגוי מעגין הייסען טוהן א מלאכה ערב פסח:

יא מען דארף זיך אפ שערין אונ אפ שניידין דיא נעגיל פארין האלבין טאג אבער נאך דעם האלבין טאג טאר מען ניט זיך לאזען אפ שערין נאר דורך אגוי. אבער דיא נעגיל שאט ניט אפ צו שניידען דער נאך:

יב מען טאר ניט עסין ערב פסח קיין מצה. אפילו א קליין יונגעל אדער א מיידעל אז פאר שטייט נאר דאס ענין וואס מען וועט עס דער ציילען בנאכט אז דער אייבערשטער האט אונז אויס גיצויגען פון מצרים טארין עס שוין ניט געבין ערב פסח קיין מצה:

יג דיא גיקעכצין וואס מען מאכט פון צוא שטויסענע מצה מעגין עסין ביז דעם לעצטין פערטיל טאג. אבער פון דענמאלט אן טאר מען שוין ניט עסין נאר עטוואס פירות אדער א שטיקעל פלייש אדער פיש. אויך זאל מען ניט טרינקען פון דענמאלט אן קיין ביסעל וויין:

## סימן עח. דינים פון דיא זאכין וואס מען דארף אן גרייטען צום סדר. עס האלט צעהן סעיפים:

א מען זאל האבין גוטען וויין אויף ארבע כוסות:

ב אויף כרפס זאלין אן גרייטען רעטיך אדער יונגע ציבעלע אדער א גיקאכטע קארטאפלע:

ג עס איז גלייך צו נעמען שלאטין אויף מרור. אז מען האט ניט זאל מען נעמין חריין

און ווייל ער איז שטארק האריב מעגין איהם רייבן אויף אריב אייזין מען זאל קענין עסין אזוי פיהל וויא מען דארף:

ד מען זאל ניט רייבען איהם אלאנגע צייט פאר דעם סדר דען ער וועט דער ווייל שטארק אויס גיוועבט ווערין. נאר מען זאל איהם הערעט רייבען בנאכט ווען מען קימט פון דא וינען. נאר גיט אין א שיסעל אריין אזוי וויא אין דער וואכין. נאר אויף א טישטוך עס זאל זיין יום טוב אנדערש פון אין דער וואכין:

ה אז פסח גיפאלט אום שבת זאלין איהם רייבין פאר נאכט און צו דעקין ביז נאכט:

ו דיא חרוסת זאלין זיין גידעקט און בשעת מען דארף איין צו טונקען דעם מרור זאל מען אריין גיסען ווין עס זאל זיין שיטער מען זאל קענין איין טונקען:

ז דיא חרוסת זאלין זיין אויס עפיל. מאנדלין. נים. אויך דארפין אריין צו טוהן ציטרינג:

ח אז עס גיפאלט אום שבת זאל מען פראטיג אריין גיסען דעם ווין אין דיא חרוסת. דעכט גלייכען דאס זאלץ וואסער זאל מען אויך מאכין פראטיג. אז מען האט פאר געסין זאל מען בנאכט פארין סדר מאכין זאלציג וואסער גאנץ ווייניג. דען מען טאר ניט מאכין שבת קיין זאלציג וואסער נאר אביסעל וויא פיהל מען דארף צינדערס צום עסין:

ט מען דארף צו בראטין דיא זרוע און קאכען דאס איי ערב יום טוב. אז מען האט פאר געסין מעגין דאס טוהן יום טוב. נאר מען זאל זיי אויף עסין דעם ערשטין טאג פסח אין דער פריא. און דיא אנדערי נאכט סדר זאל מען ווידער בראטין א זרוע און קאכען איין איי צים סדר. און אויך עסין זייא דעם אנדערין טאג פסח:

י אבער אז מען גרייט זייא אן ערב יום טוב מעגין זייא האלטין אויף ביידע נעכט פסח:

# סימן עט. דינים פון סדר. ער האט דרייא און פערציג סעיפים:

א איידער מען גייט צום סדר זאל מען צרויף לייגען דרייא מצות אויף א טעליר און צו דעקין זייא מיט א שיין מישטיכעל:

ב דער נאך לייגט מען פון אויבען אויף א טעלירעל דיא זרוע אויף דער רעכטי זאט. דאס איי אויף דער לינקע זייט. דעם מרור אביסעל אראפ צו ציער פון דער מיט אזוי וויא א קגול:

ג דער נאך ווידער חרוסת אין דער רעכטע זייט. כרפס אין דער לינקער זייט. מרור אויף כוחך אקייגען דער מיט. נאך אמאל וויא א קגול אזוי וויא דא שטייט אויס גימאלט:

ביצה זרוע

מרור

כרפס חרוסת

מרור

ד דיא כוסות דארפין זיין גאנץ אן שטשערבס און גוט אויס גיוואשין:

ה יעדער כוס דארף האטש צו האלטין אזוי פיהל וויא עס קען אריין אין צוויא שאהלין פון היגעדגע אייער. אפילו דיא פוכות פון דיא חייבער כוהען אויך האלטען אזוי פיהל וויא מיר שרייבין. אז ער האלט ניט אזוי פיהל איז מען ניט יוצא:

ו א יונגעל אדער א מיידעל וואס ווייסען שוין פון דער קרושה פון יום טוב און פאר שטייען דאס ענין וואס גאט ברוך הוא האט אונז אויס גיצויגין פון מצרים וואס מען שומעסט דיא נאכט דארף דער פאטער צו געבין זייא א כוס ער זאל האלטין אזוי וויא מיר האבין גישריבען און זייא זאלין טרינקען דיא פיהר כוסות. און צום טרינקען פון יעדערין כוס אזוי וויא א גרויסער מענטש:

ז אז זייא קענין ניט טרינקען אזוי פיהל זיין זאל מען זייא געבין ראזינקעס ווין אויף דיא פיהר כוסות

ח בְּשַׁעַת מֶען טְרִינְקְט דִיא פִירְד כּוֹסוֹת אוּנ בְּשַׁעַת מֶען עֶסְט דִיא מַצָה פוּן דֶער מוֹצִיא
אוּנ דִיא מַצָה פוּן כּוֹרֵךְ אוּנ בְּשַׁעַת מֶען עֶסְט דֶעם אַפִּיקוֹמָן דַארְפְן אַלֶעמֶען צוּ זִיצְעֶן
אָן גֶילֶענְט אוֹיף דֶער לִינְקֶער זַייט. אַז נִיט אִיז מֶען נִיט יוֹצֵא:

ט אֲפִילוּ אַ יוּנְגֶעל דַארְף אוֹיךְ צוּ זִיצְעֶן אָן גֶילֶענְט. אוּנ דֶער פָאטֶער זָאל פַאזְוָואלִין:

י דֶער וָואס אִיז אַיין אָבֵל ר״ל זָאל פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה וִויא אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין מִיט
דֶעם זִיצְעֶן אָן גֶילֶענְט אוּנ מִיט דֶעם קִיטֶעל אָן טָאן:

יא פַאר דֶעם קִידוּשׁ זָאל עֶר זָאגִין יֶעדֶערִין וָואס עֶסְט בַּייא אִיהם בַּייא מַאנְצְבּוֹל בַּייא
ווייבֶּער זֵייא זָאלִין אוֹיס טְרִינְקֶען פוּן יֶעדֶערִין כּוֹס דִיא גְרֶעסְטֶע הֶעלְפְט מִיט אַיין מָאהְל
אוּנ דֶעם פֶערְדִין כּוֹס זָאלִין זֵייא אוֹיס טְרִינְקֶען אִין גַאנְצֶען מִיט אַמָאהְל אוּנ מַאכִין דֶער
נָאךְ אַבְרָכָה אַחֲרוֹנָה:

יב אוֹיךְ זָאלִין זֵייא גוּט אוֹיס הֶערִין דִיא גַאנְצֶע הַגָּדָה אָדֶער אַלֵיין זָאגִין. אוּנ אוֹיךְ
מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוָה פוּן עֶסִין מַצָה אוּנ מָרוֹר. דֶען בַּייא אַלֶע מִצְוֹת פוּן דֶער נַאכְט
אִיז נִיט קַיין חִילוּק צְווִישֶׁען מַאנְסְבּוֹל צְווִישֶׁען ווייבֶּער. חוּץ צוּ זִיצְעֶן אָן גֶילֶענְט וֶועגִין
דִיא ווייבֶּער נִיט נוֹהֵג:

יג עֶר זָאל מַאכִין קִידוּשׁ אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סִידוּר אוּנ זָאל זִיךְ אָן לֶעגִין אוֹיף דֶער
לִינְקֶער זַייט אוּנ טְרִינְקֶען דִיא גְרֶעסְטֶע הֶעלְפְט פוּן כּוֹס:

יד אוֹיךְ זָאלִין אַלֶע טְרִינְקֶען יֶעדֶערֶער פוּן זַיין כּוֹס דִיא גְרֶעסְטֶע הֶעלְפְט מִיט אַמָאהְל
אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין גֶישְׁרִיבֶּען:

טו נָאךְ דֶעם קִידוּשׁ וַואשְׁט מֶען זִיךְ אַזוֹי וִויא צוּ עֶסִין. נוּר מֶען זָאגְט נִיט דִיא בְּרָכָה
עַל נְטִילַת יָדַיִם. אוּנ מֶען ווישְׁט זִיךְ אָפּ דִיא הֶענְט. אוּנ מֶען שְׁנַייט אָפּ כַּרְפַּס יֶעדֶערִין
גָאר אַקְלֵיין שְׁטִיקֶעלֶע אוּנ מֶען טוּנְקְט אַיין אִין זַאלְץ וַואסֶער אוּנ מֶען מַאכְט אַ בּוֹרֵא פְּרִי
הָאֲדָמָה אוּנ מֶען עֶסְט אִיהם:

טז דֶער נָאךְ נֶעמְט מֶען דִיא מִיטֶעלְסְטֶע מַצָה אוּנ מֶען צוּ בְּרֶעכְט אוֹיף צְווייא הֶעלְפְטִין
אוּנ דִיא גְרֶעסְטֶע הֶעלְפְט ווִיקֶעלְט מֶען אַיין אִין אַ טִישְׁטוּךְ אוּנ מֶען בַּאהַאלְט אוֹיף
אַפִּיקוֹמָן. אוּנ דִיא קְלֶענֶערֶע הֶעלְפְט לֵייגְט מֶען צוּרִיק צְווִישֶׁען דִיא צְווייא מַצוֹת:

יז דֶער נָאךְ דֶעקְט מֶען אַבִּיסֶעל אוֹיף דִיא מַצוֹת אוּנ מֶען הֵייבְּט אוֹיף דֶעם טֶעלִיר מִיט
דִיא מַצוֹת אוּנ מֶען זָאגְט הָא לַחְמָא עַנְיָא דִיא אַכְלוּ. בִּיז. לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין
דֶערְנָאכְט גִיסְט מֶען אָן דִיא כּוֹסוֹת. אוּנ דָאס קִינְד פְרֶעגְט מַה נִּשְׁתַּנָּה:

יח דֶער פָאטֶער זָאל עֶנְטְפֶערִין דֶעם קִינְד אוֹיף דַייטְשׁ דֶעם תִּירוּץ. אַז מִיר זֶענִין גֶיוֶועןְ
קְנֶעכְט צוּ פַּרְעֹה אִין מִצְרַיִם אוּנ גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט אוּנז אוֹיס גֶילֵייזְט פוּן דָארְט
אוּנ הָאט אוּנְז גֶיבָּאטִין זַיינֶע מִצְוֹת:

יט יֶעדֶער פָאטֶער אִיז מְחוּיָב דָאס אַלֶעמֶען צוּ גֶעבִּין פַאר שְׁטֵיין דֶעם קִינְד. אוֹיךְ נָאךְ יֶעדֶערִין
שְׁטִיקֶעל הַגָּדָה דַארְף עֶר עֶס צוּ גֶעבִּין פַאר שְׁטֵיין דֶעם קִינְד אוֹיף דַייטְשׁ וִויא וַוייט
מֶעגְלִיךְ אִיז:

כ אַז עֶס אִיז נִיט דָא קַיין קִינְד זָאל אַנַאנְדֶערֶער פְרֶעגִין דִיא פִירְד קוּשְׁיוֹת. אָדֶער דִיא
טָאכְטֶער אָדֶער דָאס ווייבּ:

כא דֶער נָאךְ זָאגְט מֶען עֲבָדִים הָיִינוּ. נָאךְ יֶעדֶערִין שְׁטִיקֶעל זָאל עֶר גֶעבִּין צוּ פַאר
שְׁטֵיין דֶעם בְּנֵי בַּיִת דֶעם פְּשָׁט. אַז עֶר אַלֵיין פַאר שְׁטֵייט נִיט דִיא הַגָּדָה זָאל עֶר
זָאגִין אִין אַיין הַגָּדָה מִיט עִבְרִי טַייטְשׁ:

כב מֶען זָאגְט דִיא הַגָּדָה זִיצֶענְדִיגֶע הַיינְט אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סִידוּר. אוּנ בְּשַׁעַת
מֶען הַאלְט שׁוֹין גָאל יִשְׂרָאֵל מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן. אוּנ מֶען טְרִינְקְט דֶעם כּוֹס
אָן גֶילֶענְטֶע הַייט:

כג דֶער נָאךְ וַואשְׁט מֶען זִיךְ צוּ עֶסִין אוּנ מֶען מַאכְט עַל נְטִילַת יָדַיִם:

כד בְּשַׁעַת עֶר ווִיל מַאכִין דִיא מוֹצִיא זָאל עֶר נֶעמִין אִין דֶער הַאנְט אַרַיין דִיא צְווַייא גַאנְצֶע מַצוֹת אוּנ דִיא הַאלְבֶּע דֶער צְווִישֶׁען אוּנ מַאכִין דִיא מוֹצִיא :

כה נָאךְ דֶער מוֹצִיא זָאל עֶר אָפּ לָאזִין דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע מַצָה אוּנ הַאלְטֶען דִיא אֵייבֶּערְשְׁטִי מַצָה מִיט דֶער מִיטֶעלְסְטֶער אוּנ מַאכִין דִיא בְּרָכָה עַל אֲכִילַת מַצָה :

כו אוּנ זָאל אָפּ בְּרֶעכִין אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא אַהַאלְבּ אֵיי פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַצָה אוּנ אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא אַהַאלְבּ אֵיי פוּן דֶער מִיטֶעלְסְטֶער מַצָה אוּנ עֶסִין אָן גִילֶענְטֶע הֵייט. אוּנ נִיט בַּאלְמִיטְשֶׁען דֶער צְווִישֶׁען :

כז אִיךְ זָאל עֶר גֶעבִּין יֶעדֶערִין הַאטְשׁ אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא אַהַאלְבּ אֵיי מַצָה זֵייא זָאלִין יוֹצֵא זַיין דִיא מִצְוָה פוּן מַצָה :

כח דֶער נָאךְ זָאל עֶר נֶעמִין אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא אַהַאלְבּ אֵיי מָרוֹר אוּנ אַיין טוּנְקֶען אִין חֲרוֹסֶת. אוּנ בַּאלְד אַרוֹיס נֶעמִין. אוּנ אָפּ שָׁאקְלִין דִיא חֲרוֹסֶת פוּן מָרוֹר. אוּנ זָאל מַאכִין דִיא בְּרָכָה עַל אֲכִילַת מָרוֹר אוּנ עֶסִין זִיצֶענְדִיקֶע הֵייט :

כט אוֹיךְ זָאל עֶר גֶעבִּין יֶעדֶערִין הַאטְשׁ אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא אַדְרִיטֶעל אֵיי מָרוֹר :

ל דֶער נָאךְ זָאל עֶר נֶעמִין אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא אַהַאלְבּ אֵיי פוּן דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער מַצָה אוּנ אַזוֹי גְרוֹיס הַאטְשׁ ווִיא אַדְרִיטֶעל אֵיי מָרוֹר. אוּנ אַיין טוּנְקֶען דֶעם מָרוֹר אִין חֲרוֹסֶת. אוּנ אָפּ שָׁאקְלֶען אַזוֹי ווִיא מִיר הָאבִּין פְרִיעֶר גִישְׁרִיבֶּען. אוּנ אַרַיין לֵייגֶען דֶעם מָרוֹר צְווִישֶׁען דֶער מַצָה אוּנ זָאל זָאגִין כֵּן עָשָׂה הִלֵּל אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין סִידוּר. אוּנ זָאל עֶסִין אָן גִילֶענְטִי הֵייט. אוּנ אַזוֹי זָאל עֶר גֶעבִּין יֶעדֶערִין בַּזוּנְדֶער :

לא מֶען זָאל נִיט אִים רֶעדִין אַזֶעלְכֵי רֵייד וָואס קֶערִין נִיט צוּם עֶסִין זִינְט מֶען מַאכְט דִיא בְּרָכָה עַל אֲכִילַת מַצָה בִּיז מֶען עֶסְט אָפּ דֶעם כּוֹרֵךְ פוּן מַצָה מִיט מָרוֹר וָואס מִיר שְׁרַייבֶּען :

לב דֶער נָאךְ עֶסְט מֶען דִיא סְעוּדָה. מֶען טָאר נִיט עֶסִין דִיא גֶעבְּרָאטִין פְלֵייש נַאכְט פוּן סֵדֶר גִבְּרָאטִין פְלֵייש :

לג אַז מֶען עֶסְט שׁוֹין אָפּ אַלְדִינְג זָאל מֶען עֶסִין דֶעם אֲפִיקוֹמָן. עֶס אִיז גְלַייךְ יֶעדֶערֶער זָאל עֶסִין פוּן אֲפִיקוֹמָן אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא אַיין אֵיי. אַז מֶען קֶען נִיט מוּז מֶען הַאטְשׁ עֶסִין אַזוֹי גְרוֹיס ווִיא אַהַאלְבּ אֵיי :

לד מֶען זָאל אִיהְם עֶסִין אָן גִילֶענְטֶע הֵייט. אוּנ נִיט אִיבֶּער דַאנְק. דֶען דָאס אִיז אַיין טַייעֶרִי מִצְוָה. דָאס אִיז אוֹיף דֶעם אָרְט פוּן קָרְבָּן פֶּסַח וָואס מֶען הָאט גִיגֶעסִין וֶוען דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גִישְׁטַאנִין. גָאט בָּרוּךְ הוּא זָאל הֶעלְפֶען דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ זָאל גִיבּוֹיעֶט ווֶערִין בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן :

לה נָאךְ דֶעם אֲפִיקוֹמָן טָארִין נִיט עֶסִין קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוּנ נִיט טְרִינְקֶען קֵיין שׁוּם מַשְׁקֶה הוּיץ דִיא צְווַייא כּוֹסוֹת וָואס מֶען דַארְף נָאךְ צוּ טְרִינְקֶען. נוּר וַואסֶער אָדֶער לַאקְרִיץ מֶעגִין טְרִינְקֶען אַזוֹי ווִיא מִיר וֶועלִין שְׁרַייבֶּען בְּסָעִיף מ״א זְעה אַיין דָארְט :

לו נָאךְ דֶעם אֲפִיקוֹמָן גִיסְט מֶען אָן אַ כּוֹס צוּם בֶּענְטְשִׁין. אוּנ יֶעדֶערֶער זָאל דֶענְמָאלְט אָן גִיסֶען זַיין כּוֹס. דֶען דָאס אִיז דֶער דְרִיטֶער כּוֹס. אַז עֶס לִיגְט אִין אִיהְם קְרִישֶׁעלִיךְ פוּן עֶסִין דַארְפִין אִיהְם אִיבֶּער שְׁווֶענְקִין :

לז נָאךְ דֶעם בֶּענְטְשִׁין מַאכְט מֶען אַ בּוֹרֵא פְּרִי הַגָפֶן אוּנ מֶען טְרִינְקְט דֶעם כּוֹס אָן גִילֶענְטֶע הֵייט :

לח מֶען דַארְף גִיוָואָרִינְט צוּ זַיין אָפּ צוּ רֶעכְטִין דֶעם גַאנְצִין סֵדֶר פַאר הַאלְבֶּער נַאכְט :

לט דֶער נָאךְ גִיסְט מֶען אָן דֶעם פֶערְדִין כּוֹס. אוּנ אַ כּוֹס פוּן אֵלִי׳ הַנָבִיא וֶוענִין. אוּנ מֶען עֶפִינְט דִיא טִיהר. אוּנ מֶען זָאגְט שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ :

מ דֶער נָאךְ זָאגְט מֶען לֹא לָנוּ כְּסֵדֶר אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין סִידוּר. דֶעם פֶערְדִין כּוֹס זָאל מֶען אוֹיס טְרִינְקֶען אִין גַאנְצֶען מִיט אַמָאהְל אוּנ מַאכִין דֶער נָאךְ דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה עַל הַגָפֶן :

מא מען טאר ניט טרינקען נאך דיא פיר כוסות קיין וויין אדער אנדערע משקה. נור וואסער אדער לאקריץ אדער בארענדליך יוך מעגין טרינקען. אז מען דארף נייטיג מעגין טרינקען קאווע אדער טייא:

מב נאך דער הגדה אז עם שלעפערט ניט זאל מען זאגין שיר השירים. דען מען איז מחויב דיא נעכט פון סדר עוסק צו זיין אין דעם וואס גאט ברוך הוא האט אונז אויס געצויגין פון מצרים אונ אין דיא ניסים וואס גאט ברוך הוא האט געטהון אונזערע עלטערין ביז עס וועט שטארק שלעפערין:

מג איידער מען לייגט זיך דיא נעכט פון סדר זאגט מען ניט דיא מזמורים וואס מען זאגט אלע נאכט פארין לייגין. נור דיא בלויזע קריאת שמע אונ דיא ברכת המפיל:

## סימן פ. דינים פון ציילען ספירה. אונ וועלכע זאכען מען טאר ניט טוהן אין דיא טעג פון ספירה. ער האלט אכט סעיפים:

א דיא אנדערע נאכט פסח הייבט מען אן צוא ציילען ספירה. ספירה ציילט מען נאך מעריב. שטייענדיגי הייט:

ב אז איינער האט פאר געסין בנאכט צו ציילען ספירה אונ ער דער מאנט זיך בטאג וואס קער צו דער נאכט זאל ער ציילין בטאג אן אברכה. אז ער האט אבער בטאג אויך פאר געסין מוז ער שוין אלע נאכט ציילען אן אברכה:

ג אז איינער פרעגט דעם אנדערין וויא פיהל איז היינט אין דער ספירה. אז ער האט נאך ניט גיציילט זאל ער ענטפערין נעכטין איז אזוי פיהל גיוועהן מכילא וועט יענער פאר שטיין וויא פיהל היינט איז:

ד אז ער ענפערט אבער היינט איז אזוי פיהל טאר ער שוין ניט מאכין קיין ברכה בשעת דעם ציילין פון דער נאכט:

ה אין דיא טעג פון דער ספירה איז גיוועהן ר"ל א שטארקע מגפה פון גרויסע לייט. דאריבער מאכט מען ניט חתונה אין דיא טעג. נאר ראש חודש אייר אדער ל"ג בעומר:

ו שרייבען תנאים אונ מאכין דיא סעודה מעגין גאנץ ספירה. נאר מען זאל ניט טאנצין:

ז אויך זאל מען ניט זיך שערין אדער גאלען אין דער ספירה ביז ערב שבועות. ל"ג בעומר שאט ניט צו גאלין אדער שערין:

ח אויף טייל ערטער זענין אנדערש דיא מנהגים קיינען דיא זאכין דארפין דארט צוא טוהן וויא דער מנהג איז:

## הלכות תענית ובין המצרים.

## סימן פא. דינים פון תעניתים. אונ דיא זאכין וואס מען טאר ניט טוהן פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב. ער האלט אכטצען סעיפים:

א דער יוד איז מחויב צו פאסטען דיא פיהר גיבאטענע תעניתים. דהיינו צום גדליה. עשרה בטבת. שבעה עשר בתמוז. תשעה באב. דען אין דיא טעג האבין יודען גיהאט פיהל צרות. אונ זייא זענין פאר טריבען גיווארין פון ארץ ישראל אונ דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין:

ב דאריבער זענין מיר מחויב צו פאסטען אין דיא טעג מיר זאלין זיך דער מאנין תשובה צו טוהן פון אונזערע שלעכטע מעשים. וואס דיא צרות קומען דורך דיא זינד:

ג יעדער מענטש איז מחויב דעם טאג פון תענית צו בארעכינען זיך זיינע מעשים אונ

תְּשׁוּבָה טוּהן אויף דיא עֲבֵירוֹת. דען דער עִיקָר דאָס פַאסְטען איז נאָר מען זאָל תְּשׁוּבָה טוּהן. אָבער ניט וויא דיא מענטשׁין וואָס באַלְמִיטשׁען דעם טאָג מיט שְׁמוּעסין דְבָרִים בְּטֵלִים. תַּעֲנִית אֶסְתֵּר וועלין מיר שׁרייבען בְּסִימָן צ"א:

ד פון שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז ביז נאָך תִּשְׁעָה בְּאָב מאַכט מען ניט חֲתוּנָה און מען שׁערט זיך ניט. און מען טוט ניט אָן קיין נייעם מַלְבּוּשׁ. און מען עסט ניט קיין נייע פְּרִי וואָס מען דאַרף צו מאַכין שֶׁהֶחֱיָינוּ:

ה נאָר אַז מען וועט ניט קריגען דיא פְּרִי נאָך תִּשְׁעָה בְּאָב מעגין זיא עסין שַׁבָּת:

ו מען זאָל ניט שׁלאָגין דיא קינדער אין דיא טעג:

ז פון ראש חוֹדֶשׁ אָב ביז נאָך תִּשְׁעָה בְּאָב זאָל מען ניט עסין קיין פְלייש און ניט טרינקען קיין וויין:

ח שַׁבָּת מעגין יוא עסין פלייש און טרינקען וויין. אויף אַ סְעוּדַת מִצְוָה היינו אַ בְּרִית אָדער אַ סִיּוּם מעגין אויך. נאָר מען זאָל פרעגין אַ שְׁאֵלָה וויא פיהל מענטשׁין מען מעג בעטין אויף דער סְעוּדָה:

ט אַ שׁלאַפער מעג עסין פלייש:

י מען טאָר ניט וואַשׁין גרעט אין דיא ניין טעג. אויך טאָרין ניט געבין אַגוי צו וואַשׁין אַז מען דאַרף נייטיג זאָל מען פרעגין אַ שְׁאֵלָה:

יא דיא ווינדליך וואָס מען וויקעלט דיא קינדער מעגין וואַשׁין עטליכע:

יב מען טאָר ניט קויפען אין דיא ניין טעג נייע מַלְבּוּשִׁים אָדער נייע שׁיך. אויך טאָרין ניט זייא אָן טוהן. אויך טאָרין ניט זייא געבין צו מאַכין. אויך טאָרין ניט אַרְבּייטען זאַכין. אֲפִילוּ דורך אַגוי טאָר מען אַלְטֶען ניט:

יג אַז מען גיט צו מאַכין פאַר ראש חוֹדֶשׁ מעגין זייא אַרְבּייטען אין דיא ניין טעג.

יד אַז מען דאַרף געבין צו מאַכין נאָך ראש חוֹדֶשׁ וועגין אַ חֲתוּנָה וואָס וועט זיין נאָך תִּשְׁעָה בְּאָב זאָל מען פרעגין אַ שְׁאֵלָה:

טו מען טאָר ניט זיך באָדין אין דיא ניין טעג. אָבער פון רְפוּאָה וועגין מעגין זיך באָדין:

טז אַ נִדָּה מעג גיין טְבִילָה:

יז דער וואָס איז געוואוינט צוא גיין אַלע פְרייטיג אין מִקְוָה אַריין מעג עֶרֶב שַׁבָּת חֲזוֹן אויך גיין:

יח דער וואָס איז געוואוינט פְרייטיג אָפּ צו וואַשׁין דאָס פָּנִים מיט דיא הענט און צוואָגין זיך מיט וואַרים וואַסער מעג דעם פְרייטיג אויך. נאָר ניט מיט זייף אָדער לויג:

## הלכות תשעה באב

## סימן פב. דִינִים פון עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב. ער האַלט זיבען סְעִיפִים:

א עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב נאָך דעם האַלְבין טאָג זאָל מען ניט לערנין נאָר דאָס וואָס מען מעג לערנין תִּשְׁעָה בְּאָב (זעה איין בְּסִימָן פ"ג סְעִיף ח'):

ב עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב פאַרין נאַכט מאָר מען ניט עסין מיין וויא איין געקעכטץ. לְמָשָׁל פערפיל מיט ביבעליך טאָר מען ניט עסין ווייל עס איז צוויא געקעכטצין. דאַריבער עסט מען פערפיל אַליין:

ג דער נאָך זעצט מען זיך אויף אַ קליין בענקעלע און מען עסט דיא סְעוּדָה הַמַּפְסֶקֶת ברויט מיט פוטער מען זאָל זיין זאַט. און אַ בייגעל מיט אַשׁ:

ד מען מעג דער נאָך טרינקען קאַווע כְּדֵי צו לעשׁין דעם דאָרשׁט:

ה דיא וואָס עסין איין אַיי מיט אַש דאַרפֿין צו עסין דיא פֿערפֿיל פֿאַר מנחה (זעה אַיין בסימן ט"ב סעיף ד' ה' ו') :
ו אַז מען עסט אָפּ ווען עס איז נאָך גרויסער טאָג אונ מען וויל נאָך דעם בענטשין עסין אָדער טרינקען מאָר מען ניט צייטען מען האָט אין זינען געהאַט פֿאַר דעם בענטשין צו טרינקען דער נאָך :
ז אַ פֿערטיל שעה איידער עס שקייט שטערין מאָר מען ניט עסין אָדער טרינקען. אונ ניט גיין אין דיא שיך אַזוי וויא תשעה באב זעלבסט. איבער דעם טוז מען דענטמאָלט אוים טוהן דיא שיך. האָטשי מען דאַווינט נאָך ניט קיין מעריב (זעה אַיין בסימן פ"ג סעיף כ"ה קיגען שבת) :

## סימן פג. דינים פֿון תשעה באב. ער האָט דרייא אונ דרייסיג סעיפֿים :

א תשעה באב בנאַכט דאַווינט מען שטילער הייט בייא איין לעכט :
ב נאָך שמונה עשרה זאָגט מען קדיש תתקבל. דער נאָך זעצט מען זיך אויף דער ערד אָדער אויף אַ קליין בענקאַלע אונ מען זאָגט איכה מיט קינות מיט געוויין :
ג דער נאָך זאָגט מען ואתה קדוש. קדיש אָן תתקבל :
ד אין דער פֿריא דאַווינט מען אָן טלית ותפֿילין. אונ מען לייענט. דער נאָך זאָגט מען קינות :
ה בשעת דיא קינות מאָר מען ניט שמועסין אָדער אַוועק גיין. ווער שמועסט דיא בענטשין וואָס מאַכין געלעכטער בייא דיא קינות אָדער וואַרפֿין שטיינער טוהן בוודאי אַ גרויסע עבירה :
ו נאָך דיא קינות זאָגט מען אשרי ובא לציון אונ ניט קיין למנצח. אויך פֿאַר פֿעלט מען דעם פסוק ואני זאת בריתי. קדיש אָן תתקבל. עלינו :
ז מען זאָגט ניט דעם יום אונ ניט פּיטום הקטורת אונ קיין מעמדות :
ח תשעה באב מאָר מען ניט לערנין נאָר איכה אונ מדרש פֿון איכה. אונ איוב. אונ דיא גמרא פֿון חורבן. אונ דיא גמרא פֿון אבילות ר"ל :
ט אַ שלאָפֿער וואָס קען ניט פֿאַרטמען זאָל פֿרעגין אַ שאלה :
י מען מאָר ניט וואַשין תשעה באב זיך וואַשין ביז נאַכט דאָס פּנים אונ קיין שום אבר. נאָר ווען מען הייבט זיך אויף פֿון שלאָף אָדער מען האָט נקיות אָדער פֿאַרין דאַווינען מעגין זיך וואַשין דיא פֿינגער :
יא אַז מען רעכט זיך אַיין דיא האַנט מעגין אָפּ וואַשין דאָס אָרט :
יב מען מאָר ניט תשעה באב גיין ביז נאַכט אין קיין שיך אָדער שטיוועל אוים לעדער :
יג אַז עס איז אַ בלאָטע אָדער מען דאַרף צו גיין אין בית הכסא אַריין אונ מען קען זיך אַיין רעכטין מעגין גיין אין דיא שיך ביז מען קומט צו אַריין אָרט :
יד דיא וואָס גייען צווישען דיא גוים אין שיך דאַרפֿין האָטש אַריין לייגען זאַמד אין זייא. אָבער דיא וואָס זיצען אין געוועלב מאָרין ניט גיין אין שיך :
טו דער וואָס פֿאָרט אין וועג מאָר ניט גיין אין שיך אויף דער פֿוהר. אָבער דער וואָס גייט אין וועג מעג גיין אין דיא שיך ביז דער שטאָט :
טז תשמיש המטה איז אסור. מען זאָל אפֿילו ניט אָן רירען אין איהר בנאַכט :
יז תשעה באב טאָר מען ניט געבין קיין שלום אונ ניט זאָגין גוט מאָרגען :
יח אפֿילו דיא וואָס טוהן נאָך דעם האַלבען טאָג אַ מלאכה אָדער משא ומתן זאָל מען ניט טוהן כסדר אַ גאַנצע טאָג נאָר מען דאַרף זיך אָפּ רוען אונ דער מאַנין זיך אין חורבן בית המקדש :

יט ביא מנחה לייגט מען טלית ותפילין אונ מען זאגט קריאת שמע אונ דעם יום אונ וואס מען האט ניט געזאגט אין דער פריא . אונ מען דאווינט מנחה אונ מען לייענט אזוי וויא אנאנדערין תענית :

כ ביא שמונה עשרה זאגט מען נחם ביא ולירושלים עירך אונ עננו ביא שומע תפלה אזוי וויא עס שטייט אין סידור (זעה איין בסוף סימן י״ד) :

כא ביא דער הויכע שמונה עשרה זאגט דער חזן עננו נאך גואל ישראל . אונ ברכת כהנים פאר שים שלום . נאך שמונה עשרה קדיש תתקבל . אונ מען טוהט אויס טלית ותפילין אונ מען דאווינט מעריב :

כב מוצאי תשעה באב אונ צו מארגענס ביז דעם האלבען טאג עסט מען ניט קיין פלייש אונ מען טרינקט ניט קיין וויין (ציימען ביא א סעודת מצוה) . אונ מען מאכט ניט קיין שהחיינו אונ מען שערט זיך ניט אונ מען וואשט ניט קיין גרעט :

כג אז תשעה באב געפאלט דאנערשטיג מעגין פראטיג אין דער פריא זיך שערין אונ גרעט וואשין לכבוד שבת :

כד אז תשעה באב געפאלט אום שבת אונ מען פאסט זונטאג מעגין מאנטיג אין דער פריא דאס אלדינג :

כה אז תשעה באב געפאלט אום שבת אדער זונטאג עסט מען שבת פלייש אונ מען טרינקט וויין . א פערטיל שעה פאר נאכט טאר מען שוין ניט עסין אונ טרינקען אונ וואשין זיך . נאר דיא שיך זאל מען ניט אויס טוהן ביז נאך ברכו חוץ דער חזן זאגט דיא ווערטער ברוך המבדיל בין קודש לחול . אונ טוהט אויס דיא שיך פאר והוא רחום :

כו אז תשעה באב געפאלט אום שבת טארין ניט פראטיג צו נאכט משמש המטה זיין ציימען עס איז א ליל טבילה :

כז ביא מנחה זאגט מען ניט קיין צדקתך צדק אונ גישט קיין פרק . מען זאל גישט לערנין דעם שבת נאר דיא זאכין וואס מען מעג לערנין תשעה באב . מען מעג מעביר זיין דיא סדרה :

כח אפילו דא וויא מען מעג טראגין טאר מען ניט שבת טראגין דיא קינה צוא זאגין אין איהר בנאכט :

כט מוצאי שבת זאגט מען ברוך המבדיל בין קודש לחול אונ מען צינט אן א לעכט אונ מען מאכט בורא מאורי האש :

ל ביא דער שמונה עשרה זאגט מען אתה חוננתנו אונ מען זאגט ניט ויהי נועם ניט ויתן לך . אונ מען מאכט ניט קיין הבדלה :

לא נאר זונטאג בנאכט מאכט מען הבדלה איבער א כוס . אונ מען זאגט ניט דיא ברכת בורא מיני בשמים אונ ניט דיא ברכת בורא מאורי האש :

לב זינט דאס בית המקדש איז חרוב געווארין טארין ניט זיין צו לוסטיג . אונ ניט לאכען אדער שטיפען . אונ ניט זינגען אדער שפילען . נאר ביא א מצוה זאך מעגין זיך אביסעל פרייען לשם שמים אונ זינגען אדער שפילען :

לג דאס וואס וועלכער מארשאליק אויף א חתונה זאגט גילעכטערין אונ מישט אריין פון דער גמרא אדער פסוקים איז א גרויסע עבירה . דען מען טאר ניט מאכין קיין גילעכטערין אויס דיא ווערטער פון דער היילינגער גמרא . אדער פון היילינגע פסוקים . אונ דער בעל שמחה מיט דיא מענטשין וואס זיצען דארט זענין מחויב ניט צו לאזין דאס

דיניג

## סימן פד. דינים פון ראש השנה. ער האלט דרייסיג סעיפים

א המשל דער מענטש האט תמיד צייט תשובה צו טוהן אונ ווען ער טוט תשובה ביז דעם גאנצען הארצען איז איהם גאט ברוך הוא מוחל. דאצופארט איז די בעסטע צייט פון ראש חודש אלול ביז נאך יום כפור. דען אין די טעג נעמט גאט ברוך הוא גיכער אן די תשובה:

ב אויך איז זייער גוט אין די טעג צו געבין צדקה. אונ צו בעטין גאט ברוך הוא ער זאל מוחל זיין די זינד פון ביז אהער. אונ זאל העלפין מען זאל שוין ניט זינדיגען. אונ מען זאל האבין וואס מען בדארף. מען זאל קענין איהם דינען באמת

ג דער מנהג איז צו בלאזין שופר אנהייבין חודש אלול. אלע טאג נאך דעם דאווענען. חוץ ערב ראש השנה. דער טעם פון דעם בלאזין איז צו דער מאנין די מענטשין זיי זאלין תשובה טוהן:

ד אז איינער שרייבט א בריף צום אנדערין פון ראש חודש אלול ביז יום כפור זאל ער איהם שרייבען צום סוף ער זאל האבין א כתיבה וחתימה טובה:

ה ערב ראש השנה זאל מען זיך אפ שערין לכבוד יום טוב. עס איז גלייך זיך אפ צוא שערין פאר דעם האלבען טאג. אונ פאר נאכט זאל מען גיין אין מקוה אריין:

ו דער מנהג איז צוא מאכין התרת נדרים ערב ראש השנה. מען מוז אבער פאר שטיין די טייטש פון די ווערטער בשעת מען זאגט:

ז דער וואס ווייסט ניט דארף צו בעטין דעם וואס ווייסט ער זאל איהם גוט אויס טייטשען די ווערטער פון התרת נדרים. אונ פון דער מסירת מודעה וואס מען זאגט דער נאך. כדי ער זאל קענין אין זינען האבין דעם פשט בשעת ער זאגט:

ח פון ראש השנה ביז נאך יום כפור זאגט מען אין דער שמונה עשרה המלך הקדוש. אז מען איז זיך טועה אונ מען זאגט האל הקדוש אונ מען דער מאנט זיך תיכף זאל מען זאגין די ווערטער המלך הקדוש אונ דאווענען ווייטער. אבער אז מען האט שוין אן גיהויבען אתה חונן דארפין איבער נייעם אן צו הייבען פון אן הייב שמונה עשרה:

ט אז מען איז מסופק צו מען האט גיזאגט המלך הקדוש דארפין אויך נאך אמאל צוא דאווענען שמונה עשרה:

י פון ראש השנה ביז נאך יום כפור זאגט מען אין דער שמונה עשרה המלך המשפט. אז מען פאר געסט אונ מען זאגט מלך אוהב צדקה ומשפט אונ מען דער מאנט זיך תיכף זאל מען זאגין די ווערטער המלך המשפט. אבער אז מען האט שוין אן גיהויבען ולמלשינים דאווענט מען ווייטער. אונ מען דארף ניט נאך אמאהל אן צו הייבען:

יא אז מען פאר געסט צו זאגין זכרנו לחיים אדער מי כמוך אדער וכתוב אדער בספר חיים אונ מען האט זיך הערשט דער מאנט בשעת מען האט שוין גיזאגט דעם שם פון ברוך אתה ה׳ זאל מען אויס זאגין די ברכה אונ ווייטער דאווענען ווא מען האלט:

יב די נאכט פון ראש השנה איז דער מנהג צוא מאכין ביי דעו סעודה גוטע סימנים מען זאל האבין א גוט יאהר. מען טונקט איין די מוציא אין האניק אונ מען עסט אשטיקעל. דער נאך זאגט מען יהי רצון שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה

יג דער נאך טונקט מען איין א שטיקעל זיסען אפעל אין האניק אונ מען מאכט א בורא פרי העץ אונ מען עסט א שטיקעל אונ מען זאגט דעם יהי רצון:

יד אויך זאל מען עסין קאפ פון א שעפסיל אדער פון א פיש אונ זאגען יהי ר׳ שנהיה לראש:

טו אויך זאל מען עסין מייערין אונ מען זאל זאגין יהי רצון שירבו זכיותינו

טז מען עסט ניט ראש השנה קיין זויערע זאכין אדער ביטערע זאכן. אויך זאל מען ניט עסין ראש השנה קיין ניס :

יז בשעת מען זאגט ראש השנה אבינו מלכנו זאל מען פאר פעלן דעם אבינו מלכנו חטאנו לפניך :

יח בשעת דער בעל תוקע מאכט די ברכות פאר שופר בלאזין זאל דער עולם ניט זאגין קיין ברוך הוא וברוך שמו. נאר זייא זאלין גוט אויס הערין די ברכות אונ ענטפערין אמן :

יט אויך זאל מען ניט אויס רעדין זינט דער בעל תוקע מאכט די ברכות ביז נאך אלע תקיעות פון דער הויכע שמונה עשרה :

כ אז מען דארף אויס רעדין פון די תקיעות וועגין אדער פון דאוונען וועגין מעגין אויס רעדין נאך די תקיעות פון פאר שמונה עשרה :

כא דער מנהג איז צו זאגין די יהי רצון צווישען די כדרים פון די תקיעות. נאר מען זאל נישט ארויס זאגין מיט דעם מויל די נעמין פון די מלאכים וואס שטייט דארט :

כב מען דארף געווארינט צו זיין מען זאל ניט אן הייבען יעדערין יהי רצון צייטען דער בעל תוקע וועט אויס לאזין די גאנצע תקיעה וואס ער האלט צינדערט ביי איהר. דען יעדער מענטש דארף צו הערין די גאנצע תקיעה פון אן הייב ביז צום סוף. אפילו דער בעל תוקע ציהט זיא לאנג :

כג אונזערע חכמים שרייבען אז דער שופר איז אונז מרמז מיר זאלין תשובה טוהן. גלייך איינער וועקט אויף דעם אנדערין פון שלאף. אזוי דער וועקט דער שופר מען זאל זיך בארעכנען די מעשים אונ תשובה טוהן אויף די עבירות. אונ שוין ניט אפ פיהרען די וועלט מיט נארישקייטען אונ עסקים פון דער וועלט וואס בלייבט גאר ניט דער פון אונ זייא קענען גאר ניט העלפן. דען עס איז אלריינג פון גאט ברוך הוא. דאריבער דארפן מיר אוועק צו ווארפן די שלעכטע מעשים. אונ טוהן גוטע מעשים. וועט גאט ברוך הוא העלפן אז עס וועט אונז זיין גוט אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט :

כד מען זאל תשובה טוהן אין דער מחשבה צווישען די כדרים. דען דענמאלט ווערט די תשובה געבער אן גינומען :

כה נאך מנחה גייט מען צו תשליך. אונ מען זאגט די פסוקים אזוי וויא עס שטייט אין סידור. דער נאך שאקעלט מען אויס די קליידער מרמז צוא זיין מיר זאלין זיך נעמין צום הארצין אוועק צו ווארפן די זינד אונ טוהן גוטץ פון היינט אן :

כו אז דער ערשטער טאג ראש השנה גיפאלט אום שבת גייט מען צוא תשליך דעם אנדערין טאג ראש השנה :

כז די אנדערע נאכט ראש השנה זאל מען אנידער לייגען פאר דעם קידוש א נייע פרי אדער מען זאל אן טוהן איין נייע מלבוש אונ מיט דער שהחיינו פון קידוש זאל מען יוצא זיין אויף דער פרי אדער אויף דעם מלבוש :

כח אז מען נעמט ויין טרויבען אויף א שהחיינו מוז מען זעהן זייא זאלין זיין שטארק גרויס אונ גוט צייטיג. דען אז ניט איז גלייבער ניט צו נעמין זייא ווערה איין בסימן (ל״ב אות ו׳ סעיף א׳ ובאות ש׳ סעיף ז׳ ח׳) :

כט אז מען האט ניט קיין פרי אונ ניט קיין מלבוש מעגין אזוי מאכין שהחיינו ביי דעם קידוש :

ל עשרת ימי תשובה זאל מען ניט אזוי פיהל האנדלין אונ טוהן מלאכות וויא אגאנצן יאהר. נאר מען זאל זיך קובע זיין עטליכע שעה אין טאג תשובה צו טוהן אונ חרטה האבין אויף יעדער זינד. אונ נעמין אויף זיך צוא זיין גוט פון היינט אן. אויך זאל מען געבין א סך צדקה אין די טעג אונ עוסק זיין בתורה ובמעשים טובים :

דינים

## סימן פה. דינים פון ערב יום כפור. ער האט צוועלף סעיפים:

א ערב יום כפור זאגט מען ניט קיין מזמור לתודה און קיין תחנון און קיין למנצח. אויך זאגט מען ניט אבינו מלכנו. נור אז יום כפור געפאלט אום שבת זאגט מען ערב יום כפור אין דער פריה אבינו מלכנו:

ב ערב יום כפור איז א מצוה גוט צו עסין. אויך זאל מען עסין פיש אין דער סעודה פון דער פריא:

ג אז א מענטש זינדיגט קיגען אנדערין איז תשובה טוען מיט יום כפור ניט מכפר צאטען ער האט יענים איבער געבעטין. דאריבער דארף מען זיך פאר יום כפור צו באהרעכינען אויב מען האט געזינדיגט אין געלט זאכין קיגען א מענטש זאל מען איהם אפ געבין און איבער בעטין:

ד אז מען איז מסופק צו מען דארף יענים אפ געבין דארפין יענים צו זאגין אז מען וועט נאך יום כפור האבין מיט איהם א דין תורה. און מען וועט מקיים זיין וואס דאס ב"ד וועט פסקנין:

ה אז איינער האט געזידעלט דעם אנדערין דארף ער איהם איבער צו בעטין. און דער אנדערער דארף איהם מוחל זיין מיט דעם גאנצען הארטץ. דער וואס לאזט ניט יום כפור אוועק דיא שנאה ווערט זיין תפלה ניט דער הערט ח"ו. אבער דער וואס איז מוחל דעם אנדערין איז גאט ברוך הוא איהם מוחל אויף זיינע זינד:

ו יעדער מענטש זאל גיין אין מקוה אריין ערב יום כפור:

ז ביא מנחה ווען מען האלט המברך את עמו ישראל בשלום זאל מען זאגין דעם פסוק יהיו לרצון אמרי פי. דער נאך זאל מען זאגין דיא ווידוי או"א תבא לפניך. ביז והלאים רעים דער נאך זאגט מען אלהי נצור:

ח פארין נאכט עסט מען דיא סעודה המפסקת. אין דער סעודה זאל מען ניט עסין קיין פיש און קיין רינדערין פלייש און קיין אייער:

ט מען דארף אויף הערין צו עסין און טרינקען ווען דיא זון שאינט נאך אביסעל:

י אז מען עסט אפ ווען עס איז גרויסער טאג דארף מען זאגין אדער חאטש אין זינען האבין פאר דעם בענטשין אז מען נעמט נאך ניט אויף זיך דעם תענית. כדי מען זאל מעגין טרינקען נאך דעם בענטשין:

יא איידער דיא זון גייט אונטער צינט מען לעכט און מען מאכט דיא ברכה להדליק נר של יום הכפורים. אז יום כפור געפאלט אום שבת מאכט מען להדליק נר של שבת ושל יום הכיפורים:

יב דער מנהג איז צו בענטשין דיא קינדער איידער מען גייט אין שול אריין. און דיא קינדער נעמין אויף זיך צו גיין אין גוטען וועג.

## סימן פו. דינים פון יום כפור. ער האט אכטצען סעיפים:

א אלדינג וואס מען טאר ניט טוען אום שבת טארין ניט טוען אום יום כיפור. אויך טארין ניט יום כיפור עסין און טרינקען. און ניט משמש המטה זיין. און ניט שמירען זיך.

ב אויך טארין ניט יום כפור זיך וואשין דאס פנים און קיין שום אבר. נאר ווען מען הייבט זיך אויף פון שלאף אדער מען האט נקיות אדער פארין דאווינען מעגין זיך וואשין דיא פינגער.

ג אז מען רעכט זיך אין דיא האנט מעגין אפ וואשין דאס ארט. ווען דיא כהנים גייען

דוכענען

דרוקענען זאלען זיא זיך וואשען דיא גאנצע הענט אזוי וויא תמיד

ד מען טאר ניט גיין יום כפור אין שיך אדער שטיוועל.

ה אז עס איז א שמארקע בלאטע אדער מען דארף צו גיין אין בית הכסא אריין אונ מען קען זיך אין רעכטין מעגין אן טוען דיא שיך ביז מען קומט צוא א ריין ארט:

ו ווען מען מוז גיין אין דיא שיך זאל מען אן טוען דעם לינקען שוך אויף דעם רעכטין פוס אונ דעם רעכטין שוך אויף דעם לינקען פוס. אונ איידער מען קומט אריין אין שול מוז מען זיא אויס טוען אונ טראגין זיא ביז דעם ארט וויא מען דאווינט אונ בהאלטין זיא:

ז ווען מען רירט אן מיט דיא פינגער אין דיא שיך דארפין זיך צוא וואשין דיא פינגער:

ח א שלאפער אדער א קימפעטארין אין דיא דרייסיג טאג פון קינד האבין מעגין גיין אין שיך:

ט מען טאר ניט יום כפור אן רירען אין וייב אפילו בטאג. גלייך וויא איין נדה:

י א יונגעל אדער א מיידעל וואס זענין שוין אלט ניין יאהר אונ זיא זענין געזונד. זאלין זיא יום כפור עסין עטליכע שעה שפעטער פון דער צייט וואס זיא עסין אנאנדערין טאג. לויט וויא זיא קענין זיך געוויינען:

יא אז זיא ווערין שוין אלט עליף יאהר איז גלייך זיא זאלין פאסטען א גאנצע טאג אויב זיא זענין געזונד אונ קענין פאסטען. אז זיא זענין איידילע קינדער אונ עס איז זיא שווער צו פאסטען מעגין זיא עסין:

יב אבער אז דאס מיידעל איז שוין אלט צוועליף יאהר אונ דאס יונגעל איז שוין אלט דרייצען יאהר מוזען זיא פאסטען א גאנצי טאג גלייך וויא אגרויסער מענטש:

יג קיינען אן טוען דיא שיך האבין קינדער דעם דין פון אגרויסען מענטש:

יד א שלאפער אדער א קימפעטארין וואס דארפין צו עסין זאל מען פרעגין א שאלה:

טו תמיד ווען מען זאגט דיא ווידוי מוז מען אין זינען האבין דיא טייטש פון דיא ווערטער. אונ נעמין אויף זיך מען זאל שוין ניט טוען דיא עבירות. אונ בעטין גאט ברוך הוא ער זאל מוחל זיין פון ביז אהער. אויך טארין ניט זינדיגען קיינמאל אויף דער קאנטע וואס מען וועט יום כפור תשובה טוען:

טז איבער דעם זענין פאר נארט דיא מענטשין וואס נאך נעילה האפין זיא באלד דעם מעריב אונ זענין שוין וויא פריער. אבער דער ערליכער יוד דארף צו גיין תמיד מיט דעם אמת. אונ אזוי וויא מען איז מקבל אויף זיך יום כפור צו זיין גוט דארפין צו ווילין נאך יום כפור אויך אזוי זיין. ממילא וועט גאט ברוך הוא העלפין אז מען וועט אלע מאל בעסיר ווערין. אונ מען וועט זוכה זיין צו דעם רעכטין גוטין:

יז ביא דער שמונה עשרה פון מעריב זאגט מען אתה חוננתנו:

יח ביא דער הבדלה זאל מען אן צינדען א לעכט ביא דעם לעכט וואס ברענט זיך פון נעכטין אונ מאכין איבער ביידע בורא מאורי האש. אבער א בורא מיני בשמים מאכט מען ניט נאר צאמען יום כפור איז געפאלין אום שבת:

## הלכות סוכה.

## סימן פז. דינים פון סוכה. ער האט פיר אונ צוואנציג סעיפים

א עס איז א מצוה צו מאכין דיא סוכה באלד נאך יום כפור אויף א ריין ארט אונ אויס הענגען זיא מיט שיינע פארהאנגין:

ב מען טאר ניט מאכין דיא סוכה אויף דעם ארט וואס איז ניט זיין איגינס נאר צאמען

צאמין יעניר האט פאזוואלעט :

ג דער וואס האט א גיבויעטי סוכה מיט פליגעל איז בוודאי גלייך :

ד אויף דעם סכך זאל מען ניט לייגין קיין צו גיבונדענע בינטליך שטרוי. און ניט קיין כלים אפילו צו בראכעני כלים זאל מען אויך ניט לייגין :

ה מען זאל לייגין דעם סכך גידעכט. נאר ניט שטארק גידעכט אז מען וויל לייגין ברעטליך אויף טייל ערטער מען זאל ניט זיצען דארט זאל מען פרעגין א שאלה :

ו דיא סוכה וואס איז מיט א פליגעל דארפין צו עפינען דעם פליגעל איידער מען לייגט ארויף דעם סכך. אויך זאל מען עם עפינין ערב סוכות פארין נאכט ער זאל זיין אפען ביז אין דער נאכט אריין :

ז דענקמאלט ווען מען זיצט אין סוכה מוז דער פליגעל זיין גוט גיעפינט און שטיין גלייך. אבער ניט גיבויגין :

ח ערב סוכות נאך דעם האלבין טאג זאל מען ניט עסין קיין ברויט אדער חלה. כדי מען זאל עסין בנאכט מיט חשק. (זעה איין בסימן ע"ז סעיף י"ג נאך דינים פון דעם) :

ט אויך זאל מען געבין צדקה ערב סוכות. ווער שמועסט צו שיקען דיא ארימע לייט אויף יום טוב איז בוודאי אגרויסע מצוה :

י דיא פראסטי מענטשין וואס מיינען אז דיא מצוה פון סוכה איז נאר אפ צו עסין און אוועק גיין זענין זיך טועה. דען דיא מצוה פון סוכה איז מען זאל גאנצע זיבען טאג וואנען אין דער סוכה גלייך מען וואנט אין שטוב א גאנץ יאהר. דאריבער דארף מען דארט אריין שטעלין שיינע כלים. און עסין. און טרינקען. און שלאפין און לערנין. און שמועסען וואס מען דארף. און אלדינג טוען אין סוכה :

יא דיא זאך וואס מען קען ניט טוען אין סוכה. למשל מענטשין שמועסען אין סוכה. קען ער ניט לערנין דארט. מעג ער לערנין אין שטוב :

יב אבער אז מען טוהט אין שטוב אזא זאך וואס מען קען טוען אין סוכה. אפילו מען דרייט זיך אזוי ארום אין שטוב. און מען טוהט גאר ניט. האט מען איין עבירה פאר וואס מען איז ניט צינדערט אין סוכה.

יג בשעת מען איז אין סוכה דארפין מיר אין זינען האבין אז מיר זענין מקיים דיא מצוה וואס גאט ברוך הוא האט אונז גיבאטען צו זיצען אין סוכה. צו דער מאנין זיך אז גאט ברוך הוא האט אויס גיצויגין אונזערי עלטערין פון מצרים און האט זיא ארום גרינגילט מיט וואלקענים פון אלע זייטין גלייך וויא איין סוכה. און ער האט צו שאפין איבער אלע וועלטין. און מיר דארפין איהם צו דינען :

יד מען דארף צו האלטין דיא סוכה בכבוד. דאריבער זאל מען ניט אריין נעמין קיין טעפיל אדער איין אנדערי גימיינע כלי אין סוכה אריין :

טו אויך זאל מען באלד נאך דעם עסין ארויס נעמין דיא טעליר. אויך זאל מען דארט ניט וואשין קיין גיפעס. ווער שמועסט אז מען טאר ניט דארטין משתין זיין אדער טוען אנדערי פאסגודנע זאכין :

טז פרייטיג צו נאכט מאכט מען אויך לישב בסוכה באלד נאך דעם קידוש. אבער יום טוב בטאג און גאנצין חול המועד מאכט מען לישב בסוכה נאך דער מוציא :

יז אז מען פאר געסט צו מאכין לישב בסוכה מאכט מען ווען מען דער מאנט זיך. און מען זיצט דער נאך אביסעל אין סוכה :

יח אז עס רעגינט שטארק מעגין עסין אין שטוב. אבער דיא ערשטע צוויא נעכט סוכות מוז מען איבער ווארטען דעם רעגין און עסין אין סוכה :

דער

יט דער וואס עסט אין סוכה בשעת עס רעגנט טאר ניט מאכן די ברכה לישב בסוכה :

כ אקליינקייט מעגן עסן הויז לסוכה . עס איז אבער דא אין דעם הילוכי דינים . דאס גלייכסטע איז מען זאל ניט טוען אפילו אטרונק הויז לסוכה :

כא נאר אז מען וויל טוען אטרונק אדער עסן וועלכי פרי און מען האט ניט דאלעבין קיין סוכה . מעגן דאס טוען ווא עס איז :

כב טייל מענטשן שלאפין ניט אין סוכה איבער דער קעלט און אנדערי תירוצים . אבער די ערליכע יורען זוכען ניט קיין תירוצים . און שלאפין אין סוכה אויף בעט געוואנט און מלבושים . און האבין נאך הנאה דער פון :

כג א שלאפער איז פטור פון סוכה . ווייבער זענין אויך פטור פון סוכה :

כד אקליין יונגעל וואס איז שוין אלט פינעף יאהר אדער מער דארף עם דער פאטער צו געוויינען ער זאל עסין אין סוכה :

# הלכות לולב

## סימן פח . דינים פון אתרוג בענטשין . ער האלט צעהן סעיפים :

א אויב מען קען איז א מצוה צו קויפען זיך א שיינעם אתרוג און אלע מינים שיינע . עס איז דא אין זייא פיהל דינים . דאריבער דארף מען צו ווייזען זייא דעם וואס קען לערנען אויב מען מעג א ברכה מאכען איבער זייא :

ב אויך זאל מען אן גרייטין א סך ערבות . דען דורך דעם בענטשין פאלין יום טוב אראפ פון זייא די בלעטליך טארין ניט בענטשין אתרוג ביז מען זעצט אריין פרישע ערבות :

ג דעם ערשטין טאג סוכות דארפין פריער בענטשין אתרוג די גרויסע מענטשין . און דער נאך די קינדער . אבער ניט פאר קערט :

ד אויך אז מען גיט וועלכין יוד צו בענטשין אתרוג זאל מען אין זינען האבין אז מען גיט איהם ער זאל יוצא זיין אזוי וויא דער דין איז :

ה מען נעמט דעם לולב מיט די מינים אין דער רעכטע האנט . די שדרה פון לולב זאל זיין קיגען פנים . און דעם אתרוג אין דער לינקער האנט . דער אתרוג זאל זיין מיט דער שושנתא פון הונטען . און מען מאכט שטייענדיקע הייט די ברכה על נטילת לולב . דעם ערשטין טאג מאכט מען דער נאך א שהחיינו :

ו דער נאך פאר דרייט מען דעם אתרוג מיט דער שושנתא ארויף און מען נעמט די לינקע האנט מיט דעם אתרוג צו צום לולב . און מען מאכט די נענועים . דרום . צפון . מזרח . מעלה . מטה . מערב . אויף טייל ערטער איז אנדערש דער מנהג בייא די נענועים :

ז דער וואס איז ניט גילינקט נעמט דעם לולב אין דער לינקער האנט . און דעם אתרוג אין דער רעכטע האנט :

ח דער וואס האט זיין אתרוג מיט אלע מינים האלט ער זייא אין די הענט בייא הלל מיט הושענות און מאכט די נענועים בייא הלל אויך . היינו בייא הודו און בייא די צווייא מאל אנא ה' הושיעה נא און בייא דעם הודו פון פאר יהללוך . און אזוי טוהט דער חזן וואס דאווינט פארין עמוד :

ט בייא הודו איז דא זעקס ווערטער הויז דעם שם שאקעלט מען בייא יעדער ווארט (דרייא מאל) צו אנאדערע זייט . בייא אנא איז דא דרייא ווערטער הויז דעם שם שאקעלט מען בייא יעדער ווארט צו צווייא זאמין . בייא דעם שם זאל מען ניט שאקלען :

שבה

י שבת בענטשט מען ניט קיין אתרוג. און מען טאר ניט שבת נעמין דעם לולב אין דער האנט אריין. אבער דעם אתרוג מעגין שבת נעמין אין דער האנט אריין און שמעקין צו איהם. נור איידער מען שמעקט דארף מען צו מאכין דיא ברכה אשר נתן ריח טוב בפירות. אלע טאג סוכות זאל מען ניט שמעקין צום אתרוג. און צום הדס טארין ניט שמעקין גאנץ סוכות אפילו אום שבת:

## סימן פט. דינים פון הושענא רבה. שמיני עצרת. שמחת תורה. ער האלט צעהן סעיפים:

א דיא נאכט פון הושענא רבה איז מען אויף. און מען זאגט משנה תורה. און דיא סדרה וזאת הברכה זאגט מען שנים מקרא ואחד תרגום. דער נאך זאגט מען גאנטץ תהלים און מען בעט מען זאל האבין א גוט יאהר:

ב אין דער פריא דאווינט דער חזן אין קיטעל און מען זאגט למנצח כו׳ השמים מספרים אזוי וויא יום טוב. נאר מען זאגט מזמור לתודה. און אויך ניט קיין נשמת. דיא קדושה פון מוסף זאגט מען אזוי וויא יום טוב:

ג דיא הושענא דארף זיין לאנג דרייא פאהמען. עס איז גלייך עס זאל זיין אין איטער פינף ריטלעך און א סך בלעטליך. און ארום בינדען זייא מיט לולב:

ד ווען מען זאגט אפ הושענות איידער מען קלאפט דיא הושענא דארף מען שאקלין מיט איהר:

ה דער נאך קלאפט מען זיא אן דער ערד פינף מאהל. און ניט מעהר. אפילו דיא בלעטליך פאלין ניט אראפ דורך דעם קלאפין שאט ניט:

ו דער נאך זאל מען זיא בהאלטען און ניט טרעטין אויף איהר ח״ו. טייל פראסטע מענטשין ווארפין זיך דער נאך מיט דיא הושענות גלייך עס איז איין גילעכטער ח״ו. איז דאס איין עבירה. דען עס איז דא אין דער מצוה גרויסע סודות:

ז שמיני עצרת בנאכט זאגט מען ביי קידוש את יום שמיני עצרת החג הזה און שהחיינו. און מען זאגט שוין ניט דיא ברכה לישב בסוכה. נאר מען עסט אזוי אין סוכה דיא סעודה פון בנאכט און פון בטאג:

ח שמחת תורה בנאכט עסט מען שוין אין שטוב. און מען מאכט ביי קידוש שהחיינו:

ט אין דער פריא נאך דיא הקפות לייענט מען וזאת הברכה. און בראשית ביז לעשות און מפטיר. און מען דאווינט מוסף:

י דער נאך פרייעט מען זיך אגאנצע טאג בשמחת תורה. השם יתברך זאל העלפין מיר זאלין זוכה זיין ללמוד וללמד לשמור ולעשות:

# הלכות חנוכה

## סימן צ. דינים פון חנוכה. ער האלט זיבען און דרייסיג סעיפים:

א ווען דאס בית המקדש איז גישטאנין און דיא אומה פון יונים האבין גישאפט איבער יודען. האבין זייא גוזר גיוועזן אויף יודען שלעכטע גזירות. און האבין ניט גילאזט האלטען שבת און מילה. און זענין אריין גיגאנגען אין בית המקדש און האבין אלדינג ממאה גיוועזן:

ב האבין דיא יודען פון גרויס ענגשאפט גיבעטין צו גאט ברוך הוא. האט ער זיך דער בארימט איבער זייא און האט זייא גיהאלפין אז דיא כהנים בני חשמונאי מיט ווייניג

מענטשין

מִיטְשִׁין האבין אוים גיהרגת פון דיא יונים וויער א סך ביז זייא האבין אלע פאר טריבען:

ב אונ דיא יודען זענין אריין גיגאנגען אין בית המקדש אריין דעם ערשטין טאג חנוכה אונ האבין ניט גיהאט קיין כשרין בוימעל צו צינדען דיא מנורה פון בית המקדש. דען דיא יונים האבין אלעמין מטמא גיוועזן:

ד האבין זייא גיפונען א קליינע כלי מיט בוימעל פאר חתמית מיט דער חתימה פון כהן גדול. נאר עס איז ניט גיוועזן דרינען צו ברענין נאר אויף איין טאג. האט גאט ברוך הוא אריין גישיקט דיא ברכה אונ מען האט דער פון גיברענט אכט טאג. ביז מען האט גיקריגען פרישען בוימעל כשרין:

ה איבער דעם האבין אונזערע חכמים מתקן גיוועזן מען זאל דיא אכט טעג בנאכט ברענין חנוכה לעכט. אונ בטאג זאגין הלל אונ לויבען גאט ברוך הוא בשמחה אויף דיא נסים וואס ער טוט מיט אונז. צו גידענקין אז דער בעסטער תכלית איז נאר צו בעטין גאט ברוך הוא אויף אלדינג. וועט מען גיהאלפין ווערין אין אלימען:

ו אויך זאל מען חנוכה געבין א סך צדקה. ווער שמועסט אז מען גיט דיא ארימע לייט וואס לערנין תורה איז דער שכר זייער גרויס:

ז חנוכה טאר מען ניט פאסטין. א מלאכה מעגין טוהן חנוכה. נאר דיא ווייבער זאלין ניט טוהן בנאכט קיין מלאכה ביז דיא חנוכה לעכט גייען אוים:

ח עס איז א מצוה צו האבין א שיין חנוכה לעמפיל אונ נעמין גוטען בוימעל אויף חנוכה לעכט. אז מען האט ניט מעגין נעמין לויטערין אייל. אדער וועקסינע לעכטלין. נאר עס זאל ניט זיין צו נאנט גידרייט. נאר יעדער לעכטיל באזונדער:

ט דיא לעכטליך דארפין זיך ברענין האטש א האלבע שעה. אז ניט איז מען ניט יוצא:

י דיא חנוכה לעכט שטעלט מען אויף א בענקיל בייא דער טיהר. ביי דעם באשטידעל וואס קיגען דער מזוזה. אדער מען שטעלט זייא אויף דעם פענצטער וואס גייט אין מארק אריין. אויב עס איז ניט שטארק הויך פון מארק:

יא באלד ווען עס ווערט נאכט דארפין צו דאווענען מעריב. אונ צינדען חנוכה לעכט. מען טאר ניט פריער טוהן קיין שום זאך. אפילו לערנין:

יב אז מען האט ניט גיצונדען באלד טוז מען זעהן האטש צו צינדען כל זמן דאס בני בית זענין אויף. אבער מיט דיא חנוכה לעכט וואס מען צינט אין שול איז מען ניט יוצא:

יג מען זאל אריין גיסען בוימעל עס זאל זיך ברענין האטש א האלבע שעה. אז ניט איז מען ניט יוצא. האטשי מען גיסט דער נאך צו בוימעל פועלט אויך ניט:

יד אויך זאל מען ניט צינדען ווא דער ווינט קען אוים לעשין:

טו דיא ערשטע נאכט מאכט מען פאר דעם אן צינדען דרייא ברכות. להדליק נר חנוכה. שעשה נסים. שהחיינו. דיא רעשט נעכט מאכט מען ניט קיין שהחיינו. נאר צוויא ברכות:

טז בשעת דעם צינדען זאל דאס גאנצע בני בית זיין דער בייא:

יז תיכף נאך דיא ברכות צינט מען דיא לעכטליך. אונ נאך דעם צינדען זאגט מען הנרות הללו כו':

יח מען דארף אכטונג צו געבין עס זאל ניט זיין גאר נאהנט איין לעכטיל פון אנדערין. דען אז עס האפט זיך צו נאנט דער פלאם איז מען ניט יוצא:

יט דיא ערשטע נאכט צינט מען אן דאס לעכטיל בייא דער רעכטי האנט. דיא אנדערע נאכט צינט מען אן פריער דאס אנדערע לעכטיל. דער נאך דאס ערשטע. אונ אזוי איז אלע נאכט צינט מען פריער אן דאס לעכטיל וואס איז היינט מער:

דיא

כ די אכטע נאכט הייבט מען אן ביי דעם אכטן לעכטל און מען צינדט ביז דעם ערשטן :

כא מען דארף זיך אלע נאכט צו שטעלן מיט דער רעכטע האנט ביי דעם לעכטל וואס מען הייבט היינט אן צו צינדען :

כב מען טאר ניט ניצען קיין שום זאך ביי די חנוכה לעכט . דאריבער לאזט מען ברענין דעם שמש אז מען וועט וועלן עפיס ניצען זאל מען זיך צוא בייגען צום שמש :

כג אן צינדען א לעכט זאל מען אויך ביי דעם שמש. דער שמש זאל ניט שטיין אין איין שורה מיט די לעכטליך :

כד אויך טאר מען ניט אוועק נעמען די חנוכה לעכט פון דעם ארט וואס מען האט גיצונדען . אבער ווען זיי האבן שוין גיברענט א האלבע שעה מעגין זיי אוועק נעמין אז מען דארף גייטיג :

כה פראטיג צינדט מען פריער חנוכה לעכט דער נאך די לעכט פון שבת . מען מוז אריין גיסען בוימעל די לעכטליך זאלין זיך ברענין ביז א האלבע שעה נאך דעם וואס שטייט שוין דרייא שטערין . אז ניט איז מען ניט יוצא :

כו מוצאי שבת מאכט מען הבדלה באלד ווען מען קומט אהיים פון מעריב . דער נאך צינדט מען חנוכה לעכט . דער נאך זאגט מען ויתן לך :

כז איין אשה וואס האט ניט קיין מאן דארף זיא אליין צינדען חנוכה לעכט . אז זיא קען ניט זאל אנאנדערער מאכין די ברכות און צינדען . און זיא זאל שטיין דער ביי . אבער אז זיא גייט אין אנאנדערע שטוב אריין הערין פון יענעם איז זיא ניט יוצא :

כח חנוכה לעכט דארפין צינדען דא ווא מען עסט שטענדיג . אבער אז איינער עסט גראט א סעודה ביי יענעם מוז ער גיין אהיים צינדען חנוכה לעכט :

כט נאר דער וואס איז אין וועג צינדט חנוכה לעכט ווא ער שטייט איין . און אין דער היים צינדט איינער פון בני בית פון ווייבס וועגין :

ל אונזערי חכמים שרייבען אז די מענטשין וואס שפילען אין קארטין חנוכה אדער ווען עס איז . טוהן א גרויסע עבירה . אפילו אין קוויטלעך טארין אויך ניט שפילען :

לא אויך דארפין מבטל צו זיין דעם שלעכטין מנהג וואס איז אויף טייל ערטער אז די קינדער מאכין גילעכטערין און גישרייען בשעת מען צינדט אין שול אדער אין בית המדרש די חנוכה לעכט . גלייך די זאך איז איין גילעכטער ח״ו . דארפין זיי וויסען אז דאס איז א גרויסע עבירה . דער הייליגער מלאך אליהו הנביא ז״ל שרייבט אין זיין ספר (פרק י״ג) אז די עבירה פון לצנות איז זייער גרויס . מען ווערט ח״ו שטארק גישטראפט דער פאר . בפרט אין שול אדער אין בית המדרש . בפרט בשעת מען טוהט די טייערע מצוה פון חנוכה לעכט צינדען . דאריבער דארפין צוא זעהן וויא ווייט מיגליך איז מבטל צוא זיין דעם שלעכטין מנהג פון די גילעכטערין . וועט מען בוודאי האבין א גרויסען שכר פון דער מצוה :

לב אז מען פאר געסט חנוכה צו זאגין על הנסים אין דער שמונה עשרה און מען האט זיך הערשט דער מאנט ווען מען האט שוין גיזאגט דעם שם פון ברוך אתה ה׳ הטוב שמך דאווינט מען ווייטער . און מען דארף ניט נאך אמאל איבער צו דאווינען :

לג אז מען פאר געסט צוא זאגין ביי דעם בענטשין על הנסים האבין מיר גישריבען די דינים בסימן כ״ט סעיף כ״ה זעה אין דארט :

לד חנוכה זאגט מען גאנץ הלל און מען זאגט ניט קיין תחנון און אל ארך אפים און קיין למנצח :

לה שבת חנוכה זאגט מען ניט קיין אב הרחמים און ניט קיין צדקתך צדק :

**לו** דיא ארבע פרשיות וואס מען לייענט פאר פורים און נאך פורים דארפן נוט אויס הערין לייענין:

**לז** דיא מענטשין פון דארף וואס האבין ניט קיין מנין דארפין פרשת זכור און פרשת פרה צו האלטען שבת ביים א מנין. זיא זאלין דארט הערין לייענין דיא פרשיות. דען זיא זענין גרויסע חיובים. אז עס איז ניט מיגליך. זאלין זיא אליין לייענין דיא פרשיות מיט דעם טראפ מיט גרויס כוונה:

## הלכות פורים

## סימן צא. דינים פון פורים ער האלט צוויא און דרייסיג סעיפים:

**א** דרייצען טאג אין אדר האבען יודען געפאסט און געבעטין גאט ברוך הוא ער זאל זיא העלפין זיא זאלין זיך נוקם זיין פון זייערע פיינד. האט ער זיא געהאלפין אזוי וויא זיא האבין געוואלט. אזוי וויא עס שטייט אין דער מגלה קאפיטעל ט':

**ב** דעריבער פאסט מען היינט אויך דעם טאג דאס איז תענית אסתר. כדי צו גידענקין אז גאט ברוך הוא הערט צו דיא תפלה פון יעדערין מענטש אין זיין ענגשאפט אז ער פאסט און טוט תשובה מיט דעם גאנצען הארץ:

**ג** אז פורים איז זונטאג פאסט מען דאנערשטיג:

**ד** אז איינער איז עפים ניט געזונד זאל ער פרעגין א שאלה:

**ה** דעם פערצעטען טאג אין אדר איז פורים און מען לייענט דיא מגלה. און מען זאגט על הניסים ביא דער שמונה עשרה און ביא דעם בענטשין:

**ו** אז מען פארגעסט צו זאגין על הניסים איז דער דין אזוי וויא חנוכה וואס מיר האבין געשריבען בסימן צ' סעיף ל"ב ל"ג זעה אין דארט:

**ז** פאר דער מגלה גיט מען מחצית השקל געלט און איידער מען הייבט אן צו לייענין באנאכט אדער אין דער פריא מאכט דער בעל קורא דרייא ברכות. על מקרא מגלה. שעשה נסים. שהחיינו. יעדער מענטש מוז גוט אויס הערין דיא ברכות און זאל ניט זאגין קיין ברוך הוא וברוך שמו. נאר אמן אליין:

**ח** אז מען לייענט פון ווייבער וועגין און מען האט שוין אליין געהערט לייענין זאל מען זאגין דיא ערשטע ברכה לשמוע מגלה:

**ט** אפילו ווייבער און בתולות דארפין אויך פורים צו הערין לייענין דיא מגלה. באנאכט און בטאג:

**י** דער בעל קורא דארף אין זינען האבין מוציא צו זיין דאס ציבור. און יעדער מענטש מוז אין זינען האבין יוצא צו זיין און הערין יעדערווארט. אבער אז מען פאר פעלט נאר צו הערין איין ווארט איז מען ניט יוצא. בשעת מען קלאפט המן טאר ניט דער בעל קורא לייענין ווייטער ביז עס ווערט שטיל:

**יא** דעריבער דארפין צו האבין פאר זיך א מגילה בשעת מען הערט. אז מען קען האבין א כשרי מגילה צו זאגין מיט יעדער ווארט שטילער הייט איז בוודאי גלייכער. אז ניט זאל מען האמש הערין אין וואסערי מגילה עס איז אדער אין א חומש וואס שטייט דרינען דיא מגילה (אז מען האט ניט קיין כשרי מגילה טארין ניט נאך זאגין יעדער ווארט נאר מען מוז הערין). און מען זאל געווארנט זיין אז ווען מען וועט וועלכים ווארט ניט דער הערין זאל מען תיכף זאגין דאס ווארט מיט דעם מויל פון דעם חומש. וועט מען שוין יוצא זיין:

**יב** אז בשעת ער זאגט צו דאס ווארט לייגט דער בעל קורא ווייטער דארף ער גאך

שטילער

שטילער דיזט ווייטער צו זאגן ביז ער וועט האלטן גלייך מיט דעם וואס לייגט. דערנאכדעם זאל ער שוין שווייגן און הערן פון דעם בעל קורא:

יג אבער אז ער דער יאגט ניט דעם בעל קורא נאר ער זאגט צו דאס ווארט וואס ער האט ניט דער הערט ווען דער בעל קורא האט שוין ווייטער געלייענט איז ער ניט יוצא. מיא מאנמצבול מיא ווייבער מוזען אלעמין געווארנט זיין אין דיא זאכען:

יד נאך דעם לייענען וויקעלט מען צו דיא מגילה. און יעדער מענטש מאכט דיא ברכה הרב את ריבנו וואס שטייט אין סידור. (אויב מען האט געלייענט מיט א מנין). דער נאך אשר הניא כו'

טו דער נאך זאגט מען ואתה קדוש. אז עס איז מוצאי שבת זאגט מען ויהי נועם ואתה קדוש. ויתן לך. עלינו. און מען מאכט הבדלה:

טז אין דער פריא זאגט מען אויך נאך דער מגילה דיא ברכה הרב את ריבנו אז מען האט געלייענט מיט א מנין. דער נאך שושנת יעקב כו'. דער נאך זאגט מען אשרי. ובא לציון:

יז יעדער מענטש איז מחויב פורים צו שיקען האסטש צוויא מתנות צו איין מענטש. אזוי איז ער מקיים דיא מצוה פון משלוח מנות. האט ער נאך חברים שיקט ער נאך:

יח דיא צוויא מתנות וואס ער שיקט דארפין צו זיין געקאכט עסין ווארק אדער פירות עס זאל זיין כדאי מכבד צו זיין דער מיט. אדער גוטע משקה.

יט יעדער מענטש איז מחויב פורים צו געבין צוויא מתנות צו צוויא ארימע לייט. היינו יעדערין א מתנה. עמליכע קאפיק אדער עטין מארק. אפילו דער ארימאן וואס נעמט אליין איז אויך מחויב אין דיא מצות:

כ דיא מצוה פון מתנות לאביונים איז זייער גרויס. וואס מער אביונים מען גיט האט מען א גרויסען שכר. דען דער גימער ווילען פון אייבערשטען אין דעם. דאריבער זאל מען אזוי מוזען וויא ווייט מיגליך איז:

כא דער וואס איז א״ף דעם ארט וואס איז ניט דא קיין ארימע לייט זאל ער האלטין דאס געלט ביז עס וועט קומען ארימע לייט. אדער ער זאל זייא שיקען:

כב דיא ווייבער דארפין אויך מקיים צו זיין משלוח מנות צו אנדערי ווייבער. און מתנות לאביונים צו ארימע לייט. אפילו דיא קינדער געוויינט מען אויך אין מצות:

כג דער וואס איז ר״ל איין אבל מעג ער פורים און שושן פורים זיצען אויף א באנק און גיין אין דיא שוך. נאר דיא רעשט דינים פון אבילות איז ער נוהג. דאריבער טאר ער ניט זיין בייא דיא שמחות. אז ער האט ניט קיין מנין אין דער היים מעג ער גיין אין שול אריין הערין דיא מגילה:

כד דער אבל איז מחויב מקיים צו זיין משלוח מנות און מתנות לאביונים. נאר משלוח מנות זאל ער ניט שיקען קיין טייערי זאכען. און יעניר טאר ניט אפ שיקען דעם אבל אפילו ער איז שוין נאך דער שבעה נאר אין דיא שלשים. (אדער אין דיא צוועליף חדשים פון פאטער און מוטער ר״ל):

כה אז דער אבל איז איין ארימאן מעגין עם שיקען געלט אדער אנדערי פראסטע זאכען דעסט גלייכען אז יעניר האט ניט אויף דעם ארט קיין אנדערין צו שיקען זאל ער שיקען דעם אבל מקיים צו זיין משלוח מנות:

כו דיא מענטשין וואס וואשין זיך פורים צו דער סעודה שפעט פארין נאכט דארפין אין זינען האבין בייא דער סעודה פון דער פריא יוצא צו זיין דיא סעודת פורים. דען סעודת פורים איז מען ניט יוצא נאר בטאג. אויך ווען פורים איז פראטיג מאכט מען אין דער פריה דיא סעודה:

כז משלוח מנות און מתנות לאביונים מוז אויך זיין פורים בטאג:

סעודת

כח סעודת פורים זאלין עסין בנאכט דאס גאנצע בני בית. אונ חברים וועלכים מען קען, אונ פרייען זיך בנאכט. נאר ניט מיט קיין ליצנות ח"ו:

כט עס איז גלייך צו לערנין אביסעל פאר דער סעודה אונ אין מיטען דער סעודה. אונ מען זאל זיך פרייען וואס גאט ברוך הוא העלפט אונז תמיד:

ל פורים בטאג דארפין צו טרינקען משקה מער וויא זיין שטייגער איז. אונ דער נאך שלאפין אביסעל. נאר אלעץ לשם שמים:

לא שושן פורים זאגט מען אויך ניט קיין תחנון אונ אל ארך אפים אונ קיין למנצח. אונ מען פרייעט זיך אביסעל מיט עסין אונ טרינקען. אונ מען טאר ניט פאסטען. נאר מען זאגט ניט על הנסים:

לב קליין פורים דאס הייסט פערצען טאג אונ פופצען טאג פון אדר ראשון טארין אויך ניט פאסטין אונ מען זאגט ניט קיין תחנון אונ אל ארך אפים אונ קיין למנצח. דעם פערצעטין טאג עסט מען אביסעל בעסיר פון אנאנדערין טאג. השם יתברך זאל העלפין מיר זאלין תמיד האבין זיך צו פרייען מיט אלדים גוטין. אונ זוכה זיין צו דער גאולה שלמה במהרה בימינו אמן:

---

# הלכות כיבוד אב ואם.

## (דברים) סימן צב. דינים פון ערליך האלטען פאטער אונ מוטער. ער האלט צוויא אונ צוואנציג סעיפים:

א מען דארף שטארק גיווארינט צו זיין ערליך צו האלטען פאטער אונ מוטער:

ב דער הייליגער מלאך אליה הנביא ז"ל שרייבט אין זיין ספר אז דער וואס וויל האבין גוטס אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט זאל ער ערליך האלטען פאטער אונ מוטער:

ג ערליך האלטען הייסט צו באדינען זייא מיט אלדינג. אז זייא זענין ארעם אונ ער איז פאר מעגליך דארף ער זייא מפרנס זיין מיט א פריילעך פנים וויא ווייט מיגליך איז:

ד אויך זענין מיר גיבאטען גיווארען מורא צו האבען פאר פאטער אונ מוטער. היינו מען טאר ניט שטיין אדער זיצען אויף דעם פאטערס ארט אין שול. אויך טארין ניט זיצען אין דער היים אויף דעם פאטערס ארט אדער אויף דער מוטערס ארט:

ה אויך טארין ניט אפ ווענדין זייערע רייד אפילו זייא זענין ניט דער בייא:

ו מען טאר ניט אויף וועקין פאטער אונ מוטער פון שלאף. אפילו דער שליסעל פון זיין גיוועלב ליגט בייא זייא אונטערין קישען אונ ער וועט דער ווייל היזק האבען אזאך פאר דינכט טארין אויך ניט:

ז אבער אז עס טרעפט זיך דעם פאטער א פאר דינכט אונ אז ער וועט עם ניט אויף וועקען וועט דער פאטער האבין עגמת נפש זאל ער עם אויף וועקין:

ח דעסט גלייכען פון א מצוה וועגען היינו צו גיין דאווינען זאל ער עם אויך אויף וועקין. דען ער מיט דעם פאטער אונ מוטער זענען מחויב אין אייבערשטענס כבוד:

ט מען איז מחויב זיך אויף צו שטעלין פאר דעם פאטער אונ פאר דער מוטער. זינט מען זעהט זייא אדער מען הערט זייא גיין ביז מען זעהט זייא שוין ניט אדער ביז זייא קומען אויף זייער ארט;

י אז מען גידענקט דעם פאטער אין דיא צוועליף חדשים נאך זיין טויט דארפין צו זאגין

זאָגן „הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבוֹ" דיא טייטש איז „אויף מיר זאָל קומען דאָס שלעכטץ וואָס דאַרף אויף עם צו קומען" אַז מען גידענקט עס נאָך דיא צוועלף חֳדָשִׁים זאָלין זאָגן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא :

יא אַז מען גידענקט דיא מוטער אין דיא צוועלף חֳדָשִׁים נאָך איהר טויט זאָל מען זאָגן הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבָהּ. אַז מען גידענקט זיא נאָך דיא צוועלף חֳדָשִׁים זאָל מען זאָגן זִכְרוֹנָהּ לִבְרָכָה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא :

יב אַז מען גידענקט זייער נאָמין אין שרייבין דאַרפין אויך צו שרייבין דיא ווערטער וואָס מיר האָבין גישריבען :

יג אַז דער פאָטער אָדער דיא מוטער הייסען עם טוען איין עֲבֵירָה אַפִילוּ גאָר אַ קליינע עֲבֵירָה טאָר ער ניט פאָלגין זייא :

יד איין אִשָּׁה איז אַזוֹי גוט מְחוּיָב ערליך צו האַלטען דיא פאָטער אונ מוטער אונ מוֹרָא האָבין פאַר זייא אַזוי וויא אַ מאַנצבּיל :

טו נאָר דיא אִשָּׁה וואָס האָט איין מאַן אונ דער מאַן לאָזט זיא ניט איז זיא פָּטוּר פון דיא זאַכען וואָס ער לאָזט ניט. אָבער אין דיא זאַכען וואָס דער מאַן איז ניט מַקְפִּיד איז זיא מְחוּיָב :

טז אַז דער פאָטער הייסט זיך באַדינען לְמָשָׁל ער הייסט זיך געבען אַ טרונק וואַסער אונ דיא מוטער הייסט זיך אויך געבען אַ טרונק וואַסער דאַרף ער פריער צו געבען דעם פאָטער. דען דיא מוטער איז אויך מְחוּיָב צו באַדינען דעם פאָטער :

יז דאַריבער אַז דער פאָטער האָט גיגעבען דער מוטער אַ גֵט אונ זיא איז שוין ניט מְחוּיָב עם צו באַדינען מעג דער זאָהן געבען איהר פריער דעם טרונק וואַסער :

יח מען טאָר ניט מְבַזֶּה זיין פאָטער אונ מוטער אַפִילוּ נאָר מיט רייד אָדער אויף דעם ווינק. אַפִילוּ זייא שלאָגין עם טאָר ער ניט זייא אַקעגען רעדין :

יט אַ מענטש טאָר ניט שווער מאַכען דעם עול אויף זיינע קינדער מְדַקְדֵּק זיין מיט זייא אין זיין כָּבוֹד. דען ער קען זייא ברענגען צוא איין עֲבֵירָה. נאָר ער דאַרף זייא מוֹחֵל זיין. אונ ניט מַקְפִּיד זיין אויף זיין כָּבוֹד :

כ אַז דער פאָטער ווייסט אַז ווען ער וועט שלאָגען דעם זאָהן וועט ער איהם מְבַזֶּה זיין אָדער שעלטען טאָר ער איהם ניט שלאָגען. כְּדֵי ער זאָל איהם ניט ברענגען צוא קיין עֲבֵירָה. נאָר ער זאָל איהם שטראָפען מיט רייד :

כא אַ שְׁטִיף מוטער אָדער אַ שְׁטִיף פאָטער. איין עלטערין ברודער. אַ זיידען. שווער אונ שוויגער. מוז מען אויך ערליך האַלטען :

כב דער וואָס וויל בֶּאֱמֶת ערליך האַלטען פאָטער אונ מוטער דאַרף צוא לערנין אונ טוען גוטע מַעֲשִׂים. דאָס איז אַ כָּבוֹד פאַר דיא פאָטער אונ מוטער אויף דער וועלט. אויך זאָגען זייא זוֹכֶה צוא פיהל גוטס אויף יענער וועלט אַז זייא לאָזען איבער גוטע קינדער :

## סימן צג. דינים פון ערליך האַלטען אַ רַבִּי אָדער אַ תַּלְמִיד חָכָם. אָדער איין אַלטין מאַן. אָדער אַ כֹּהֵן. ער האַלט צעהן סְעִיפִים :

א דעם רַבִּי וואָס מען לערינט בייא עם דאַרף מען שטאַרק ערליך צוא האַלטען. אונ גרויס דֶּרֶךְ אֶרֶץ האָבין פאַר איהם. אַפִילוּ מען לערינט ציינדערט ניט בייא איהם :

ב מען איז מְחוּיָב זיך אויף צוא שטעלין פאַר אַ מענטש וואָס קען גוט לערנין אַפִילוּ מען האָט ניט בייא איהם גילערינט אַפִילוּ ער איז נאָך גאָר יונג :

ג אויך איז מען מְחוּיָב זיך אויף צוא שטעלין פאַר איין אַלטען מאַן וואָס איז עלטער פון

זיבעציג

זיבעציג יאהר. אפילו ער קען גאר ניט לערנין. נאר ער איז ניט קיין רשע:

ד פאר דיא וואס מיר האבען געשריבען דארפין זיך אויף צוא שטעלין אז זייא קומען אריין אין זיינע פיהר איילען. ביז זייא זעצין זיך אדער זייא גייען אוועק פיהר איילען:

ה אבער פאר א גרויסען רב דארפין זיך אויף שטעלין ווען מען דער זעהט איהם וויא וייט עס איז. ביז ער זעצט זיך. אדער ביז מען זעהט איהם שוין ניט:

ו עס איז א גרויסע עבירה מבזה צוא זיין תלמידי חכמים. דער וואס איז זייא מבזה האט ניט קיין חלק לעולם הבא:

ז דיא פראסטע מענטשען וואס רעדין שלעכטץ אויף דיא רבנים בארעבינען זיך ניט אז זייא אליין זענין פוהל מיט עבירות. נאר רעדין אויף דיא רבנים וואס זעהן מיינמאל פון זייא א זאך וואס דאכט זיך אז עס איז שלעכט. מען דארף אבער וויא וייט מיגליך איז צוא זוכען א זכות אויף דעם וואס קען לערנין:

ח אבער אז מען זעהט אז דער וואס קען לערנין טוהט פיהל עבירות. און האט ניט קיין שום יראת שמים. דארפין ניט פאר איהם קיין דרך ארץ צוא האבין. גליך ער מאלט גיוועזן א פראסטער גראבער יונג. אפילו ער קען גוט לערנין. מען טאר ניט זיך אפ לערנין פון איהם קיין שום שלעכטע מדה:

ט מען איז מחויב ערליך צוא האלטען דעם כהן. ביי א סעודה דארפין איהם הייסען צום ערשטען וואשין און מאכין המוציא. אויך זאל מען איהם געבין דאס בענטשין און אזוי ביי יעדער זאך דארף זיין דער כהן צום ערשטען:

י נאר אז עס איז דא א ישראל וואס קען לערנין איז ער מעהר חשוב פון כהן. און ער דארף זיין ביי דיא זאכען צום ערשטין:

## ואתחנן) סימן צד. דינים פון מאן און ווייב. ער האלט אכטצען סעיפים:

א יעדער מענטש איז מחויב צוא נעמין איין ווייב צוא האבין קינדער. דיא מצוה ווערט דער מענטש מחויב ווען ער איז אלט אין אכצעטין יאהר. און אז ער האט ניט חתונה ביז ער ווערט עלטער פון צוואנציג יאהר האט ער א גרויסע עבירה:

ב מען זאל נעמין איין ארינטליכע ווייב פון א שיינע משפחה. דרייא סימנים געפינט זיך ביי יודען. זייא זענין שעמיפדיג און דער בארמין זיך איינער אויף דעם אנדערין. און זענין גומל חסד איינער דעם אנדערין. דער וואס האט ניט האטש איינס פון דיא סימנים איז ניט רעכט זיך מיט איהם משדך צוא זיין:

ג דיא גמרא זאגט אז א מענטש זאל פאר קויפען וואס ער פאר מאגט און זאל נעמין א ווייב וואס איהר פאטער איז א תלמיד חכם. דען אז איהר פאטער איז איין ערליכער יוד און קען לערנין האט מען גוטע קינדער:

ד עס איז א מצוה אויף א מענטש ער זאל חתונה מאכין זיינע קינדער ווען זייא זענין נאך יונג. כדי זייא זאלין ניט קומען צו קיין זנות אדער צו הרהור עבירה ח"ו:

ה אויך דארף מען תמיד אכטונג צו געבין אויף זיין הויז גיזינד זייא זאלין ניט זינדיגען. נאר גיין אין גוטען וועג:

ו א מענטש דארף שטארק ערליך צוא האלטען זיין ווייב. און זאל רעדין צו איהר מיט ווייכע רייד און ניט זיך בייזערין. דיא ברכה איז נאר דא אין מענטשעם הויז איבער דעם ווייב. (זעה איין בסימן ל"ח סעיף ד'):

ז דאס ווייב דארף שטארק ערליך צוא האלטען דעם מאן. און זאל מורא האבין פאר איהם. און זאל טוהן אלדינג אזוי וויא ער הייסט:

ח דער גרויסער מלאך אליהו הנביא ז"ל שרייבט אין זיין ספר אז דיא בעסטע אשה

צווישען

צווישען דיא ווייבער איז דיא וואס פאלגט איהר מאן. נאר ניט ח"ו צוא טוהן איין עבירה:

ט דיא ווייבער וואס זייערע מאנין קענין לערנין. אונ קענין ניט געבין דיא ווייבער פרנסה וויא עס קער צו זיין. אונ דיא ווייבער טוהן זייא אן גרויסע צרות. אונ זענין זייא מבטל פון לערנין אונ פון דאוויגען. דארפין זייא וויסען אז זייא פאר זינדיגען זיך שטארק דער מיט:

י דען דיא גמרא זאגט אז ווייבער זענין זוכה צוא עולם הבא פאר דעם וואס זייא זעהן דיא קינדער זאלין לערנין תורה אונ דיא מאנין זאלין לערנין תורה. אונ ווארטין אויף דיא מאנין ביז זייא קומען פון לערנין:

יא אונ קיינען פרנסה דארפין צו וויסען אז גאט ברוך הוא גיט יעדערין מענטש פרנסה נאר דער מענטש דארף עפיס טוהן. קען איהם גאט ברוך הוא העלפין ער זאל האבין מעהר פון דעם וואס ארבייט שמענדיג:

יב מען טאר ניט זיין מיט דעם ווייב אפילו איין שעה אן א כתובה. אז עס ווערט פאר לוירען דיא כתובה מוז מען תיכף גיין צום רב ער זאל איהר שרייבען איין אנדערי כתובה:

יג מען טאר נישט משמש המטה זיין ביא איין לעכט. אונ נישט בטאג. נאר אין א פינצטער שטיבעל:

יד אז מען וויל משמש המטה זיין אין דעם שטיבעל וואס ליגט דרינען תפילין אדער ספרים אדער כתבים פון דברי תורה דארפין זייא צוא דעקין מיט צוויא לייליכער אדער צווייא מלבושים איינס אויף דעם אנדערין. אדער מען זאל זייא אריין לייגען אין צווייא כלים היינו איין כלי אין דער אנדערער. דאס פועלט נאר אז עס איז נישט דער שטייגער פון דיא תפילין אדער ספרים צוא ליגען אין איינס פון דיא צווייא כלים:

טו אז מען דעקט צוא מיט עפיס דאס קעסטיל וואס דיא ספרים ליגען דרינען איז אויך גוט:

טז אז דיא אלמער פון ספרים האלט איין איל דיא לענג אונ איין איל דיא ברייט אונ דרייא איילין דיא הייך דארפין זיא גאר ניט צו דעקין אז זיא איז פאר מאכט אונ מען זעהט ניט דיא ספרים פון דרויסען:

יז דיא מזוזה וואס איז אין דעם שטיבעל דארפין אויך צו דעקין מיט צווייא זאכין איינס אויף דעם אנדערין. אונ אויך נאר אז חאטש איינס פון זייא איז ניט דער שטייגער דיא מזוזה זאל ליגען תמיד דרינען. אזוי וויא מיר האבין גישריבען בסעיף י"ד:

יח א שטיבעל וואס איז דא דרינען א ספר תורה טאר מען ניט דארט משמש זיין:

## סימן צה. דינים פון תענית וואס חתן וכלה פאסטין דעם טאג פון דער חופה. ער האלט זעקס סעיפים:

א דעם טאג פון דער חופה פאסט דער חתן אונ דיא כלה. דען מען איז זייא דעם טאג מוחל דיא זינד:

ב ביא מנחה זאלין זייא זאגין עננו ביא שמע קולנו. אזוי וויא אנאנדערער תענית. אונ פאר אלהי נצור זאלין זייא זאגין דעם פסוק יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי. דער נאך זאלין זייא זאגין דיא וידוי או"א תבוא לפניך. ביז והחלאים רעים. דער נאך אלהי נצור. פונקט אזוי וויא ערב יום כפור:

ג אז דער חופה טאג איז ראש חודש (חוץ ראש חודש ניסן) אדער אסרו חג. אדער

חמשה

חמשה עשר באב. אדער חמשה עשר בשבט. אדער חנוכה אדער שושן פורים. דארפין זייא ניט צו פאסטען:

ד אין דיא טעג וואס זייא פאסטען גיט זאלין זייא ווייניג עסין. אונ ניט טרינקען קיין שום משקה וואס מאכט שיכור:

ה דיא חתן וכלה דארפין תשובה טוהן דעם טאג פון דער חופה. אונ חרטה האבין אויף דיא עבירות וואס זייא האבין גיטוהן ביז אהער. אונ זאלין בעטין גאט ברוך הוא ער זאל זייא מוחל זיין. אונ זאלין נעמין אויף זיך זייא זאלין שוין דינען גאט ברוך הוא פון היינט אן מיט דעם גאנצין הארץ. אונ זאלין בעטין עס זאל זייא גוט זיין:

ו דיא דינים פון דיא קידושין מיט דער חופה אונ דיא שבע ברכות דארפין מיר ניט צוא שרייבען אויף דייטש. דען דאס ווייסט שוין דער מסדר קידושין אונ דער וואס זאגט שבע ברכות. אונ זייא זענין שוין מודיע אלע דינים פון דיא זאכין:

# סימן צו. דינים אז מען טאר ניט טראכטין קיין הרהור עבירה. אונ מען מוז זיך היטען פון הוצאת זרע לבטלה. ער האלט ניין סעיפים:

א מען טאר ניט מוציא זיין קיין זרע לבטלה. דיא זינד איז הארבער פון אלע עבירות:

ב דיא מענטשין וואס זענין מנאף מיט דער האנט אונ זענין מוציא זרע לבטלה איז אזוי גוט גליך זייא הרגין מענטשין. איבער דעם שטארבין טיינמאל דעם מענטשס קינדער יונגע היט ח"ו אונ דיא עבירה ברענגט דעם מענטש צוא ארומקייט ה"ו:

ג מען טאר ניט טראכטין קיין הרהור פון ניאוף אדער אזעלכע מחשבות וועלכים דאס אבר ווערט בקושי ח"ו. דיא עבירה פון דעם איז זייער גרויס. סייא א הרהור פון איין אשה סייא א הרהור פון א זכר סייא כמו. טצבול סייא ווייבער טאר מען אלטין ניט טראכטין קיין שום הרהור פון דיא זאכין:

ד אז עס פאלט איין אין דער מחשבה עפיס פון דיא זאכין איז מען מחויב עס תיכף אוועק צו שלאגין. אז מען קען באלד טראכטין מחשבות פון דברי תורה איז בוודאי גוט. דען דברי תורה זענין זייער גוט אוועק צו שלאגין דיא שלעכטע מחשבות. אז ניט זאל מען זיך נעמין אין זינען אריין מחשבות פון וועלט זאכין פון וואס עס איז. כדי מען זאל אויף הערין צו טראכטין דיא שלעכטע מחשבות:

ה מען דארף זיך גוט צו היטען מען זאל גאר ניט אריין קלערין אין דיא שלעכטע מחשבות. דען אז מען קלערט נאר אריין דרינען אפילו מען וויל עס מבטל זיין מיט דיא קלערין מאכט עס שוין קאלע דעם מענטש. אונ עס קען איהם ברענגין צו א זינד ח"ו. דאריבער זאל מען זייא גאר אוועק שלאגין פון דיא גידאנקין ניט צו קוקען אין זייא אונ גאר ניט אריין קלערין אין זייא:

ו מען טאר ניט שלאפין אויף דעם רוקען מיט דעם פנים ארויף. נאר מען זאל ליגען אביסעל אויף דער זייט. כדי דאס אבר זאל ניט ווערין בקושי:

ז אויך זאל מען ניט קוקען אויף בהמות אדער חיות אדער עופות בשעת זייא זענין איינער ביי דעם אנדערין:

ח אויך טאר מען ניט רייטען אויף א בהמה אן א זאטעל:

ט דער יוד בדארף זיך היטען וויא ווייט מיגליך איז עס זאל זיך איהם ניט טרעפין קיין מקרה לילה ח"ו. דאריבער זאל מען ניט עסין בנאכט קיין סך. אונ איידער מען לייגט זיך שלאפין זאל מען לערנין תורה. נאר דער עיקר איז מען זאל ניט טראכטין קיינמאל קיין הרהור עבירה ח"ו. אזוי וויא מיר האבין גישריבען:

דינים

## (עקב) סימן צז. דינים אַז מען טאָר ניט זיין אַליין מיט אַ פרעמדי אִשָה. ער האַלט צוועלף סעיפים:

א מען טאָר ניט זיין אַליין מיט קיין שום נְקֵבָה. סיי זיא איז יונג סיי זיא איז אַלט. סיי אַ יודישע סיי אַ גויה. סיי זיא איז זיין קרובה סיי ניט:

ב חוץ דער מאַן מיט דעם ווייב און דער פאָטער מיט דער טאָכטער און דיא מוטער מיט דעם זוהן מעגין זיין אַליין. מיט דער שוועסטער מעגין אויך טיינמאל זיין אַליין:

ג דאָ וואו זיין ווייב איז מעג ער זיין חאָטשי עס איז דאָרט דאָ אַנאַנדערע נְקֵבָה אויך. אָבער אַ נְקֵבָה טאָר נישט זיין מיט אַ גוי חאָטשי דעם גוים ווייב איז אויך דאָרט דאָ:

ד אַפילו עס איז דאָ אַ סך גוים מיט זייערע ווייבער זאָל אויך ניט זיין קיין יודישע נְקֵבָה מיט זיא אַליין צאַמען עס איז דאָ דאָרט איין יוד:

ה אַ נְקֵבָה מעג זיין אַליין מיט צוויא יודען בַּנאַכט. דאָס איז נאָר אַז חאָטש איינער פון זיא איז איין ערליכער יוד. אָבער אַז זייא זענין ניט ערליך טאָר זיא ניט זיין מיט זיא אַליין אַפילו זיא זענין אַ סך נאָר צייטען איינעמס ווייב איז דאָרט דאָ:

ו אויף דעם פעלד אָדער אויף דעם וועג אָדער בַּנאַכט אין שטאָט טאָר מען ניט אַפילו צוויא ערליכע יודען זענין אַליין מיט אַ נְקֵבָה נאָר צייטען עס איז דאָ מיט זיא אַ דריטער. אַפילו דער דריטער איז אַ גוי שאַט אויך ניט:

ז איין יוד מיט צוויא ווייבער טאָר ניט זיין אַליין אַפילו בַּטאָג אין שטאָט. אָבער אַז איין אִשָה איז בַּנאַכט מיט אַ קליין מיידעל וואָס קען שוין גוט רעדין און איז נאָך ניט אַלט קיין ניין יאָהר מעג אַ יוד זיין מיט זייא אַליין:

ח אָבער צוא פאָרין אין וועג מיט איין אִשָה זיא זאָל זיך מיט נעמין אַ יונגעל אָדער אַ קליין מיידעל פאַר אַ שומר טאָר מען ניט נאָר צייטען מען דאַרף אַ מאָהל גאַנץ ווייטיג און מען האָט ניט נאָך אַ מאַנטעצבול ער זאָל מיט פאָרין:

ט דאָס שמועסט אַלְטץ אַז עס איז דאָ אַ גרויסע אִשָה מיט דער מיידעל. אָבער צוא זיין אַליין מיט אַ קליין מיידעל טאָר מען ניט אַז דאָס מיידעל איז שוין אַלט דרייא יאָהר אָדער מעהר:

י אַ יונגעל וואָס איז שוין אַלט ניין יאָהר טאָר ניט זיין אַ נְקֵבָה מיט איהם אַליין

יא אַ שטוב וואָס דיא טיהר איז אָפען אין מאַרק אַריין מעגין דאָרט זיין אַליין מיט אַ נְקֵבָה בַּטאָג און תחילת נאַכט כל זמן מענטשין דרייען זיך אין מאַרק:

יב דער מענטש וואָס איז מיט איהר שטאַרק באַקענט איז ניט גלייך ער זאָל זיין מיט איהר אַליין אַפילו דיא טיהר איז אָפען אין מאַרק אַריין:

## סימן צח. דינים אַז מען דאַרף זיך צו דער וואַרטען פון אַ פרעמדי אִשָה. ער האַלט צעהן סעיפים:

א דער יוד מוז זיך שטאַרק דער וואַרטען פון דיא ווייבער. ער טאָר נישט שפיפען אָדער לאַכען מיט אַ פרעמדע אִשָה. אויך טאָר ער ניט קוקען אויף איהר צוא זעהן איהר שוינקייט:

ב אַז מען קוקט אַפילו אויף דעם פינגער פון אַ פרעמדי אִשָה הנאה צו האָבין דער פון האָט מען אַ גרויסע עבירה. נאָר דיא וואָס מען וויל נעמין פאַר איין ווייב זאָל מען זעהן פריער אויב זיא געפעלט:

ג אַז מען באַגעגינט איין אִשָה אין מאַרק טאָר מען ניט גיין אינטער איהר נאָר מען דאַרף

ג״ע״ד

נעך צו גיין ביז זיא זאל זיין אין דער זייט אדער אינטער איהם:

ד אויך טאר מען ניט הערין זינגען פון איין אשה אדער זעהן איהרע האר:

ה מען זאל ניט רעדין אסך מיט קיין שום אשה. אפילו מיט זיין אייגען ווייב. נאר וואס ווינציגער עס איז מיגליך:

ו מען טאר ניט שיקען קיין גריס צוא איין אשה. איבער דעם אז מען שרייבט צוא אייגעם א בריף טאר מען ניט שרייבען „צוא לאזין גריסען דיין ווייב":

ז נאר מען מעג פרעגין דעם מאן וואס זיין ווייב טוט אדער ער זאל שרייבען וואס זיין ווייב טוהט:

ח מען טאר ניט אן ריהרען אין קיין שום נקבה פון הרהור עבירה וועגין:

ט ביא דיא אלע זאכין איז ניט קיין חילוק צווישען איין אשה צווישען א בתולה. אפילו זיא איז זיין כלה כל זמן זיא האט ניט מיט איהם חתונה געהאט האט זיא דיא אייגענע דינים פון א פרעמדע אשה:

י מען דארף אין דיא זאכען שטארק געווארנט צוא זיין. אונ אנדערע צוא ווארענען וויא וויט עס איז מיגליך:

## הלכות נדה

## סימן צט. דינים וויא אזוי דער מאן דארף זיך אפ צוא היטען פון ווייב ווען זיא איז א נדה. ער האלט צוויא אונ צוואנציג סעיפים:

א דער יוד איז מחויב זיך אפ צו שיידען פון זיין ווייב ווען זיא איז א נדה ביז זיא ציילט אפ שבעה נקיים אונ איז זיך טובל:

ב אבער כל זמן זיא גייט ניט קיין טבילה אפילו עס דויערט וויא פיהל יאהרין הייסט זיא אליין א רעכטע נדה:

ג ער טאר ניט שפיפען אדער לאכין מיט זיין ווייב אין דער נדה. אונ זאל ניט שמעקין מיט איהר קיין רייד וואס ברענגין השק:

ד ער טאר ניט אן ריהרען אין איהר אפילו מיט דעם קלייטעם פינגער:

ה אויך זאל ער ניט דער לאנגען צוא איהר אפילו איין לאנגע זאך. אונ זאל ניט אריין ווארפין אין איהר האנט אריין קיין שום זאך. דעסט גלייכען זיא צוא איהם טאר אויך ניט דאס:

ו ער זאל ניט אן ריהרען אין איהרע קליידער ווען זיא גייט אין זיא. אבער ווען זיא גייט ניט אין זיא מעג ער אן ריהרען אין זיא:

ז ער טאר ניט עסין מיט איהר אויף איין טיש. צאמין עס שטייט עפים צווישען זיין טיסעלע צווישען איהר שיסעלע צו ווייזען אז זיא איז א נדה. היינו עס שטייט דער צווישען א קריגעל וואס מען טרינקט ניט דער פון. אבער אז מען טרינקט פון דעם קריגעל פועלט עס ניט. אונ ער בדארף עפים אנדערש אנידער צוא לייגען דער צווישען:

ח ער טאר ניט עסין אדער טרינקען פון דעם וואס זיא לאזט איבער נאר אז מען האט איבער געגאסען אין איין אנדערע כלי אריין מעג ער שוין דער פון עסין אדער טרינקען:

ט זיא מעג עסין אונ טרינקען פון דעם וואס ער לאזט איבער:

י ער טאר ניט זיצען אדער ליגען אויף איהר בעט אדער אויף איהר בעט געוואנט. אפילו ווען זיא איז ניט דא. אבער אן ריהרען מעג ער אין זיא:

יא זיא מעג זיצען אויף זיין בעט. אבער ליגען דארויף טאר זיא ניט. אפילו אין דיא קליידער:

זיין

יב זַיין בֶּעט אָדֶער זַיין בֶּעט גִיוַואנְט טָאר זִיךְ נִיט אָן רִירֶען אָן אִיהְר בֶּעט אָדֶער אָן אִיהְר בֶּעט גִיוַואנְט:

יג זַייא טָארִין נִיט פָּארִין שְׁפַּאצִירֶען אוֹיף אַיין וָואגֶען אָבֶּער פוּן הַאנְדְלֶען וֶוענִין אָדֶער אַנַאנְדֶער עֵסֶק מֶעגִין זַייא פָּארִין אוֹיף אַיין וָואגֶען. נָאר זַייא זָאלֶען אַזוֹי זִיצֶען אַז זַייא זָאלֶען נִיט זִיךְ אָן רִירֶען:

יד עֶר טָאר נִיט קוּקֶען אוֹיף קַיין שׁוּם אָרְט פוּן אִיהְר לַייבּ וָואס דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אַז זִיא גֵייט דָארְט צוּא גִידֶעקְט מִיט מַלְבּוּשִׁים. אוֹיךְ טָאר עֶר נִיט הֶערִין זִיא זִינְגֶען:

טו אַז זִיא בְּרֶענְגְט אִיהְם אַיין כּוֹס צוּא טְרִינְקֶען זָאל זִיא אַנְדֶערְשׁ מַאכִין פוּן דֶענְמָאלְט וֶוען זִיא אִיז רַיין. הַיְינוּ זִיא זָאל אִיהְם אַנִידֶער שְׁטֶעלִין מִיט דֶער לִינְקֶער הַאנְט אַז עֶס אִיז אִיהְר שְׁטֵייגֶער תָּמִיד אַנִידֶער צוּא שְׁטֶעלִין מִיט דֶער רֶעכְטֶער הַאנְט. אָדֶער זִיא זָאל אִיהְם אַנִידֶער שְׁטֶעלִין אוֹיף דֶער בַּאנְק. כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶענְמָארְט וֶוען זִיא אִיז רַיין:

טז אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשִׁין אוּנ זִיא שֶׁעמְט זִיךְ אַזוֹיא צוּא טוּעֶן זָאל זִיא אָן גִיסֶען דֶעם כּוֹס דֶער מַאן זָאל נִיט זֶעהְן. וֶועט שׁוֹין נִיט שַׁאטֶען אַז זִיא וֶועט אִיהְם אַנִידֶער שְׁטֶעלִין אוֹיף דֶעם טִישׁ גְלַייךְ וִויא תָּמִיד:

יז אַז זִיא בְּרֶענְגְט אִיהְם אַיין שִׁיסֶעלֶע אָדֶער אַיין טֶעלִיר מִיט עֶסִין הָאט עֶס דִיא אַייגֶענֶע דִינִים קֵיינֶען אַרוֹיף שְׁטֶעלִין אוֹיף דֶעם טִישׁ אַזוֹיא וִויא דֶער כּוֹס וָואס מִיר הָאבֶּען גִישְׁרִיבֶּען:

יח זִיא טָאר נִיט לֵייגֶען דָאס לַיילֶעךְ אָדֶער דָאס אִיבֶּער בֶּעט אוֹיף זַיין בֶּעט וֶוען עֶר זֶעהְט. אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעהְט נִיט מֶעג זִיא בֶּעטִין הָאמְשֶׁע עֶר וַוייסְט אַז זִיא הָאט גִיבֶּעט:

יט זִיא טָאר נִיט שְׁטֶעלִין פַאר אִיהְם וַואסֶער צוּא וַואשֶׁען:

כ עֶר טָאר אוֹיךְ נִיט אִיהְר אַנִידֶער שְׁטֶעלִין אַ כּוֹס. אוּנ נִיט שִׁיקֶען קַיין כּוֹס אֲפִילוּ אַ כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה:

כא דִיא אַלֶע דִינִים וָואס אִיז גִיטַאנֶען אִין דֶעם סִימָן דַארְפִין גִיוָואֲרִינְט צוּא זַיין זִינְט זִיא אִיז טְמֵאָה גִיוָוארֶען בִּיז נָאךְ דֶער טְבִילָה:

כב אֲפִילוּ זִיא גִיפִינְט נָאר אַ פְּלֶעק אוּנ דֶער רַב פַּסְקֶנְת אַז זִיא אִיז טְמֵאָה דַארְפִין זַייא שׁוֹין גִיוָואֲרִינְט צוּא זַיין אִין דֶעם אַלִיסֶען. בִּיז נָאךְ דֶער טְבִילָה:

## (ראה) סִימָן ק. דִינִים אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָפּ שֵׁיידִין פוּן וַוייבּ נָאהֶנְט פוּן אִיהְר וֶסֶת. אוּנ דִיא דִינִים פוּן דִיא בְּדִיקוֹת פוּן דֶער אִשָּׁה אוּנ דִיא רֵיינֶע מֶעג. עֶר הַאלְט צְוֵוייא אוּנ פוּפְצִיג סְעִיפִים;

א דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן וַוייבֶּער אַז זַייא הָאבֶּען אַיין גִיזֶעצְטֶע צַייט צוּא זֶעהְן דַם נִדָּה אַ מָאל אִיז זַייעֶר צַייט צוּא זֶעהְן אַלֶע צְוַואנְצִיג טָאג. מָאל זֶעהְן אַלֶע דְרַייסִיג טָאג מָאל הָאבֶּען אַיין אוֹיס גִיזֶעצְטֶע צַייט אִין חוֹדֶשׁ הַיְינוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדֶער פִינֶעף טָאג אִין חוֹדֶשׁ. אוּנ נָאךְ אַזַא שְׁטֵייגֶער:

ב בַּייא דִיא אַלֶע דַארְף זִיךְ דֶער מַאן אָפּ צוּא שֵׁיידֶען פוּן אִיהְר דִיא נַאכְט פְרִיעֶר פוּן דֶעם טָאג וָואס קוּמְט אוֹיס זִיא זָאל וֶוערִין אַ נִדָּה טָאמֶער וֶועט זִיא בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה טְמֵאָה וֶוערִין ח"ו:

ג מֶען דַארְף אִין דֶעם שְׁטַארְק גִיוָואֲרִינְט צוּא זַיין. דֶען אַז עֶר שֵׁייד זִיךְ נִיט אָפּ אִין דֶער צַייט אוּנ זִיא וֶוערְט טְמֵאָה בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶוען בַּייא אִיהְר ח"ו בְּמֵזִיד וֶוען זִיא אִיז אַ נִדָּה:

ד אִין דֶער זִינְד וָואס מֶען שֵׁייד זִיךְ נִיט אָפּ אִין דֶער צַייט שְׁטַארְבִּין דִיא קִינְדֶער ה"ו.

אבער

אבער דער וואס שייד זיך יוא אפ אין דער צייט האט קינדער וואס קענין גוט לערנין :

ה דיא אשה וואס האט א וסת קבוע דאס הייסט איין געזעצטע צייט. היינו זיא זעהט תמיד צעהן טאג אין חודש. אדער זיא זעהט תמיד גלייך וועלכין טאג אין חודש דארף זיך דער מאן אפ שיידען פון איהר דעם טאג אין חודש אונ דיא נאכט פריער. אז איהר שטייגער איז צוא זעהן בנאכט דארף ער זיך אפ שיידען דיא נאכט אונ אויך דעם טאג פריער (זעה איין בסימן צ"ד סעיף י"ג) :

ו אויך דארף זיא זיך גוט בודק צוא זיין דעם טאג אדער דיא נאכט פון דער וסת מיט א ווייס טיכעל פון אלטע לאווינט אדער באנוויל. אונ דאס טיכעל זאל דארט ליגען ענג דעם גאנצען טאג פון דער וסת. אז עס קען ניט אזויא לאנג ליגען זאל זיא זיך גוט בודק זיין דיא נאכט אדער דעם טאג פון דער וסת. אונ דיא נאכט נאך דער וסת זאל זיא זיך נאך אמאהל גוט בודק זיין :

ז אונ אז דאס טיכעל וועט זיין ריין אונ עס וועט ניט זיין דארויף קיין טראפין רויט אדער שווארץ וועט זיא שוין מותר זיין צום מאן נאך דעם טאג פון דער וסת. נאר דער מאן דארף זיא פרעגין אויב זיא האט זיך בודק געוועזן אונ האט ניט געזעהן קיין דם אזויא וויא מיר האבען געשריבען :

ח דיא אשה וואס איהר שטייגער איז אז עס געדויערט תמיד פון דעם לעצטין טאג פון דעם מאהל זעהן ביז דעם ערשטען טאג פון דעם מאהל זעהן א גלייכען חשבון למשל פינעף אונ צוואנציג טאג. ניט ווינציגער אונ ניט מעהר. הייסט דאס אז זיא האט א געזעצטי צייט צוא זעהן. אונ זיא איז נאר אסור דעם טאג פון דער וסת אונ דיא נאכט פריער. אדער דיא נאכט פון דער וסת אונ דעם טאג פריער. אונ אויך דארף זיא זיך בודק זיין דעם טאג אדער דיא נאכט פון דער וסת. אזויא וויא מיר האבען געשריבען בסעיף ו :

ט דאס שטימט אלמין אז דיא אשה וואס מיר האבין געשריבען בסעיף ה' האט שוין געזעהן אין א גלייכען טאג אין חודש דרייא מאהל בנאכט אדער דרייא מאהל בטאג אונ פיהרט תמיד אזוי. אונ קיינמאהל ניט אנדערש. אדער דיא אשה וואס מיר האבען געשריבען בסעיף ח' האט שוין געזעהן דרייא מאהל בנאכט אדער דרייא מאהל בטאג אין גלייכע צייטען. אז פון לעצטין טאג פון דעם מאהל זעהן ביז דעם ערשטען טאג פון דעם מאהל זעהן איז געוועזן פונקט אזויא פיהל טעג דרייא מאהל דארך אנאנט. ניט ווינציגער אונ ניט מעהר. אונ פיהרט תמיד אזויא. אונ קיינמאהל ניט אנדערש :

י אבער דיא ווייבער וואס רוקען זייער וסת טיינמאהל עטליכע טעג פריער אונ טיינמאהל שפעטער איז דא אין דעם פיהל חילוקי דינים. אויך קען זיא האבין נאר איין אנדערי וסת. בספר מסגרת השולחן סימן קנ"ה האבין מיר געשריבען אלע דינים פון דעם אונ אלע חשבונות וואס קער צוא דעם. יעדער זאך אקראט על פי דין. וועלכים מען קען ניט אויף עברי דייטש שרייבען אזויא פיהל מען זאל פאר שטיין :

יא איבער דעם שרייבט הרב הגאון הצדיק ר' משה זלה"ה בספר מעין טהור סימן ב' וסימן ז' אז זיא מוז האבין שארית הכם וויא אזויא זיך נוהג צוא זיין מיט דעם אפ שיידען נאהנט פון דער וסת :

יב נאר וויל דאס איז היינט שכיח מחמת דיא שלאפי דורות. אונ דער מאן שעמט זיך דיא זאכין צוא פרעגין וועלין מיר דא אביסעל פארעכטין אונ שרייבען וויא אזויא זייא זאלין זיך נוהג זיין :

יג איין אשה וואס איהר שטייגער איז צוא זעהן דם נדה אלע פיהר וואכין אונ ניט פונקט תמיד דעם איינענעם טאג נאר טיינמאהל עטליכע טעג פריער אדער שפעטער

דארף

באַרף זיך דער מאן פון איהר אָפּ שיידען ווען עס קומט דיא צייט פון איהר וסת דיא עטליכע טעג פריער אָדער שפּעטער:

יד אויך דאַרף ער זיך אָפּ שיידען פון איהר דעם דרייסיגסטען טאג פון יענים מאהל זעהן אונ דעם איינ־דרייסיגסטען טאג. דאס דאַרף ער ניט ציילען אויף טעג. נאר ער זאל וויסען אַ כלל למשל זיא איז געוואָרין בחודש אדר אַ נדה זונטאג בנאכט וואס קער צוא מאנטיג אָדער מאנטיג בטאג דאַרף ער זיך אָפּ שיידען איבער פיהר וואָכען בחודש ניסן מאנטיג בנאכט וואס קער צוא דינסטאג אונ דינסטאג בטאג אונ בנאכט אונ מיטוואך בטאג:

טו אונ אַזויא איז תמיד אַבּלל וועלכין טאג זיא איז געוואָרין אַ נדה זאל ער זיך אַלײַן אָפּ שיידען איבער פיהר וואָכען צוויא מעת לעת דער נאך:

טז דעסט גלייכען דיא אשה וואס זעהט אַלע פינעף וואָכען אונ ניט תמיד גלייך האט אויך דיא אייגינע דינים וואס מיר האָבין געשריבען בסעיף י״ג. אונ ער דאַרף זיך אויך אָפּ שיידען פון איהר צוויא מעת לעת נאך דיא פיהר וואָכען פון יענים מאהל זעהן אַזויא וויא מיר האָבין געשריבען בסעיף י״ד:

יז דען דאס איז אַ כלל ביא יעדערי אשה וואס האט ניט תמיד אַ געזעצטי צייט וואס מיר האָבין געשריבען בסעיף ה׳ ובסעיף ח׳. דאַרף זיך דער מאן אָפּ שיידען פון איהר אין דיא טעג וואס מיר שרייבען אין דיא סעיפים:

יח דער שטייגער איז פון דיא נשים אַז ווען זיא ווערט אַ נדה זעהט זיא לערך פינעף טאג בנאנט. אין דיא טעג וואס גייט ניט אַזויא שטאַרק פון איהר נאר עס העדט טיינמאהל אויף. אָדער זיא איז זיך בודק אונ געפינט רויט אָדער שוואַרץ דאַרף ער זיך אָפּ שיידען פון איהר דעם אַנדערין חודש אויך אין דיא אייגינע טעג פון חודש:

יט דעסט גלייכען דעם חשבון וואס מיר האָבין געשריבען בסעיף י״ג. אַז מען דאַרף זיך אָפּ שיידען ווען עס קומט דיא צייט פון דער וסת איז פון סוף זעהן ביז דעם אָן הייב זעהן. דהיינו זיא זעהט איינמאהל פינעף טאג דאַרך אַנאנט. דער נאך גייט אַוועק צוואַנציג טאג וואס זיא זעט ניט. אונ דעם איינינצוואַנציגסטין טאג זעהט זיא דרייא טאג דאַרך אַנאנט. אונ ניט מעהר. דאַרף ער ווייטער אָפּ ציילען צוואַנציג טאג וואס זיא זעהט ניט אונ דעם איינונצוואַנציגסטען מעת לעת דאַרף ער זיך אָפּ שיידין פון איהר:

כ ממילא פאַר שטייט מען שוין אַז זיא קען ווערין אַ נדה אַלע פינעף אונ צוואַנציג טאג אונ באצופאַרט דאַרף ער זיך פון איהר אָפּ שיידען טיינמאהל צוויא טאג פריער. לויט וויא פיהל עס האט געדאַרט פון דעם לעצטין טאג פון יענים מאהל זעהן פאַר יענים חודש ביז דעם ערשטין טאג פון דעם מאהל זעהן וואס איז געווען אין יענים חודש:

כא אַז עס געדאַרט טיינמאהל עטליכע טאג מעהר אונ טיינמאהל ווינציגער דאַרף ער זיך אָפּ שיידען עטליכע טעג פריער אָדער שפּעטער אַזויא וויא מיר האָבין געשריבען בסעיף י״ג:

כב דאס וואס מיר שרייבען אַלץ פון זעהן דם נדה מיינט מען דם וואס איז רויט אָדער שוואַרץ. אָדער זיא איז זיך בודק מיט אַ טיכעל וואס זיא האט עס פריער בקוקט אַז עס איז שיין. אונ נאך דער בדיקה געפינט זיא דאַרויף אַ טראָפּין רויט אָדער שוואַרין:

כג אָבער אַיין אשה וואס געפינט אַ פלעק. אָדער זיא איז זיך בודק מיט אַ טיכעל וואס זיא האט עס גאר ניט פריער בקוקט אונ געפינט דאַרויף עפּיס. דאַרף זיא פרעגין אַ שאלה אויב זיא איז טמא. אונ אפילו דער רב פסק׳נט אַז זיא איז טמא רעכינט מען ניט דעם אַנדערין חודש קיין וסת פון דעם:

כד דעסט גלייכען דאס וואס טרעפט זיך טיינמאהל פאַר דעם אָפּ ציען גייט פון איהר

געל אדער אנדערע מראות דארף זיא פרעגן א שאלה אויב זיא מעג שוין מאכן דאס אפ ציילן. אונ אז זיא וויל ניט פרעגן נאר זיא ווארט אויף מארגן זאל מען ניט רעכינען דעם אנדערן הודש פון דעם טאג:

כה דען דיא ווסת רעכינט מען נאר פון זעהן דם רויט אדער שווארץ. אדער זיא איז זיך בודק מיט א טיכעל וואס זיא האט עס פריער בקוקט אונ געפינט דארויף נאך דער בדיקה א פלעק פון רויט אדער שווארץ. אפילו עס איז נאר טונקעל הייסט דאס אויך רעכט דם:

כו אלע טעג וואס מיר שרייבען אז ער דארף זיך אין זייא אפ שיידען דארף זיא זיך אין יעדערין טאג גוט בודק זיין. אזויא וויא מיר האבין געשריבען בסעיף ו':

כז נאר דער חילוק איז אז דארט בייא דער אשה וואס האט א געזעצטי צייט איז זיא מותר היכף בנאכט נאך דעם טאג פון דער ווסת אז זיא האט ניט געפונען קיין דם אין דער בדיקה. אבער דא בייא דער אשה וואס האט ניט קיין געזעצטי צייט מוז ער זיך אפ שיידען דיא אלע טעג וואס מיר שרייבען. אונ זיא מוז זיך בודק זיין יעדערין טאג:

כח זיא זאל ניט זיך וואשין אויף דעם ארט אין דיא טעג פון דער ווסת דען נאך דעם וואשין פעלט ניט קיין בדיקה:

כט אז עס גייט פאר בייא דיא טעג וואס מיר האבען געשריבען (פון סעיף י"ג ביז סעיף כ"ב) אונ זיא זעהט נאך ניט קיין דם מעג ער שוין זיין בייא איהר. נאר זיא זאל זיך תמיד בודק זיין פאר דעם תשמיש אונ דער נאך (זעה איין בסעיף מ"ה):

ל אפילו עס קומט דער אנדערער הודש אין דיא אייגענע טעג דארף ער זיך ניט אפ שיידען אז זיא האט ניט געזעהן אין דיא טעג דרייא מאהל אין דרייא חדשים דארף אנאנט. ממילא אז עס איז נאר איינמאהל פאר בייא געגאנגען דיא טעג אונ זיא האט ניט געזעהן אין זייא דארף ער שוין ניט איבער קלערין:

לא נאר אידער דיא טעג גייען פאר בייא דארף ער זיך אפ שיידען אין זייא טאמער וועט זיא זעהן אין זייא אזויא וויא מיר האבין פריער געשריבען:

לב אבער איין אשה וואס זעהט למשל צעהן טאג אין ניסן. אונ צעהן טאג אין אייר. אונ צעהן טאג אין סיון. אדער זיא זעהט איין אנדערין טאג אין חודש דרייא מאהל אין דרייא חדשים. איז אפילו עס גייט פאר בייא דער פערדער הודש אונ זיא זעהט ניט דאצופורט דארף ער זיך אפ שיידען דעם פיפטען חודש דעם אייגענעם טאג:

לג אונ אפילו זיא זעהט ניט דעם פיפטען חודש אויך אונ עס קומט דער זעכסטער חודש דארף ער זיך אויך אפ שיידען דעם אייגענעם טאג:

לד אבער אז עס גייט פאר בייא דרייא חדשים אונ זיא האט זיך בודק געוועזן אין דעם טאג דיא דרייא חדשים אונ האט ניט געזעהן אין עהם דארף ער שוין ניט דעם הודש דער נאך זיך אפ שיידען אין דעם טאג:

לה צאמען זיא זעהט ווידער איינמאהל דעם טאג דארף ער זיך ווייטער אפ שיידען דרייא חדשים דער נאך אין דעם טאג אזויא וויא פריער:

לו דעסט גלייכען וואס מיר האבין געשריבען בסעיף י"ט כ אז מען דארף זיך אפ שיידען דעם טאג ווען עס איז פון סוף זעהן פון יענים חודש ביז היינט אזויא פיהל טעג וויא עס איז געוועזן א הודש פריער פון סוף זעהן ביז דעם אן הייב זעהן. האט דאס אויך דיא אייגענע דינים וואס מיר האבין געשריבען:

לז בספר מכגרת השולחן האבין מיר געשריבען א סאך פון דיא דינים. נאר דער וואס קען ניט דארט לערנין זאל לערנין דא דעם סימן עטליכע מאהל ביז ער וועט גוט פאר שטיין:

לח פיל גרויסע לייט האבן אויף געשריבען דעם טאג פון דעם זעהן כדי זיא זאלן געדענקן צו רעכנען וויא עס קער צו זיין. און אזויא קער זיך צו פיהרען יעדער מענטש וואס דאס ווייב האט ניט קיין געזעצטי צייט:

לט אויך זאל מען וויסען אז דענמאלט ווען ראש חודש איז צוויא טאג קער דער ערשטער טאג צו יענים חודש. ער איז דרייסיגסטער טאג פון יענים חודש. און דער אנדערער טאג ראש חודש איז דער ערשטער טאג פון דעם חודש. און דענמאלט ווען ראש חודש איז נאר איין טאג איז ער דער ערשטער טאג פון דעם חודש:

מ דאס וואס מיר שרייבען אלמיץ דיא דינים פון דער אשה וואס האט ניט קיין געזעצטי צייט מיינט מען נאר ביא כתם נשים וואס זעהן אלע פיהר וואכין עטליכע טאג פריער אדער שפעטער. אדער אלע פינעף וואכין עטליכע טאג פריער אדער שפעטער. און נאך אזא שטייגער וואס איז שכיח:

מא אבער ווען עס טרעפט זיך ציין אשה וואס זעהט דם נדה גאר אן א צייט. דהיינו ווען זיא גייט טבילה זעהט זיא אין עטליכע טעג דער נאך. אדער זיא געפינט דם באלד דעם אנדערין טאג. אדער דיא אשה וואס זעהט דארך אנאנד עטליכע וואכין. און נאך אזא שטייגער. דארף אליין דער מאן צו פרעגן דעם וואס קען לערנין וויא אזויא ער זאל זיך נוהג זיין קיגען דעם אם שיירען נאהנט פון דער וסת. דען עס איז דא אין דעם אסאך דינים און חשבונות. יעדערער לויט זיין חשבון. איך זאל יעניר עס זאגין דעם דין אז זיא ווערט ח״ו טמא בשעת מעשה וויא אזויא מען דארף זיך נוהג זיין. און דיא אשה מוז עוסק זיין אין רפואות זיא זאל האבין א סדר נשים. דען עס טויג ניט זיין יודעשקייט אזא פירעכטיץ. אויך זאל זיא זיך תמיד בודק זיין פאר דעם תשמיש און נאך דעם תשמיש:

מב אבער איין אשה וואס האט איין געזעצטע צייט אין דעם טאג צו זעהן דם נדה דארף זיא זיך ניט בודק זיין פאר דעם תשמיש און דער נאך ווען עס איז ניט איהר צייט צו זעהן:

מג אויך זאל זיא ניט מחמיר זיין בודק צו זיין פאר דעם תשמיש און דער נאך וועגן דער מאן זעהט. אבער ווען ער זעהט ניט אין וואס זיא איז זיך מטהר בודק וועט זיא מעהר שכר האבין:

מד דעסט גלייבען דיא אשה וואס זעהט אלע פיהר וואכין, נאר מיינמאל עטליכע טעג פריער אדער שפעטער. אין דיא טעג וואס זיא זעהט קיינמאל ניט לכשר זיא ווייסט אז זיא זעהט קיינמאל ניט ביז צוועלף טאג נאך דער טבילה דארף זיא ניט אין דיא טעג קיין בדיקה פאר דעם תשמיש און דער נאך:

מה אבער נאך דיא טעג האטשי עס גייט פאר ביא דיא צייט פון דער וסת און זיא זעהט ניט וועלכים זיא איז שוין טוהר צום מאן אזוי וויא מיר האבין געשריבען בסעיף כ״ט ל׳ דאצופארט זאל זיא זיך בודק זיין פאר דעם תשמיש און נאך דעם תשמיש. ביז זיא וועט זעהן דם נדה דאס צווייטע מאהל. אדער עס וועט פאר ביא גיין דרייא חדשים און זיא וועט גאר ניט זעהן מחמת זיא איז מעוברת:

מו אלע בדיקות וואס זיא דארף זיך בודק זיין זאל זיא זיך בודק זיין בשעת זיא שטייט אדער בשעת זיא זיצט. דען בשעת זיא ליגט איז ניט קיין גוטע בדיקה:

מז ווען זיא איז שוין דרייא חדשים מעוברת דארף זיא ניט זיך בודק זיין פאר דעם תשמיש און דער נאך:

מח אויך דארף ער ניט זיך אפ שיידען דעם טאג פון דער וסת וואס זיא האט געהאט איידער זיא איז געווארין מעוברת. האטשי זיא האט דענמאלט שוין געזעהן דרייא מאהל אין דעם טאג (זעה איין בסעיף ל״ב ל״ג ובסעיף ל״ו):

באור

מט נָאר אַז זִיא זֶעהְט הַיינְט דַם דַארְף עֶר זִיךְ אָפּ שֵׁיידֶען צְווייא טָאג נָאךְ דִיא פִיהְר וָואכִין אוּנ אַלְטְץ אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין אוֹיבֶען גִישְׁרִיבֶּען :

נ אוּנ אַז עֶס גֵייט פַאר בַּייא דִיא צַייט פוּן דֶער וֶסֶת אוּנ זִיא זֶעהְט נִיט אִיז זִיא שׁוֹין מוּתָּר. אֲפִילוּ עֶס גִידוֹיעֶרְט דֶער נָאךְ וִויא פִיהְל חֳדָשִׁים וָואס זִיא זֶעהְט נִיט :

נא אֵיין אִשָּׁה וָואס הָאט גִיהַאט אַ קִינְד. אִיז בִּיז פִיהְר אוּנ צְוָואנְצִיג חֳדָשִׁים נָאךְ דֶעם קִינְד הָאבִּין הָאט זִיא דֶעם דִין פוּן מְעוּבֶּרֶת וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען. אֲפִילוּ זִיא זֵייגְט נִיט דָאס קִינְד :

נב אוּנ נָאךְ דִיא פִיהְר אוּנ צְוָואנְצִיג חֳדָשִׁים דַארְף עֶר זִיךְ אָפּ שֵׁיידֶען אִין דֶער וֶסֶת וָואס זִיא הָאט גִיהַאט אֵיידֶער זִיא אִיז גִיוֶוען מְעוּבֶּרֶת אוֹיבּ זִיא הָאט דֶעמָאלְט גִיזֶעהֶן דְרַייא חֳדָשִׁים אִין דֶעם אֵיינִיגֶעם טָאג :

## (שופטים) סימן קא. דִינִים פוּן אֵיין נִדָּה אוּנ פוּן לְבִישַׁת לְבָנִים וּסְפִירַת נְקִיִּים. עֶר הַאלְט צְווייא אוּנ צְוָואנְצִיג סְעִיפִים :

א אֵיין אִשָּׁה וָואס גִיפִינְט אַ פְלֶעק פוּן רוֹיט אָדֶער שְׁוַוארְץ (אָדֶער גֶעל) דַארְף זִיא פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה. אוּנ אַז דֶער רַב פַּסְקֶנְת אַז זִיא אִיז טְמֵאָה הָאט זִיא דֶעם אֵיינִיגֶעם דִין פוּן אַ רֶעכְטֵי נִדָּה :

ב אַז אֵיין אִשָּׁה דֶער פִילְט אַז עֶס עֶפִינְט זִיךְ דֶער מָקוֹר צוּא גֵיין דַם מוּז זִיא בַּאלְד זִיךְ בּוֹדֵק זַיין. אַז זִיא אִיז זִיךְ בַּאלְד בּוֹדֵק אוּנ גִיפִינְט וַויים אַזוֹי וִויא שְׁלַאם אָן שׁוּם רוֹיטְלִיךְ אוּנ אָן שׁוּם שְׁוַוארְץ אִיז זִיא טְהוֹרָה. אָבֶּער אַז זִיא גִיפִינְט גָאר נִיט אִיז זִיא טְמֵאָה וִויא אֵיין נִדָּה וַוייל זִיא הָאט פְרִיעֶר גִיפִילְט אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען דֶערְסְט גְלַייבֶען אַז זִיא אִיז זִיךְ דֶער נָאךְ נִיט בּוֹדֵק אִיז זִיא אוֹיךְ טְמֵאָה :

ג אֵיין אִשָּׁה וָואס אִיז שׁוֹין מְעוּבֶּרֶת דְרַייא חֳדָשִׁים אָדֶער זִיא הָאט גִיהַאט אַ קִינְד בִּיז פִיהְר אוּנ צְוָואנְצִיג חֳדָשִׁים נָאךְ דֶעם קִינְד הָאבִּין וֶועלְכִים דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אַז זֵייא זֶעהֶן נִיט אַזוֹי קֵיין דַם. דַארִיבֶּער אַז זִיא הָאט דֶער פִילְט אַז עֶס עֶפִינְט זִיךְ דֶער מָקוֹר אוּנ הָאט זִיךְ בּוֹדֵק גִיוֶוען אוּנ הָאט גָאר נִיט גִיפוּנֶען אִיז זִיא טְהוֹרָה :

ד דִיא נָשִׁים וָואס זֶענִין גִיוָואוּנְט אַז אִין דִיא רֵיינֶע טֶעג גֵייט תָּמִיד פוּן זֵייא וַויים אַזוֹיא וִויא שְׁלַאם אִינ זִיא אִיז זִיךְ תָּמִיד בּוֹדֵק אוּנ זֶעהְט אַז עֶס אִיז בְּלוֹיז וַויים אָן שׁוּם רוֹיטְלִיךְ אוּנ אָן שׁוּם שְׁוַוארְץ. אִיז אֲפִילוּ זִיא אִיז זִיךְ טֵיינְמָאל נִיט בּוֹדֵק בְּשַׁעַת זִיא פִיהְלְט דֶעם וַויסֶען שְׁלַאם גֵיין פוּן אִיהְר שַׁאט אוֹיךְ נִיט. נָאר וַויא וַוייט מֶיגְלֶעךְ אִיז מוּז זִיא זִיךְ תָּמִיד בּוֹדֵק זַיין :

ה יֶעדֶערֶע אִשָּׁה וָואס זֶעהְט דַם אֲפִילוּ נָאר אֵיין טְרָאפִּין אָדֶער זִיא גִיפִינְט אַ פְלֶעק וָואס אִיז טְמֵאָה דַארְף זִיא וַוארְטִין פִינְף טָאג פוּן אָן הֵייבּ זֶעהֶן. אָדֶער זִינְט זִיא הָאט גִיפוּנֶען דֶעם פְלֶעק :

ו דֶעם פִינְפְטִין טָאג לֶערֶךְ אַ שָׁעָה פַאר נַאכְט זָאל זִיא זִיךְ גוּט בּוֹדֵק זַיין. (בִּסְעִיף י"ט וֶועט שְׁטֵיין וִויא אַזוֹי יֶעדֶערֶע בְּדִיקָה דַארְף זַיין). אוּנ אַז זִיא גִיפִינְט נִיט אוֹיף דֶעם טִיכֶעל קֵיין שׁוּם גִישְׁטַאלְט פוּן רוֹיט אָדֶער שְׁוַוארְץ זָאל זִיא מַאכִין לְבִישַׁת לְבָנִים. דִיא וַוייבֶּער רוּפֶען דָאס אָן אָפּ צִיעֶן :

ז אַז זִיא גִיפִינְט גֶעל זָאל זִיא פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה אוֹיבּ זִיא מֶעג מַאכֶען הַיינְט דָאס אָפּ צִיעֶן :

ח בְּשַׁעַת דֶעם אָפּ צִיעֶן זָאל זִיא זִיךְ גוּט פַאר וַואשִׁין אוֹיף דֶעם אָרְט אוּנ אָן טוּהְן אַ קְלָאר הֶעמְד. אַז זִיא הָאט נִיט זָאל זִיא אָן טוּהְן אַזוֹי אַ רֵיין הֶעמְד פוּן פְלֶעקִין. אוֹיךְ אַלֶע קְלֵיידֶער זָאלִין זַיין רֵיין פוּן פְלֶעקִין :

דער

ט דער נאך דארף זיא באלד נאך אמאהל אריין לייגען א טיכעל עס זאל ליגען דארט ענק ביז עס וועט ווערין גוט נאכט. אונ בנאכט זאל זיא עס ארויס נעמין אונ זיהער באקוקען אויב עס איז ריין:

י דער נאך זאל זיא זיך אונטער לייגען אריין שלאף לייליך אונ דאס בעט גיוואנט זאל אויך זיין ריין אן א פלעק. אונ פון דער נאכט וואס קער צום מארגעדיגען טאג הייבט זיא אן צו ציילען דיא זיבען ריינע טעג:

יא היא זיבען ריינע טעג דארפין זיין זיבען מעת לעת גאר ריין. אונ דיא ערשטע נאכט וואס מיר האבין גישריבען זיא זאל אונטער לייגען אריין שלאף לייליך ווערט גירעכינט צוא דעם מארגעדיגען טאג. אונ דיא נאכט דארף אויך זיין ריין פון תחילת אן:

יב דאריבער דארף זיא זיך בודק זיין אונ מאכען דאס אפ ציען פאר נאכט אייער דיא זון זעצט זיך אדער האטש א האלבע שעה פאר נאכט. אונ באלד דער נאך אריין לייגען א טיכעל עס זאל דארט ליגען ביז נאכט אזוי וויא מיר האבין גישריבען:

יג אבער דיא אשה וואס איז זיך הערשט בודק צווישען טאג אונ נאכט אונ זעהט אז עס איז ריין קען זיא שוין ניט ציגעדערט מאכין דאס אפ ציען צו רעכינען דעם מארגעדיגען טאג צוא דיא ריינע טעג. ווייל זיא האט ניט גיזעהן א האלבע שעה פאר נאכט אז זיא איז ריין:

יד אז זיא מאכט דאס אפ ציען פראטיג פאר נאכט זאל זיא מאכין אייער זיא צינט ליכט. אבער ניט דער נאך. זעה אין בסימן מ"ח ביז וואניט מען מעג ליכט צינדען:

טו איף דיא ערטער ווא מען מאכט שבת פאר נאכט דאס אפ ציען זאל זיא זיך דעניכאלט וואשין מיט קאלט וואסער. אונ זאל גיווארינט זיין ניט צוא גיסען קיין וואסער אויף דעם העמד אדער אויף וועלכין מלבוש. דען דאס טאר מען ניט טוהן אום שבת. אזוי וויא מיר האבין גישריבען בסימן נ"ג:

טז אז זיא מאכט יום טוב אדער יום כפור דאס אפ ציען דארף זיא אויך גיווארינט צוא זיין אין דעם וואס מיר שרייבען ביא שבת. אויך זאל זיא יום כפור נאר ארום וואשין אויף דעם ארט. אונ ניט דעם גוף:

יז אז זיא מאכט תשעה באב דאס אפ ציען אדער ווען זיא זיצט שבעה ר"ל זאל זיא זיך אויך נאר ארום וואשין אויף דעם ארט. אונ ניט דעם גוף. אויך זאל זיא ניט אן טוהן קיין קלאר העמד נאר אנאנדער העמד וואס איז ריין פון פלעקין:

יח יעדערין טאג פון דיא זיבען ריינע טעג דארף זיא זיך בודק צוא זיין צוויא מאהל. איינמאהל אין דער פריא אונ איינמאהל פאר נאכט. אויך זאל זיא באקוקען דאס העמד ווען זיא איז זיך בודק:

יט אלע בדיקות דארפין זיין מיט א טיכעל פון אלטע לאווינט וואסע אדער באוועל. אונ זיא זאל עס אריין טוהן איניוויניג גאנץ טיף וויא ווייט מיגליך איז. אז עס איז איהר שווער זאל זיא האטש ביא דעם אפ ציען אונ אויך דעם ערשטין טאג אין דעם זיבעטין טאג טיף אריין טוהן וויא ווייט מיגליך איז:

כ אבער דיא נשים וואס טוהן נאר אביסעל אריין אפ צוא ווישען היסט דאס ניט קיין בדיקה. אונ דיא מבילה איז ניט קיין טבילה:

כא דיא בדיקות זאלין זיין ביא דער ליכט פון דעם טאג. אונ ניט ביא קיין ליכט:

כב אז זיא גיפינט וועלכען טאג אויף דעם טיכעל רויט אדער שווארץ אפילו עס איז גאר מונקעל. אדער זיא גיפינט אין העמד א פלעק וואס איז טמא. דארף זיא פאר נאכט איבער נייעס צוא מאכען דאס אפ ציען. אונ איבער נייעס אן הייבען צוא ציילען זיבען

רייניע טעג אזוי וויא מיר האבין אויבען געשריבען. אונ זיא דארף ניט ווארטין קיין קינף טאג ביז דעם אפ ציען (אזוי וויא עס שטייט בסעיף ה׳ ביי דער אשה וואס ווערט הערשט איין נדה). נאר זיא מעג מאכין דאס אפ ציען באלד פאר נאכט. אדער ווען זיא קען:

# (תצא) סימן קב. דינים פון איין כלה אונ פון איין אשה וואס איז מפיל ח״ו ער האלט צוועליף סעיפים:

**א** א כלה מוז ציילען זיבען רייניע טעג פאר דער טבילה. אזוי וויא מיר האבין געשריבען בסימן ק״א. זעה איין דארט אלע דינים פון דעם. אפילו זיא איז נאך גאר יונג אונ ווערט נאך ניט קיין דם:

**ב** אויך דארף זיא זיך בודק זיין אלע טאג ביז דער חתונה. זעה איין בסימן ק״א סעיף י״ט וויא אזוי דיא בדיקות דארפין זיין:

**ג** זיא זאל הערשט אן הייבען ציילען דיא זיבען רייניע טעג נאהנט פון דער חתונה. ווען זיא ווייסט שוין זעכער ווען דיא חתונה וועט זיין:

**ד** אז אין מיטען דעם ציילען האט זיך געמאכט איין עיכוב אז דיא חתונה וועט נישט קענין זיין אין דעם טאג וואס מען האט פריער אפ געשמועסט דארף מען פרעגין א שאלה אויב זיא וועט דארפין איבער נייעט צוא ציילען דיא זיבען רייניע טעג ווען זיא ווייסט שוין זעכער ווען דיא חתונה וועט זיין:

**ה** בסימן ק״א סעיף ה׳ ו׳ האבין מיר געשריבען אז איין אשה וואס ווערט דם דארף צוא ווארטען פינף טאג פון אן הייב זעהן ביז דעם אפ ציען. (זעה איין דארט וואס מען מיינט אפ ציען):

**ו** אבער א כלה וואס זעהט דם פאר דער חתונה. אונ עס איז שוין ניט קיין צייט זיא זאל ווארטין פינף טאג ביז דעם אפ ציען אונ דער נאך ציילען זיבען רייניע טעג צוא גיין טבילה פאר דער חתונה. אונ עס איז שווער אפ צוא שלעפין דיא חתונה נאך עטליכע טאג. מעג זיא מאכין דאס אפ ציען וועלכען טאג זיא קען אונ דער נאך ציילען זיבען רייניע טעג אונ גיין טבילה פאר דער חתונה. אונ דאס איז גלייכער איידער צוא מאכין א חופת נדה:

**ז** אבער קיינען דעם אפ ציען אונ ציילען זיבען רייניע טעג האט דיא כלה דעם דין אזוי וויא אנאנדערע אשה וואס מיר האבין געשריבען בסימן ק״א. זיא טאר ניט מקיל זיין דרינען ח״ו אויף קיין שום פאל:

**ח** ווען איינער נעמט א בתולה מוז ער תיכף נאך דער ערשטער ביאה זיך אפ שיידען אונ אוועק גיין. ווען נאך דער ערשטער ביאה איז זיא שוין טמא אזוי וויא איין נדה. האטשי זיא זעהט ניט קיין בלוט:

**ט** דאריבער מוז זיא דער נאך ווארטען פיהר טאג אונ מאכין דאס אפ ציען אונ ציילען זיבען רייניע טעג אונ גיין טבילה:

**י** אויך דארף דער מאן זיך צוא דער ווארטען פון איהר מיט דיא זאכין וואס מיר האבין געשריבען בסימן צ״ט ביי א רעכטע נדה:

**יא** אז איין אשה איז מפיל ח״ו זאל זיא פרעגין א שאלה ווען זיא זאל מאכין דאס אפ ציען:

**יב** אז זיא וויל ווארטען צוויא וואכין ביז דעם אפ ציען אונ דער נאך ציילען זיבען רייניע טעג אונ גיין טבילה דארף זיא ניט פרעגין קיין שאלה:

ינים

## סימן קג. דינים ווען צוא גיין טבילה. ער האלט צוועלף סעיפים:

א אויב דער מאן איז אין דער היים איז א מצוה זיא זאל זיך טובל זיין אין דער צייט ווען עס קומט איהר אוים. היינו ווען זיא האט שוין אפ געציילט דיא זיבען ריינע טעג:

ב דיא אשה וואס האלט אויף דיא טבילה כדי צו צער צוא זיין דעם מאן האט אגרויסע עבירה ה"ו:

ג זיא מעג זיך טובל זיין פרייטיג צוא נאכט אויב זיא האט ניט געקענט פריער זיך טובל זיין אונד דוקא אז דער מאן איז אין דער היים:

ד אבער אז דער מאן איז ניט אין דער היים טאר זיא זיך ניט טובל זיין פרייטיג צו נאכט:

ה דעסט גלייכן אז זיא האט זיך געקענט טובל זיין פריער טאר זיא ניט זיך טובל זיין פרייטיג צוא נאכט:

ו אז זיא האט געקענט זיך טובל זיין פריער נאר דער מאן איז ניט געוועזין אונד איז דערשט פרייטיג געקומען צוא פארין מעג זיא אויך גיין טבילה פרייטיג צוא נאכט. צאמין דער מנהג איז אויף דעם ארט מחמיר צוא זיין זאל זיא טוען אזויא וויא דער מנהג איז:

ז אז זיא האט זיך טובל געוועזן דאנערשטיג בנאכט. אונד פרייטיג אין דער פריא איז זיא געוואר געווארין אז דיא טבילה איז ניט גוט. היינו זיא האט געפונען איין חציצה אדער וועלכער ספק אז זיא האט ניט גוט זיך טובל געוועזן מעג זיא פרייטיג צוא נאכט נאך אמאל זיך טובל זיין:

ח אז איינער נעמט איין אלמנה טאר זיא ניט גיין דיא ערשטע טבילה פרייטיג צוא נאכט. דאטשי זיא האט ניט געקענט פריער גיין. נאר זיא זאל גיין מוצאי שבת אדער אנאנדערי נאכט:

ט אפילו אויף דעם ארט וואס מען גייט ניט מוצאי שבת טבילה צאמין מען האט ניט געקענט פריער גיין מעג זיא אויך גיין מוצאי שבת. דען זיא האט דאך ניט געמארט גיין פרייטיג צוא נאכט:

י איין אשה טאר ניט זיך טובל זיין בטאג. נאר בנאכט ווען עס שטייט שוין שטערין:

יא אז זיא קען ניט זיך טובל זיין בנאכט איבער וועלכין אונס איז דער דין אזויא. דעם זיבעטין טאג טאר זיא ניט זיך טובל זיין בטאג. נאר זיא זאל ווארטען ביז דעם אכטען טאג אונד זאל פרעגין א שאלה. קען שוין דער רב איהר מתיר זיין טובל צוא זיין דעם אכטען טאג בטאג:

יב איין כלה וואס איז זיך טובל פאר דער חופה מעג זיך טובל זיין דעם אכטען טאג בטאג:

## סימן קד. דינים פון דיא זאכען וואס טארין ניט קלעבין אויף דעם גוף בשעת דער טבילה. ער האלט צוויא אונד צוואנציג סעיפים:

א דיא אשה דארף געווארינט צוא זיין עס זאל ניט קלעבין אויף איהר קיין שום זאך בשעת דער טבילה:

ב אפילו דיא פאר בארגעני ערטער וואס דאס וואסער קומט ניט דארט אריין דארפין אויך צוא זיין ריין אן א שום זאך. למשל דיא ציין דאטשי עס קומט ניט אין מויל אריין קיין וואסער דאצופארט טאר ניט שטעקין עפים צווישען דיא ציין:

ג איבער דעם מוז זיא גוט אויס מאכין דיא ציין פאר דער טבילה. אויך זאל זיא ניט
עסן

עֶסְן קֵיין פְלֵיישׁ דֶעם טָאג פוּן דֶער טְבִילָה. נָאר אַז זִיא אִיז זִיךְ טוֹבֵל מוֹצָאֵי שַׁבָּת מֶעג זִיא שַׁבָּת עֶסְן פְלֵיישׁ. אוּנ זָאל זִיךְ גוּט אוּיס שְׁטֶעכִין צְווִישֶׁען דִיא צֵיין פַאר דֶער טְבִילָה. דֶען אַז עֶס אִיז עֶפִּים דָא צְווִישֶׁען דִיא צֵיין אָדֶער אוּיף דִיא צֵיין אִיז דִיא טְבִילָה נִיט קֵיין טְבִילָה:

ד זִיא מוּז רֵיין מַאכִין צְווִישֶׁען דִיא פִינְגֶער פוּן דִיא פִיס עֶס זָאל דָארְט נִיט זַיין קֵיין בְּלָאטֶע אוּנ קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוּיךְ זָאל זִיא גוּט אָפּ וַואשְׁין דֶעם שְׁטוֹיבּ פוּן דִיא פִיס:

ה עֶס טָאר נִיט זַיין אֵיין הָאר פַאר קְנִיפְּט. אַז זִיא הָאט קָאלְטֶענִים אוּנ זִיא קֶען נִיט זֵייא אַרָאפּ נֶעמִין זָאל זִיא פְרֶעגִין אַ שַׁאֲלָה:

ו זִיא מוּז גִיוָוארִינְט זַיין גוּט אָפּ צוּא שְׁנַיידֶען דִיא נֶעגִיל פוּן דִיא הֶענְט אוּנ פוּן דִיא פִיס:

ז אַז זִיא הָאט פַאר גֶעסִין אֵיין נָאגִיל אָפּ צוּא שְׁנַיידֶען זָאל זִיא אִיהְם אָפּ שְׁנַיידֶען אוּנ נָאךְ אַמָאהְל גֵיין טְבִילָה. אַז זִיא דֶער זֶעהְט הֶערְשְׁט אִין דֶער פְרִיא זָאל זִיא פְרֶעגִין אַ שַׁאֲלָה:

ח זִיא זָאל פַאר בְּרֶענִין דִיא נֶעגִיל. דֶען עֶס אִיז אַ סַכָּנָה אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעט אוּיף זֵייא:

ט אַז אֵיין נָאגִיל אִיז גִישְׁוָואלִין אוּנ זִיא קֶען נִיט אִיהְם אָפּ שְׁנַיידֶען אוּנ נִיט אַפֶּער נֶעמִין דָאס אוּם רֵיינִיקֵייט זָאל זִיא פְרֶעגִין אַ שַׁאֲלָה.

י זִיא מוּז גִידֶענְקִין אַרָאפּ צוּא נֶעמִין פַאר דֶער טְבִילָה דִיא פִינְגֶערְלִיךְ. אוּנ אוּיס טוּעֶן דִיא אוּירִינְג:

יא זִיא מוּז גוּט אָפּ וַואשְׁין דָאס אוּם פְּלָאט פוּן דִיא אוּיגִין. אוּיךְ זָאלִין נִיט זַיין צוּא נָאנְט גִיקְלֶעבְּט דִיא הָאר פוּן דִיא בְּרֶעמִין:

יב פַאר טְרִיקֶענְט בְּלוּט וָואס אִיז אוּיף דֶער מַכָּה מוּז זִיא אָפּ וַואשְׁין פַאר דֶער טְבִילָה. אָבֶּער דִיא לֵיחָה אִין דֶער מַכָּה אִיז נִיט קֵיין חֲצִיצָה:

יג אַז דִיא לֵיחָה אִיז אַרוֹיס אוּיס דֶער מַכָּה אוּנ אִיז פַאר טְרִיקֶענְט גִיוָוארִין מוּז זִיא עֶס גוּט אָפּ וַואשְׁין:

יד אֵיין אִשָּׁה וָואס אִיז רֶעצִיג מוּז ווַייקֶען דִיא קְרֶעץ אִין וַוארֶעם וַואסֶער בִּיז זֵייא וֶוערִין צוּא ווַייקְט אוּנ ווַייךְ. אוּנ דִיא דַארֶע קְרֶעץ מוּז זִיא אַרָאפּ נֶעמִין. חָאטְשֶׁי עֶס טוּהְט אִיהְר שְׁמַארְק ווֵייא:

טו דֶעם פְּלַאסְטֶער פוּן דֶער מַכָּה מוּז זִיא אַרָאפּ נֶעמִין פַאר דֶער טְבִילָה:

טז עֶס אִיז שְׁכִיחַ אַזֶעלְכֵי כִּנִים וָואס זֶענִין שְׁטַארְק בַּאהֶעפְט אִין גוּף צְווִישֶׁען דִיא הָאר. מֶען רוּפְט זֵייא מִידֶעווִיסְקִים. דַארְפִין פַאר דֶער טְבִילָה זֵייא אַרָאפּ נֶעמִין מִיט וַוארִים וַואסֶער אוּנ אָפּ קְרַאטְצִין מִיט דִיא נֶעגִיל. אָדֶער מֶען זָאל מִיט עֶטְלִיכֶע טָאג פְרִיעֶער טוּעֶן אַ רְפוּאָה מֶען זָאל זֵייא נִיט הָאבִּין:

יז אוּיךְ זָאל זִיא פַאר דֶער טְבִילָה אַרָאפּ נֶעמִין דִיא קְלֵיינֶע כִּנִים וָואס זֶענִין בַּהֶעפְט אִין דִיא הָאר:

יח יֶעדֶערִי אִשָּׁה מוּז אַכְטוּנְג גֶעבִּין פַאר דֶער טְבִילָה עֶס זָאל נִיט קְלֶעבִּין אוּיף דֶעם גוּף אוּנ אוּיף דִיא הֶענְט קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוּנ זֵייא זָאלִין נִיט זַיין אַיין גִירֶעכְט פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ. נָאר אַלְרִינְג זָאל זַיין רֵיין:

יט אוּיךְ זָאל זִיא פַאר דֶער טְבִילָה רֵיין מַאכִין דִיא נָאז מִיט דִיא אוֹיעֶרִין אִין עֶק ווִיא מֶען זֶעהְט אַבִּיסֶעל. אָבֶּער טִיף אִינֶעווֵייניג דַארְף זִיא נִיט אַרַיין שְׁטֶעקִין דֶעם פִינְגֶער:

כ אוּיךְ זָאל זִיא פַאר דֶער טְבִילָה מַשְׁתִּין זַיין אוּנ נְקִיוּת הָאבִּין אוֹיבּ זִיא דַארְף. אוּנ אוּיךְ רֵיין מַאכִין אַלֶע עֶרְטֶער פוּן אוּמְרֵיינִקֵייט:

כא דֶעם טָאג פוּן דֶער טְבִילָה זָאל זִיא נִיט קְנֶעטִין קֵיין טֵייג אוּנ נִיט טוּעֶן קֵיין אַנְדֶערֶע זַאךְ וָואס קְלֶעבְּט זִיךְ אָן:

אז

כב אז זיא דארף צו טוען לכבוד שבת מעג זיא טוען. נור זיא זאל באלד דער נאך זיך גוט אפ וואשין:

## (תבא) סימן קה. דינים פון דעם קעמין אונ אנדערי זאכען וואס מען דארף מוען פאר דער טבילה. ער האלט דרייסיג סעיפים:

א דעם זיבעטין טאג וואס איהר קומט אוים בנאכט צוא גיין טבילה זאל זיא פארין נאכט גיין לבית המרחץ אונ זאל זיך אין גאנצין אפ וואשין אין א וואנע מיט ווארים וואסער:

ב אונ אלע קנייטשין פון גוף אונ אלע פאר בארגינע ערטער זאל זיא גוט אפ וואשין מיט ווארים וואסער. אונ זאל זיך ריין מאכין פון אלע זאכין וואס מיר האבין גישריבען בסימן ק"ד:

ג אויך דארף זיא גוט אוים קעמין דיא האר פון קאפ אונ פון אלע ערטער עס זאל גאר ניט קלעבין אויף זייא:

ד אויף דיא שווייסיגי ערטער מוז זיא גוט צוא שיידען דיא האר. זייא זאלין ניט זיין צוא נאנט גיקלעבט:

ה אויך דארף זיא גוט באקוקען דעם גאנצין גוף. אויב עס קלעבט עפים אויף איהר:

ו אויף דעם ארט וואס זיא קען ניט זעהן. זאל זיא אכטונג געבין מיט דיא הענט עס זאל דארט גאר ניט קלעבין. אונ ניט זיין איין גירעכט פון קיין שום זאך:

ז זיא טאר ניט וואשין דעם קאפ אונ וויא עס איז דא האר מיט קאלט וואסער נאר מיט ווארים אזויא וויא מיר האבין גישריבען. אונ אויך נאר מיט וואסער. אונ ניט מיט משקה אדער אנדערי זאכין:

ח דאס צוואגין מיט דעם וואשין דארף זיין פארין נאכט אונ אויך נאהנט צוא דער טבילה:

ט איבער דעם זאל זיא אן הייבען דאס וואשין ווען עס איז נאך טאג. אונ עס זאל גידארין ביז עס איז שוין גוט נאכט. דער נאך זאל זיא זיך תיכף טובל זיין. אונ זאל ניט עסין אדער טוען עפים אנדערש דער צווישען. כדי זיא זאל זיך ניט איין רעכטין:

י בשעת הדחק אז זיא האט ניט גיקענט טוען פארין נאכט זאל זיא זיך וואשין אונ צוואגין בנאכט. נאר זיא זאל ניט טוען גיך נאר וואלגע קעמין אונ וואשין זיך. אונ אלדינג גוט בקוקען אזויא וויא מיר האבין גישריבען:

יא אז איין אשה האט זיך טובל גיוועזן אונ האט ניט פריער בקוקט דעם גוף אויב ער איז ריין איז דיא טבילה ניט קיין טבילה:

יב דעסט גלייבין אז זיא האט ניט זיך צוא קעמט העלפט אויך ניט דיא טבילה:

יג אז דיא טבילה קומט אוים מוצאי שבת דארף זיא פראטיג זיך צוואגין אונ וואשין. אונ מוצאי שבת פאר דער טבילה דארף זיא נאך אמאהל זיך צוואגין אונ וואשין אונ אלדינג גוט בקוקען אזויא וויא עס קער צוא זיין:

יד דעסט גלייבין אז דיא טבילה קומט אוים מוצאי יום טוב דארף זיא ערב יום טוב זיך צוואגין אונ וואשין. אונ מוצאי יום טוב פאר דער טבילה דארף זיא נאך אמאהל זיך צוואגין אונ וואשין. אונ אלדינג גוט בקוקען. אזויא וויא מיר האבין גישריבען:

טו אז דיא טבילה קומט אוים פראטיג צוא נאכט זאל זיא זיך צוואגין אונ וואשין ווען עס איז נאך גרויסער טאג. כדי זיא זאל ניט ח"ו מחלל שבת זיין. דער נאך זאל זיא אהיים גיין צינדען לעכט. דער נאך זאל זיא צוריק גיין לבית הטבילה אונ זאל זיך גוט בקוקען דעם גאנצין גוף אונ דיא הענט אויב עס קלעבט עפים. אונ ווען עס וועט זיין גוט נאכט זאל זיא זיך טובל זיין:

אויף

טז אויף דיא ערטער איז דער מנהג אז עס קומט אויס פרייטיג צוא נאכט דיא טבילה גייט זיא אין מיטען טאג לבית הטבילה אונ מאכט דאס צוואגין אונ וואשין. דער נאך גייט זיא אהיים אונ מאכט שבת. אונ בנאכט גייט זיא לבית המבילה אונ איז זיך טובל:

יז מוז זיא געווארינט זיין נאך דעם צוואגין זיא זאל ניט נעמין אין דער האנט אביין קיין טייג אונ אנדערי זאכין וואס קלעבין זיך אן. נאר זיא זאל דעמאלט געבין אנאנדערי אשה דיא זאכין צוא טוען:

יח אז זיא האט ניט וועמין צוא היימען טוען מעג זיא אליין טוען נאר זיא זאל אלע מאהל אפ וואשין דיא הענט כדי עס זאל גאר ניט קלעבין אויף זייא:

יט אונ פרייטיג צוא נאכט פאר דער טבילה דארף יעדערי אשה גוט בקוקען דעם גאנצין גוף אונ דיא הענט אויב עס קלעבט עפים:

כ אז דיא טבילה קומט אויס מוצאי שבת אונ דעמאלט איז יום טוב דארף זיא פרייטיג זיך קעמין אונ וואשין אונ בקוקען דעם גוף אויב עס קלעבט עפים. דער נאך זאל זיא זיך ארום בינדען דיא האר ביז דער טבילה:

כא אונ פון דעם צוואגין ביז דער טבילה זאל זיא זיך היטען ניט איין צוא רעכטין זיך מיט קיין שום זאך. אונ זאל ניט נעמין אין דער האנט אריין קיין טייג אונ קיין שום זאך וואס קלעבט:

כב אז זיא האט ניט וועמען עס זאל טוען מעג זיא אליין טוען. נאר זיא זאל אלע מאהל אפ וואשין דיא הענט. כדי עס זאל גאר ניט קלעבין אויף זייא:

כג אונ מוצאי שבת פאר דער טבילה וועלכים זיא קען ניט נאך אמאהל זיך צוואגין ווייל עס איז יום טוב מוז זיא גוט באקוקען דעם גאנצען גוף מיט דיא האר פון קאפ אויב עס קלעבט עפים (זעה איין בסעיף ה׳ ו׳):

כד אויך זאל זיא אפ וואשין אין דער היים דיא פאר בארגינע ערטער מיט ווארים וואסער. אונ זאל זיך גוט אוים שמעכין צווישען דיא ציין עס זאל גאר נישט דארט שטעקין:

כה אויך זאל זיא פאר דער טבילה ריין מאכין דיא אויערין מיט דער נאז אונ אלע זאכין וויא ווייט מיגליך איז:

כו דיא אייגענע דינים גייען אויך אן אז עס איז יום טוב דאנערשטיג אונ פרייטיג אונ איהר קומט אויס צוא גיין טבילה דאנערשטיג בנאכט אדער פרייטיג צו נאכט דארף זיא מיטוואך זיך קעמין אונ וואשין אונ באקוקען דעם גוף:

כז אונ פאר דער טבילה דארף זיא ווידער באקוקען דעם גאנצען גוף מיט דיא האר פון קאפ. אונ אויך געווארינט זיין אין אלע זאכין וואס מיר האבין פריער געשריבען:

כח דאס האבין מיר אלץ געשריבען קיגען דיא ערטער וואס מען גייט טבילה מוצאי שבת אונ יום טוב מוז מען טוהן אזוי וויא דא שטייט:

כט אז מען האט ניט אזוי גיטוהן זאל מען פרעגין א שאלה אויב מען דארף נאך אמאהל צו גיין טבילה:

ל ווער שמועסט אז זיא האט נאך דעם צוואגין אונ ריין מאכין גינוצט מיט זאכין וואס קענין זיך אן קלעבין. אונ האט ניט פאר דער טבילה באקוקט איהר גוף אויב עס קלעבט עפים. איז דיא טבילה בוודאי ניט ווערט. אונ זיא דארף נאך אמאהל צוא גיין טבילה:

דינים

## (נצבים) סימן קו. דינים פון דער טבילה. ער האלט זעקס און צוואנציג סעיפים:

**א** זיא דארף זיך טובל זיין דעם גאנצען גוף און אלע האר מיט איינמאהל, אבער ניט שטיקלעך ווייס:

**ב** בשעת זיא איז זיך טובל דארף שטיין אין אשה אדער א מיידעל וואס איז אלט מעהר פון צוועליף יאהר. צו זעהן עס זאל ניט ארויס שטארין קיין שום האר פון וואסער דען אז עס שטארט ארויס איין האר פון וואסער איז דיא טבילה קיין טבילה ניט:

**ג** בשעת דעם טובלין זאל זיא קיינער ניט צוא האלטען:

**ד** אז מען מוז זיא צוא האלטען זאל אנאנדערי אשה צריין שטעקן דיא האנט אין וואסער. און אונטער דעם וואסער זאל זיא אן נעמען זיא און צוא האלטען לעמני גאר ניט שטארק צו קוועטשין:

**ה** זיא זאל זיך ניט טובל זיין גאר אויף געשטעלט אדער שטארק איין גיבויגען. דען עס איז דא ערטער אין גוף וואס ווערין פאר באהאלטען דורך דעם. און דאס וואסער קומט ניט אויף זייא:

**ו** דאריבער זאל זיא זיך טובל זיין אביסעל איינגיבויגען אזוי וויא זיא וועלענדט מייג. און דאס וואסער זאל אויך קומען אונטער דיא בריסטען:

**ז** דיא הענט און דיא פיס זאל זיא האלטען אין וואסער גלייך זיא גייט אויף דער גאס:

**ח** אבער אז זיא האט זייא צוא נאנט גישטעלט. אדער זיא האט צו גימאכט דיא האנט וועלכעס דאס וואסער קען ניט אריין קומען. איז דיא טבילה ניט קיין טבילה:

**ט** זיא דארף ניט צוא עפינען דאס מויל עס זאל אריין גיין וואסער. אויך זאל זיא ניט שטארק צו מאכין דיא ליפין. נאר זיא זאל זייא אביסעל צוא האלטין אזוי וויא עס איז גיוויינטליך:

**י** דעסט גלייכען דיא אויגען זאל זיא ניט שטארק עפינען און אויך ניט שטארק צוא האלטין. נאר אביסעל צוא גימאכט:

**יא** זיא מוז גיווארינט זיין אין דעם אליסען. דען אז ניט איז דיא טבילה ניט ווערט:

**יב** איבער דעם זאל זיא ניט מאכין דיא טבילה אלינדיג נאר מיט ישוב הדעת. זיא זאל אין זינען האבין אלעץ וואס זיא דארף גיווארינט זיין:

**יג** זיא זאל זיך גאר ניט שרעקין. דען בזכות דער גרויסער מצוה וועט ניט קומען צוא איהר קיין שום שלעכטץ ח"ו. און אז זיא וועט טוהן וויא דער דין איז וועט איהר גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט:

**יד** דיא מקוה וואס זיא איז זיך טובל דארף זיין כשר על פי הרב. ער דארף אכטונג צוא געבין זיא זאל זיין בכשרות. אויך זאל ניט זיין אונטען קיין ליים און קיין בלאטע:

**טו** אבער צו טובל זיין אין טייך איז דא תילוקי דינים. דאריבער זאל זיא ניט זיך טובל זיין אין טייך ציימען דער רב וועט זאגין אז מען מעג זיך טובל זיין אויף דעם ארט:

**טז** דאס וואסער פון דער מקוה דארף זיין הויך דרייא ג' מטין העכער פון נאפיל. דאס רעכינט מען ביא יעדערע אשה וועדליג איהר גרייס:

**יז** אז דאס וואסער איז ניט אזוי הויך און עס איז ניט דא קיין אנדערי מקוה מעג זיא זיך טובל זיין אין דער מקוה. נאר זיא זאל זיך אויס ציען אונטער דעם וואסער אזוי וויא א פיש אויף דער לענג פון דער מקוה:

**יח** אבער עס פועלט ניט זיך טובל צו זיין דארט שטייענדיגע הייט. וויל דאס וואסער איז ניט אזוי הויך וויא מיר האבין גישריבען:

**יט** בשעת דער טבילה נאך דעם וואס זיא האט שוין זיך איינמאל טובל גיוועזן זאל זיא

מאַכין דיא בְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אמ״ה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל הַטְּבִילָה:

כ בְּשַׁעַת דער בְּרָכָה זאָל זיא ניט אַריין קוקען אין וואַסער אַריין. עס איז גְלַייך זיא זאָל לייגען דיא הענט אונטער דעם האַרצין בְּשַׁעַת דער בְּרָכָה:

כא דער נאָך זאָל זיא אַראָפּ נעמען דיא הענט. אונ האַלטען געוויינטליך אַזוי וויא זיא גייט. אונ טובל זיין זיך נאָך אַמאָהל וויא עס קער צו זיין:

כב נאָך דער טְבִילָה טאָר זיא ניט זיך באָדין אָדער וואַשין:

כג איין אִשָּׁה דאַרף זיין אַ צְנוּעָה. אונ זאָל גיין טְבִילָה בִּצְנִיעָה. מענטשין זאָלין ניט וויסען:

כד בְּשַׁעַת זיא גייט אַהיים פון דער טְבִילָה זאָל באַגעגנען אין איהר איין אַנדערע אִשָּׁה:

כה דען אַז זיא באַגעגנט פְריער אַ רָשָׁע אָדער אַ כֶּלֶב אָדער אַ חֲזִיר איז גְלַייך זיא זאָל זיך נאָך אַמאָהל טובל זיין אָן אַ בְּרָכָה:

כו דעם כְּלָל דאַרפין וויסען. אַז ווען זיא קומט אַהיים אונ דער מאַנט זיך אַז זיא האָט פאַר געסין צו טוהן וועלכע זאַך אונ גייט נאָך אַמאָהל טְבִילָה. דאַרף זיא זיך טובל זיין וויא עס קער צו זיין אַזוי וויא מיר האָבין גישריבען. נאָר קיין בְּרָכָה זאָל זיא ניט מאַכין נאָך אַמאָהל. דען צו מאַכין נאָך אַמאָהל אַבְּרָכָה איז דאָ פִיהל חילוקים:

# סימן קז. דינים פון מִילָה. ער האָלט נֵיין סְעִיפִים:

א דיא מִצְוָה פון מִילָה איז איין טייערע מִצְוָה. דער פאָטער וואָס איז זוכה דער צו דאַרף זיך פְרייען דעם טאָג אונ מאַכין אַ סְעוּדָה:

ב אֲפִילוּ ער איז אָרעם אונ האָט שוין אַ סַך קינדער זאָל ער ניט זאָרגען. דען דאָס קינד ברענגט זיך מיט דיא פַּרְנָסָה:

ג אַז דער פאָטער קען ניט אַליין מַל זיין זאָל ער נעמין אַ מוהל וואָס איז איין ערליכער יוד. אונ ווייסט אַלע דינים פון דעם:

ד אַ טאָג פאַר דער מִילָה זאָל דער מוהל גיין זעהין דאָס קינד אויב עס איז גיזונד:

ה דער פאָטער זאָל מאַכען דעם מוהל איין שָׁלִיחַ מַל צו זיין דאָס קינד. אונ ער זאָל אַליין אַרויף לייגין דאָס קינד אויף דער שויס פון סַנְדֶק. אונ זאָל דער לאַנגען דעם מוהל דאָס מוהל מעסער. אונ זאָל שטיין ביי דעם מַל זיין:

ו דער מוהל מאַכט דיא בְּרָכָה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל הַמִּילָה אונ הייבט אָן מַל צו זיין אונ דער פאָטער זאָל מאַכין דיא בְּרָכָה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַכְנִיסוֹ בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ. אונ דער עולם זאָל ענטפערין אָמֵן אונ זאָגין כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לַבְּרִית כו׳:

ז נאָך דעם מַל זיין זאָל איינער זאָגין דיא בְּרָכָה אֲשֶׁר קִדֵּשׁ יְדִיד כו׳ אַזוי וויא עס שטייט אין סִידוּר:

ח אַז אַ קינד איז גישטאָרבין ח״ו פאַר דעם מַל זיין זאָל מען עס מַל זיין ביי דעם קֶבֶר אָן אַ בְּרָכָה. אונ עס געבין דאָרט איין נאָמען:

ט אַ קינד וואָס ווערט גיבוירין צווישען טאָג אונ נאַכט. זאָל מען פרעגין אַ שְׁאֵלָה ווען מען זאָל עס מַל זיין:

# (ווילד) סימן קח. דינים פון פִּדְיוֹן הַבֵּן. ער האָלט נֵיין סְעִיפִים:

א אַ יִשְׂרָאֵל וואָס האָט אַ יונגעל וואָס ער איז אַ בְּכוֹר צו דער מוטער. היינו דיא מוטער האָט נאָך ניט גיהאַט פאַר איהם קיין קינד. איז דער פאָטער מְחוּיָב צו מאַכין אַ פִּדְיוֹן

הבן. היינו ער זאל געבין א כהן פינף זילבערנע רובעל אוים לייזינק פאר דעם זוהן:

ב דעם פדיון הבן מאכט מען ווען דאס קינד איז שוין אלט מער פון דרייסיג טאג. הייסט דעם איינדדרייסיגסטען טאג. אז ער גיפאלט אום שבת מאכט מען זונטאג:

ג אז מען האט ניט קיין זילבערין געלט מעגין געבין וועלכע זאך וואס איז ווערט פינף רוסישע זילבערנע רובעל. נור וועקסלין אדער באנקעצעטיל זאל מען ניט געבין. דען מען איז ניט יוצא מיט זייא:

ד דער וואס וויל טוען דיא מצוה וויא עס קער צו זיין זאל נעמין א כהן וואס קען לערנען. אונ זאל איהם געבין דיא פינף רובעל מיט דעם גאנצין הארץ. אונ ניט אפ צו נעמין דער נאך:

ה ער זאל ניט טוען אזוי וויא דיא מענטשין וואס נעמען דער נאך אפ אונ גיבען מיט מיט דעם גאנטצין הארטץ. דען אזא מצוה וואס טרעפט זיך נור א מאל דארף מען ניט צו מאכין קיין ערמות. נור צו גייטין זיך אונ געבין ערינצט דאס געלט. אונ מקיים זיין דיא מצוה וויא עס קער צו זיין. ובזכות זה וועט מען מגדל זיין דאס קינד צו אלדים גוטס:

ו אז דער פאטער איז איין ארימאן. אונ קען ניט געבין בשום אופן דאס געלט עס זאל בלייבען בייא דעם כהן. זאל ער פרעגין א שאלה וויא אזוי ער זאל טוען יוצא צו זיין דעם פדיון הבן:

ז אז עס איז ניט דא קיין ווין מאכט מען דעם פדיון הבן פאר דער סעודה. ועיין בסידור וואס דער כהן דארף זאגין אונ וואס דער פאטער דארף זאגין בשעת דעם פדיון הבן:

ח אז דיא מוטער פון קינד האט פריער עפעס מפיל גיוועזן ח"ו זאל מען פרעגין א שאלה אויב מען דארף צו מאכין א פדיון הבן:

ט א כהן אדער א לוי דארף ניט צו מאכין קיין פדיון הבן. דעסט גלייכען אז דיא מוטער פון דעם קינד האט א פאטער א כהן אונ זיא האט ניט פריער מזנה גיוועזן אדער איהר פאטער איז א לוי דארפין אויך ניט צו מאכין קיין פדיון הבן:

# סימן קט. דינים פון בכור בהמה טהורה. ער האט צעהן סעיפים:

א אז א קוא אדער א קאזע אדער א שעפסיל האבין א בכור. דאס הייסט דאס ערשטע ולד איז א זכר. אונ זייא זענין דעם יודם. איז דער בכור הייליג:

ב בייא דער יוד איז א כהן אדער א לוי אדער א ישראל איז אלמץ הייליג דער בכור פון זיין בהמה:

ג היינו ווען דאס בית המקדש איז גיוועזן האט מען דעם בכור מקריב גיוועזן אין בית המקדש. דאס בלוט מיט דעם חלב. אונ דאס פלייש האבין כהנים גיגעסין:

ד אונ אפילו היינט וועלכים דאס בית המקדש איז ניט דא טאר מען ניט שעכטין דעם בכור ביז ער קריגט א מום. אונ דער רב איז איהם מתיר:

ה אויך טאר מען ניט קיינמאהל ארבייטען מיט איהם. אונ ניט שערין פון איהם דיא וואהל:

ו אויך דארפין איהם צו געבין דעם כהן. עס איז דא אין איהם נאך דינים. דאריבער זאל מען פרעגין א שאלה וויא אזוי מען זאל זיך מיט איהם נוהג זיין:

ז איבער דעם וייל עס איז שווער היינט גיוואהינט צוא זיין אין אלע דינים פון דעם בכור איז א מצוה צו פאר קויפען דיא בהמה צו א גוי איידער זיא גיווינט דעם בכור:

ח ממילא אז דיא בהמה איז דעם גוים בשעת זיא גיווינט דאס ולד איז עס ניט הייליג. גלייך מיט אנאנדער ולד וואס דיא בהמה גיווינט:

נאר

ט נָאר מֶען דַארְף צוּא פְרֶעגִין דֶעם רָב וִויא אַזוֹי דָאס פַאר קוֹיפֶען זָאל זַיין עַל פִּי דִין הַתּוֹרָה. מֶען זָאל מֶעגִין דֶער נָאךְ שֶׁעכְטִין אוּנ עֶסִין דָאס וָלָד:

י דֶעכְט גְלַייכֶען אַז מֶען קוֹיפְט פוּן אַ גוֹי אַ בְּהֵמָה אוּנ מֶען וַוייסְט נִיט צוּ זִיא הָאט שׁוֹין גִיהַאט אַ וָלָד צוּא נִיט הָאטְשֵׁי דֶער גוֹי זָאגְט אַז זִיא הָאט שׁוֹין גִיהַאט אִיז עֶר נִיט בַּאגְלַייבְּט. אוֹיךְ פוֹעֶלְט נִיט קַיין סִימָנִים. נָאר וֶוען זִיא וֶוערְט קֶעלְבִּיג דַארְף מֶען זִיא פַאר קוֹיפֶען צוּא אַגוֹי עַל פִּי הָרָב. אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען:

# סִימָן קִי. דִינִים פוּן דִיא זַאכִין וָואס מֶען דַארְף גִיוָוארִנְט זַיין בַּייא בְּהֵמוֹת וְחַיוֹת וְעוֹפוֹת. עֶר הַאלְט נַיין סְעִיפִים:

א מֶען טָאר נִיט אַיין שְׁפַּאנִין אִין אַ וָואגִין צְווייא מִינִים הַיינוּ אַיין אָקְס מִיט אַ פֶערְד אָדֶער אַנְדֶערֶע צְווייא מִינִים. אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט אַקֶערִין אָדֶער מוּהְן וֶועלְכֶע מְלָאכָה מִיט זֵייא בַּנַאנְט:

ב אֲפִילוּ אַ גוֹי הָאט זֵייא אַיין גִישְׁפַּאנְט טָאר מֶען נִיט טוּהְן מִיט זֵייא אָדֶער שְׁרַייעֶן זֵייא זָאלִין גֵיין:

ג אַ וָואגִין וָואס אִיז אִין אִיהְם אַיין גִישְׁפַּאנְט צְווייא מִינִים טָאר מֶען נִיט זִיצֶען אוֹיף דֶעם וָואגִין. אֲפִילוּ דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז אַגוֹי:

ד אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט אַרוֹיף לֵייגֶען קַיין סְחוֹרָה אַז מֶען גֵייט דַאלֶעבִּין:

ה אַ וָואגִין וָואס אִיז אִין אִיהְם אַיין גִישְׁפַּאנְט אַיין מִין טָאר מֶען נִיט אָן בִּינְדֶען אִין וָואגִין קַיין אַנְדֶער מִין אֲפִילוּ אִין דֶער זַייט אָדֶער פוּן הִינְטֶען:

ו מֶען טָאר נִיט צוּא נַאנְט בִּינְדֶען קַיין צְווייא מִינִים. אֲפִילוּ נָאר זֵייא זָאלִין נִישְׁט אַנְטְלוֹיפֶען. דַארִיבֶּער טָאר מֶען נִיט צוּא נַאנְט בִּינְדֶען קַיין גֶענְזְ מִיט הִינֶער זֵייא זָאלִין נִיט אַנְטְלוֹיפֶען:

ז מֶען טָאר נִיט מְצַעֵר זַיין קַיין שׁוּם לֶעבִּידִיגֶע זַאךְ. נָאר אַז עֶס אִיז מְצַעֵר דֶעם מֶענְטְשׁ אָדֶער מֶען דַארְף דִיא פֶעהְל מֶעגִין עֶס אֲפִילוּ הַרְגֶנִין:

ח אַז פֶערְד שְׁלֶעפִּין אַ וָואגִין אוּנ קוּמֶען צוּא אַ בַּארְג אוּנ קֶענִין נִיט אַרוֹיף שְׁלֶעפִּין. אִיז אַ מִצְוָה צוּ הֶעלְפִּין. אֲפִילוּ דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז אַגוֹי (אַז עֶס אִיז נִיט דָארְט אַיין גִישְׁפַּאנְט קַיין צְווייא מִינִים). כְּדֵי מֶען זָאל נִיט שְׁלָאגִין דִיא פֶערְד צוּ פִיהְל:

ט מֶען טָאר נִיט מְסָרֵס זַיין קַיין שׁוּם לֶעבִּידִיגֶע זַאךְ. אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט זָאגִין קַיין נָכְרִי עֶר זָאל מְסָרֵס זַיין דֶעם יוּדְס בְּהֵמָה אָדֶער וֶועלְכֶע לֶעבִּידִיגֶע זַאךְ:

# (הַאזִינוּ) סִימָן קִיא. דִינִים פוּן שַׁעַטְנֵז. עֶר הַאלְט צֶעהְן סְעִיפִים:

א מֶען טָאר נִיט בַּאהֶעפְטִין קַיין וָואהְל מִיט פָאדִים צוּ גֵיין דְרִינֶען. הַיינוּ מֶען טָאר נִיט נֵייעֶן אַיין יוּדִישׁ מַלְבּוּשׁ פוּן וָואהְל מִיט פָאדִים אָדֶער אַ מַלְבּוּשׁ פוּן פָאדִים מִיט וָואהְל. אָדֶער דָאס אֵייבֶּער צֵייג אִיז וָואהְל אוּנ דִיא פָּאטְשֶׁעוְוקֶע אִיז פוּן פָאדִים אָדֶער פַאר קֶערְט טָאר מֶען אַלְטְץ נִיט:

ב דֶעכְט גְלַייכֶען אַז מֶען דְרֵייט צוּ נַאנְט וָואהְל מִיט פְלַאקְס. אָדֶער מֶען קְנִיפְּט זֵייא צוּ נַאנְט. אָדֶער מֶען שְׁפִּילֶעוִויט צוּ נַאנְט צְווייא מַלְבּוּשִׁים אֵיינְס פוּן וָואהְל אוּנ אֵיינְס פוּן פְלַאקְס טָאר מֶען אַלְטְץ נִיט גֵיין דְרִינֶען:

ג דִיא וָואהְל וָואס מִיר שְׁרַייבֶּען אִין דֶעם סִימָן מֵיינְט מֶען וָואהְל פוּן שֶׁעפְּסִין. אוּנ דֶעם פָאדִים מֵיינְט מֶען פָאדִים פוּן פְלַאקְס. אָבֶּער אַנְדֶערֶע צְווייא מִינִים הַיינוּ. בַּאנְוִויל. קַנְבוּס. זַייד. מֶעגִין גֵייעֶן מִיט וָואהְל אָדֶער מִיט פָאדִים:

דייא

ד דיא שניידערס מוזען זייער געווארינט זיין אין דעם . דען אז זיא טוהן אריין ח"ו איין פאדים פון פלאקס אין א וועלין מלבוש אדער פאר קערט טוט דער יוד וואס גייט דרינען יעדערע רגע איין עבירה אונ דיא עבירה איז אויף דעם שניידער . דען דער מענטש ווייסט דאך ניט :

ה איבער דעם וואס דיא שניידערס לייגען אריין כשרי לאווינט אין דיא וועהליגע מלבושים אונ זאגין אז דיא כשרי לאווינט איז פון קנבוס אדער באנוויל מוזען זייא וויסען וועבער אז עס איז ניט קיין פאדים :

ו דעסט גלייבען דיא וואס מאכין היטלען דארפין אויך געווארינט צו זיין זייא זאלין ניט מכשיל זיין ח"ו קיין יוד מיט שעטנז . אז זייא לייגען אריין סעראטע אדער אייזנגאל אין א היטעל פון וואהל מוזען זייא וויסען וועבער אז דאס איז ניט קיין פאדים :

ז דעסט גלייבען איז דא טייל קנעפ וואס פון אויבען איז וואהל . אונ אויף דער אנדערער זייט וויא מען נייעט צוא צום מלבוש איז לאווינט . מוז מען זיך היטען ניט צוא נוצען זייא :

ח אז דער שניידער נייט שעטנז פון אגוים וועגען כעג ער עס אביסעל אן שפארין אויף דיא קניען . נאר ער זאל ניט וועלין זיך דער ווארימען דער מיט :

ט אפילו זיצען אויף שעטנז טאר מען אויך ניט . אפילו מען זיצט אויף א כשר מלבוש אונ דאס שעטנז ליגט פון הונטען טאר מען אויך ניט :

י טישטיכער . האנטיכער . פאר האנגין . טארין אלטין ניט זיין פון שעטנז :

# סימן קיב. דינים אז מען טאר ניט גלייבין אין זאכין וואס זעהן אויס וויא כישוף . ער האלט דרייא סעיפים :

א טייל מענטשין גלייבען אין אזעלכע זאכען וואס זעהן אויס וויא כישוף . דהיינו זייא זאגין דאס ברויט איז מיר ארויס גיפאלין פון מויל . אדער דער שטעקין איז מיר ארויס גיפאלין אויס דער האנט . אדער אנדערע זאכען אזא שטייגער וואס טרעפט זיך זייא . אונ דורך דעם פאסין זייא זיך אפ זייא זאלין צינדערט ניט גיין אין וועג אריין אדער ניט אן הייבען צוא טוהן א מלאכה :

ב דעסט גלייבען איז דא טייל מענטשין וואס זאגין אז זייא ווילען צינדערט נישט אפ געבין קיין הוב ווייל עס איז נאנין פריא . אדער עס איז תיכף נאך שבת צוא דער פודהער וואך . אדער עס איז ראש חודש . ווילען זייא ניט אן הייבען צינדערט אפ צוא געבין א הוב :

ג בדארפין צוא וויסען אז דיא אלע זאכין איז אגרויסע עבירה . דען א יוד דארף נאר צוא גלייבען אין גאט ברוך הוא אז ער פיהרט דיא וועלט . אונ עס איז אלטין ביי איהם אין דער האנט . דאריבער דארפין נאר זיך צוא פאר זעבערין אין גאט ברוך הוא . אונ בעטין צוא איהם . אבער ניט אין זיגען האבין דיא אלע נארישקייט פון דיא מענטשין וואס מיר האבין גישריבען :

# סימן קיג. דינים פון געלט אנטלייען . ער האלט זעקס סעיפים :

א עס איז א גרויסע מצוה צוא אנטלייען געלט דיא ארימע לייט . אז איין עושר דארף גראט איז אויך א מצוה צוא אנטלייען איהם :

ב נאר אז דער לוה איז ניט קיין ערליכער מאן דארפין ניט צו אנטלייען איהם מען זאל זיך דער נאך מיט איהם ארום יאגען :

ג אז איינער אנטליהט דעם אנדערין געלט אן א משכון. דער נאך וויל ער פון איהם נעמין א משכון ער זאל זיין בטוח אז יענער וועט איהם אפ געבין. אדער ער וויל זיך אפ נעמין דעם הוב פון דעם משכון. טאר ער ניט אליין נעמין פון איהם קיין משכון אז יענער גיט איהם ניט מיט זיין ווילען:

ד בייא ער גייט צוא איהם אהיים אונ נעמט זיך אליין א משכון. בייא ער חאפט פון איהם אין גאס. אדער ווא עס איז. האט ער אלטין א גרויסע עבירה:

ה נאר ער זאל גיין צום בית דין זייא זאלין שיקען זייער שליח. דער שליח זאל נעמין בייא יענעם א משכון אזוי וויא דער דין איז:

ו דיא דינים אז מען טאר ניט נעמין קיין פראצענט צייטען עס איז בהיתר עיסקא האבין מיר גישריבען בסימן ל"ט. זעה אין דארט:

## סימן קיד. דינים אז מען טאר ניט גנבנין אדער גזלין. אונ מען טאר ניט קויפען קיין גניבה. ער האלט אכט סעיפים:

א מען טאר ניט גנבנין אדער גזלין אפילו אקליינקייט. בייא פון א יוד בייא פון א גוי:

ב דעסט גלייכען טאר מען ניט מאכען קיין שום שווינדיל אין האנדיל אפילו מיט א גוי:

ג אז עס איז דא א פעלער אין דער זאך וואס מען פאר קויפט דארפין יענעם צו זאגין. אפילו ער איז א גוי:

ד אפילו מען וויל אפ געבין דאס וואס מען גנבית נאר מען וויל דער ווייל יענעם א ביסעל מצער זיין אדער צו מאכין א גילעכטער טאר מען אויך ניט:

ה מען טאר ניט קויפען פון דעם גנב דיא זאך וואס ער האט גיגנבית אפילו דאס וואס איין נוי גנבית בייא דעם אנדערין. דאס איז אויך א גרויסע עבירה. דער איינינער דין איז אויך בייא דער זאך וואס איז גיגזלת:

ו אז איינער וויל פאר קויפען א זאך וואס ווייזט אוים אז עס איז גיגנבית. היינט דיא וואס היטען פרעמדי פירות פאר קויפען פירות אויף א פאר בארגין ערט טארין ניט בייא זייא קויפען:

ז דעסט גלייכין אז א שניידער אדער אנאנדערער בעל מלאכה פאר קויפט א זעלכי שטיקלעך וואס ער דארף זייא אפ צוא געבין דעם וואס האט גיגעבין דיא זאך צוא מאכין. טארין ניט קויפען בייא איהם:

ח מען טאר ניט גנבנין אדער גזלין אדער פאלש האנדלין אונ זאגין אז מען וועט געבין פון דעם צדקה וועט דאס מכפר זיין אויף דער עבירה. דען דער אייבערשטער האט פיינט אזא מצוה וואס קומט פון איין עבירה. נאר מען זאל האנדלין ערליך אונ געבין צדקה וויא ווייט מען קען. וועט דער אייבערשטער העלפין אז מען וועט האבין אלדים גוטיץ:

## (ברכה) סימן קטו. דינים אז מען טאר ניט יענים א שאדין טוען אין גוף אדער אין געלט. ער האלט צעהן סעיפים:

א מען טאר ניט שלאגין קיין מענטשין. אז מען הייבט נאר אויף דיא האנט אויף א מענטשין צוא שלאגין איהם הייסט מען שוין א רשע:

ב אז איינער שלאגט איהם אדער אנאנדערין אונ מען קען ניט מציל זיין צאטין מען וועט איהם צוריק שלאגין מעג מען איהם צוריק שלאגין:

ג אפילו א משרת וואס פאלגט ניט טארין אויך ניט שלאגין. אבער זייני קליינע קינדער מעגין

מעגין יא שלאגין צוא לערנין זייא דעם גוטען וועג:

ד מען טאר ניט ווארפין קיין גלאז אדער שטיינער אויף דעם ארט וואו מען קען זיך א שאדין טוען דער מיט:

ה מען טאר ניט האבין בייא זיך אין דער היים א זאך וואס מען קען זיך א שאדין טוען. למשל א צוא בראכעני לייטער וועלכים מען קען ח"ו אראפ פאלין פון איהר. אדער אנאנדערי זאך אזא שטיינער:

ו מען טאר ניט א שאדין טוען יענעמס געלט. אויך טארין ניט גורם זיין קיין שאדין צוא יענים:

ז אויך טארין ניט קוקען אויף יענעמס תבואה וועלכים מען קען געבין איין עין הרע:

ח ווער שמועסט אז מען טאר ניט קוקען אויף יענים זעלבסט מיט שלעכטי אויגין וועלכים מען קען איהם געבין איין עין הרע ח"ו:

ט אז מען טוהט יענים א שאדין דארפין איהם צוא בצאלין. אדער האבין מיט איהם א דין תורה:

י דעקסט גלייכין אז עס טרעפט זיך איינער האט גינבעת אדער גיגזלת דארף ער אפ צוא געבין אונ יענעם איבער בעטין:

## סימן קטז. דינים אז מען דינגט א מענטש צוא ארבייטין דארפין איהם צוא בצאהלין אין דער צייט. ער האלט זעכטצין סעיפים:

א אז מען דינגט איינעם צוא ארבייטען אדער מען דינגט פון איינעם א בהמה אדער כלים איז א גרויסע מצוה צוא בצאלין דעם שכר אין דער צייט. אז ניט האט מען א גרויסע עבירה:

ב דיא צייט הייסט אז עס ענדיגט זיך דיא ארבייט בטאג איז צאט צוא צאלען א גאנצי טאג. אז עס ווערט נאכט אונ ער האט נאך ניט בצאלט האט ער איין עבירה:

ג ענדיגט זיך דיא ארבייט בנאכט איז צייט צוא צאלין א גאנצי נאכט. אבער אז דיא נאכט איז אוועק גינאנגין אונ ער האט ניט בצאלט האט ער איין עבירה:

ד דער אייגינער דין איז אז דיא ארבייט איז אויף א וואך אדער אויף א חודש אדער אויף א יאהר אונ דיא ארבייט ענדיגט זיך בטאג האט ער צאט א גאנצע טאג. ענדיגט זיך דיא ארבייט בנאכט האט ער צאט א גאנצע נאכט:

ה דעקסט גלייכין אז מען גיט צוא א בעל מלאכה עפים צוא מאכין אדער מען גיט עפים צוא נייען אונ ער ברענגט עס אפ בטאג איז מען מחויב צוא בצאהלין דעם טאג. אז ער ברענגט עס אפ בנאכט איז מען מחויב צוא בצאהלין דיא נאכט. אז ניט האט מען א גרויסע עבירה:

ו אבער וויא לאנג דיא זאך ליגט בייא דעם בעל מלאכה דהאטשי דער בעל מלאכה האט איהם גיזאגט אז עס איז שוין פארטיג ער זאל עס שוין אפ נעמין האט ער ניט קיין עבירה וואס ער בצאלט איהם ניט איידער ער נעמט עס אפ:

ז דאס וואס מיר שרייבין אלטץ אז מען האט איין עבירה אז מען בצאלט ניט אין דער צייט שמועסט נאר אז דער ארבעטארער מאנט איהם אונ ער האט געלט אונ בצאלט איהם ניט:

ח אבער אז יענער מאנט איהם ניט אדער ער האט ניט קיין געלט פונקט ווען דיא צייט איז. האט ער ניט קיין עבירה:

עס

ט עס איז אבער גלייך צוא אנטלייען זיך אונ בצאלן אין דער צייט. דען יעניר לעבט דאך פון דעם:

י דיא מענטשין וואס זייער שטייגער איז ניט צוא בצאהלין דיא ארבעטארערס ביז זייא רעכינען זיך אפ מיט זייא האבין ניט קיין עבירה אז זייא גיבען ניט קיין געלט אין דער צייט איידער זייא רעכינען זיך אפ. דען וויל דיא ארבעטארערס ווייסין אז זייער שטייגער איז אזויא האבין זייא זיך אויף דער דעה פאר דונגען:

יא אז ער געט איבער דעם ארבעטארער צוא איינעם ער זאל איהם בצאלין אונ יעניר גענמט אויף זיך צוא בצאהלין איהם האט ער שוין ניט קיין עבירה וואס ער בצאהלט ניט אין דער צייט:

יב דעסט גלייכין אז ער געט א משכון דעם ארבעטארער האט ער אויך שוין ניט קיין עבירה:

יג אז עס איז פאר בייא גיגאנגין דיא צייט וואס מיר האבין פריער גישריבען אונ ער האט איהם נאך ניט בצאהלט דארף ער צוא בצאהלין וויא אין געכסטין:

יד אז ער שלעפט איהם אפ דער נאך אלע מאהל אונ געט איהם ניט האט ער איין עבירה:

טו דעסט גלייכין אז עס קומט איין יוד בייא דעם אנדערין געלט אונ דער וואס איז שולדיג שלעפט אפ דעם אנדערין אלע מאהל אונ געט איהם ניט האט ער איין עבירה:

טז דער מענטש וואס פאר דינגט זיך צוא איין ארבייט איז מחויב צוא ארבייטען ערליך אונ ניט באלטומטען. נאר ארבייטען מיט דעם גאנצין כח. וויא ווייט מיגליך איז:

# סימן קיז. דינים פון א שלאפין. אונ פון ביקור חולים. אונ פון תשובה טוען. ער האלט צוועליף סעיפים:

א אז איינער איז שלאף ח"ו זאל ער בעטין איין ערליכען יוד ער זאל מתפלל זיין פון זיינעט וועגין. אויך זאל ער געבין צדקה אונ תשובה טוען. אונ זאל רופען איין גוטען דאקטער. אונ זאל בעטין גאט ברוך הוא ער זאל איהם שיקען א גוטע רפואה דורך דעם דאקטער. (זעה איין בכיכן ל"ב אות ר') וואסערי ברכה מען מאכט איבער א רפואה:

ב דיא מצוה פון ביקור חולים איז זייער גרויס. אונ דער עיקר מצוה איז אז מען קומט אריין צוא דעם שלאפין זאל מען אכטונג געבין וואס ער דארף. אונ זעהן ער זאל האבין. אונ אויך צוא בעטין דעם אייבערשטין אז דער שלאפער זאל גיזונד ווערין. אבער אז מען בעט ניט אויף איהם איז מען ניט מקיים דיא מצוה:

ג אז מען איז שבת מבקר הולה זאל מען זאגין דיא ווערטער. "שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא":

ד אז איינער איז שלאף אויף א שלאפקייט וואס ער שעמט זיך פאר מענטשין יעדער וואס איז שלאף אויף א שלאפקייט וואס שאט איהם דאס רעדין. גייט מען ניט מבקר חולה זיין ווא ער ליגט. נאר מען גייט אריין אין דער פארינדיקע שטוב אונ מען נעם אכטונג ער זאל האבין וואס ער דארף. אונ מען איז מתפלל ער זאל גיזונד ווערין:

ה עס איז א גרויסע מצוה צוא זאגין ווידוי ערינצט איידער מען שטארבט ח"ו. אויך איבער צוא בעטין יעדערין מענטש וואס מען האט גיזינדיקט. קיגען איהם אין געלט זאכין אדער מיט רייד:

ו אונ וייל דער מענטש איז ניט פאר זיכערט אז ער וועט זיין בייא דעם שכל פאר דעם טויט. אונ אסאך מענטשין זענין שוין דאך דעם גישטארבין אן ווידוי

דאריבער

בּאַריבּער איז גלייך אַז יעדער מענטש וואָס איז שלאַף זאָל זאָגן דיא ווידוי פון יום כּיפּור. אונ איבּער בּעטן יעדערן:

ז ער מעג בּעטן ער זאָל גיזונד ווערן. דען דיא ווידוי איז ניט ח״ו קיין באַיאה אויף דעם שטאַרבּן. אַדרבּה ער קען געביר גיזונד ווערן בּזכות וואָס ער מוהט תּשובה אויף דיא זינד. דיא ערליכע יודען טוען תּמיד תּשובה אונ לעבּן וויא לאַנג:

ח דער עיקר ווידוי איז ער זאָל האָבּן חרטה אויף דיא זינד אונ זאָגן דיא ווידוי פון יום כּיפּור. או״א תּבוא לפניך תּפלתינו כו׳ בּיז על כּל פּשעינו. אַז מען קען זאָל מען זאָגן על חטא בּיז כוף. דאָס קען דער מענטש זאָגן תּמיד ווען ער איז שלאַף ח״ו אונ ווען ער איז גיזונד. נאָר דער עיקר איז אין זינען צוא האָבּן דיא טייטש אונ חרטה האָבּן אויף דיא זינד. אונ נעמין אויף זיך מען זאָל שוין ניט זינדיקן אונ ווען מען זאָגט דאָס ערינצט האָט מען אַ גרויסע מצוה. דער וואָס פאַר שטייט ניט דיא טייטש פון אשמנו זאָל פרעגן דעם וואָס פאַר שטייט:

ט דער מענטש וואָס זעהט ער איז ח״ו גוט שלאַף זאָל זאָגן דעם נוסח אויך „מודה אני לפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי שרפואתי בּידך ומיתתי בּידך. יהי רצון מלפניך שתּרפּאני רפואה שלימה. ואם אמות תּהא מיתתי כּפּרה על כּל החטאים והעונות והפּשעים שחטאתי ושעויתי ושפּשעתי לפניך. ותן חלקי בּגן עדן. וזכּני לעולם הבּא הצפון לצדיקים״:

י אַז ער קען זאָל ער אויך זאָגן דיא ווידוי וואָס שטייט בּספר חכמת אדם כּלל קנ״א סימן י״ב. נאָר דער עיקר איז אין זינען צוא האָבּן דיא טייטש פון דיא ווערטער בּשעת מען זאָגט. אַז ער פאַר שטייט ניט זאָל ער פרעגן אַנאַנדערן דעם פּשט:

יא אַ שלאַפער וואָס וויל זאָגן ווידוי אונ קען שוין ניט רעדין ח״ו זאָל ער אין זינען האָבּן אין האַרצין מיט כּוונה. וויא ווייט מיגלעך איז:

יב מען קער צוא דער מאַנין שפּילער הייט דעם וואָס איז גוט שלאַף ער זאָל זאָגן ווידוי. אונ זאָגין איהם ער זאָל זיך גאָר ניט שרעקין. אַזוויא וויא מיר האָבּן גישריבּען בּסעיף ז׳:

(עד כּאן לסדר בּרכה)

## הלכות אבילות

## סימן קיח. דינים פון אַ גוסס ח״ו. אונ פון קריעה שניידין. אונ פון וואַסער אויס גיסען. ער האַלט זעכטצען סעיפים:

א איידער דער מענטש שטאַרבּט איז ער אַ גוסס ר״ל. אונ דעמאָלט ווען ער איז אַ גוסס טאָרין ניט אָן רירען אין איהם. דען דאַרף דעם אָן רירען קען ער ח״ו גיכער שטאַרבּין. איז אַזויא גוט גלייך מען הרג׳ת איהם אַפילו אַפּער שלעפין דאָס קישען פון איהם טאָרין אויך ניט:

ב פאַר יציאת נשמה זאָל מען רופען יודען זייא זאָלין זאָגין תּהילים אונ צלדינג וואָס שטייט בּספר מעבר יבּוק:

ג נאָך יציאת נשמה דאַרף יעדער מענטש וואָס איז דאָרט קורע צוא זיין. היינו איין צוא רייסין עטוואָס דאָס מלבּוש אין דער זאַט אָדער פון הינטען. דען יעדער יוד אונ יעדערי אשה האָבּן אין זיך מצות. ממילא דער וואָס איז בּייא זייער שטאַרבּין דאַרף זיך אַביסעל קורע זיין אויף זייא. האַטשי ער איז ניט קיין קרוב:

ד דיא קרובים פון מת וואָס זיצען שבעה דאַרפין קורע זיין האַמשי זייא זענין ניט דאָ בּייא דעם שטאַרבּין. זייא מוזען אייך רייסין אין מלבּוש פאָרינט פאַר דעם האַרצין אַזויא גרוים וויא אַ פאַסט:

ה דער ריס דארף זיין פון אויבען אראפ. אבער ניט אין דער ברייט. אונ אויך נאר וויא עס מלבוש איז גאנטץ. אבער ניט אין דער נאיט:

ו דעם וואס שטארבט דער פאטער אדער דיא מוטער ח"ו דארף ער זיך קורע זיין אלע מלבושים אזויא וויא מיר האבין גישריבען. חוץ דאס העמד אונ דאס אייבער מלבוש וואס ער גייט אויף דער קאפיטע דארף ער ניט קורע זיין:

ז איין אשה איז מחויב זיך קורע זיין גלייך וויא א מאנצבול. נאר אז איין אשה איז זיך קורע אויף פאטער אונ מוטער זאל זיא ניט קורע זיין פונקט איין מלבוש קייגען אנדערין. כדי מען זאל ניט ארוים זעהן איהר העמד:

ח אויף פאטער אונ מוטער דארפין זיך קורע זיין אין מלבוש ביא דער לינקער בריסט. אונ אויך נאר מיט דער האנט. (נאר עטוואס שנייט מען איין). אונ פאר יעדערין מענטש:

ט אבער אויף אנדערי מתים וואס מען זיצט נאך זייא שבעה איז מען זיך קורע ביא דער רעכטיר ברוסט. אונ מען מעג קורע זיין מיט א מעסער. אונ עס איז גלייך מענטשין זאלין גיט זעהן דאס קורע זיין:

י אלע קריעות דארפין זיין שטייענדיקי הייט:

יא דיא אבלים זאלין זאגין צדוק הדין באלד נאך יציאת נשמה. אונ דער נאך זיך קורע זיין אזויא וויא מיר האבין גישריבען:

יב מען טאר ניט צוא גייען דעם ריס ביז נאך דרייסיג טאג. אז מען איז קורע אויף פאטער אונ מוטער טארין ניט אפילו נאך דרייסיג טאג גוט צוא נייען. נאר מען זאל שיטער צוא נייען אבי עס זאל זיין בהעפט:

יג אז איין אשה איז זיך קורע זאל זיא שיטער צוא נייען אין דרייסיג טאג:

יד אז מען ווערט הערשט גיוואר נאך דרייסיג טאג אז דער קרוב איז גישטארבין דארפין שוין ניט קורע זיין. אבער אויף פאטער אונ מוטער אפילו מען ווערט גיוואר א יאהר דער נאך דארפין אויך קורע זיין:

טו מען דארף אויס גיסען דאס וואסער פון דעם גאנצין הויז וואס דער מת איז דארט גישטארבין. אונ אויך פון צווייא הייזער דאלעבין:

טז אבער אז ער איז גישטארבין אום שבת דארפין ניט אויס גיסען דאס וואסער. אז עס איז גיבליבען אביסעל ביז מוצאי שבת איז גלייך עס אויס צוא גיסען:

## סימן קיט. דינים פון איין אונן. ער האלט ניינצין סעיפים:

א אז עס שטארבט איינעם א מת וואס ער דארף נאך איהם זיצען שבעה הייסט ער איין אונן. ביז מען בגראבט דעם מת. ער טאר ניט דאווינען. אונ ניט מאכין קיין שום ברכה אונ ניט נאך זאגין קיין אמן אונ ניט עוסק זיין אין וועלכי מצוה. נאר ער זאל עוסק זיין פון מת וועגין:

ב אפילו ער האט אנדערי וואס זענין עוסק דאצופארט זאל ער אויך צוא העלפין אביסעל. מען זאל זעהן אז ער איז טרוד פון מת וועגין. אונ איז זיך מצער אויף איהם:

ג איין אונן טאר ניט עסין קיין פלייש אונ טרינקען ווין. אויך טאר ער ניט עסין זיצענדיקי הייט נאר האפענדיק. אונ ער זאל ניט מאכין קיין ברכה אייבער דעם עסין:

ד אז ער עסט ברויט אדער גיבעקטץ זאל ער זיך וואשין אונ ניט זאגין על נטילת ידים. אונ ניט מאכין קיין מוציא. אונ ניט בענטשין:

ה ער זאל ניט עסין אין דעם שטיבעל וואס דער מת ליגט. נאר ערגיץ אנדערש:

ו אז ער האט ניט וויא צוא עסין זאל ער פאר העגין פאר דעם מת מיט א פארהאנג

וואס

וואס איז הויך צעהן פאסטען. און עס זאל ניט זיין הונטען אפען. און עס זאל זיין צוא גיבונדען אויבען און הונטען:

ז אז ער קען דאס אויך ניט טוהן זאל ער האטש פאר דרייען זיין פנים פון מת בשעת דעם עסין:

ח אפילו א פרעמדער מענטש טאר אויך ניט עסין און ניט טרינקען אפילו קיין וואסער אין דעם שטיבעל וואס דער מת ליגט. ציישען ער מאכט א פארהאנג אזוי וויא מיר האבין גישריבען:

ט אויך טאר מען ניט דארט מאכין קיין ברכה און נישט דאווינען. און מען טאר נישט דארט לערנין אדער תהלים זאגין נאר וואס מען זאגט לכבוד דעם מת:

י ווא עס איז דא א חברה קדושה און דער מנהג איז אז דיא קרובים גיבען זייא אויף אלדינג און דיא חברה קדושה טוט שוין אלעץ און דיא קרובים טוהן גאר ניט. איז נאך דעם וואס דער קרוב האט שוין איבער גיגעבין אלעץ צו דער חברה קדושה הייסט ער ניט קיין אונן. און מעג שוין דאווינען און מאכין א ברכה איבער דעם עסין און בענטשין און מאכין אלע ברכות אזוי וויא יעדער מענטש. נאר ניט אין דעם שטיבעל וואס דער מת ליגט אזוי וויא מיר האבין פריער גישריבען:

יא דער אונן טאר ניט זיצען אויף א באנק. און איז אסור אין אלע זאכען וואס דער אבל איז אסור. נאר דיא שיך דארף ער ניט אויס טוהן ביז נאך דער קבורה. אויך מעג ער גיין ווא ער דארף פון מת וועגען:

יב נאך דער קבורה אז עס איז נאך פאר דעם האלבין טאג זאל ער דאווינען אן תפילין:

יג בייא דיא ברכות פון דעם פון פארינט דאווינען זאל ער נאר זאגין ברכת התורה. און דיא דרייא ברכות. שלא עשני גוי. שלא עשני עבד. שלא עשני אשה. אבער דיא איבעריגע ברכות פון דעם פון פארינט דאווינען זאל ער ניט זאגין. וייל אין דער פריא ווען ער איז אויף גישטאנין איז ער פטור גיוועזען פון זייא:

יד אז דער אונן האט גיגעסין פאר דער קבורה און האט ניט גיבענטשט אזוי וויא מיר האבין גישריבען בסעיף ד' זאל ער בענטשין נאך דער קבורה. אבער אז עס האט לאנג גידויערט וועלכים ער איז שוין ווידער הונגעריג זאל ער שוין נישט בענטשין אויף יענעם עסין:

טו אז ער האט גיהאט נקיות פאר דער קבורה זאל ער מאכין דיא ברכת אשר יצר נאך דער קבורה:

טז אז דער מת איז גישטארבין אום שבת הייסט ניט דער קרוב קיין אונן. ער מעג עסין פלייש און טרינקען וויין. און דארף דאווינען און מאכין אלע ברכות און בענטשין גלייך וויא אנאנדערער. נאר ער טאר ניט לערנין (חוץ הלכות אבילות) און איז אסור בתשמיש המטה:

יז שבת נאר פאר נאכט זאל ער זאגין דיא בלויזע קריאת שמע. און בנאכט הייסט ער שוין איין אונן און דאווינט ניט קיין מעריב און מאכט ניט קיין הבדלה ביז נאך דער קבורה. אזוי וויא מיר האבין גישריבען בסעיף א'. ב'. ג'. ד':

יח אז דיא קבורה איז הערשט זונטאג זאל ער זונטאג נאך דער קבורה מאכען הבדלה איבער א כוס. און זאל ניט מער זאגין נאר דעם בורא פרי הגפן אדער שהכל און דיא ברכה המבדיל:

יט אז דער מת איז גישטארבין יום טוב אדער פורים זאל מען פרעגין א שאלה וויא אזוי מען זאל זיך נוהג זיין:

## סימן קב. דינים אַז אַיין כּהן טאָר ניט זיך מטמא זיין צו אַ מת און צו וועלכן קרוב ער זאָל זיך יאָ מטמא זיין. ער האָט פערצן סעיפים:

א אַ כּהן טאָר ניט אין רידען אין קיין מת. אפילו אַ נפל וואָס איין אשה האָט כּפּיל גיוועזן טאָר ער אויך ניט אין רידען דרינגען. און ניט זיין אין דעם הויז אזוי ווי אַ מיר וועלין שרייבען:

ב אַ כּהן טאָר ניט זיין אין דעם הויז וואו עס ליגט אַ מת. אַז עס רירט אָן אַ צווייטער הויז אין דעם טאָר ער גיט זיין אין אַנדערין אויך. און גישט אונטערין דאַך וואָס שטאַרט אַרויס:

ג אפילו ווייא פיהל הייזער רירען אין אייטם אין אַנדערין אפילו זייא רירען ניט רעכט אָן נאָר דורך אַ בעליק אָדער אַ דרענגיל וואָס ליגט פון איינעם צום אַנדערין טאָרי ער ניט זיין אין אַלע הייזער. אָדער ער זאָל פרעגין אַ שאלה:

ד אַ כּהן טאָר ניט אַריין גיין אין דעם הויז וואָס ליגט איין גוסס. אַז ער איז דאַרט פון פריער זאָל ער אַרויס גיין בשעת דער גסיסה:

ה בשעת מען טראָגט דעם מת אין דרויסען דאַרף דער כּהן צו גיין זייט פון איהם האַמש צווייא דריטעל פון איין אייל:

ו דער כּהן מעג זיך מטמא זיין צוא זיין פאָטער. און צו זיין מוטער און צו זיין ווייב. און צו זיינע קינדער. און צוא זיין ברודער. און צוא זיין שוועסטער וואָס זענין פון איין פאָטער און דיא שוועסטער האָט נאָך ניט חתונה גיהאַט. דען נאָך איהר חתונה טאָר ער שוין ניט זיך מטמא זיין צוא איהר:

ז צו זיינע קינדער און שוועסטער און ברידער וואָס זענין נאָך ניט אַלט גיוועזן קיין דרייסיג טאָג טאָר ער ניט זיך מטמא זיין:

ח צו דיא קרובים וואָס מיר האָבין גישריבען בסעיף ו׳ איז אַ מצוה זיך מטמא צו זיין. און צוא העלפין וואָס מען דאַרף טוהן. אָבער שבת וואָס מען טוהט גאָר ניט זאָל ער ניט זיין אין דעם הויז:

ט אַז דער קרוב האָט זיך אַליין אַוועק גינומען דאָס לעבען. אָדער ער איז גיוועזן אַ רשע און האָט ניט גיזאָגט קיין ווידוי פאַר דעם טוט דאַרף דער כּהן צו פרעגין אַ שאלה אויב ער מעג זיך צו איהם מטמא זיין:

י אַז דער קרוב איז גיהרגת גיוואָרין איז ניט גלייך דער כּהן זאָל זיך מטמא זיין צוא איהם. ווער שטוועסט אַז עס איז אָפּ גישניטען גיוואָרין אַ שטיקעל פון מת טאָר ער זיך ניט מטמא זיין צו איהם:

יא דאָס וואָס מיר האָבין גישריבען בסעיף ו׳ אַז דער כּהן מעג זיך מטמא זיין צוא דיא קרובים איז נאָר ביז מען באַגראָבט זייא. אָבער דער נאָך טאָר ער שוין גישט זיך מטמא זיין צוא זייא:

יב מען טאָר ניט אַריין נעמין אַ קליין יונגעל אַ כּהן אין דעם הויז וואָס אַ מת איז דאָרט אפילו נאָר אַ קליין קינד:

יג אַז דאָס יונגעל קען שוין גיין און איז אַליין אַריין גיגאַנגען דאַרף דער פאָטער צוא זעהן ער זאָל אַרויס גיין אויב. דאָס יונגעל פאַר שטייט שוין וואָס מען זאָגט איהם אַז מען טאָר ניט זיין דאָרט

יד דיא נקבות פון דיא כּהנים מעגין זיך מטמא זיין:

## סימן קכא. דינים פון דער לויה. און פון דעם ערשטין עסין וואס דער אבל עסט נאך דער לויה. ער האלט זיבען סעיפים:

א עס איז א מצוה מלוה צוא זיין דעם מת. דער וואס וועהט טראגין דעם מת און גייט נית צו דער לויה האט איין עבירה:

ב אז איין ערליכער יוד איז געשטארבין איז א מצוה צוא וויינען נאך איהם עס איז א סגולה צוא דעם מענטש וואס וויינט נאך איהם אז זיינע קליינע קינדער זאלין נית שטארבין:

ג מען מוז שטארק געווארינט זיין דיא מאנטצבול זאלין זיך נית מישען מיט דיא ווייבער ביא דער לויה. ווער שטועסט צוריק וועגים. דען עס איז א סכנה אז דיא מאנטצבול טרעפין זיך דערנמאלט מיט דיא ווייבער:

ד נאך דער קבורה טאר נית דער אבל עסין פון זיינעם. נאר פון דעם וואס מען שיקט איהם. און עס איז א מצוה דיא שכנים זאלין איהם שיקען עסין:

ה דאס מאכל זאל זיין אייער אדער ארבים מיט בייגיל. דער נאך מעג ער שוין עסין אפילו פלייש:

ו אז מען שיקט איהם נית איז גלייך ער זאל פאסטין ביז נאכט. אז ער קען נישט פאסטין מעג ער עסין פון זיינעם:

ז דיא אשה וואס זיצט שבעה זאלין ווייבער שיקען איהר צוא עסין נאך דער קבורה אזוי וויא מיר האבין געשריבען:

## סימן קכב. דינים נאך וועמען מען דארף זיצען שבעה. און פון דעם קרוב וואס ווערט הערשט געוואר אין א צייט ארום. ער האלט פינף סעיפים:

א נאך דיא קרובים דארפין זיצען שבעה. נאך פאטער און מוטער. נאך זיינע קינדער. נאך שוועסטער און ברודער. מאן און ווייב איינער נאך דעם אנדערין:

ב נאך א קינד וואס איז נית אלט געוועזן קיין דרייסיג טאג דארפין נית זיצען קיין שבעה. און נית קורע זיין נאך איהם. עס איז פאר האנין טייטמאהל וואס מען דארף יוא. דאריבער זאל מען פרעגין א שאלה:

ג א יונגעל וואס איז נאך נית אלט קיין דרייצעהן יאהר דארף נית זיצען קיין שבעה אז עס שטארבט איהם וועלכער קרוב. אבער קורע זיין דארף ער יוא כדין וויא מיר האבין געשריבען בסימן ק"ח:

ד אז איינער ווערט געוואר אז עס איז איהם געשטארבין א קרוב וואס ער דארף נאך איהם זיצען שבעה און עס איז נאך נית קיין דרייסיג טאג דארף ער קורע צוא זיין און זיצען שבעה און נוהג זיין שלשים. גלייך דיא קבורה וואלט געוועזן דעם טאג וואס ער איז געווארין. אז ער ווערט געוואר פארין דאווינען זאל ער דעם טאג נית לייגין קיין תפילין. אזויא וויא אנאנדערער אבל דעם טאג פון דער קבורה:

ה אז ער ווערט הערשט געוואר נאך דרייסיג טאג זיצט ער נאר איין שעה. היינו ער טוהט אוים דיא שיך און זיצט א שעה אויף דער ערד. דער נאך הייבט ער זיך אויף און דארף שוין נית נוהג זיין קיין שבעה און קיין שלשים. בסימן ק"ח סעיף י"ד האבין מיר געשריבען דיא דינים פון קורע זיין ביא דעם מענטש:

# סימן קכג. דינים וואס דער אבל טאר ניט טוען אין דער שבעה. ער האלט צוואנציג סעיפים:

א דעם טאג פון דער קבורה טאר ניט דער אבל לייגען קיין תפילין:

ב דער אבל טאר ניט אין דער שבעה זיצען אויף א באנק אדער אויף בעט געוואנט. נאר אויף דער ערד אדער אויף א קליין בענקעלי:

ג צו שלאפען אין א בעט איז דיא וועלט מקיל. אבער ווען ער וויל ניט שלאפען טאר ער ניט ליגען אויף דעם בעט אונ ניט אויף א באנק:

ד דער אבל טאר ניט טוען קיין מלאכה אונ אויך ניט האנדלען. אפילו אנדערע טארין ניט טוען פון זיינעט וועגין. אז ער דארף נייטיג וועלכים ער וועט האבין א היזק זאל ער פרעגין א שאלה:

ה דיא מענטשין וואס גיבען איבער דאס געוועלב צוא אנאנדערין אידער דער מת שטארבט טארין ניט טוען דאס נאר על פי הרב. ער זאל זייא זאגין אויף א וואסער אפן מען מעג דאס טוען:

ו קאכען אדער באקין אונ אנדערי זאכין וואס מען טוהט וועגין דיא שטוב מענטשין מעג דער אבל טוען אין שטוב:

ז דער אבל טאר ניט זיך וואשין מיט קיין ווארים וואסער. אויך טאר ער ניט זיך באדין אין קאלט וואסער. נאר דאס פנים מיט דיא הענט מעג ער זיך אפ וואשין מיט קאלט וואסער:

ח ער טאר ניט זיך שמירען פאר תענוג. אבער פון רפואה וועגין מעג ער יוא:

ט ער טאר ניט גיין אין קיין שוך אדער שטיוועל פון לעדיר:

י אז ער איז קראנק אדער ער האט א מכה אויף דעם פוס מעג ער גיין אין שיך:

יא דעסט גלייכין איין אשה וואס זיצט שבעה אונ זיא איז הערשט אין דיא דרייסיג טאג וואס זיא האט געהאט א קינד מעג זיא גיין אין שיך. דען עס איז א סכנה פאר איהר אז זיא וועט זיך ח"ו פאר קילען:

יב אז ער דארף צוא גיין אין בית הכנסת אריין אונ ער קען זיך איין רעכטין דיא פיס מעג ער אן טוען שיך. נאר ער זאל אריין לייגין ערד אין זייא. דעסט גלייכין אז ער גייט וועגין א נייטיגע זאך וואס דער רב האט איהם מתיר געוועזן צוא גיין זאל ער אריין לייגין ערד אין דיא שיך:

יג ער איז אסור בתשמיש המטה. אונ חיבוק ונישוק:

יד ער טאר ניט לערנין נאר הלכות אבילות אונ בכוקי איוב אונ קינות:

טו א מלמד מעג לערנין מיט דיא יונגליך נאך דרייא טאג פון דער שבעה. אונ אז זייא זענין קליינע קינדער מעג ער שוין דעם דריטען טאג לערנין מיט זייא:

טז בייא דעם דאווינען זאל ער ניט זאגין בייא איזהו יהי רצון כאילו הקרבתי. אויך זאל ער ניט זאגין קיין מעמדות:

יז ער טאר ניט לאכין אדער שפיעלן. אויך טאר ער ניט צוא פיהל רעדין מיט מענטשין. זעה איין בסימן קכ"ה נאך זאכין וואס דער אבל איז אס.ר. בסימן קכ"ו וועלין מיר שרייבען דיא דינים פון שבת:

יח דער אבל דארף זיך צוא באטרעכטען דיא שלעכטע מעשים אונ תשובה טוען. דען יעדער זאך איז פון איבערשטען. כדי ער זאל תשובה טוען אונ גוט זיין פון היינט אן:

יט אזויא וויא מען דארף זיצען שבעה אונ מקיים זיין וואס מיר שרייבין אזויא טארין ניט וויינען צוא פיהל אויף א מת. כדי עס זאל ניט ווייטער שאטין ח"ו:

דער

ב דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג פוּן דֶער שִׁבְעָה אִיז דֶער טָאג פוּן דֶער קְבוּרָה. אוּנ דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג פוּן דֶער שִׁבְעָה דַארְפִין נִיט זִיצֶען אַ גַאנְצֶן טָאג. נָאר אִין דֶער פְרִיא וֶוען מֶען גֵייט אַהֵיים פוּן שׁוּל זָאל עֶר זִיךְ אוֹיף הֵייבִּין פוּן דֶער שִׁבְעָה אוּנ אָן טוּעֶן דִיא שִׁיךְ. יענ מֶעג שׁוֹין טוּעֶן וָואס עֶר הָאט נִיט גִיטָארְט אִין דֶער שִׁבְעָה:

# סִימָן קכד. דִינִים פוּן מְנַחֵם אָבֵל זַיין. אוּנ פוּן דַאוִוינֶען בַּייא דֶעם אָבֵל. עֶר הַאלְט זִיבֶּען סְעִיפִים:

א עֶס אִיז אַ מִצְוָה מְנַחֵם אָבֵל צוּא זַיין:

ב זֵייא זָאלִין נִיט אָן הֵייבֶּען צוּא רֶעדִין (פוּן דֶער זַאךְ) בִּיז דֶער אָבֵל הֵייבְּט אָן:

ג זֵייא זָאלִין נִיט זָאגִין צוּם אָבֵל וָואס קֶענְסְטוּ טוּעֶן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹיא גִיטוּעֶן. נָאר מֶען דַארְף אִיהְם זָאגִין עֶר זָאל פַאר לִיבּ נֶעמִין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּהְט. דֶען אַלֶעדִינְג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּהְט דַארְפִין צוּא צוּא נֶעמִין מִיט לִיבְּשַׁאפְט. אַזוֹיא וִויא מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבֶּען בְּסִימָן י"ט. זֶעה אַיין דָארְט:

ד דִיא אֲבֵלִים זָאלִין זִיצֶען שִׁבְעָה אוֹיף דֶעם אָרְט וְוא דֶער מֵת אִיז גִישְׁטָארְבִּין. אוּנ עֶס אִיז אַ מִצְוָה עֶס זָאל דָארְט דַאוִוינֶען אַ מִנְיָן אִין דֶער פְרִיא אוּנ אוֹיף דֶער נַאכְט אֲפִילוּ עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אָבֵל. דֶען דָאס אִיז אַ נַחַת רוּחַ פַאר דֶער נְשָׁמָה:

ה אַז מֶען דַאוִוינְט דָארְט זָאל מֶען נִיט זָאגִין דֶעם אוּ"א בָּרְכֵנוּ בִּבְרָכָה בַּייא דֶער הוֹיכִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה. אוּנ קֵיין תַּחֲנוּן אוּנ אֵל אֶרֶךְ אַפַּיִם. אוּנ קֵיין לַמְנַצֵּחַ:

ו נָאךְ דֶעם דַאוִוינֶען זָאל מֶען זָאגִין דָאס קַפִּיטֶעל (תְּהִלִּים מ"ט). עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּא לֶערְנִין דָארְט מִשְׁנָיוֹת:

ז אַז מֶען דַאוִוינְט דָארְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאל מֶען נִיט זָאגִין קֵיין הַלֵּל. אַז עֶס אִיז דָא אַיין אַנְדֶער שְׁטִיבֶּעל זָאל דֶער אָבֵל דָארְט אַרַיין גֵיין אוּנ דֶער עוֹלָם זָאל זָאגִין הַלֵּל. אָבֶּער חֲנוּכָּה אָדֶער שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאל מֶען יוֹא זָאגִין דָארְט הַלֵּל:

# סִימָן קכה. דִינִים פוּן שְׁלֹשִׁים. אוּנ פוּן צְוֶועלִיף חֳדָשִׁים נָאךְ פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אוּנ קַדִּישׁ זָאגִין. עֶר הַאלְט צְוֶועלִיף סְעִיפִים:

א גַאנְץ שְׁלֹשִׁים דָאס הֵייסְט פוּן דֶער קְבוּרָה בִּיז דֶעם דְרַייסִיגְסְטֶען טָאג אִין דֶער פְרִיא טָאר נִיט דֶער אָבֵל זִיךְ שֶׁערִין אָדֶער גָאלִין דִיא הָאר. אוּנ נִיט אָפּ שְׁנֵיידִין דִיא נֶעגִיל מִיט אַ מֶעסֶערִיל אָדֶער מִיט אַנְדֶערִי כֵּלִים. אוּנ נִיט זִיךְ וַואשִׁין מִיט וַוארִים וַואסֶער. אוּנ נִיט זִיךְ בָּאדִין אִין קַאלְט וַואסֶער פַאר תַּעֲנוּג אוּנ נִיט אָן טוּהְן קֵיין נַייעֶם מַלְבּוּשׁ:

ב אַז עֶר וִויל אָן טוּעֶן אַ גִיוַואשִׁין הֶעמְד נָאךְ דֶער שִׁבְעָה זָאל עֶר עֶס גֶעבִּין אַנַאנְדֶערִין אָן צוּא טוּעֶן אַבִּיסֶעל. אוּנ דֶער נָאךְ מֶעג עֶר עֶס אָן טוּעֶן:

ג אוֹיךְ טָאר עֶר נִיט זַיין גַאנְץ שְׁלוֹשִׁים אוֹיף אַ חֲתוּנָה. אוּנ נִיט גֵיין צוּא אַ סְעוּדַת בְּרִית מִילָה אָדֶער אַ פִּדְיוֹן הַבֵּן אָדֶער אַ סִיוּם. צוּא עֶסִין אוֹיף דֶער סְעוּדָה. אָבֶּער גֵיין בַּאדִינֶען דָארְט מֶעג עֶר יוֹא נָאךְ דֶער שִׁבְעָה. אוּנ עֶר זָאל דָארְט נִיט עֶסִין נָאר אַהֵיים נֶעמִין זִיךְ זַיין חֵלֶק:

ד אוֹיךְ אִיז דֶער מִנְהָג אַז דֶער אָבֵל שְׁטֵייט נִיט אוֹיף זַיין אָרְט אִין שׁוּל גַאנְץ שְׁלֹשִׁים. נָאר עֶר זָאל שְׁטֵיין וַוייטֶער פוּן זַיין אָרְט פִיהְר אֵיילֶען:

ה דֶער וָואס אִיז אַיין אָבֵל ח"ו נָאךְ דֶעם פָאטֶער אָדֶער נָאךְ דֶער מוּטֶער זָאל עֶר זִיךְ נִיט שֶׁערִין אָדֶער גָאלִין בִּיז דְרַייא חֳדָשִׁים נָאךְ דֶער קְבוּרָה. אַז עֶר הָאט גְרוֹיסֶע הָאר אוּנ אִיז זִיךְ שְׁטַארְק מְצַעֵר זָאל עֶר פְרֶעגִין אַ שְׁאֵלָה:

ו אויך זאל ער ניט אן טוהן קיין נייעם מלבוש ביז צוועליף חדשים נאך דער קבורה. אז ער דארף נייטיג זאל ער עס געבען איין אנדערין אן צו טוהן אויף עטליכע טאג. און דער נאך מעג ער עס אן טוהן:

ז אויך טאר ער ניט זיין אין די צוועליף חדשים אויף א חתונה אדער גיין צוא א סעודה ברית מילה אדער א פדיון הבן אדער א סיום:

ח אז ער איז סנדק אדער מוהל מעג ער זיין אויף דער סעודה נאך שלשים. אויך מעג ער נאך שלשים זיין אין שול ביי דער חופה. נאר ניט אויף דער סעודה. אז ער מאכט חתונה א יתומה און אז ער וועט ניט זיין וועט ווערין די חתונה אפ גילעפט מעג ער זיין אפילו אויף דער סעודה:

ט עליף חדשים נאך דער קבורה זאל ער זאגין קדיש נאך דעם פאטער אדער נאך דער מוטער:

י אז ער קען די עליף חדשים דאווינען פארין עמוד איז זייער גוט בפרט מעריב. נאר שבת און יום טוב זאל ער ניט דאווינען פארין עמוד צייטין עס איז ניט דא קיין אנדערער. אז ער איז גיוואוינט גיוועזן פון פריער צוא דאווינען שבת און יום טוב זאל ער פרעגין א שאלה:

יא אז ער קען לערנין נאך זייא משניות איז אויך זייער גוט. דאס איז אלמין גרויסע טובות פאר די פאטער און מוטער מציל צו זיין זייא פון גיהנם:

יב ווער שטעקט אז די קינדער טוהן גוטע מעשים זענין די פאטער און מוטער בוודאי זוכה צוא פיהל גוטס אויף יענער וועלט. עס איז זייער וואול די פאטער און מוטער וואס לאזען איבער גוטע קינדער:

## סימן קכו. דינים פון אבילות אום שבת אדער יום טוב. ער האלט זיבען סעיפים:

א איין אבל וואס זיצט שבעה און עס קומט פרייטיג פאר נאכט זאל ער נאך לעכט צינדען אן טוהן די שיך. און מעג שוין גיין אין זייא און זיצען אויף א בענקיל ביז מוצאי שבת. נאר ער טאר ניט גיין אין מקוה אריין. און אויך ניט אן טוהן קיין קלאר העמד אפילו אום שבת:

ב אז ער איז זיך מצער פון דעם ברודיקין העמד זאל ער געבין דאס קלארע העמד איינעם א ביסעל אן צו טוהן וועט ער עס מעגין דער נאך אן טוהן:

ג ער טאר ניט משמש המטה זיין אפילו אום שבת. און אויך ניט לערנין נאר דאס וואס ער מעג לערנין אין דער שבעה. און ער מעג שבת מעביר זיין די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום:

ד אז די קבורה איז גיוועזן אום יום טוב אדער חול המועד איז ער אסור יום טוב אין די זאכין וואס מיר האבין גישריבען ביי שבת. און נאך יום טוב דארף ער זיצען שבעה. דער לעצטער טאג יום טוב ווערט גירעכינט פאר איין טאג. דאריבער זיצט ער צוא זעקס טאג. און די שלשים רעכינט ער פון דער קבורה אן. (זעה איין בסימן קכ״ה וואס מען מיינט שלשים):

ה אז די קבורה איז גיוועזן ערב יום טוב אדער ער איז גיוואר גיווארין ערב יום טוב פון א שלעכטע בשורה ח״ו און ער איז געזעסן א שעה שבעה ערב יום טוב. איבער נעמט יום טוב די שבעה און עס איז גלייך ער איז שוין גיזעסין גאנץ שבעה און דארף שוין ניט זיצען שבעה נאך יום טוב. אויך ווערט די שעה גירעכינט פאר זיבען טאג פון די שלשים און דער ערשטער טאג יום טוב הייסט דער אכטער טאג פון די שלשים:

ו אז די קבורה איז געווען זיבען טאג פאר יום טוב אדער מער און ער איז אפ געזעסן די גאנצע שבעה פאר יום טוב נעמט יום טוב איבער די שלשים. און ער דארף שוין ניט נוהג זיין פון יום טוב אן קיין שלשים. ראש השנה און יום כפור הייסען אויך יום טוב קיגען די זאכען:

ז די זאכען וואס מיר האבען געשריבען בסימן קכ"ה (פון סעיף ה' אן) אז מען איז אבל אין זיא מער פון דרייסיג טאג איבער דעם אבילות פון פאטער און מוטער העלפען ניט צו זיא קיין יום טוב:

## סימן קכז. דינים פון דער יאהר צייט. ער האלט צעהן סעיפים:

א עס איז א מצוה צו פאסטען אלע יאהר אין דער יאהר צייט כדי מען זאל זיך באַרעכטען די שלעכטע מעשים און חרטה האבען אויף זיא און תשובה טוהן. און דורך דעם וועלין די פאטער און מוטער דער הייכט ווערין בגן עדן:

ב בשעת ער הייבט אן צו פאסטען די יאהר צייט זאל ער אויס נעמין אז דאס פאסטין זאל אויף איהם ניט זיין קיין נדר. אויך זאל ער זאגין אז ער וויל ניט זיך אזוי נוהג זיין נאר צינדערט אדער ווען ער וועט וועלין. אבער ניט תמיד. דען אז ער וועט ניט אויס נעמין. און ער וועט פיינמאהל ניט וועלין פאסטין וועט ער זיך דארפין מתיר נדר זיין. אזוי וויא מיר האבין געשריבען בסימן מ' סעיף ד' ז':

ג די יאהר צייט מאכט מען שטענדיג דעם טאג וואס דער מת איז געשטארבין. האטשי די קבורה איז געווען א טאג שפעטער:

ד נאר אז די קבורה איז געווען מיט עטליכע טאג שפעטער און דאס יאהר איז ניט קיין עיבור זאל ער דאס ערשטע יאהר מאכין די יאהר צייט דעם טאג פון דער קבורה:

ה אז ער איז געשטארבין בחדש אדר און עס איז דעמאלט געווען עיבור איז תמיד די יאהר צייט דעם איינגענעם חודש. איז ער געשטארבין באדר ראשון איז די יאהר צייט אויך באדר ראשון. איז ער געשטארבין באדר שני איז די יאהר צייט אויך באדר שני און דעמאלט ווען עס איז ניט קיין עיבור איז די יאהר צייט אויך בחדש אדר:

ו אבער אז דעמאלט ווען ער איז געשטארבען בחודש אדר איז ניט געווען קיין עיבור איז די יאהר צייט ווען עס איז עיבור אין ביידע אדרין. נאר דער ערשטער איז מער חיוב פון אנדערין:

ז אז די יאהר צייט קומט אויס אין אזא טאג וואס מען זאגט ניט קיין תחנון פאסט מען ניט (זעה איין בסימן ט"ז סעיף ו'):

ח דעסט גלייכען אז ער מאכט דעם טאג א ברית מילה אדער א פדיון הבן אדער ער איז סנדק אדער מוהל אדער ער איז א כהן ביי דעם פדיון הבן פאסט ער אלטין ניט א חתן אין די שבעת ימי משתה פאסט אויך ניט קיין יאהר צייט:

ט די טעג וואס ער פאסט ניט דארף ער דאטש צו לערנין און צדקה געבין ער זאל מזכה זיין די פאטער און מוטער:

י די נאכט פון דער יאהר צייט זאל ער ניט עסין אויף קיין חתונה. אבער אויף א ברית מילה און א פדיון הבן און א סיום מעג ער יא עסין אז עס איז ניט די ערשטע יאהר צייט

בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים,
ברוך הנותן ליעף כח, ולאין אונים עצמה ירבה.

הרחמן יזכנו ללמוד וללמד לשמור ולעשות. ויטהר מחשבותינו ולבנו לעבדו באמת ובשמחה. ונזכה לחיים הנצחיים. ובא לציון גואל. ואז יקוים בנו נבואות הטובות ונחמות של ישעיהו. והיה כהן על כסאו (זכריה ו׳. ופרש״י שם וישב כהן גדול על כסא הכהונה) במהרה בימינו אמן כן יהי רצון:

# תם ונשלם שבח לאל בורא עולם

---

## לוח הטעות

ווען מען וועט לערנען דיא דאזיגע סעיפים זאל מען איין זעהן דא אין דעם לוח הטעות:

בדף ז סעיף כד שטייט געשריבן.... אונ עם בלייט
דארף שטיין.... אונ עם בלייבט

בדף א סוף סעיף ח״.... שטייט געשריבן.... וסעיף ז״
דארף שטיין.... וסעיף כ״ז:

בדף כד עמוד ב סוף סעיף ב שטייט געשריבן.... אבער אנדערע מעגען
דארף שטיין אבער דיא משקן:

בדף לג סעיף ל״א שטייט געשריבן.... גייט פריער אלין
דארף שטיין.... גייט פיהר איילין

בדף נג עמוד ב פאר סעיף ג״ דארף אזוי שטיין.... ב דער
איינגער דין איז ביא דעם הוף וואס איז דארט:

בדף סא סוף סעיף ל׳ שטייט געשריבן.... את עמו ישראל
דארף שטיין.... את עמו ישראל בשלום:

בדף כו סעיף ח. ט שטייט געשריבן.... צו זיצען אן גילענט
דארף שטיין.... צו ליגען אן גילענט

בדף עא עמוד ב סעיף ז שטייט געשריבן.... וואס איז גילינקט
דארף שטיין.... וואס איז שטארק גילינקט

בדף עח סימן ק סעיף ב שטייט געשריבן.... פון דעם טאג
דארף שטיין.... אונ דעם טאג

בדף פא סעיף כב שטייט געשריבן.... א פלעק איז טמא
דארף שטיין.... א פלעק וואס איז טמא

בדף פה עמוד ב סימן ק״י סעיף ט שטייט געשריבן.... דעם יודס בהמת
דארף שטיין.... א בהמה אדער וועלכע לעבדיגע זאך:

בדף נז הייבט זיך אן הלכות יום טוב. דאס קער שוין ני״ש צוא פרשת מסעי דען הלי יום טוב דארף מען לערנען אונ דער צייט פון יום טוב:

# הצעטיל קטן מרבינו אלימלך מליזענסק

**אלה הדברים אשר יעשה אותם האדם וחי בהם**

א בכל עת ורגע שהוא פנוי מן התורה ובפרט שהוא יושב בטל לבדו בחדר או שוכב על מטתו ואינו יכול לישן יהיה מהרהר במצות עשה זו של ונקדשתי בתוך בני ישראל וידמה בנפשו ויצייר במחשבתו כאלו אש גדול ונורא בוער לפניו עד לב השמים והוא בשביל קדושת הש"י שובר את טבעו ומפיל א"ע להאש על קידוש הש"י ומחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה ונמצא שאינו שוכב ויושב בטל רק מקיים מצות עשה דאורייתא:

ב בפסוק א' של ק"ש וברכה ראשונה של שמונה עשרה יהרהר כנ"ל ועוד יכוין אם יענו אותו כל או"ה בכל עינוים קשים ויפשטו עורו מבשרו להכחיש ח"ו ביחודו יסבול כל היסורים ולא יודה להם ח"ו ויצייר בדעתו ומחשבתו כאלו עושין לו כנ"ל ובזה יצא ידי חיוב ק"ש ותפלה כדין:

ג גם בשעת אכילה וזיווג יכוין כנ"ל וכשיתחיל להרגיש תענוג גשמי יצייר במחשבתו כנ"ל ותיכף ומיד יאמר בפיו ובלבבו שיותר הי' לו תענוג ושמחה בעשיית מ"ע של ונקדשתי באופן הנ"ל מהרגשת תענוג גשמי הזה שהוא מהצרעת משכא דחייא וכך יאמר וראיה לדבר שיותר הי' לו תענוג ושמחה בעשיית מ"ע של ונקדשתי באופן הנ"ל שאפילו היו חוטפין אותו רוצחים באמצע אכילה וזיווג לעשות לו העינוים קשים הייתי משמח א"ע על קידוש הש"י יותר מתענוג גשמי הזה. אך יזהר שיהי' דובר באמת בלבבו ושיהי' אז בשעת מעשה תקוע על לוח לבו בתוכיות ובפנימיות הלב באמת גמור ולא ישטה א"ע להיות כגונב דעת עליונה ח"ו:

ד בכל הדברים שבעולם הן בתורה הן בתפלה הן במצות מעשיות ירגיל א"ע לומר בזה הלשון הריני עושה זאת לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה לעשות נחת רוח להבורא ית"ש וירגיל א"ע לומר זאת בתוכיות ופנימיות הלב ובהמשך הזמן ירגיש הארה גדולה באמירה זו:

ה כשיתחיל להתעורר בו מדה רעה ח"ו ממדות רעות שהוא רגיל בהם כגון עקשנות ובושת של גאוה ועצלות ובטלה המביאה לידי שיעמום וכיוצא בהם יאמר תיכף ומיד בזה הלשון ובכל כחו הכנעני החתי האמורי הפריזי החיוי והיבוסי והגרגשי וינצל. וירגיל א"ע לצמצם ראייתו שלא להסתכל חוץ לד' אמות אפי' בהיותו בביתו ובפרט בבה"כ ובחדר שלומד בדרך הילוכו בחוץ ובהזדמן לפניו אשה אפי' אשתו ובניו הקטנים וכיוצא יצייר לפני עיניו השם אדנ"י:

ו כשיבא לו ח"ו מחשבה רעה מניאוף יאמר כמה פעמים ונשמרת מכל דבר רע ויהרהר אז בדרשות חז"ל שדרשו עליו שלא יהרהר אדם ביום ויבא לידי קרי בלילה ולא יניח ח"ו לשהות המחשבה רעה במוחו שלא לטמאות שכל העליון ח"ו:

כשיבא ח"ו לידו בהזדמנות כנגדו הסתכלות רעה ח"ו כגון בהמה וחיה או עוף שנזקקין זה לזה או טפח מגולה באשה במקום ערוה או בצורת אשתו נדה וכיוצא בהן יאמר תיכף ומיד הפסוק ולא תתורו אחרי לבבכם ולא יטמא את שכלו ח"ו:

ח ירגיל את עצמו שלא יתחיל לדבר לשום אדם זולת לצורך גדול ההכרח לו ואף ההכרח ידבר בדברים קצרים מאוד מנופה בי"ג נפה שלא יהי' בדיבורו שום שקר ח"ו ושום חניפה ושום לשה"ר ורכילות ושום הלבנת פנים ולא שום הראות מעשיו לבני אדם וירגיל א"ע בכלל שאמרו חז"ל למוד לשונך לומר איני יודע. כשמדברין אליו ב"א אשר אין נזהרים מלדבר דברים בטלים ישמיט א"ע מהם בכל כחו ובכל מיני תחבולות וכשלא אפשר לו להשמט מהם בשום אופן עכ"פ יקצר מאוד מאוד בזה שמוכרח להשיב להם:

ט ירגיל את עצמו תיכף ומיד כשיתעורר משינתו יאמר מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך. ויאמר אפילו בלשון אשכנז בלב שמח ברוך אל עליון אשר לי מצות ציצית אלה אשר אני מסובב בהן ומצות נטילת ידים שחרית להעביר רוח רעה והקליפה הקשה מעל שתי ידים שלי ויראה שיהי' לבו מלא שמחה באמרו כנ"ל ויקבל עליו הגדר של מיעוט הדיבור הנזכר לעיל סי' ח':

י יזהר מאוד בהתמדת הלימוד שעורין כסדרן תיכף ומיד אחר קומו משינתו ואחר אמרו תיקון חצות

# הצעטיל קטן

והצעטיל קטן לא יזוז מהספר שלומד בו אפילו שעה אחת בכל פעם שיישב א"ע ללמוד ואחר שיאמר תפלת השב המתחל' אנא השם וכו' ותפלת הת"ת בש"צ המתחל' הנני רוצה ללמוד יראה בכל כחו שלא לעשות שום הפסק אפילו במחשבה אחרת זולת מחשבת הלימוד ומחשבת הצעטיל קטן שהוא לפני עיניו כי המאור שבה יחזירנו למוטב:

**יא** ירגיל א"ע להתפלל בכל כחו ובקול המעורר הכוונה להדבק המחשבה לדיבור ופניו אל הכותל בתוך סידור התפלה בבוקר ובערב ולא יסתכל לצדדין מתחלת התפלה עד סופה ובחזרת הש"ץ הש"ע יעיין בסידור לענות אמן בכל כחו על כל ברכה וברכה ובשעת קריאת התורה להטות אזנו על כל דיבור ודיבור מהקורא כקורא את המגילה ולעשות עצמו כאלם בבית [illegible]סת אפילו קודם התפלה ואחריה עד הליכתו לביתו:

**יב** יצייר במחשבתו תמיד ובפרט בשעת קריאת הצ"ק הזה כאלו איש אחד עומד סמוך לו ומעורר אותו בקול רעש גדול לקיים כל הנהגות אלו ואל יפיל שום דבר ארצה אפילו נקודה קטנה וכשירגיל עצמו כך אזי במשך הזמן יבא עליו התעוררות גדול מצד נשמתו רשפי אש שלהבת י"ה:

**יג** לספר בכל פעם לפני המורה לו דרך השם ואפי' לפני חבר נאמן כל המחשבות והרהורים רעים אשר הם נגד תוה"ק אשר היצה"ר מעלה אותן על מוחו ולבו הן בשעת תורה ותפלה הן בשכבו על מטתו והן באמצע היום ולא יעלים שום דבר מחמת הבושה ונמצא ע"י סיפור הדברים שמוציא מכח אל הפועל משבר את כח היצה"ר שלא יוכל להתגבר עליו כ"כ בפעם אחרת חוץ עצה הטובה אשר יוכל לקבל מחבירו שהוא דרך השם והוא סגולה נפלאה:

**יד** יזהר מאוד ומאוד לחזור לפעמים בכל מעת לעת זה הצעטיל קטן ויפרש כל תיבה ותיבה בלשון אשכנז וזה יהי' לו חוק ולא יעבור מללמוד קודם הזיוג פרק ט"ז בר"ח והנהגות האר"י ז"ל ואם ישאר לו פנאי ילמוד גם פרק י"ז מר"ח הנ"ל וזה יהי' לו חוק ולא יעבור:

**טו** קודם נט"י לאכילה יאמר תפלת השב של ר"י ז"ל ואחר אכילת המוציא יאמר בזה הלשון לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה אין אני אוכל להנאת גופי ח"ו רק שיהי' גופי בריא וחזק לעבודתו ית"ש ואל יעכב שום חטא ועון והרהור רע ותענוג גשמי את היחוד קוב"ה על ידי ניצוצות קדושות של האכילה והשתיה הזה ויכוין כשהוא אוכל דבר מה או שותה דבר מה שהטעם שהוא מרגיש בפיו בשעת לעיסה ובשעת גמיעה היא פנימיות הקדוש' וניצוצו' הקדוש' השורה במאכל או במשק' ההוא וע"י האכילה והטחינה בשינים והאצטומכא נברר הפנימיות מהמאכל שלא יעשה מותר להשפיע לחיצוני' ואז נפשו נהנית מהפנימיות והפסולת נעשה מותרות ונדחה אל החיצונים ויקבל אז במחשבתו שתיכף ומיד כשירגיש שיצטרף לנקביו לא ישהה את הפסולת בקרבו לטמא ח"ו את מוחו ולשקץ את נפשו להשהות את הצואה והשתן בקרבו אפי' רגע א. וגם יצייר לפניו בשעת אכילה האותיות מאכ"ל בכתב אשורית ויהרהר שעולה צ"א כמנין הויה בשילוב אדני:

**טז** האדם לא נברא בעולם רק לשבר את הטבע לכן יזרז א"ע לתקן מדותיו בשנת י"ח דוקא כמו שאבאר כגון מי שנולד בטבע של עקשנות ישבר את טבעו מ' יום רצופים לעשות דוקא להיפך ממה שיעלה במחשבתו וכן מי שבטבע עצל ירגיל את את עצמו מ' יום רצופים לעשות כל דבר בזריזות הן בהולך לשכוב על מטתו הן לקום בבוקר ממשכבו הן בזריזות לבישת בגדים ונט"י ולנקות את גופו ולילך בזריזות לבהכ"נ תיכף אחר קומו מהספר וכיוצא בהן וכן מי שטבעו ביישן מהחלק של בושה רעה ירגיל את עצמו מ' יום להתפלל דוקא בקול רם וכח תנועת אבריו ולקיים כל עצמותי תאמרנה ולברך על התורה בקול רם עד שיעזרוהו מן השמים להסיר הבושה הרעה ממנו וכן מי שאמרי פיו אינם עולים יפה ומסודר מחמת הרגל טבעו וכלי הדבור שלו ירגיל את עצמו מ' יום להטות אזנו להדיבורים היוצאים מאליו הן במילי דעלמא והן במילי דשמיא הן בשעת לימוד כי הרגל של כל דבר נעשה שלטו וכן מי שטבעו אינו מתמיד בלימודו ירגיל את עצמ גם כן מ' יום וילמוד יותר מהרגל שלו ויסתכל בכ פעם קודם הלימוד בצעטיל קטן שלי ומשם ואיל

מן השמים יעזרוהו להיות מוסיף והולך בשבירת מדות הרעות עד תומם:

יז בכל עת שהוא פנוי מהתורה ומהתפלה ילמוד את עצמו בעל פה דברים הצריכים לו כגון תיקון רחל ותיקון לאה ותפלת השב וברכת לבנה וברכת שמיה ועל הכל ומודים דרבנן ויהרהר במצות עשה של ונקדשתי וכו׳ ככתוב לעיל. כ״ז מצאתי בכ״י:

# הנהגות האדם

## מהרב המגיד איש אלהי המפורסם מוהר״ר אלימלך זצ״ל

**אלה הדברים אשר יעשה האדם וחי בהם**

א הראשון צריך האדם ללמוד גמרא ופירש״י ותוס׳ ומפרשים כל אחד לפי השגתו והפוסקים אחריהם ומתחלה ילמוד ש״ע א״ח וצריך להתפלל להש״י שיבא על האמת כי חטאת נעורים של האדם הראשון מסמין עיניו שלא יראה אף שיכול לפלפל ולהגיד לאחרים דינו אבל הוא בעצמו שוכח ולא מקיימם באמת לכן צריך האדם להתחרט מאוד על עונותיו ולהתבודד עצמו קודם אור היום שאז עת רצון לבכות על גלות השכינה פעמים הרבה עד אין חקר ויבכה בדמעות וגם ביום לפעמים יתבודד ואז יראה בעצמו שעמדו עונותיו נגד עיניו. ויזכור את חטאתיו ועונותיו ופשעיו כהרים וגבעות אשר מעולם לא זכר אותם אם עשה ככה. ככה יעשה לא פעם ולא שתים ולא מאה פעמים עד אשר ירחמו עליו מן השמים ויתפלל להש״י שידריכהו בדרך ויורהו דרכו שלא יבלה חיי חייו ואז הש״י ברחמיו וברוב חסדיו יאיר עיניו באור תורתו הקדושה ויבין וישכיל תוכן הדבר לעשותו ולקיימו:

ב אלה הדברים צריך ליזהר מחנופה ומשקרים ולצנות ולה״ר וקנאה ושנאה ותחרות וכעס וגאוה ומלהסתכל בנשים ומלהרבות שיחה עם אשה אפי׳ עם אשתו אמרו כו׳ ובפרט בעת נדתה צריך הרחקה:

ג ויזכור תמיד יום המיתה וכשילמוד גמרא או שאר ספרים לא יפסיק שלא יעבור על דברי חז״ל שדרשו על הקוטפי׳ וכו׳. ויתפלל להש״י שילמוד תורה לשמה:

ד ויעסוק באימה וביראה באיזה ספרי מוסר בכל יום בר״ח ושל״ה וח״ה:

ה ולפעמים ילמוד באימה במעט איזה כתבים מהאר״י זצלל״ה וכ״ז באימה וביראה ופחד ה׳, בדורות הראשונים היו נשמותיהם נשמות קדושות והיו נשמרים מנעוריהם מכל חטא ועון והיו נשמותיהם ראוים ומסוגלים ללמוד חכמה זאת אבל עתה בעו״ה שיש לנו גוף עכור וחומר עב צריך האדם לזכך ולכבס עצמו מכל חטא ולזכך נשמתו ויבין האדם אם זכך נשמתו כאשר אין יצה״ר מסיתו לשטות והבלים כאשר בתחלה ואז יוכל ללמוד בכל פעם הכתבים והש״י יזכהו אם יזכך מחשבתו בקדושה באמת ובתמים שיפתח לו שערי החכמה בכתבי האר״י זללה״ה אשר לא כן כ״ז שמלובש בתאות גופניות בהבלי זמן שהלימוד קשה לו מאד ח״ו:

ו צריך האדם לזכך גופו ונפשו בלימוד בנ״ל בלמוד הגמ׳ ותוס׳ גם דברי אגדה שבגמ׳ המה מסוגלים מאד לזכך נשמתו:

ז וישמור עצמו מעבירות מהרהורים רעים בכל אופן ואופן:

ח וישמור עצמו מלשנוא שום אדם מישראל כ״א הרשעים שנודעים לו בבירור שאי אפשר לדונם לכף זכות וכל שאפשר לדונם לזכות מחויב לאהוב כנפשו בכל מאודו בגופו וכנפשו לקיים ואהבת לריעך כמוך:

ט וישמור את עצמו מלדבר שום דבור קודם התפלה אפי׳ דבר אחד כי זה מבטל כוונת התפלה:

# הנהגות האדם

י ויזהר לנקות את עצמו קודם התפלה וקודם סעודה גם בכל פעם שצריך לנקביו שלא להשהות ויעבור על בל תשקצו:

יא ויזהר שיהי' בגדיו הכתונת ומכנסים מנוקים מלכלוך וצואה וש"ז ח"ו:

יב לא יטיל אימה יתירה בתוך ביתו ולא יקפיד שום הקפדה בתוך ביתו ואם יהיה לו שום הקפדה על שום אדם או על דבר אחד יזכור מיד חטאת נעוריו ויאמר בלבו אין זה כי אם עונותי הביאוני לידי הקפדה זו וכן בכל דבר יזכור חטאותיו ועי"ז יוכנע וישבר כח היצה"ר:

יג ויתפלל להשי"ת שיעזרהו לעשות תשובה שלימה ושלא ימות בלא תשובה ויכלול את עצמו בתוך שאר ב"ת שיעזרו שיעשה תשובה שלימה ויתפלל על מחילת עוונותיו בכלל מחילת עונות ב"י:

יד ויהיו דבריו בנחת עם בני אדם ואם משבחין אותו ילך בזריזות ויצטער את עצמו ויאמר מה זה משבחין אותי ואין בי אלו היו מכירין בשפלותי ושטותי ומעללי ומעשי הרעים ואיך אשא פני לפני הבורא ית"ש שהוא יודע ורואה מעשי בכל עת ורגע אעפ"כ הוא מרחם עלי בכל דברי:

טו ידמה בעיניו כאלו אדם עומד לנגדו תמיד ולא ירף ממנו השגחתו במעשיו תמיד ואלו היה רואה בו דבר מכוער היה מתבייש ונמאס בעיניו והיה מטמין את עצמו באמתחת עכבר מגודל הבושה על אחת כמה וכמה ית' שמו עומד עליו ורואה במעשיו בכל עת ורגע בלתי אפשר להטמין עצמו ממנו כמ"ש אם יסתר כמ"ש בא"ח:

טז אם יגנה אותו שום אדם ישמח מאד שהקרה ה' לפניו איש כזה שמתגנה במעשיו המכוערים וכל אדם יהיה בעיניו טוב ממנו:

יז ירחיק את עצמו מכל דבר שאין בו צורך לתכלית בריאת גופו לעבודת הש"י הן באכילה ושתיה הן בכל תאות והנאות:

יח ועיקר שישמור את עצמו ממשקה המשכרו כי זה חולי רע ומביא את האדם לשפלות גדול כמאמר התנא לא תרוי ולא תחטא:

יט וישמור מלהזכיר שם לבטלה:

כ וישמור עצמו מלדבר ומלחשוב שום דבר קדושה במקום מטונף כי היצר הרע מתגבר דוקא להזכיר דבר קדושה במקום מטונף:

כא וישמור עצמו מלדבר בבית הכנסת הקדוש אף דברי מוסר שלא יומשך מתוך כן לדבר בטל:

תעודת כבוד הרב הגאון הצדיק הקדוש, בוצינא קדישא, אספקלריא המאירה, מופת הדור והדרו, תפארת ישראל ע"ה פ"ה כקש"ת מו"ה **יחזקאל שרגא האלבערשטאם** זצלה"ה **משינאווע.**

הן זה איזה זמן הגידה לי האשה מרת דבורה אלמנת המופלג המנוח מו"ה אשר שטראם ע"ה מטארנא שרצונה להעלות על הדפוס ס' נועם אלימלך אמרתי לה שטוב הדבר רק באופן שיהי' ביופי והידור לא כאותן שבאו בדפוס מטושטשים. אמרה, שתדפיסו כתמונת הראשון שהדפיס בנו של המחבר זצללה"ה ועתה הביאה הקונטריסים שנדפסו והנה הנם מהודרים ויפים מאד לזאת ראוי ונכון שלא להדפיס ס' זה עד שתמכור הספרים שהדפיסה, היינו ששה שנים מעת שיצאו מהדפוס שלא להיות שלוחי מצוה נזוקין ובודאי שארית ישראל לא יעשו עולה וזכות המחבר יגן עלינו ועל כל ישראל להצילנו מכל רע ולהשפיע עלינו ברכת טוב עד יגאלנו גאולת עולם במהרה בימינו אמן.

דברי הבעה"ח אור ליום ד' לסדר ולכל ב"י הי' אור ער"ח שבט שנת ששון לפ"ק:

הק' **יחזקאל שרגא האלברשטאם**